STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07180

# OYF DER GRENETS FUN TSAYTN

Liebmann Hersch

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# אויף דער גרענעץ
# פון צייטן



פראָפ. ליבמאַן הערש

ליבמאן הערש
פראָפעסאָר אין זשענעווער אוניווערזיטעט

# אויף דער גרענעץ פון צייטן

(אויסגעקליבענע שריפטן אויף יידישע טעמעס,
דערשינענע זייט דער צווייטער וועלט-מלחמה)

פאַרלאַג „יידבוך"

ביי דער „געזעלשאפט פאר יידיש-וועלטלעכע שולן אין ארגענטינע"

בוענאָס איירעס 1952

*Impreso en la Argentina*

*Printed in Argentina*

Todos los derechos reservados

**Profesor LIBMAN HERSCH**
*de la Universidad de Ginebra*

# OF DER GRENETZ FUN TZAITN

## (EN EL LIMITE DE TIEMPOS)

Editorial "IDBUJ"
DE LA
*ASOCIACION PRO - ESCUELAS LAICAS ISRAELITAS*
BUENOS AIRES
1952

# אינהאלט:


זייט

הקדמה — — — — — — — — — — — 9

## אין נעפל

א) סתירותדיקע טענדענצן אין יידישן לעבן און אונדזערע קולטורעלע אויפגאבן — — — — — — — — — — 15
ב) פערספעקטיוון פון יידישן קיום אין איירָאפּע — — — — — 28
ג) באמערקונגען וועגן אנטיסעמיטיזם — — — — — — — — 43
ד) צו דער פראגע דייטשלאנד — — — — — — — — — — 55
ה) ארום די געלט־פארהאנדלונגען מיט דייטשלאנד — — — 63

## „בונד"

א) די אידעאָלאָגישע עוואָלוציע פון „בונד" — — — — — 69
ב) צום פופציק יאָריקן יובל פון „בונד" — — — — — — 91
ג) די היסטאָרישע מיסיע פון „בונד" אין ישראל — — — 97

## דאָ און דאָרט

א) נאָך א רייזע אין ארץ ישראל אין יאָר 1947 — — — 103
ב) א זעלבסטשטענדיקע מלוכה אין דער יידישער געשיכטע — 133
ג) אונדזער היסטאָרישער שטרייט מיטן ציוניזם — — — — 155
ד) מדינת ישראל און תפוצת ישראל פון שטאנדפונקט פון קיום האומה — — — — — — — — — — 183
ה) דער גלות־ייד פארן געריכט פון דער געשיכטע — — — 193

## אין ליכט פון ציפערן

א) דער באפעלקערונגס־פראָבלעם ביי יידן נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה — — — — — — — — — 215
ב) יידישע און ניט יידישע פארברעכערישקייט אין פוילן (צום סך־הכל פון א היסטאָרישער תקופה) אין די יאָרן 1932־1937 — — — — — — — — — 249

## ביילאגעס

א) אונדזער וועג אין דער נייער תקופה — — — — — — — 275
ב) דער ישוב און די תפוצות (הישוב והגולה) — — — — — 295

# הקדמה

דער צווייטער וועלט־קריג, וואָס איז געווען דער ערשטער פּרוּוו פון א מיליטערישער מלוכה צו באהערשן דעם גאנצן ערדקויל, און די ערשטע — גרויזאמע — אַנווענדונג פון דער אַטאָם־ענערגיע באַטייטן אָן ספק א גרעניעץ פון פארשידענע תקופות אין דער וועלט־געשיכטע. גלייכצייטיק דער חורבן פון מזרח־אייראָפּעישן יידנטום און דער אויפקום פון מדינת ישראל באטייטן א גרענעץ אין דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק. די ארטיקלען, וואָס זיינען דאָ אויפגעזאמלט, זיינען אזוי אַט געשריבן געוואָרן אויף דער גרענעץ פון צייטן. דערין באַשטייט זייער עיקרדיקער אינטערעס. זיי שטעלן פאָר א קוק אויף דער פארגאנגענהייט, וואָס איז נאָך אזוי נאָענט און שוין אזוי שרעקלעך ווייט, א פּראָבע באַטש ווי ווייניק עס איז אריינצודרינגען אין דער אַנקומענדיקער צוקונפט, וואָס איז נאָך באדעקט מיט אזא דיקן נעפל, און א זובעניש פון ריכטיקן וועג אין דעם איצטיקן בין־השמשות.

אָבער ניט אַלץ, וואָס דער מחבר האָט געשריבן איבער יידישע פּראָבלעמען אין דער איצטיקער צייט, זיינען דאָ אויפגעקליבן. חוץ זאכן מעניני דיומא, וואָס האָבן געהאט בלויז א טאָג־אינטערעס, זיינען אהער ניט אריינגעגאנגען ארבעטן, וואָס האָבן א ריין טעכניש־וויסנשאפטלעכן כאראַקטער (ווי למשל די ארבעט איבער „די וויכטיקערע טויט־סיבות ביי יידן און ניט־יידן", וואָס איז דערשינען אין ענגליש און פראַנצויזיש און רעפערירט געוואָרן אויף י י ד י ש אין ירושלימער אוניווערזיטעט, אָדער די ארטיקלען אין דער **אלגעמיינער ענציקלאָפּעדיע** אויף יידיש און איבערזעצט אין ענגליש); עס איז אויך ניט אריין די בראָשור „מיין יידישקייט", וואָס איז דערשינען בעת דער מלחמה אין דער שווייץ אין פראַנצויזיש (די ערשטע אויפלאגע 1941, א צווייטע 1947), דייטש און יידיש (איבערזעצט פון א. ב. לינדענבערג) — מחמת היינט וואָלט איך זי גרינטלעך איבערגעארבעט. די ארטיקלען, וואָס דער לייענער וועט געפינען אין דעם איצטיקן זאמלבוך, זייגען איבערגעדרוקט אזוי, ווי זיי זיינען געשריבן געוואָרן, אָן ש ו ם

ע נ ד ע ר ו נ ג ע ן , און דערביי ווערט ביי יעדן ארטיקל אָנגעגעבן די דאַטע, ווען זיי זייַנען צום ערשטן מאָל דערשינען — דאָס אַלץ, כּדי שפּעטער זאָל מען קענען ריכטיק פאַרפיקסירן די עוואָלוציע פון אונדזער געזעלשאַפטלעכן געדאַנק אין קעגנווערטיקן בין־השמשותדיקן פּעריאָד.

צו געוויסע גרונט־געדאַנקען איז מיר אויסגעקומען אומצוקערן זיך אין צוזאַמענהאַנג מיט פאַרשידענע פראַגן, אין פאַרשידענע אַרטיקלען; אין דעם זאַמלבוך, ווו די אַרטיקלען זייַנען צוזאַמענגעקליבן, וועט דאָס אויף דעם לייענער געוויס מאַכן דעם איינדרוק פון איבער־חזרונגען. זאָל ער מיר דאָס מוחל זייַן. דאָס איז אומפאַרמיידלעך, סיידן מען וואָלט די פריער דערשינענע אַרטיקלען פאַסט פאַקטום ראַדיקאַל איבערגעמאַכט. דורכדעם אָבער וואָלט דער זאַמלבוך אָנגעווירן זייַן דאָקומענטאַלן ווערט.

און לסוף א פּאָר ווערטער פון מער פּערזענלעכן כאַראַקטער, וואָס זייַנען אָבער אפשר אויך כאַראַקטעריסטיש פאַר אונדזער צייט.

גרייטנדיק צום דרוק דעם איצטיקן זאַמלבוך אין א מאָמענט פון לעבן, ווען איך אַליין דערנעענטער זיך צו מייַן זון־אונטערגאַנג, פיל איך באַזונדער די נאָענטקייט פון א גאַנצער ריי ווונדערלעכע געשטאַלטן, וואָס זייַנען פאַרשוווּנדן צוזאַמען מיט דער פאַרשוווּנדענער עפּאָכע. ס'ווילט זיך דערמאַנען יעדערנס נאָמען. נאָר דאָס איז אוממעגלעך. איך דערלויב מיר אָבער צו דערמאַנען איין איינציקן, מייַן פאָטער מ א י ר־ד ו ד. דאָס האָט ער איינגעפלאַנצט אין מיר ליבשאַפט צו אונדזער פאָלק, יראת־הכבוד פאַר זייַן עבר און בטחון אין זייַן צוקונפט. ער איז געווען א ליטווישער ייִד, א למדן און א משכּיל. געהערנדיק צו דער פאַרשוווּנדענער עפּאָכע, פלעגט ער אין די פרייטיק־צונאַכטן לערנען מיט בעלי־מלאכות א פּרק משניות, מיטגענומען אין זייַנע ווייטע וואַנדערונגען א ספר־תורה, וואָס האָט געלאָזט שרייבן דער זיידע ע"ה, געווען גלייכצייטיק א חסיד פון פּרץ'ן און בכלל א ליבהאָבער פון דער העברעישער און יידישער ליטעראַטור, אַליין אויסגעצייכנט געשריבן העברעיש און יידיש, געווען פון די ערשטע חובבי־ציון און ביז צום סוף געבליבן א ציוניסט. איך בין געווען זייַן האָפענונג („מובטחני בך שתהיה סופר עברי בישראל", האָט ער צו מיר געזאָגט, אז איך בין אַלט געווען פערצן יאָר, און אויף דעם ספרל „דוד חכם" פון שמעון בערנפעלד, וואָס ער האָט מיר געגעבן א מתנה, האָט ער אויפגעשריבן אין קורצע פערזן: „וחכמים ראית ותולדות ימיהם, נחיית ורבית והיית כמוהם"). דאָס וואָס פון די יינגלשע יאָרן האָב איך זיך דערווייטערט פון ציוניסטישן לאַגער, איז פאַר אים געווען א לעבנס־טראַגעדיע. מיר

האָבן אַנדערש געקוקט אויף פאַרשידענע זאַכן אין יידישן לעבן; בעיקר מיין אינטערנאַציאָנאַליזם און מיין „דאַאיקייט" האָבן זיך ניט געפּאָרט מיט זיין ציוניסטישן נאַציאָנאַליזם, און דער העראָאישער קאַמף פון יידישן אַרבעטער אין דער צאַרישער אימפּעריע האָבן מיך געבראַכט אונטער די פאָנען פון „בונד". אָבער די דערמאַנטע געפילן, וואָס ער האָט פאַרפלאַנצט, לעבן אין מיר ביז מיין איצטיקן בין־השמשות. אָן זיי וואָלטן מסתמא די ווייטערדיקע שורות קיינמאָל ניט געשריבן געוואָרן.

ל. ה.

# אין נעפל

# סתירותדיקע טענדענצן אין יידישן לעבן

## און אונדזערע קולטורעלע אויפגאבן (*)

דריי מינים געפארן לויערן אויפן קיום פון אונדזער פאָלק און ממילא אויך אויף דער יידישער קולטור, אָדער אויב איר ווילט, אויף דער יידישער קולטור און ממילא אויך אויפן קיום פון אונדזער פאָלק; דאָס זיינען: אסימילאציע, אויסראָטונגען און — וועגן דעם פארגעסט מען געוויינלעך — א צו קליינע געבורטיקייט. אסימילאציע באדראָט אונדזער נאציאָנאלן קיום גייסטיק, אויסראָטונגען און ניט־גענוגנדיקע געבורטיקייט באדראָען אים פיזיש. אסימילאציע באדראָט די יידישקייט, אויסראָטונגען און ניט־גענוגנדיקע געבורטיקייט באדראָען דעם יידישן מענטשן־מאטעריאל. און אזוי ווי עס איז ניט מעגלעך יידישקייט אָן יידן און א יידיש פאָלק אָן יידישקייט, באדראָען ממילא די דערמאָנטע דריי געפארן סיי די יידישע קולטור סיי אונדזער נאציאָנאלן קיום. וועגן דער צעשטערנדיקער ווירקונג פון אויסראָטונגען אויף אונדזער קולטור און נאציאָנאלן קיום איז — דערהויפט נאָך דער אויסראָטונג פון מזרח־אייראָפעישן יידנטום — ניט נויטיק איין וואָרט צו פארלירן. וועגן דעם חורבן, וואָס ברענגט מיט זיך די ניט־גענוגנדיקע געבורטיקייט, וועל איך אפשר נאָך רעדן ביי אן אנדער געלעגנהייט, אויף אן אנדער אָרט. איצט וויל איך רעדן בלויז וועגן דער דירעקטער געפאר פאר דער יידישער קולטור, וועגן וועלכער מיר טראכטן אלע, וועגן וועלכער מיר קענען ניט ניט טראכטן, ספּעציעל — זייט עס איז אויסגעמאָרדעט געוואָרן דאָס מזרח־אייראָפעישע יידנטום; איך מיין די געפאר מצד דער אסימילאציע.

***

געוויס איז שרעקלעך גרויס די געפאר פון אסימילאציע. זי איז גרויס צוליב אונדזער צ ע ש פ ר יי ט ק יי ט איבער דער וועלט, וואָס צע־

---

*) א רעפעראט געהאלטן אויף דער דערעפנונג־זיצונג פון ערשטן אלוועלט־לעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס אין ניו־יאָרק דעם 16־טן סעפטעמבער 1948; דערשינען אין "צוקונפט", נאָוועמבער 1948.

שפליטערט אונדזערע אזוי אויך ניט צו גרויסע כוחות, וואָס מאַכט פון אונדז אומעטום א קליינע מינדערהייט צווישן אנדערע פעלקער. זי איז באַזונדער גרויס זייט דער יידישער ע מ אַ נ צ י פּ אַ צ י ע, וואָס איז פאַרגעקומען אונטער דער ווירקונג פון דער אינדיווידואַליסטיש־ ליבע־ראַלער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, וועלכע האָט אָנערקענט אַלע רעכט דעם י ח י ד און גלייכצייטיק פאַרטריבן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן אַלע קאָלעקטיוון, וואָס שטעלן זיך צווישן דעם יחיד און דער מלוכה, ווי די אַמאָליקע צעכן און די נײַ־אויפקומענדיקע פאַראייניקונגען פון אונ־טערנעמער אָדער פון אַרבעטער, וועלכע האָט דעריבער געגעבן אַלע רעכט דעם יידן אַלס יחיד, אָבער קיין שום רעכט דער יידישער באַפעלקערונג אַלס קאָלעקטיוו, אַלס פאָלק, און ממילא צעשטערט די אויטאָנאָמיע פון די יידישע קהילות און אַרײַנגעצויגן דעם יידישן יחיד אין דער אַסימילירנ־דיקער אַלגעמיינער סביבה פון לאַנד, אָנהויבנדיק מיט דער אַלגעמיינער פאָלקס־שול און די העכערע בילדונגס־אײַנריכטונגען, און פירנדיק ווייטער די אַסימילירנדיקע אַקציע דורך דעם אַלגעמיינעם מיליטער־דינסט, פּאָלי־טישע און געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען א. א. וו. זי איז שרעקלעך גרויס צוליב דעם, וואָס די מאָדערנע ציוויליזאַציע בכלל איז בעיקר א וו עֶ ל ט־ל עֶ כ ע; כמעט דאָס גאַנצע לעבן אַרום און אין יידנטום איז געוואָרן סעקולאַריזירט, בעת דער גאַנצער יסוד פון דער יידישער נאַציאָנאַלער אייניקייט איז אין משך פון דער טויזנטער־יאָריקער פריערדיקער געשיכטע אונדזערער באַשטאַנען אין דער געמיינזאַמער רעליגיעזער טראַדיציע. און דער ראַשער קולטורעלער וווּקס פון דער אַרומיקער נ י ט־י י ד י ש ע ר באַפעלקערונג איז דען ניט אַן אויסערסט־וויכטיקער פאַקטאָר פון יידישער אַסימילאַציע? דער אַמאָליקער אַנאַלפאַבעטישער אָדער האַלב־אַנאַלפאַבע־טישער פויער פון ליטע, ווייס־רוסלאַנד אָדער אוקראַינע איז בשום אופן ניט מסוגל געווען צו אַסימילירן דעם דאָרטיקן יידן; גיכער וואָלט שוין דער ייד זיי געקענט אַסימילירן; די פאַרהעלטעניש איז איצטער דאָרטן גאָר אַן אַנדערע, און דאָס זעלביקע אויך אין א ריי אַנדערע לענדער; אַפילו די ראַשע א י נ ד ו ס ט ר י אַ ל י ז אַ צ י ע פון געוויסע מדינות, דאָס אַרײַנציִען באַדייטנדיקע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקע־רונג אין די גרויסע פאַבריקן, ווו דער יידישער אַרבעטער ווערט בטל בששים צווישן די ניט־יידישע, ווו ער איז געצוווּנגען א גאַנצן טאָג צו רעדן א ניט־יידישן לשון אַזוי, ווי דאָס איז באַזונדער אָפט דער פאַל אין ראַטן־פאַרבאַנד, אַפילו דאָס ווערט אויך א וויכטיקער פאַקטאָר פון יידי־שער אַסימילאַציע. און די א ו ר ב אַ נ י ז י ר ו נ ג פון דער יידישער

באפעלקערונג, די לופעניש פון די קליינע שטעט און שטעטלעך, ווו עס איז געווען קאָנצענטרירט דער יידישער לעבן־שטייגער און ווו אלץ איז געווען באלעבט מיט יידישער טראדיציע, די לופעניש אין די גרויסע צענט־רען פון ניט־יידישער קולטור און געזעלשאפטלעכן לעבן, איז דען ניט געווען אן אומגעהויערער פאקטאָר פון יידישער אסימילאציע? און די אַמעריקאַניזאַציע פון יידישן פאָלק, די איבערוואנדערונג פון מיליאָנען און מיליאָנען יידן פון יענע מקומות, ווו יידישקייט איז פאר זיי געווען די לופט, מיט וועלכער זיי האָבן געאָטעמט, אין טראנס־אָקעאנישע לענדער, ווו עס איז קיין שום אָרטיקע יידישע נאציאָנאלע טראדיציע ניט געווען, ספּעציעל דאָס ארייַנפאלן אין גיגאנטישן אמערי־קאנער שמעלץ־טאָפּ, ווו צענדליקער מיליאָנען מענטשן פון פארשידענע פעלקער זענען געוואָרן אמעריקאניזירט, אָט די יידישע מאסן־איבערוואנ־דערונג איז דען ניט געווען א קאָלאָסאלער פאקטאָר פון מאסן־אסימילא־ציע? און אויב פריער האָט די כסדרדיקע איינוואנדערונג פון ברייטע פאָלקס־מאסן און פון טרעגער און שעפער פון יידישער קולטור נאָך אויפ־געהאלטן אין א גרויסער מאָס די יידישקייט, דעם יידישן לשון, יידישע טראדיציע און יידישע קולטור אין אמעריקע; אויב פריער איז די יידיש־קייט פון דער אמעריקאנער יידישער באפעלקערונג אין א גרויסער מאָס באשטראלט און באלעבט געווען דורך דער זון פון יידישער קולטור, וואָס האָט געשיינט אין מזרח; אויב אפילו איצטער, ווען עס איז פינצטער געוואָרן אין אונדזער מזרח, קען נאָך די יידישקייט מעבר לים געניסן פון דעם, וואָס שרידים ופליטים פון אונדזערע קולטור־טוער האָבן זיך פון דער קאטאסטראָפע געראטעוועט אין אמעריקע און אנדערע טראנס־אָקעא־נישע לענדער, — איז דען איצטער און אין דער צוקונפט, ווען קיין צופלוס פון נייע שעפערישע כוחות איז ניטאָ פונוואנען צו דערוואַרטן, די געפאר פון אסימילאציע פון גאנצן יידישן פאָלק ניט באזונדער שטארק?

***

די געשיכטע איז אָבער א רעזולטאט פון „דיאלעקטישע פּראָצעסן", פון אומאויפהערלעכן קאמף צווישן סתירותדיקע טענדענצן; אָן דעם וואָלט אלץ געבליבן פארגליווערט,פארשטיינערט, און קיין שום אנטוויקלונג וואָלט בכלל נישט מעגלעך געווען.

באזונדער פול מיט סתירות איז דאָס יידישע לעבן, און אפשר גראד א דאנק דעם האָט אונדזער פאָלק ביי די שווערסטע באדינגונגען ארויסגע־וויזן אזא וואונדערבארע לעבנס־קראפט.

אַט נעמט דעם ג ל ו ת, די צעשפּרייטקייט אונדזערע איבער דער גאַרער וועלט. זיינען מיר דען נישט אַלע מסכּים, אַז דאָס איז פאַר אונדז אַ שרעקלעכער נאַציאָנאַלער אומגליק? קומט די גמרא אין פּ ס ח י ם און זאָגט: „צדקה עשׂה הקב״ה עם ישׂראל שפּזרם בין האומות״ (דער אויבער־שטער האָט אַ חסד געטאָן מיט יידן, וואָס ער האָט זיי צעשפּרייט צווישן די פעלקער). און באמת, אויב מיר זיינען געבליבן לעבן אין משך פון טויזנטער יאָרן, בעת אַזויפיל אַנדערע, מעכטיקע פעלקער זיינען אונטער־געגאַנגען, האָבן מיר עס קודם כּל צו פאַרדאַנקען אונדזער צעשפּרייטקייט. זיינען מיר געוואָרן אויסגעמאָרדעט, פאַרטריבן, געדריקט אין איין מדינה, האָט דאָס יידישע פאָלק ווייטער געפירט זיין היסטאָרישן המשך אין אַנ־דערע לענדער. אין דער גרעסטער סכּנה איז געשטאַנען דער קיום פון יידישן פאָלק, בעת נבוכדנצר האָט חרוב געמאַכט ירושלים, מחמת דעמאָלט איז נאָך כּמעט דאָס גאַנצע יידישע פאָלק געווען קאָנצענטרירט אין איין לאַנד, אין ארץ־ישׂראל. די געפאַר איז שוין געווען קלענער ביים חורבן בית שני, ווייל דעמאָלט האָט אַ זייער גרויסער טייל פון אונדזער פאָלק (מסתּמא דער גרעסטער טייל) שוין געוווינט אין אַנדערע מדינות. און אַזוי איז אויך געווען אין משך פון אונדזער גאַנצער שפּעטערדיקער געשיכטע. און אויך איצטער, נאָך דער שרעקלעכסטער אויסראָטונג פון יידן דורך היטלערן, איז אונדזער פאָלק ניצל געוואָרן פון אונטערגאַנג טאַקע אַ דאַנק דעם, וואָס אין משך פון דעם פריערדיקן האַלבן יאָרהונדערט האָבן מיליאָנען יידן זיך געהאַט אַריבערגעפּעקלט פון אייראָפּע עבר לים. צדקה עשׂה הקב״ה עם ישׂראל שפּזרם בין האומות.

די צעשפּרייטונג האָט אונדז געראַטעוועט פון פ י ז י ש ן אונטער־גאַנג, זי האָט אָבער אונדז געשטעלט אין געפאַר צו ווערן אַ ס י מ י ־ ל י ר ט דורך די אַרומיקע פעלקער. האָבן די יידן, באַוווּסטזיניק אָדער אינסטינקטיוו, פאַרשפּרייטנדיק זיך איבער דער וועלט, זיך נישט צעַ־שטויבט צווישן פרעמדע, נאָר אומעטום זיך געזאַמלט אין קיבוצים, תּמיד זיך קאָנצענטרירט אויף געוויסע ערטער, און דאָס האָט זיי געגעבן די מעגלעכקייט צו פירן אַ יידישן לעבן־שטייגער און צו קולטיווירן זייער נאַ־ציאָנאַלע טראַדיציע. אַזוי איז ביי יידן געווען פון גלות בבל ביז היינטיקן טאָג. דערמאָנט זיך פּומפּדיתא און אַלעקסאַנדריאַ של מצרים, טאָלעדאָ און אַמסטערדאַם, פּראַג און לובלין, ווילנע און וואַרשע, א. א. וו., א. א. וו. און איז דען דער גרעסטער קיבוץ פון דער יידישער געשיכטע, אין וועלכן מיר געפינען זיך איצטער, דאָס יידישע ניו־יאָרק, ניט דער שטאַרקסטער אויסדרוק פון אָט דער קאָנצענטרירטקייט אין אונדזער צעשפּרייטונג, וואָס

האָט געראַטעוועט אונדזער פאָלק פון פיזישן אונטערגאַנג, פון איין זייט, און פון אסימילאַציע, פון דער אַנדערער?

מען מוז פונדעסטוועגן צוגעבן, אַז אין משך פון יאָרהונדערטער און יאָרטויזנטער האָט די יידישע קיבוצים אין אַ גרויסער מאָס פאַרלייכטערט דעם קאַמף קעגן דער אסימילאַציע־געפאַר יענער וויכטיקער פאַקט, וואָס די יידישע קהילות זיינען געווען אויטאָנאָמע איינריכטונגען פון דער יידישער באַפעלקערונג און, פאַקטיש אָדער אפילו אויך רעכטלעך, געהאַט דעם נאַציאָנאַלן קאָנטראָל איבער דעם יידישן יחיד. דאָס איז שוין איצט מער ניט דער פאַל. אָבער די קאָנצענטרירטקייט גופא אין דער צעשפּרייטונג איז שוין אַליין אויך אַן אויסערסט וויכטיקער פּראָפילאַקטישער וועגמיטל קעגן אסימילאַציע און אַ מעכטיקער פאַקטאָר פון נאַציאָנאַל־קולטורעלן לעבן.

פון אַן אַנדער זייט ווידער מוז מען נעמען אין באַטראַכט, אַז הגם געאָגראַפיש זיינען יידן קעגנוועריטיק ווייט מער צעשפּרייט איבער דער וועלט ווי ווען עס איז פריער, דאַרף מען אָבער די אָפּגעזונדערטקייט פון די פאַרשידענע יידישע ישובים מעסטן נישט לויט דער צאָל קילאָמעטערן אָדער מיילן צווישן זיי, נאָר לויט זייערע קאָמוניקאַציע־מיטלען צווישן זיך. און אין דער הינזיכט זיינען איצט פּאַריז, לאָנדאָן, ניו־יאָרק, מעקסיקאָ, בוענאָס־איירעס, יאָהאַנעסבורג, מעלבורן, א. א. וו. אַ סך נענטער צווישן זיך ווי למשל מיט הונדערט יאָר צוריק מינסק, ווילנע, וואַרשע, באַרדיטשעוו, לעמבערג אָדער פּראַג. אַ בוך, אַ בריוו גייט פון איין ברעג וועלט אויף דעם אַנדערן מיט גלייכער פּאָסט אין צוויי וואָכן, מיט לופטפּאָסט אַ צוויי דריי טעג; וועגן טעלעגראַמעס, טעלעפאָן און ראַדיאָ איז שוין אָפּגערעדט. מיר זיינען אַ סך ווייטער צעוואָרפן איבער דער וועלט, אָבער די קאָמוניקאַציע־מיטלען זיינען געוואָרן אָן אַן ערך לייכטערע, שנעלערע און אינטענסיווערע. און דער יידישער לשון גופא קען איצט זיין אַ פאַרבינדונגס־מיטל צווישן די יידישע קיבוצים פון אייראָפּע, אַמעריקע, אַפריקע און אויסטראַליע מערער ווי אַמאָל צווישן וואַרשע, פּאַריז און לאָנדאָן.

מען דאַרף נאָך צוגעבן, אַז דער פאַקט, וואָס די יידישע קולטור ווערט קעגנוועריטיק געשאַפן אין אַלע עקן וועלט, עפנט פאַר איר די ווייטסטע האָריזאָנטן און ווערט פאַר איר אַ קוואַל ניט אויסצושעפּן פון ג ײ ס ט י ק ע ר ר ײ כ ק ײ ט: זי מיידט אויס די געפאַר אַרונטערצופאַלן אונטער דעם איינפלוס פון איין באַשטימטער ניט־יידישער קולטור, זי קען ווערן אַן אָריגינעל־יידישער וועלט־באַנעם, אַן אָריגינעל־יידישער סינטעז

פון דער וועלטקולטור; זי קען ווערן א סך פילזייטיקער, רייכער אין געדאנקען, בילדער, קלאנגען און שטרעמונגען, מיט איין וואָרט, קוואליטאטיוו אָן אן ערך העכער, און ממילא אויך מער אינטערעסאנט, צוציענדיקער און לעבנס־פעאיקער, ווי ווען דאָס יידיש לעבן וואָלט געווען געבליבן איינגעצאמט אין די ד׳ אמות פון איין מדינה.

***

איך האָב זיך אביסל לענגער אָפּגעשטעלט אויף די קעגנזעצלעכע, סתירותדיקע ווירקונגען, וואָס די צעשפּרייטקייט אונדזערע האָט, אָדער קען האָבן אויף אונדזער נאציאָנאל־קולטורעלן לעבן. דאָס זעלביקע קען מען איינגעפינען, ווען מען פארטראכט זיך איבער כל המינים אנדערע פאקטאָרן, וואָס ווירקן אויף אונדזער קולטור און אויף אונדזער נאציאָנאלן גורל. איך וועל זיך דאָ באגנוגענען בלויז מיט גרויסע שטריכן, מיט ראשי־פרקים, ודיו לחכימא ברמיזא.

געוויס איז די יידישע ע מ א נ צ י פּ א צ י ע געקומען אלס רעזולטאט פון די אינדיווידואליסטישע רעוואָלוציעס, וואָס האָבן דעריבער געגעבן בירגערלעכע גלייכבארעכטיקונג דעם יידישן יחיד, אָבער קיין שום נאציאָנאלע רעכט ניט — די יידן אלס פאָלק. די אינדיווידואליסטישע געזעלשאפט גופא איז אָבער אין איר אנטוויקלונג געצוווּנגען כסדר זיך אָפּצוזאָגן פון איר פּרימיטיוון ליבעראלן אינדיווידואליזם און דערלאָזן אין זיך אלץ מער די אנטשטייאונג, די אנטוויקלונג און די טעטיקייט פון פארשידענע, פריער פאר איר „אפּיקורסישע" קאָלעקטיוון, ווי ארבעטער־יוניאָנס, פארבאנדן פון קאָנסום־פאראיינען, פון פאָלקס־בענק, פון פּראָפעסיאָנעלע פאראייניקונגען, ווער רעדט שוין וועגן כל המינים פאראייניקונגען אויפן גייסטיקן געביט. עס איז שוין במילא ניטאָ מער קיין פּרינציפּיעלע שטערונגען פאר נאציאָנאל־קולטורעלע פאראייניקונגען און זייערע פארבאנדן.

געוויס איז די וו ע ל ט ל ע כ ק יי ט פון מאָדערנעם לעבן־שטייגער א גרויסער געפאר פאר אונדזער נאציאָנאלן קיום. אָבער עס איז שוין אוועק די צייט, ווען פון איין זייט איז יידישקייט געווען אידענטיפיצירט מיט תרי״ג מצוות, און פון דער צווייטער האָט מען הפקרות געהאלטן פאר א סינאָנים פון פּראָגרעס. פארקערט, די סעקולאריזאציע פון אונדזער לעבן, באפרייענדיק דעם געדאנק פון די פּענטעס, וואָס האָבן אים ניט געלאָזט זיך נאָרמאל אנטוויקלען, האָט אים דערלויבט, אונטער די אָנגעוואקסענע

שאַלעכצן, צו געפינען אין אונדזער נאַציאָנאַלער, און טאַקע אויף רעלי־גיעזער ירושה אזעלכע גרויסע קולטורעלע אוצרות, אזעלכע טיף מענטש־לעכע קוואלן און אזעלכע הויכע סאָציאַלע אידעאַלן, וואָס מיט זיי קען אונדזער פאָלק לעבן און שאַפן נייע קולטורעלע ווערטן אזוי לאַנג, ווי עס וועלן מיט זייערע נאַציאָנאַלע קולטורן לעבן פעלקער אויף דער וועלט. די וועלטלעכקייט, די יפיפותו של יפת, קען אפשר די צדקתו של שם מאכן נאָך שענער, פלאַסטישער, קלאָרער און צוציענדיקער.

און די אורבאַניזאַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג, וואָס האָט צעשטערט דעם טראַדיציאָנעלן יידישן לעבנסשטייגער און גע־שאַפן צענטערן פון הונדערטער טויזנטער יידישע איינוווינער אין די גרויסע שטעט, האָט דען ניט דווקא זי מעגלעך געמאַכט דעם אויפבלי פון דער מאָדערנער יידישער קולטור: פרעסע, טעאַטער, ליטעראַטור, קונסט, גע־זעלשאַפטלעכע שטרעמונגען א. א. וו.?

אויך די אינדוסטריאַליזאַציע איז טאַקע א פאַק־טאָר פון אסימילאַציע; אָבער אויך אין דער הינזיכט, ווי ביי דער געאָגראַ־פישער צעשפרייטונג פון אונדזער פאָלק, האָט זיך אונדזער פאָלק, איבער־גייענדיק צו מער פראָדוקטיווע פרנסות, בדרך כלל ניט צעשפליטערט אין דער אלגעמיינער עקאָנאָמיק, נאָר ווילנדיק אָדער ניט, באַוווסטזיניק אָדער אינסטינקטיוו, זיך קאָנצענטרירט בעיקר אין די אזוי גערופענע „יידישע" פאַכן, אין מיטעלע און קלענערע אונטערנעמונגען, ווו זיי ווערן לחלוטין ניט בטל בששים, נאָר ווו זיי באַטרעפן א וויכטיקן ברוךטייל, אָפט אפילו אלע הונדערט פראָצענט פון די ארבעטנדיקע; און דאָס ווידער האָט זיי געגעבן און גיט זיי די מעגלעכקייט איינצוהאַלטן אויך זייער יידישן לשון דעם גאַנצן טאָג ביי דער ארבעט, צו שאַפן מעכטיקע פראָפעסיאָנעלע פאַראייניקונגען און סאָציאַל־קולטורעלע איינריכטונגען, דורכגעדרונגענע מיט א יידיש־נאַציאָנאַלער געזינונג. דאָס, וואָס דער יידישער ארבעטער איז באַשעפטיקט אין שניידער־ווארשטאַט און ניט אין קוילן־גרוב — וואָס געוויסע יידישע ארבעטער־טעאָרעטיקער האָבן געהאַלטן פאַר א נאַציאָנאַלן אומגליק — איז אזוי אָט גראָד א וויכטיקער שטיצפּונקט קעגן אסימילאַ־ציע, פאַר אונדזער נאַציאָנאַלן קיום.

דאָס גלייכן די „אמעריקאַניזירונג" פון אונדזער פאָלק איז אויך גאָרניט אזא איינפאַכע זאַך. געוויס לייגט דער שמעלץ־טאָפּ ארויף זיין שטעמפּל אויף אלע אמעריקאַנער איינוווינער, פון וועלכן פאָלק זיי זאָלן ניט שטאַמען. היינט אָבער זעט מען שוין, אז פונדעסט־וועגן זיינען פאַראַן אמעריקאַנער אירלענדער און אמעריקאַנער דייטשן,

אמעריקאנער איטאַליענער און אמעריקאנער יידן א. א. וו. אזוי אז מען רעדט שוין פון די פאראייניקטע שטאטן ווי פון א לאנד פון הוילע נאַציאָנאלע מינדערהייטן. ספעציעל בנוגע יידיש איז געוויס ריכטיק, אז קוואנטיטאטיוו האָט יידיש אין אמעריקע צו פארצייכענען א צוריקגאנג אין פארגלייך מיט דעם פעריאָד פון דער מאסן־אימיגראציע: ס׳איז קלענער די צאָל וואָס רעדן יידיש, וואָס לייענען יידיש (איך בין ניט זיכער בנוגע די, וואָס שרייבן יידיש), ס׳איז קלענער דער טיראזש פון דער יידישער פרעסע א. א. וו. ווער קען אָבער לייקענען, אז ק וו א ל י ט א ט י וו שטייט איצט יידיש (שפראך, ליטעראטור, קונסט, וויסנשאפט א. א. וו.) אָן אָן ערך העכער ווי מיט 50 יאָר צוריק, אז דער קאָנסומענט פון יידיש איז איצט א מער אינטעליגענטער, אז אין דער יידישער קולטור קען איצט א יידישער מענטש א סך בעסער און פילזייטיקער באפרידיקן זיינע גייסטיקע באדערפענישן ווי דעמאָלט? און אָט דער קוואליטאטיווער אויפשטייג פון יידיש באטייט ממילא א וווקס פון דער צוציאונגס־קראפט אירער פארן יידישן מענטשן און דורכדעם טאקע אויך א פאקטאָר פון וואקסנדיקן ווידערשטאנד קעגן דעם קוואנטיטאטיוון צוריקגאנג פון לייענער, טעאטער־באזוכער א. ד. גל.

דערצו דארף נאָך צוגעגעבן ווערן אָט וואָס: ניט קיין למדנים און ניט קיין „געבאָלדערטע" האָבן מיט פופציק יאָר צוריק געוואנדערט עבר לים; דער ערשטער דור פון דער מאסן־אימיגראציע איז באשטאנען בעיקר פון ארבעטנדיקע, סאָציאַל־עקאָנאָמיש שעפערישע, אָבער קולטורעל גאנץ פרימיטיווע עלעמענטן. דער צווייטער דור, אויפגעהאָדעוועט שוין אין אמעריקע, האָט פאר דער יידישער אזוי צו זאָגן „קולטור" פון זייערע טאטעס נאטירלעך קיין גרויס ליבשאפט און קיין גרויס דרך־ארץ ניט געהאט און ניט געקענט האָבן, און האָט יידיש פארוואָרפן און לפחות שפראכלעך זיך אסימילירט. דער דריטער דור אָבער, דער יינגסטער, זעט שוין פאר זיך גאָר אן אנדערע יידישע קולטור; און ביי דער אויפוואכונג פון נאציאָנאלן באוווסטזיין אין אמעריקאנער יידנטום א דאנק דער היטלער־קאטאסטראָפע פון איין זייט און די געשעענישן אין פאלעסטינע פון דער אנדערער, קען ער גראד שאפן א גינסטיקן באָדן פאר אן אויפבלי פון יידישער קולטור אין אמעריקע.

***

איך האָב דאָ דערמאָנט מיט א וואָרט פ א ל ע ס ט י נ ע. און טאקע אויך אָט דער אויסערסט וויכטיקער און אקטועלער, הגם

זייער דעליקאַטער ענין מוז דאָ גענומען ווערן אין באַטראַכט. אויך דאָ איז די זאַך גאָרניט אַזוי איינפאַך, און אויך דאָ געפינען מיר סתירותדיקע טענדענצן.

איך בין דורכאויס מסכים מיט די, וואָס זעען אין אַ יידישער מדינה אַ באַזונדער וויכטיקן שוץ־מויער קעגן אַסימילאַציע, ניט נאָר אין דער דאָזיקער מדינה גופא (וואָס איז אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך), נאָר אויך אין די לענדער פון אַזוי־גערופענעם גלות; דער פאַקט גופא פון דער עקזיסטענץ פון אַזאַ מדינה שוואַכט אָפּ דעם מינדערווערטיקייט־קאָמפּלעקס ביי יידן אויך אין אַנדערע לענדער און שטאַרקט ביי זיי דאָס נאַציאָנאַלע געפיל און דעם נאַציאָנאַלן באַוווּסטזיין; אַ חוץ דעם, די יידישע קולטור, וואָס ווערט פריי געשאַפן אין דער יידישער מדינה, בלייבט דאָך ניט איינגעצאַמט אין די גרענעצן פון דער מדינה, נאָר איז מסוגל אויך גייס־טיק צו שפּייזן דאָס יידישע פאָלק אין חוץ־לאָרץ.

אָבער אויך מיט דער יידישער מדינה איז ניט אַלץ כולו תכלת. דאָס, וואָס די נאַציאָנאַלע שפּראַך אין ישראל איז העברעאיש, בעת אין חוץ־לאָרץ איז די נאַציאָנאַלע שפּראַך יידיש, שטעלט אויף אַ גייסטיקע מחיצה צווישן דער יידישער מדינה און דעם צעשפּרייטן יידישן פאָלק, שטערט די פיל־מיליאָנענדיקע יידישע באַפעלקערונג אין חוץ־לאָרץ פריי צו גע־ניסן פון דער יידישער קולטור, וואָס ווערט געשאַפן אין מדינת ישראל, און שטערט די לעצטע צו ציען פריי די יניקה פון דעם יידישן לעבן און שאַפן אין חוץ־לאָרץ. אַ חוץ דעם, דאָס וואָס אַ קליינע, קיינעם ניט באַ־פרידיקנדיקע יידישע מדינה ווערט געשאַפן אין בלוטיקן און פאַרביטערטן קאַמף קעגן דער אַראַבישער וועלט, און וואָס דער דאָזיקער קאַמף, מיט פאַרשידענע עפּיזאָדן און איבעררייסן, קען אָנהאַלטן לאַנגע צייטן, שאַפט די געפאַר, אַז די דאָזיקע יידישע באַפעלקערונג זאָל אָננעמען אַ שאָוווי־ניסטישן, מיליטאַריזירטן און אפשר אויך טאָטאַליסטישן כאַראַקטער, און זאָל אויף אַזאַ אופן זיך אָפּרייסן פון דער טויזנטיאָריקער יידישער גייס־טיקער טראַדיציע. דאָס וואָלט געווען אַ נייער מין אַסימילאַציע, ניט אַן אַסימילאַציע פון יידישן יחיד צו די אַרומיקע ניט־יידישע יחידים, נאָר אַן אַסימילאַציע פון דאָרטיקן יידישן כלל צום כאַראַקטער פון פיל אַנדערע קריגערישע שבטים און פעלקער; מען וואָלט דאָרטן רעדן גראַד עברית מיט הברה ספרדית, אָבער דאָס וואָס מען וואָלט טראַכטן און זאָגן און טאָן, וואָלט אַזוי אָט ניט געווען יידיש. איך רעד שוין ניט וועגן דער שעדלעכקייט פון דער אילוזיע, וואָס קען זיך שאַפן אין ברייטע יידישע קרייזן, אַז מיט אַ קליינער יידישער מדינה אַליין איז שוין געזיכערט אונ־

דזער נאציאָנאלער קיום אין דער וועלט, און אז מען מעג דעריבער אָפּ־שוואכן דעם כסדרדיקן הארטנעקיקן קאמף פאר אונדזער נאציאָנאלער קול־טור אין די תפוצות ישראל.

***

פול מיט קעגנזעצלעכע טענדענצן איז דאָס געזעלשאפטלעכע לעבן, נאָר טאקע א דאנק דעם איז דאָ אין לעבן א פּלאץ פאר דער ווירקונג פון ב א וו ו ס ט ז י נ י ק ן א ו ן אָ ר ג א נ י ז י ר ט ן ו ו י ל ן פון יחידים און קאָלעקטיוון, קלאסן און פעלקער. ביי געגעבענע אָביעקטיווע באדינגונגען איז טאקע ניט אלץ מעגלעך, אָבער א דאנק דעם קאמף פון די קעגנזעצלעכע טענדענצן, זיינען ביי די געגעבענע אָביעקטיווע באדינ־גונגען אָפּט פאראן פארשידענע מעגלעכקייטן לויט דער אָדער יענער קאָאָר־דינאציע פון די קעגנזעצלעכע טענדענצן, און דאָ קען דער באוווסטזיניקער אָרגאניזירטער ווילן, זיך ארייננמישנדיק אין קאמף פון די פארשידענע טענדענצן, אָפּט דעצידירן, וועלכע מעגלעכקייט זאָל פארוואנדלט ווערן אין א ווירקלעכקייט. די אמתע מענטשלעכע געשיכטע איז אייגנטלעך טאקע די געשיכטע פון דעם, ווי אזוי דער באוווסטזיניקער מענטשלעכער ווילן האָט געוויסע היסטאָרישע מעגלעכקייטן פארוואנדלט אין א ווירק־לעכקייט.

און טאקע וועיל פול מיט סתירותדיקע טענדענצן איז אונדזער יידיש לעבן, וועיל פון איין זייט לויערן אויף אונדזער נאציאָנאלן קיום און אונדזער קולטור פארשידענע געפארן, און פון דער אנדערער עפענען זיך פארשידענע מעגלעכקייטן פון וויטערדיקן נאציאָנאל־קולטורעלן המשך, טאקע א דאנק דעם ק ע ן אונדזער באוווסטזיניקער און אָרגאניזירטער ווילן אין א ברייטער מאָס ווירקן אויף דעם וויטערדיקן גורל פון אונדזער נאציאָנאלן קיום און אונדזער קולטור. און טאקע צוליב דעם איז אונדזער נאציאָנאלער ח ו ב, באוווסטזיניק און אָרגאניזירט זיך ארייננצומישן אין דעם שטרייט פון די פארשידענע היסטאָרישע טענדענצן. די אויפגאבע פון אונדזער קאָנגרעס איז טאקע: דעם ווילן אונדזערן, וויטער צו אנט־וויקלען אונדזער יידישע קולטור, באוווסטזיניק צו אָרגאניזירן. דערצו איז קודם כל נויטיק א קלאָרער דין וחשבון פון די פארשידענע היסטאָרישע טענדענצן, וואָס זיינען אונדז גינסטיק אָדער אומגינסטיק, און ציען דער־נאָך פון דעם די פּראקטישע קאָנסעקווענצן.

דאָ איצט וויל איך מאכן נאָר די ווייטערדיקע קורצע אויספירן:

ערשטנס, אן אטמאָספער פון פרייהייט איז פאר דער יידישער קולטור, אפשר נאָך מער ווי פאר דער קולטור פון אנדערע פעלקער, א לעבנסבאדינג ווי לופט צום אָטעמען. אָבער צוליב דער צעשפרייטקייט פון אונדזער פאָלק איז פרייהייט אליין ניט גענוג; ביי א צעשפליטערונג פון דער יידישער באפעלקערונג קען די פרייהייט גופא ווערן א מעכטיקער פאקטאָר פון אסימילאציע. צו פרייהייט איז נויטווענדיק אין יעדן לאנד קאָנצענטרירטקייט, קאָנצענטרירטקייט פון דער יידישער באפעלקערונג און אין יעדן קיבוץ קאָנצענטרירטקייט פון די יידישע נאציאָנאלע כוחות. די טויזנטיאָריקע דערפארונג פון אונדזער פאָלק ווייזט אונדז, אז די ווירקזאמסטע פאָרם פון אזא כוחות־קאָנצענטרירונג איז די יידישע קהילה און פארבאנדן פון קהילות. ביי היינטיקער צייט קען דאָס ניט זיין א רעליגיעזע קהילה, וואָס וואָלט אָפגעשטויסן פון זיך דעם יידישן פריי־דענקער, און אויך ניט א וועלטלעכע קהילה, וואָס וואָלט אָפגעשטויסן דעם אָרטאָדאָקסיש־רעליגיעזן יידן, נאָר א נאציאָנאלע קהילה, וואָס זאָל ארייננעמען פארשידענע עלעמענטן פון דער יידישער באפעלקערונג און זאָל העלפן צופרידנשטעלן זייערע קולטורעלע באדערפענישן לויט זייערע ווונטשן און לויט זייער פראָפאָרץ אין דער באפעלקערונג. אין די קהילות גופא און אין דעם קהילות־פארבאנד פון לאנד, אָדער אפילו פון א גרופע לענדער (דערמאָנט זיך דעם ועד ארבע הארצות) קענען און דארפן פארשידענע ריכטונגען קעמפן פאר זייערע איבערצייגונגען, אָבער נאָר אין זיי. ווו נאָר מעגלעך דארפן דעריבער אומעטום געגרינדעט ווערן נאציאָנאלע קהילות, און די אָנגעהעריקייט צו זיי דארף פאר דער גאנצער יידישער באפעלקערונג ווערן א מאָראלישער חוב. אזעלכע מאָראליש־אָבליגאטאָרישע קהילות וואָלטן אויף אלע געביטן פון קולטור־לעבן (שול־וועזן, ליטעראטור, טעאטער, וויסנשאפט, קונסט), געקענט זיין דער ווירקזאמסטער כוח קעגן אסימילאציע און פאר דער אנטוויקלונג פון אונדזער נאציאָנאלער קולטור.

און צווייטנס, אויפן קולטור,געביט מוזן ווי ווייט מעגלעך פארשטארקט ווערן די גייסטיקע פעדים צווישן די פארשידענע יידישע קיבוצים: רעגיאָנאלע און אלוועלטלעכע קולטור־קאָנגרעסן, פארלאגן, פאָרשונג־צענטרען, ליטעראטור, קונסט, און דערציאונג־צענטרען א. א. וו. אין איינצל גענומען, וויל איך דערביי אונטערשטרייכן די נויטיקייט אויפצוהאלטן און צו פאר־

פעסטיקן דעם גייסטיקן בריק צווישן דעם קולטור־לעבן פון ישוב אין מדינת ישראל און דעם קולטור־לעבן פון די תפוצות ישראל: דאָס איז פאר ביידן נויטווענדיק, נויטווענדיק פארן קיום פון יידישן פאָלק. עס איז נויטיק ווי ווייט מעגלעך אָפצושוואכן די מחיצה צווישן יידיש און עברית. צוליב אָפּאַרטוניסטישע צוועקן טאָרן מיר בשום אופן ניט פאר־בייטן אין יידיש אונדזער העברעאישן אלף־בית אויף א לאטייניש, ווי דאָס האָבן געוואָלט געוויסע יידישיסטן; מען דארף אויך ניט פארווארפן דעם העברעאישן אויסלייג פון העברעאישע ווערטער אין יידיש; מען דארף אין יידיש אויפהאלטן און קולטיווירן די העברעאישע וואָקאבלען און אויסדרוקן; מען דארף אין חוץ־לארץ לערנען העברעאיש; דאָס איז אגב נויטיק אויך, כדי אונדזערע פאָלקס־מאסן זאָלן ניט ווערן אָפּגעריסן פון אונדזערע באפרוכפערנדיקע גרויסע אוראלטע קוואלן. און אין מדינת ישראל דארף מען געבן פרייהייט און רעכט דער יידישער שפראך און קולטור; מען דארף דאָרטן לערנען יידיש; מען דארף באפרוכפערן דאָס נייע העברעאיש מיט די פאָלקסטימלעכע ווערטער, אויסדרוקן, שפריכ־ווערטער, גלייכווערטלעך, בילדער, לידער א. א. וו. פון יידיש; דאָס איז איבריקנס נויטיק פאר דעם נייעם העברעאיש גופא, כדי עס זאָל ניט זיין אזא געקינסטלטע, נאָר א מער נאטירלעכע, פאָלקסטימלעכע שפראך.

מיר וועלן טאקע אויך ווייטער רעדן צוויי שפראכן, א געוויסער ריס וועט דורכדעם ביי אונדז בלייבן, אָבער אויף אזא אופן וועלן מיר דאָך בלייבן איין לעבעדיק יידיש פאָלק.

„צוקונפט“, אפריל 1949.

# די פערספעקטיוון פון יידישן קיום

## אין איראָפּע

די ראָלע, וואָס דאָס איראָפּעאישע יידנטום האָט אין משך פון קנאַפּע טויזנט יאָר געשפּילט אין דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק, איז איין מאָל פאַר אַלעמאָל פאַרענדיקט. אין דער הינזיכט זיינען קיין שום אילוזיעס מער ניט מעגלעך; דאָ האָט היטלער אָפּגעהאַלטן אַן ענדגילטיקן נצחון. די פראַגע איז נאָר: צי איז בכלל פאַראַן א וועלכע ניט איז צוקונפט פאַר א יידישן נאַציאָנאַלן לעבן אין איראָפּע.

די פּעסימיסטן האָבן שוין אינגאַנצן א מאַך געטאָן מיט דער האַנט אויף אונדזער קיום אין איראָפּע און פּראָקלאַמירט דעם לאָזונג פון יציאת איראָפּע אויך פון דעם לעצטן ביסל שארית הפליטה. די אָפּטימיסטן ווידער, אָנווייזנדיק אַז אַפילו נאָכן בלוטיקן מבול זיינען אין איראָפּע געבליבן ניט ווייניקער ווי אַן ערך פיר מיליאָן יידן (קיין גענויע ציפערן זיינען ניט פאַראַן), אַז אַפילו חוץ ראַטן־פאַרבאַנד זיינען נאָך אויך אין איראָפּע געבליבן ניט ווייניקער ווי צוויי מיליאָן יידן, אַז אין פּאַריז „שפּרודלט” א נאַציאָנאַל יידיש לעבן מיט יידישער קולטור, ליטעראַטור, פּרעסע, טעאַטער, קונסט, פּאָליטישע פּאַרטייען, כל המינים געזעלשאַפט־לעכע אינסטיטוציעס, בתי־מדרשים און — ווי מען זאָגט — אַפילו חסי־דישע שטיבלעך, ענטפערן מיט טריאומף, ווי יענער חסידישער בחור, די סקעפּטיקער און פּעסימיסטן: „זעסט דאָך”.

להיפוך אָבער צו די, וואָס שטרעבן צו יציאת איראָפּע, מיין איך אַז אויב די וועלט בכלל וואָלט שטאַרק אָרעמער געוואָרן, ווען א נייע וועלט־מלחמה וואָלט א סוף געמאַכט צו דער איראָפּעאישער ציוויליזאַ־ציע, איז ריכטיק אויך, אַז אונדזער פאָלק, וואָס איז פיזיש און גייסטיק אויסגעבלוטיקט געוואָרן דורך דער היטלער־קאַטאַסטראָפע, וואָלט נאַציאָ־נאַל נאָך בלאַסער און אָנעמישער געוואָרן, ווען עס זאָל אינגאַנצן אָנווערן זיין איראָפּעאישן צווייג. — און פון דער אַנדער זייט, הגם „זעסט דאָך” איז געוויס אַן אויסערסט וויכטיקער אַרגומענט, אָבער כדי ער זאָל זיין

באמת איבערצייגנדיק, דאַרף מען זיך קודם גוט צוקוקן צו דעם, וואָס מען גלויבט צו „זען", באַזונדער נאָך איבער פון דעם, וואָס מען זעט איצט, ווײַל מען מאַכן אויספירן אויך בנוגע די אויסזיכטן אויף ווייטער, בנוגע דער צוקונפט. קוקט מען זיך צו נענטער צו דער שארית הפליטה אין אייראָפּע, זעט מען, אַז פון די פיר מיליאָנען אייראָפּעאישע יידן געפינט זיך אומגעפער א העלפט אין ראַטן־פאַרבאַנד, ד. ה. זײַנען פון יידישן פאָלק אָפּגעזונדערט שטאַרקער ווי, לויט דער יידישער לעגענדע, די עשרת השבטים דורכן טייך סמבטיון, און זײַן נאַציאָנאַלע צוקונפט איז אין בעסטן פאַל פאַרהילט מיט א געדיכטן טונקעלן נעפּל. מען זעט ווייטער, אַז פון דעם רעשט אייראָפּעאישע יידן געפינט זיך ווידער דער נאַציאָנאַל וויכטיקסטער טייל אין די סאָוויעטישע סאַטעליטן־מלוכות (רומעניע, פוילן, אונגאַרן א. א. וו.) און זוכט פון דאָרטן צו אַנטלויפן, און אַז די וואָס זײַנען געצוווּנגען דאָרטן צו פאַרבלייבן, וועלן מסתמא אין דער גאַר נאָענטער צוקונפט טיילן דעם גורל פון זייערע ברידער אין ראַטן־פאַר־באַנד. און אפילו אין פּאַריז, וואָס בעיקר אויף אים איז געבויט דער גאַנצער אָפּטימיזם (שטעלט אייך נאָר פאָר, ווי וואָלטן די פּערספּעקטיוון אויסגעזען אָן פּאַריז), איז דאָס יידישע לעבן אויך גאָרניט אַזוי „שפּרודל־דיק" ווי דאָס שיינט אין פלוג: יידיש און יידישקייט האַלט זיך אין פּאַריז כמעט אויסשליסלעך א דאַנק די אָנגעלאָפענע יידישע שרייבער, פּובלי־ציסטן, געזעלשאַפטלעכע טוער און מאַסן עמך־מענטשן, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון די דייטשע לאַגערן און פון אייראָפּעאישן מזרח, פון וועלכע דער ווייט גרעסטער טייל האָט זיך נאָך ניט אײַנגעלעבט אין פראַנקרייך, און וואָס א סך פון זיי שטרעבן צו פאָרן קיין ארץ ישראל אָדער אויף יענער זייט אָקעאַן און צום טייל פאָרן זיך באמת כסדר פאַר־נאַנדער. דער קנאַפּע צוויי־הונדערט־טויזנטדיקער יידישער קיבוץ פון פּאַ־ריז פאַרמאָגט ניט קיין טאָג־שול פאַר יידישע קינדער; די יידישע יוגנט אַסימילירט זיך מיט אַן אויסערגעוויינלעך ראַשן טעמפּאָ, רעדט ניט קיין יידיש און העלפט אפילו אַסימילירן די עלטערן. ווי עס קען און וועט אפשר אויסזען דער פראַנצויזישער יידישער ישוב, ווען עס וועט אויפהערן דער צופלוס פון מזרח, קען מען זיך מאַכן א שטיקל באַגריף לויט דעם, וואָס מען „זעט" שוין איצט אין ענגלאַנד; פראַנקרייך איז בשום אופן ניט ווייניקער אַסימילירנדיק ווי ענגלאַנד; זייער מעגלעך, אַז נאָך מער.

**
*

אין אמתן איז די פראגע וועגן די נאציאָנאַלע פערספעקטיוון פון אייראָפעאישן יידנטום אַן אן ערך מער קאָמפּליצירט.

דער ווייטערדיקער גורל פון יידישן קיבוץ אין אייראָפּע איז אָפּהענגיק פון א גאנצער ריי פארשידנארטיקע אויסערלעכע און אינערלעך־יידישע פאקטאָרן, וואָס זיינען דערביי אין א שטארקער מאָס נאָך ענג פאַרבונדן איינע מיט די אנדערע. פאַראויסזען זייער אלעמענס צוקונפטיקע אנטוויקלונג און בארעכענען דעם געגנזייטיקן רעזולטאט פון זייער געמיינזאמער ווירקונג אויף דעם ווייטערדיקן יידישן קיום אין אייראָפּע איז, פארשטייט זיך, לחלוטין אוממעגלעך. איך האַלט אָבער, אז פונאנדערקלייבן זיך אין זיי אפילו נאָר ווי ווייט מעגלעך האָט אויך א געוויסן ווערט. לאָמיר דעריבער אביסל נענטער באטראכטן אייניקע וויכטיקערע אספעקטן פון אונדזער פּראָבלעם.

קודם כל איז די צוקונפט פון אייראָפעאישן יידנטום אָפּהענגיק פון דער צ אָ ל יידן אין די אייראָפעאישע לענדער. ווען די איצטיקע קלייִנע צאָל זייערע זאָל נאָך באדייטנדיק קלענער ווערן, וועט שוין קיין נאַציאָנאל יידיש לעבן אין אייראָפּע, דערהויפּט נאָך אין מערב־אייראָפּע, ניט מעגלעך זיין: דאָס לעצטע ביסל דאָרטיקע יידן וועט שוין פארוואנדלט ווערן אין אן אָפּגעדארטן צווייג פון יידישן שטאם. און די צאָל דאָרטיקע יידן הענגט אָפּ אין דער נאָענטסטער צוקונפט בעיקר פון דעם, צי אייראָפּע וועט אויסמיידן א נייע וועלט־מלחמה אָדער ניט. זאָל אייראָפּע ח״ו ווידער ווערן דער טעאטער פון א וועלט־מלחמה, קען מען האַלטן פאר זיכער, אז דאָס וועט באדייטן א סוף פון אייראָפעאישן יידנטום. און דעריבער ניט בלויז אלס מענטשן, אלס סאָציאַליסטן, דעמאָקראטן, פאציפיסטן א. א. וו., נאָר טאקע אלס יידן זיינען מיר פאראינטערעסירט אין דעם וועלט־פרידן, און צוזאמען מיט אלע עלעמענטן אין דער וועלט, וואָס שטרעבן צו אינטערנאציאָנאלן פרידן, דארפן אויך מיר, און קודם כל מיר, אָנשטרענגען אלע אונדזערע כוחות, דער וועלט־פרידן זאָל ניט געשטערט ווערן. ירמיהו הנביא האָט געשריבן צו די יידן אין בבל: „ודרשו את שלום העיר אשר הגליתי אתכם שמה, כי בשלומה גם לכם שלום״, און דאָס איז היינט ניט ווייניקער ריכטיק ווי דעמאָלט.

ווען א נייע וועלט־מלחמה אויסגעמיטן ווערן, דאן מיין איך, וועט שוין אין מערב פון „אייזערנעם פאָרהאנג״ ניט זיין וואָס מורא צו האָבן פאר א פ י ז י ש ע ר פארניכטונג פון באדייטנדיקע טיילן פון אונדזער פאָלק. צום מזרח פון „פאָרהאנג״ וואָלט א געוואלטזאמע סאָציאל־פּאָליטישע איבערקערעניש אויך געקענט ברענגען מיט זיך שרעקלעכע שחיטות

פון יידן; עס איז אָבער שווער זיך פאָרצושטעלן אזא געוואַלטזאַמע איבערקערעניש אָן א נייער וועלט־מלחמה. ביי א פרידלעכער ווייטערדיקער אנטוויקלונג פון אייראָפּע וועט בכן דער פיזישער באשטאנד פון אייראָפּעאישן יידנטום (וועגן אסימילאציע וועט די רייד זיין שפּעטער) אָפּהענגען פון דער נ א ט י ר ל ע כ ע ר באוועגונג פון דער יידישער באַפעלקערונג, ד. ה. פון דער יידישער געבורטיקייט און שטאַרביקייט, און פון די יידישע וואנדערונגען פון לאנד צו לאנד.

די נאטירלעכע שטאַרביקייט איז ביי די אייראָפּעאישע יידן א פאַרהעלטנישמעסיק קליינע, און אין דעם פּרט קענען מיר קוקן אין דער צוקונפט אָן באַזונדערע דאגות. גאָר אנדערש איז מיט דער ג ע ב ו ר ט י ק ײ ט. איך ווייס, אז עס איז א זייער ניט פּאָפּולערער ענין צו רעדן וועגן „קינדלעך", דערהויפּט צו רעדן וועגן דעם פאַר אַן עולם, וואָס געהערט צום אזוי־גערופענעם „אינטעליגענטישן פּראָלעטאריאַט", אַט דעם אזוי צו זאָגן געשוואָרענעם אָנהענגער פון נעאָ־מאַלטוזיאניזם. וועגן דעם דיסקוטירט מען אפילו ניט, מען פּטרט אָפּ דעם ענין פּשוט מיט א שמייכל אָדער מיט א צווייפלהאפטיקן וויץ. וואָס זאָל איך אָבער טאָן? —אלס פאַכמאַן וו ײ ס איך, אז ביי דער איצטיקער צו קליינער געבורטיקייט וועט דאָס יידנטום אין די מערב לענדער ראַש איינגעשרומפּט ווערן פון דור צו דור; און אויב פאַרן יידישן פאָלק אין אמעריקע, א דאנק זיין איצטיקער גרויסער צאָל, איז דאָס אויך א גרויסע געפאַר, אָבער דאָך ניט קיין אוממיטלבאַרע, איז עס פאַר די אָן אַן ערך קלענערע יידישע ישובים אין מערב־אייראָפּע בוכשטעבלעך א פראַגע פון זיין אָדער ניט זיין שוין אין די נאָענטסטע צוויי־דריי דורות. איך האָב וועגן דעם שוין ניט איינמאָל געשריבן אויספירלעכער אין יידיש, אין פראנצויזיש, אין ענגליש (*); נאָר ווי קען איך עס דאָ פאַרשווייגן? עס איז דאָך קלאָר, אז ווען עס זאָל אָנהאלטן די קעגנווערטיקע קנאַפּע געבורטיקייט — ווער רעדט נאָך אז זי זאָל זיך נאָך פאַרקלענערן — וועלן אלע אנדערע מיטלען און קולטורעלע שאַפונגען (קולטור־קאָנגרעסן, פאַראייניקונגען, שולן, פעןקלובן, דיכטונגען, קונסט־אויסשטעלונגען, א. א. וו.) זיין ניט מער ווי א ברכה לבטלה, אָדער בלויז אַרבעט פאַר צוקונפטיקע היסטאָרישע אַרכיוון און אַרכעאָלאָגישע מוזייען פון דער פאַרשווונדענער יידישער באַפעלקערונג. כדי דאָס אויסצומיידן, מוז פאַרקומען א ר א ד י ק א ל ע ע נ ד ע ר ו נ ג אין דער גאַנצער איינשטעלונג פון אונדזער פּראָגרעסיווער געזעלשאַפט צום יידישן באַפעלקערונג־פּראָבלעם.

וואָס איז שייך די וו א נ ד ע ר ו נ ג ע ן, קען מען, ווייזט אויס,

*) זע קאַפּיטל: „דער ייד. באַפעלקערונגס־פּראָבלעם נאָך דער 2־טער וועלט־מלחמה".

מיט זיכערקייט רעכענען, אז יעדנפאלס אין משך פון א לאנגער צייט וועלן יידן פון אנדערע קאָנטינענטן קיין אייראָפּע ניט אריינוואנדערן, נאָר פארקערט, אז עס וועט נאָך אָנגיין אן אויסוואנדערונג פון אייראָפּע אין פארשידענע לענדער אויף יענער זייט אָקעאן און קיין ארץ ישראל. דורך וואנדערונגען וועט בכן די יידישע באפעלקערונג ניט גרעסער, נאָר קלענער ווערן. אין מערב־אייראָפּע וועלן פונדעסטוועגן די אבדות דורך אויסוואנדערונג אין א געוויסער, הגם ניט קיין גרויסער מאָס, קאָמפּענסירט ווערן דורך איינוואנדערונג, וואָס גייט, און וועט בלי ספק אויך נאָך ווייטער גיין, פון אייראָפּעאישן מזרח.

דאָס וואָס די קליינע יידישע באפעלקערונג פון די פארשידענע מערב־אייראָפּעאישע לענדער איז אין יעדער מדינה ניט צעזייט און צעשפּרייט, ניט צעשטויבט, נאָר קאָנצענטרירט בעיקר אין געוויסע פונקטן, איז אין נאציאָנאלן זין געוויס א וויכטיקער פּאָזיטיווער פאקטאָר; דאָס גיט איר די אָביעקטיווע מעגלעכקייט אין א מאקסימאלער מאָס, לויט אירע באַשרענקטע כוחות, זיך נאציאָנאל אויסצולעבן, אויפצוהאלטן איר יידישן לשון און צו שאפן אויך נאציאָנאל־קולטורעלע ווערטן. אָבער אויך אין דער הינזיכט לייגט זיך אויף דעם בילד א ברייטער שאָטן דורכדעם, וואָס דער גרעסטער יידישער צענטער אין מערב־אייראָפּע האָט זיך גראד געשאפן אין אזא אויסערגעוויינלעך אסימילירנדיקער סביבה ווי פאריז.

***

צי איז דער יידישער קיום אין אייראָפּע ס אָ צ י א ל־ע ק אָ נ אָ מ י ש געזיכערט? אין דער הינזיכט, אפשר א סך מער ווי אין אלע אנדערע, איז די יידישע צוקונפט אָפּהענגיק פון דעם צוקונפטיקן גורל פון אייראָפּע בכלל. וועט אייראָפּע סוף כל סוף קומען צו זיך — און אזוי וועט געוויס געשען, ווען עס זאָל ניט אויסברעכן א נייער קריג, — וועט אויך די יידישע באפעלקערונג זיך קענען עקאָנאָמיש אויסלעבן אין אייראָפּע. דערווייל אָבער איז אייראָפּע, מיט קליינע אויסנאמען, סאָציאל־עקאָנאָמיש שרעקלעך צערודערט, און עס וועט נאָך מוזן פארגיין א לענגערע צייט, ביז זי וועט אין דער הינזיכט, ווי אין א סך אנדערע, געפינען א צושטאנד פון גלייכגעוויכט. אייראָפּע פיבערט דורך די שרעקלעכע עקאָנאָמישע חורבנות, וואָס האָט מיט זיך געבראכט דער צווייטער וועלט־קריג, דורך דעם כאאָטישן צושטאנד און דער אומזיכערער ווייטערדיקער אנטוויקלונג פון די פארהעלטענישן אין דייטשלאנד, און בעיקר דורך

דעם טיפן סאָציאַל־פּאָליטישן אַנטאַגאַניזם און דעם פאַרביסענעם און אָפענעם געפערלעכן קאַמף צווישן מזרח און מערב. דערביי שטייען אַלע אייראָפּעאישע לענדער, אין אַ גרעסערער אָדער קלענערער מאָס, אין אַ ראַדיקאַלן סאָציאַל־עקאָנאָמישן איבערבוי, צי דאָס זאָל זיין אין די ברוטאַלע פאָרמען פון דעם אייראָפּעאישן מזרח, צי אין די דעמאָקראַטישע ראַמען אויפן ענגלישן שטייגער. ווען אָט דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער בין־השמשות זאָל נאָר ניט ברענגען צו אַ נייעם וועלט־קריג, מיין איך, אַז מען קען מיט אַ געוויסן אָפּטימיזם קוקן אויף דער עקאָנאָמישער צוקונפט פון אייראָפּעאישן יידנטום.

געוויס פעלן אויך דאָ ניט קיין שווארצע שאָטנס. די מלחמה און די נאָך־מלחמהדיקע געשעענישן האָבן געמאַכט אַ תל פון די פאַרמעגנס פון דעם גרעסטן טייל פון דער שארית הפליטה אין אייראָפּע. ביי דעם סאָציאַל־עקאָנאָמישן איבערבוי פון אייראָפּע גייען אונטער פאַרשידענע „לופט־פרנסות", פון וועלכע עס האָבן נאָך ניט לאַנג צוריק געלעבט פאַרהעלטנישמעסיק ברייטע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג, וואָס ווערן אויף אַזא אופן רואינירט. אין דעם עקאָנאָמישן כאַאָס, וואָס הערשט אין פאַרשידענע לענדער, האָבן זיך צווישן יידן אַנטוויקלט געוויסע ניט־געזונטע און צוקונפטלאָזע באַשעפטיקונגען, ווי שפּעקולאַציע מיט דעוויזן, שווארצער מאַרק, גרענעץ־שמוגל א. ד. גל. דורך די היטלעריסטישע רציחות, פון וועלכע עס האָבן באַזונדער שטאַרק געליטן די יידישע אָרעמע שיכטן, האָט זיך שטאַרק פאַרקלענערט ביי יידן דער אייגנטלעכער פּראָלעטאַריאַט, דער קלאַס פון געדונגענע אַרבעטער, וואָס איז באַרופן אין דער נייער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג צו שפּילן גראַד אַ וויכטיקע סאָציאַלע ראָלע.

דאָס אַלץ איז אמת. און פונדעסטוועגן מיין איך, אַז דאָס דאַרף אונדז בשום אופן ניט אריינוואַרפן אין פּעסימיזם. די ניט־געזונטע דערשיינונגען אין עקאָנאָמישן לעבן פון דער יידישער באַפעלקערונג זיינען אַ פועל יוצא פון דער קעגנווערטיקער צערודערונג פון דער אייראָפּעאישער עקאָנאָמיק און וועלן בלי ספק פאַרשווינדן צוזאַמען מיט דעם, ווי עס וועט זיך נאָרמאַליזירן דאָס אַלגעמיינע ווירטשאַפטלעכע לעבן אין די אייראָפּעאישע לענדער. עס קען קוים זיין אַ ספק אין דעם, אַז בדרך כלל קומט איצט פאָר אַ פּראָצעס פון פּראָדוקטיוויזאַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג, באַזונדער אין די לענדער, ווו עס גייט ראש און דער אַלגעמיינער סאָציאַלער איבערבוי אויף יסודות פון אַרבעט. עס פאַרשווינדט אינגאַנצן ביי יידן די אַמאָליקע באַציאונג פון אויבן אַראָפּ צו מלאכה; עס גייט אָן

פארקערט, בעיקר ביי דער יוגנט, א דראנג צו ארבעט, און טאקע צו פיי־נער, קוואליפיצירטער ארבעט, וואָס לאָזט פלאַץ פאר פערזענלעכער אינ־טעליגענץ, פאר אינדיווידואליטעט, פאר טאלאנט, אָן וועלכע עס קען זיך קיין שום געזעלשאפטלעכע אָרדענונג ניט באגיין, און א געזעלשאפט גע־בויט אויף ארבעט אוודאי און אוודאי ניט. די טעטיקייט פון „אָרט" אונ־טער דער פירונג פון ד"ר סינגאלאָווסקי איז דאָ אנטקעגנגעקומען אָן אמתער לעבנס־באדערפעניש פון דער יידישער באפעלקערונג, און האָט אָפגעשפילט און שפילט אויך ווייטער א היסטאָרישע ראָלע אין לעבן פון אונדזער פאָלק.

צי וואָלט דאָס חרוב־געוואָרענע אייראָפעאישע יידנטום געקענט אין א געזונטדיקער מאָס רעאליזירן אָט דעם איבערגאנג פון לופט־פרנסות צו קוואליפיצירטער פראָדוקטיווער ארבעט מיט אייגענע כוחות, אָן דער אומגעהויערער מאטעריעלער הילף פון די פארשידענע יידישע פאָלקס־שיכטן אין אמעריקע און אנדערע טראנסאָקעאנישע לענדער, דערין קען מען שטארק מסופק זיין. יעדנפאלס וואָלט אָט דער פראָצעס פאָרגעקומען מיט א סך מער פיין און וואָלט אָנגעגאנגען אָן אן ערך לאנגזאמער ווי איצטער. אמעריקע און אנדערע לענדער מעבר לים האָבן זיך אָבער ברייט אָפגערופן אויף דעם דרינגענדיקן רוף פון אונדזער עפאָכע; זיי האָבן אזוי ארום דערפילט און דערפילן א גרויסע נאציאָנאלע שליחות אין דער קעגנ־ווערטיקער תקופה פון אונדזער געשיכטע.

***

א סך געפערלעכער זעט מיר אויס די לאגע אין קולטורע־לער הינזיכט. עס לויערט אויף אונדז די אסימילאציע פון אלע זייטן. זי לויערט אויף אונדזערע קינדער, זי לויערט אויף אונדז גופא מצד אונדזערע קינדער. זי לויערט אויף אונדז אין גאס, זי לויערט אין שטוב. זי לויערט אין דער פאָלק־שול, אין מיליטער־דינסט, ביי דער ארבעט, אין געשעפט, ביים אמוזירן זיך, ביים חתונה האָבן, אין אוניווערזיטעט, אין טעאטער, אין קינאָ, אין פאָליטישן לעבן, אין רעגירונגס־אמטן, אומע־טום. ווי דער תלמודישער מלאך־המות, וואָס איז פול מיט אויגן, טשאַ־טעוועט די אסימילאציע אויף אונדזער נאציאָנאלן קיום אין אייראָפע. ווי ראטעוועט מען זיך פון איר?

נאטירלעך איז די געפאר פון אסימילאציע ניט אומעטום אין איי־ראָפע גלייך גרויס. זי איז גרעסער דאָרטן, ווו די יידישע באפעלקערונג איז קלענער אין צאָל; ווו זי איז מער צעזייט און צעשפרייט, ווייניקער

קאָנצענטרירט, טעריטאָריעל און עקאָנאָמיש, ווו זי איז מער אָפּגעזונדערט פון אַנדערע יידישע ישובים. זי איז גרעסער אויך דאָרטן, ווו די ניט־יידישע קולטור און דאָס ניט־יידישע לעבן זיינען רייכער און צוציענדיקער. דאָרטן, ווו די ניט־יידישע באַפעלקערונג איז נאַציאָנאַל אייגהייטלעך, איז די געפאַר פון אסימילאַציע א סך גרעסער ווי אין יענע מקומות, ווו די ניט־יידישע באַפעלקערונג געהערט צו פאַרשידענע פעלקערשאַפטן, צו פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן. די געפאַר פון אסימילאַציע איז שטאַרק אָפּהענגיק אויך פון סאָציאַל־פּאָליטישן רעזשים פון דער מדינה. איך וואָלט אין דעם פּרט אונטערשיידן פינף מינים רעזשימען:

א) א רעזשים א ר ע א ק צ י אָ נ ע ר ע ר, און ממילא אויך אַן אַנטיסעמיטישער, וואָס שטעלט די יידן אַזוי צו זאָגן מחוץ למחנה פון דער גאַנצער באַפעלקערונג פון לאַנד. אונטער אַזעלכע רעזשימען האָבן יידן געלעבט אין גאַנץ אייראָפּע אין משך פון לאַנגע יאָרהונדערטער; און די מחיצה, וואָס האָט אָפּגעזונדערט די יידישע באַפעלקערונג פון דער אַרומיקער וועלט, האָט נאַטירלעך ניט דערלאָזט זי זאָל דורך דער אַרומיקער וועלט ווערן אסימילירט; זי האָט אָבער גלייכצייטיק באַגרענעצט דעם גייסטיקן האָריזאָנט פון דער יידישער באַפעלקערונג מיט די מויערן פון מיטלאַלטערשן געטאָ; זי האָט קאָנסערווירט, אָדער אַזוי צו זאָגן מאָ־רינירט, די יידישקייט, זי האָט אָבער איר ניט געלאָזן גייסטיק וואַקסן און אַנטוויקלען זיך.

ב) א פּיל ווייניק א י נ ד י ווי ד ו ע ל־ל י ב ע ר אַ ל ע ר רעזשים, וואָס פאַרט זיך צונויף מיט א פּאַקטישן אָדער אפילו רעכטלעכן אַ נ ט י ס ע מ י ט י ז ם. אונטער אומגעפער אַזאַ רעזשים האָבן יידן געלעבט אין 19טן יאָרהונדערט אין פראַנקרייך, אין דעם האָהענצאָלערנשן דייטשלאַנד, אין דעם צווישן־ביידע־מלחמותדיקן פּוילן א. ד. גל. דאָס פאַר־לירן דעם יידישן פּנים עפּנט דאָ דעם יידישן יחיד ברייטע סאָציאַלע און עקאָנאָמישע מעגלעכקייטן. מאכט טאַקע דאָ די אסימילאַציע גרויסע פאָר־שריט, בעיקר צווישן די העכערע קלאַסן, צווישן דער בורזשואַזיע און דער אינטעליגענץ. זיינען דערביי אין לאַנד ניטאָ קיין ברייטע יידישע פאָלקס־מאַסן, פּירט דאָס שוין ממילא צו אַן אַלגעמיינער אסימילאַציע (און ביי די פאַראַנענע אַנטיסעמיטישע שטימונגען קען דאָס ווידער אַרויסרופן אין ברייטערע ניט־יידישע שיכטן א זאָאָלאָגישן אָדער, ווי מען רופט עס איצ־טער, א ראַסיסטישן אַנטיסעמיטיזם). זיינען אָבער אין לאַנד פאַראַן ברייטע יידישע פאָלקס־מאַסן, וואָס שוין צוליב זייער צאָל, צוליב זייער לשון, אַקצענט, דערציאונג, לעבן־שטייגער, טראַדיציע, עקאָנאָמישע סיבות א. ד.

גל. קענען זיי זייער יידישן פּנים ניט אָנווערן, ווערט דורכדעם געשאַפן א ברייטער באָדן פאַר דעם אויפקום פון א נאַציאָנאַל־שעפערישער טעטי־קייט פון א פאָלקסטימלעך יידישער אינטעליגענץ, פאַר דער אנטוויקלונג פון א נאַציאָנאַל־יידישן געזעלשאַפטלעכן, קולטורעלן און סאָציאַל־פּאָלי־טישן לעבן, וואָס ווערט מעגלעך צום טייל טאַקע א דאנק דעם פאַרהעלט־נישמעסיק ליבעראַלן אלגעמיינעם כאַראַקטער פון דעם לאַנד־רעזשים, וואָס דערלויבט א געוויסע פרייהייט פון פּרעסע, פאַרזאַמלונגען, פּאַראַיי־נען, פּאַרטייען א. ד. גל. דער אנטיסעמיטיזם גופא וועקט דאָ דעם נאַ־ציאָנאַלן באַוווּסטזיין פון די יידישע מאַסן. און אזוי האָבן מיר טאַקע אין פּוילן געקענט גלייכצייטיק זען באַדייטיקע פאָרשריט פון אסימילאַציע און א מערקווירדיקן וווּקס פון א פּילזייטיקן יידישן נאַציאָנאַלן לעבן.

ג) א קלאַסישער אינדיווידועל־ליבעראַ־לער רעזשים, וואָס אנערקענט אַלע רעכט דעם יחיד, דערונטער אויך דעם יידישן יחיד, וואָס איז אָבער פײַנטלעך צו קאָלעקטיווער אָרגאַניזאַ־ציע פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, ווי אויפן עקאָנאָמישן אזוי אויך אויפן נאַציאָנאַל־פּאָליטישן געביט. אזא רעזשים גיט אַלע רעכט דעם יידישן בירגער פון לאַנד אַלס יחיד און קיין רעכט דעם יידישן כלל; ער גיט יידן אַלע אינדיווידועלע רעכט, אָבער קיין נאַציאָנאַלע. וועגן אזא רעזשים האָבן געחלומט און חלומען ביז היינטיקן טאָג די יידישע אסימילאַטאָרן, אַלע דייטשן, פראַנצויזן, ענגלענדער, איטאַליענער, פּאָליאַקן און אַנדערע גויים פון משה־רבנוס גלויבן. ער גיט דער יידישער בורזשואַזיע און דער אסימילירטער אינטעליגענץ די גרעסטע מעגלעכקייטן אין פולער מאָס צו אנטוויקלען זייערע עקאָנאָמישע און גייסטיקע כוחות; ער איז פאַר זיי די פאַרקערפּערונג פון פּראָגרעס און די אידעאַלסטע לייזונג פון דער פינצטערער „יודען־פראַגע". אָן ברייטערע יידישע פאָלקס־מאַסן אין לאַנד גופא און אָן אריינמישונג פון אויסערלעכע פאַקטאָרן (יידישע איינוואַנ־דערונג, אנטיסעמיטיזם א. ד. גל.) באַדייט אזא רעזשים א מיתה בנשיקה פאַרן יידישן נאַציאָנאַלן קיום, דער פולער נצחון פון פולשטענדיקער אסי־מילאַציע, ביז מאַסן־שמד, מאַסן־שמד אריינגערעכנט. דאָס האָבן מיר גע־זען ביז דעם אויפקום פון דייטשן ראַסיזם אין פאַרשידענע לענדער פון מערבֿ־אייראָפּע, און דאָס האָט געשאַפן די ווייט פאַרשפּרייטע ביי יידן און ניט־יידן איבערצייגונג, אַז פרייהייט באַדייט אסימילאַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג.

ד) א טאָטאַליטאַרער רעזשים אָן נאַציאָ־נאַלע דיסקרימינאַציעס. אזא רעזשים האָבן מיר קעגנ־

ווערטיק אין ראַטן־פאַרבאַנד און אין די לענדער פון די אַזוי־גערופענע פאָלקס־דעמאָקראַטיעס. דער רעזשים אַנערקענט דער יידישער באַפעלקע־רונג דאָס רעכט זיך אויסצולעבן אין איר נאַציאָנאַלער קולטור. ער גיט אויך דעם יידישן יחיד, צוגלייך מיט אַלע אַנדערע יחידים, דאָס רעכט און די פּראַקטישע מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען זיינע גייסטיקע כוחות אין דינסט פון דעם רעזשים און אין אַלגעמיינעם ווירטשאַפטלעכן און גייסטיקן לעבן פון לאַנד, פון דעם גאַנצן ניט־יידישן אַרום. די צוציאונגס־קראַפט פון אַסימילאַציע איז דאָ פאַר דעם יידישן יחיד ניט קלענער, אויב ניט נאָך גרעסער, ווי אונטער אַן אינדיווידועל־ליבעראַלן רעזשים — אָבער מיט דעם גרויסן אונטערשייד, וואָס אונטער אַן אינדיווידועל־ליבעראַלן רעזשים פאַרכאַפּט די אַסימילאַציע בעיקר די אויבערשטע שיכטן, בעת אונטער דעם סאָוויעטישן אָדער „פאָלקס־דעמאָקראַטישן" רעזשים ווערן מיט אַ רעוואָלוציאָנערער שנעלקייט אַריינגעצויגן אין דעם אַסימילאַציע־פּראָצעס די ברייטסטע פאָלקס־מאַסן; די אַסימילאַציע איז דאָ אָן אַן ערך שנעלער און טיפער ווי אין ליבעראַלע לענדער, וואָס האָבן ברייטערע יידישע פאָלקס־מאַסן. — פון דער אַנדער זייט, אַ פרייע אַנטוויקלונג פון אַ נאַציאָנאַלער יידישער קולטור און די קעגנווירקונג קעגן דער מאַסן־אַסימילאַציע, וואָס וואָלט זיך דורכדעם געשאַפן, ווערט לכתחילה געשטערט דורך דעם אַלגע־מיינעם רעזשים, וואָס דערלאָזט ניט די פרייהייט פון געדאַנק אין זיין נאַטירלעכער פאַרשידנאַרטיקייט, וועלכע באַפרוכפּערט די גייסטיקע שאַפונג און איז אַזוי נויטווענדיק פאַר דער אַנטוויקלונג פון אַן אָריגינעלער, ניט פּשוט איבערזעצטער פון קאַזיאָנע מקורות נאַציאָנאַלער קולטור. זי ווערט געשטערט אויך דורכדעם, וואָס דער רעזשים ראָט סיסטעמאַטיש אויס, אָדער צווינגט צו אַנטלויפן פון לאַנד, אַלע יענע אַקטיווע אָדער מעגלעכע קולטור־שעפערישע כוחות (שרייבער, קינסטלער, לערער אד"גל), וואָס זיינען פאַר אים ניט כשר לאו דוקא אין נאַציאָנאַל־קולטורעלן, נאָר אפילו אין אַ וועלכער ניט איז אַנדער הינזיכט. די אַנטוויקלונג פון דער נאַציאָנאַל־יידישער קולטור אויף יענער זייט אייזערנעם פאָרהאַנג ווערט לסוף גע־שטערט טאַקע דורך דעם פאָרהאַנג גופא, דורכדעם וואָס די אָרטיקע יידישע באַפעלקערונג איז מיט אַ מחיצה ניט דורכצודרינגען לחלוטין אָפּגעשניטן פון גייסטיקן לעבן פון גאַנצן יידישן פאָלק, אַזוי אַז ניט געדאַנקען, ניט קולטורעלע שאַפונגען, ניט קולטורעלע שעפער קענען ניט פריי קומען פון דרויסן און באַפרוכפּערן דאָס יידישע גייסטיקע לעבן אין לאַנד. לויט אַלע פאַראַנענע ידיעות, מאַכט טאַקע דאָרטן די יידישע מאַסן־אַסימילאַציע אַזעלכע ראַשע, טיף אין פאָלק אַריינדרינגנדיקע פ אָ ר ש ר י ט ווי קיינמאָל

פריער און ווי אין קיין אנדערע מדינות. אין די לענדער פון די „פּאָלקס־דעמאָקראַטיעס", ווו נאָך ניט לאַנג צוריק האָט זיך אַזוי וווּנדערבאַר געשאַפן און אַנטוויקלט נאַציאָנאַל־יידישע קולטור, און ווו זייט די היטלער־אויס־ראָטונגען איז געבליבן בלויז אַ זייער באַגרענעצטע צאָל יידן, האָב איך דעריבער שטאַרק מורא, אַז אויב דאָרטן זאָל בלייבן הערשן אַ טאָטאַליטאַ־רער רעזשים, קען דאָרטן אין משך פון איין דור דאָס גאַנצע יידישע לעבן אויסגעלאָשן ווערן.

ה) אַ פרייהייטלעכער רעזשים, וואָס אָנער־קענט די רעכט פון נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. אַז אַזאַ רעזשים איז מעגלעך, קען מען זען למשל פון דעם, וואָס אין דער צייט פון זייער דעמאָקראַטישער קאָנסטיטוציע האָבן די באַלטישע לענדער אין גאַנצן אָדער צום טייל אָנערקענט זייערע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן (און דערונטער אויך זייער יידישע מינדערהייט) קולטורעלע אויטאָנאָמיע. אין דער שווייץ, ווו 70 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג איז אַ דייטש־רעדנדי־קע, איז לא די וואָס די פעדעראַטיווע רעגירונג זוכט ניט צו אַסימילירן די פראַנצויזיש־ און איטאַליעניש־רעדנדיקע מינדערהייטן, נאָר פאַרקערט, טוט וואָס מעגלעך צו שטיצן די צאָלמעסיק שוואַכע איטאַליענישע שווייץ, זי זאָל ניט אָנווערן איר איטאַליענישן כאַראַקטער; נאָך מער, די קליינטשקע באַפעלקערונג, וואָס רעדט דעם לשון ראָמאַנש, און וואָס איז אַ קליינע מינ־דערהייט אַפילו אין איינציקן קאַנטאָן, ווו זי עקזיסטירט (קאַנטאָן גרויבינדן), ווערט קולטורעל געשטיצט, זי זאָל ח"ו ניט אַסימילירט ווערן, און איר לשון איז אָפיציעל אָנערקענט ווי איינע פון די פיר נאַציאָנאַלע שפּראַכן פון דער שווייץ. אין אַן אַנדער פאָרם און אין אַ קלענערער מאָס געפינען מיר אַן ענלעכע לאַגע ביי דער שוועדישער מינדערהייט אין פינלאַנד. (צו דער זעלביקער קאַטעגאָריע קען מען אפשר צורעכענען אויך די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, ווו די פאַרשידענע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן האָבן טאַקע ניט קיין ספּעציעלע רעכט פון עפנטלעכע קערפּערשאַפטן, אָבער ווו די אַלגעמיינע דעמאָקראַטישע פרייהייטן גיבן די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן די פולע מעגלעכקייט צו שאַפן כל המינים נאַציאָנאַלע פאַראייניקונגען און איינריכטונגען און אַזוי אָט אויפהאַלטן און אַנטוויקלען זייער נאַציאָנאַל לעבן און נאַציאָנאַלע קולטור). — פון די געבראַכטע ביישפּילן איז גלייכ־צייטיק צו זען, אַז אונטער אַ פרייהייטלעכן רעזשים קען דאָס רעכט פון אַ נאַציאָנאַלער מינדערהייט, פריי זיך אויסצולעבן אין איר אייגענער קול־טור און לויט איר אייגענער טראַדיציע, אָנערקענט ווערן אויף פאַרשידענע אופנים און אין אַ פאַרשידענער מאָס, אָנהויבנדיק פון דער פּשוטער ביר־

גערלעכער פּאַראייניקונגס־פרייהייט, ביז א ווייט־גייענדיקער און אויסערסט דעצענטראַליזירטער טעריטאָריאַלער אויטאָנאָמיע (ווי אין דער שווייץ) און דער פולשטענדיקער פּערסאָנאַלער, עקסטעריטאָריאַלער קולטורעלער אויטאָ־נאָמיע (ווי דאָס איז געווען אין עסטלאַנד).

אויך אַזאַ רעזשים ווירקט אָביעקטיוו אין דער ריכטונג פון אסימי־לאַציע פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, מחמת דעם יחיד פון א נאַציאָ־נאַלער מינדערהייט עפנט ער א פרייען פעלד, און א סך א ברייטערן פעלד, אויב ער אסימילירט זיך. אַזאַ רעזשים גיט אָבער אויך ברייטע מעגלעכקייטן פון א קאָלעקטיוון ווידערשטאַנד קעגן אסימילאַציע. ווערן אָט די קאָלעקטיווע ווידערשטאַנדס־מעגלעכקייטן ניט אויסגענוצט, האַלט זיך א נאַציאָנאַלע מינדערהייט „נייטראַל” צו איר נאַציאָנאַלער צוקונפט, האַלט זי זיך ביים פּרימיטיוו ליבעראַלן כּלל פון „סטאַטוס־קוואָ” — פון לאָזן גיין ווי עס גייט, וועט אויף דעם געביט, ווי אויף אַלע אַנדערע, ווו עס ווערט אָנגעווענדט דער דאָזיקער כּלל, דער שטאַרקערער איינשלינ־גען דעם שוואַכערן, ד. ה. די גרויסע נאַציאָנאַלע מערהייט וועט אסימילירן די קליינע נאַציאָנאַלע מינדערהייט. דער ענדגילטיקער רעזולטאַט וועט דעריבער ביי אַזאַ רעזשים אין זייער א גרויסער מאָס אָפּהענגען פון דער צאָל פון דער נאַציאָנאַלער מינדערהייט, פון איר ווילן צו לעבן, פון איר נאַציאָנאַלן באַוווּסטזיין, פון אירע אינערלעכע נאַציאָנאַל־שעפערישע כּוחות, פון איר אָרגאַניזירטקייט, פון איר גרייטקייט אויף מאַטעריעלע און אַנדערע קרבנות, ווי אויך פון דער גייסטיקער און מאַטעריעלער שטי־צע, וואָס זי וועט באַקומען אין קאַמף פאַר איר נאַציאָנאַלן קיום פון די אויסלענדישע קיבוצים פון אייגענער נאַציאָנאַליטעט.

דער דערפאָלג פון א יידישן קיבוץ אין קאַמף פאַר זיין נאַציאָנאַלן קיום וועט נאָך אָפּהענגען פון דעם, צי אחוץ אים זיינען אין לאַנד פאַראַן נאָך אַנדערע מינדערהייטן, אָדער ער איז פאַרקערט דער איינציקער קיבוץ אַזעלכער און וויל אויפהאַלטן זיין אייגענעם נאַציאָנאַלן פּנים צווישן א נאַציאָנאַל־איינהייטלעכער ניט־יידישער באַפעלקערונג. ביי א גלייכער צאָל וואָלט איך דעריבער געהאַלטן פאַר זיכערער דעם נאַציאָנאַלן קיום פון א יידיש־רעדנדיקער באַפעלקערונג למשל אין בעלגיע, ווו בירגער־שאַפט ווערט ניט אידענטיפיצירט מיט שפּראַך און קולטור, מחמת עס זיינען פאַראַן פראַנצויזיש־רעדנדיקע (וואַלאָנען) און פלעמיש־רעדנדיקע (פלאַמאַנדער) בעלגישע בירגער, ווי אין אַזאַ נאַציאָנאַל כּמעט איינהייט־

לעכן לאנד ווי פראנקרייך, ווו דער באגריף פראנצויז באדייט דעריבער גלייכצייטיק ווי פראנצויזישע בירגערשאפט אזוי אויך פראנצויזישע קול־טור.

***

די ענדערונגען אין נאציאנאלן באשטאנד פון פארשידענע אייראפע־אישע מלוכות, וואס האבן געבראכט די צווייטע וועלט־מלחמה, זיינען דע־ריבער בכלל געווענע זייער ניט גינסטיק פארן נאציאנאלן קיום פון זייערע יידישע קיבוצים. דורך די נייע מלוכה־גרענעצן און דורך מאסן־ארויס־טרייבונג פון גאנצע פעלקערשאפטן זיינען א ריי לענדער פון נאציאנאל־געמישטע פארוואנדלט געווארן אין נאציאנאל־איינהייטלעכע אדער איינ־הייטלעכערע מלוכות. אזוי למשל איז פוילן, ווו פאר דער מלחמה האבן די נאציאנאלע מינדערהייטן (אוקראינישע, יידישע, דייטשישע, ווייס־רו־סישע, ליטווישע און אנדערע) באטראפן א דריטל פון דער באפעלקערונג, איצט געווארן א נאציאנאל־איינהייטלעכע מלוכה מיט א פארשווינדנדיקער יידישער מינדערהייט. דאס זעלביקע איז געשען מיט טשעכאסלאוואקיע און אין א ברייטער מאס אויך מיט רומעניע און מיט אונגארן. ביי דעם טא־טאליטארן רעזשים פון אט די לענדער און ביי דער איזאלאציע, וואס טיילט אפ די דארטיקע יידישע ישובים פון דער גאנצער יידישער וועלט, שטעלט זיי אט די אליינקייט זייערע צווישן אן איינהייטלעכער ניט־יידי־שער באפעלקערונג דירעקט אין געפאר צו פארשווינדן.

פון דער אנדערער זייט ווידער דארף מען פארצייכענען דעם אוי־סערסט וויכטיקן פאקט, וואס די פארשידענע מערב־אייראפעאישע מלוכות גייען קעגנווערטיק מיט גיכע טריט צו פ ע ד ע ר א צ י ע (ווי למשל בענעלוקס) און אפשר טאקע צו אן אלגעמיינער מערב־אייראפעאישער פע־דעראטיווער מלוכה־ארדענונג, אין אזא אדער אן אנדער פארם. וואס עס זאלן ניט זיין די באהאלטענע כוונות פון געוויסע פראמאטארן פון דער מערב־אייראפעאישער פעדעראציע, האט אבער יעדע זאך איר אייגענע לאגיק, און אין דעמאקראטישע לענדער געהערט דאס לעצטע ווארט דער ברייטער עפנטלעכער מיינונג. זאל דעריבער ניט קומען צו א נייער וועלט־מלחמה, וועלן שוין אויפן וועג צו אזא פעדעראציע געשאפן ווערן געמיינ־זאמע איינריכטונגען פון פארשידענע לענדער; עס וועלן אפגעשוואכט ווערן די גרענעצן און צאל־באריערן צווישן די באזונדערע מלוכות; עס וועט זיך פארשטארקן צווישן זיי דער סחורות־אויסטויש (האנדל), דער אויסשטויש פון מענטשן (וואנדערונגען) פון אידייען; עס וועט אפגע־

שוואַכט ווערן דער נאַציאָנאַל־קולטורעלער עקסקלוזיוויזם און די מורא פאַר דער עקזיסטענץ פון נאַציאָנאַלע מינדערהייטן; אין פאַרשידענע מדינות וועלן זיך שאַפן גרעסערע אָדער קלענערע נאַציאָנאַלע מינדער־הייטן. ווען מערב־אייראָפּע זאָל זיך אַמאָל פאַרוואַנדלען אין איין פעדע־ראַטיווער מלוכה (באמת האַלט עס נאָך דערביי ניט, אָבער ווידעראַמאָל, יעדע זאַך האָט זיך איר לאָגיק), וואָלט זיך דעמאָלט גאַנץ אייראָפּע פאַר־וואַנדלט אין אַ לאַנד פון סאַמע נאַציאָנאַל־קולטורעלע מינדערהייטן. די פראַגע וועגן דעם קולטורעלן אויסלעבן זיך פון די נאַציאָנאַלע מינדער־הייטן וועט דעמאָלט ניט זיין באַשרענקט מיט די גרענעצן פון איין נאַ־ציאָנאַלער מלוכה, נאָר וועט זיך שטעלן פאַר דער פעדערירטער געמיינ־שאַפט פון די אייראָפּעאישע פעלקער, און וועט דעריבער האָבן אַלע שאַנסן געלייזט צו ווערן ניט אויפן וועג פון נאַציאָנאַליסטישן עקסקלוזיוויזם, וואָס וויל ניט הערן און ניט וויסן פון די נאַציאָנאַל־קולטורעלע באַדערפע־נישן פון אַן אַנדער פאָלק, ניט אויפן וועג פון געצוווּנגענער אַסימילאַציע, נאָר אויף דעם יסוד פון קעגנזייטיקער פאַרשטענדעניש, איך וואָלט גע־זאָגט אויפן יסוד פון אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט, ווען איך וואָלט ניט מורא געהאַט צו געברויכן אַ וואָרט, וואָס דריקט אויס אַ גרויסאַרטיקן באַגריף, און וואָס איז טאַקע צוליב דעם געוואָרן אַזוי באַנאַל.

דערמיט עפענען זיך אויך נייע פּערספּעקטיוון פאַרן נאַציאָנאַלן קיום פון דער יידישער מינדערהייט אין אייראָפּע.

און גלייכצייטיק גייען די פעלקער פון אייראָפּע מיט ראַשע טריט אויך צום ס אָ צ י אַ ל י ז ם. און לויט אונדזער אַלטער, אָבער בשום אופן ניט פאַרעלטערטער איבערצייגונג, באַדייט דאָך דאָס אויך אָפּשוואַ־כונג פון נאַציאָנאַלע אַנטאַגאָניזמען און ניט נאָר די פאָרמעלע, נאָר טאַקע אויך די ווירקלעכע אָנערקענונג פאַר יעדן פאָלק פון דעם רעכט זיך פריי אויסצולעבן אין זיין נאַציאָנאַלער קולטור.

***

די עקזיסטענץ פון מ ד י נ ת י ש ר א ל וועט, פון איין זייט, מסתמא שטופּן געוויסע טיילן פון די שטאַרק אַסימילירטע יידישע קרייזן אין אייראָפּע אינגאַנצן זיך אָפּצוטרייסלען פון יידנטום. זי וועט בלי ספק אַרויסציען פון אייראָפּע קיין ארץ־ישראל באַדייטנדיקע טיילן פון די יינ־גערע, מער נאַציאָנאַל־געשטימטע און מער נאַציאָנאַל־שעפערישע עלע־מענטן. זי וועט געוויס נאָך לאַנג אָפּציען פון אייראָפּע קיין מדינת ישראל דעם ווייט גרעסטן טייל פון די מאַטעריעלע מיטלען און גייסטיקע כוחות.

וואָס וואָלטן מעבר לים געקומען צו הילף די חרוב־געוואָרענע אייראָפּע־אישע ישובים אין זייער שווערן קאַמף פאַר זייער עקזיסטענץ און פאַר דער אַלגעמיינער אַנטוויקלונג פון דער קולטור אין יידיש. עס איז אָבער זייער וואַרשיינלעך אויך, אַז דער פאַקט פון דער עקזיסטענץ פון אַ יידי־שער רעפּובליק אין ארץ־ישראל וועט אין אַ ברייטער מאָס פאַרטרייבן דעם נאַציאָנאַלן מינדערווערטיקייטס־געפיל ביי פאַרשידענע יידישע קרייזן אויך אין אייראָפּע, און אַז ער וועט אויך אין אייראָפּע וועקן און שטאַרקן דעם נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין און דעם ווילן צו בלייבן יידן און צו אַנטוויק־לען זייער גייסטיקע נאַציאָנאַלע ירושה ביי ברייטערע יידישע באַפעלקע־רונג־שיכטן. עס איז וואַרשיינלעך אויך, אַז אין אַ ווייטערער צוקונפט וועט די יידישע רעפּובליק אין ארץ־ישראל אויך דירעקט, מיט פּאָזיטיווע מעשים און אין פאַרשידענע פאָרמען קומען צו הילף די אייראָפּעאישע ישובים אין זייער קאַמף פאַר זייער נאַציאָנאַל־קולטורעלן קיום.

**
*

אָבער דאָס אַלץ זיינען נאָר אויסזיכטן אויף דער צוקונפט. מעגלעכ־קייטן, גרעסערע אָדער קלענערע וואַרשיינלעכקייטן, דערווייל נאָך בשום אופן ניט קיין זיכערע זאַכן און נאָך ווייניקער אַ שוין צושטאַנדגעקומענע ווירקלעכקייט. דערווייל, ווי מיר האָבן געזען, לויערט אויף אונדז פון אַלע זייטן אַ מאַסן־אַסימילאַציע, און ביז די אייראָפּעאישע יידישע קיבוצים וועלן דערלעבן צו דער בעסערער צוקונפט, מוזן זיי פירן אַ טאָג־טעגלעכן, שווערן, האַרטנעקיקן קאַמף פאַר זייער נאַציאָנאַלן קיום — אויב זיי ווילן בלייבן יידישע קיבוצים. און אַפילו די צוקונפט וועט אין בעסטן פאַל שאַפן בלויז גינסטיקערע מעגלעכקייטן פאַר דער אַנטוויקלונג פון אונדזע־רע קולטור־שעפערישע כוחות; פאַרוואַנדלען יענע מעגלעכקייטן אין אַ ווירקלעכקייט וועלן מיר מוזן נעמען אויף זיך גופא. און מיר וועלן עס קענען דערגרייכן בלויז דורך כסדרדיקע קרבנות, דורך אַ כסדרדיקן שווערן קאַמף קעגן די פאַרשידענע שטערונגען און ראשית טאַקע קעגן די פאַק־טאָרן פון אַסימילאַציע, וואָס אויך אין דער צוקונפט וועלן ווייט ניט אַלע פון זיי פאַרשווינדן.

אָט דעם קאַמף, סיי היינט סיי מאָרגן, וועלן די קליין־געוואָרענע אייראָפּעאישע יידישע ישובים קענען פירן מיט דערפאָלג בלויז דעמאָלט, ווען זיי וועלן זיין אָרגאַניזירט, און בעיקר — ווי איך האָב עס געזאָגט ביי דער דערעפענונג פון דעם אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס — ווען זיי וועלן זיין אָרגאַניזירט אין נ א צ י אָ נ א ל ע ק ה י ל ו ת;

ניט אין רעליגיעזע קהילות, און ניט אין וועלטלעכע, נאָר אין נאַציאָנאַלע, וואָס זאָלן קענען ארייננעמען די גאַנצע יידישע באפעלקערונג, די רעליגיעזע ווי די ניט־רעליגיעזע.

די אויסגעבלוטיקטע און חרוב־געוואָרענע אייראָפּעאישע ישובים אונדזערע טאָרן אָבער בשום אופן ניט געלאָזן ווערן אליין אין דעם דאָזיקן הארטן קאַמף זייערן. די גרויסע און פיל מעכטיקערע יידישע קיבוצים מעבר לים דארפן באטראכטן דעם קאַמף פאר אונדזער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ אין אייראָפּע פאר א וויכטיקן טייל פון דעם קאַמף, וואָס אונדזער פאָלק פירט בכלל פאר זיין קיום, פאר א טייל פון זייער אייגענעם קאַמף פאר זייער נאַציאָנאַלן קיום. און איך גלויב, אז אונדזער פאָלק מעבר לים פארשטייט עס און וועט טאָן דאָס, וואָס אונדזער אחריותפולע עפּאָכע פאָדערט פון אים.

באלד נאָך אונדזער חורבן אין אייראָפּע האָב איך געזאָגט: וועט זיין יידישקייט אין אמעריקע, וועט אויך זיין יידישקייט אין אייראָפּע. איך וועל איצט זאָגן: דער אָנטייל, וואָס זיי נעמען אין קאַמף פאר אונדזער קיום אין אייראָפּע, גיט צו די אמעריקאנער יידישע קיבוצים נאַציאָנאַלן באוווסטזיין, געפיל פון נאַציאָנאַלער סאָלידאריטעט און ווילן צום קאַמף פאר זייער אייגענעם נאַציאָנאַלן קיום. אזוי איז געווען מיט זייער ארבעט פאר דעם ישוב אין ארץ־ישראל; אזוי איז אויך מיט דער ארבעט, וואָס זיי טוען און וועלן טאָן פאר די יידישע ישובים אין אייראָפּע.

„אונדזער צייט“, דעצעמבער 1950.

# באמערקונגען וועגן אנטיסעמיטיזם

## א. — וועגן אנטיסעמיטיזם בכלל

דער אנטיסעמיטיזם איז אן אויסערסט קאמפליצירטע דערשיינונג. פארשידן זיינען די סיבות און די מאָטיוון, וואָס רופן אים ארויס; פאר־שידן זיינען די פאָרמען, וואָס ער נעמט אָן; פארשידן זיינען די מדרגות, ביז וועלכע ער קען זיך ארונטערלאָזן. עס איז פאראן אן אנטיסעמיטיזם א ראסיסטישער און אן אנטיסעמיטיזם א רעליגיעזער, אן אנטיסעמיטיזם אן עקאָנאָמישער און אן אנטיסעמיטיזם א פּאָליטישער, אן אנטיסעמיטיזם אן אינדיווידועלער און א קאָלעקטיווער, א בלוטדורשטיק־ווילדער און א פיין־ציוויליזירטער, א פריוואטער און א מלוכהשער, אן אָפענער און א באהאלטענער א. א. וו. א. א. וו.

אז ער איז ניט סתם א פּראָדוקט פון קאפּיטאליזם, איז קלאָר שוין פון דעם אליין, וואָס ער האָט עקזיסטירט און „געארבעט" (און נאָך ווי געארבעט!) הונדערטער און אפילו טויזנטער יאָרן איידער דער קאפּיטא־ליזם איז אויף דער וועלט געקומען. אז דערביי האָבן כמעט שטענדיק גע־ווירקט עקאָנאָמישע סיבות, איז פאר מיר א היסטאָרישער פאקט. עס איז אָבער אויך א פאקט, אז ניט בלויז עקאָנאָמישע פאקטאָרן האָבן דאָ געווירקט, נאָר אויך א סך אנדערע: פּאָליטישע, רע־ליגיעזע, עמאָציאָנעלע, אינטעלעקטועלע (אומוויסנהייט) א. א. וו. צי האָבן דאָ די עיקרדיקע, דעצידירנדיקע ראָלע געשפּילט די עקאָנאָמישע פאקטאָרן אָדער די אנדערע אָדער אמאָל די עקאָנאָמישע און אמאָל אנ־דערע, — דאָס לאָז איך איבער צו באשטימען יענע „וויסנשאפטלער", וואָס גלויבן, אז זיי פארמאָגן טאקע א מעטער צו מעסטן און א וואָג צו וועגן אזעלכע קאָמפּליצירטע קאָלעקטיוו־פּסיכאָלאָגישע דערשיינונגען ווי דער אנטיסעמיטיזם, אָדער וואָס זיינען אזוי איינגעגלויבט אין זיך אָדער אין זייערע אויטאָריטעטן, אז זיי מיינען אז א פּשוטער דעקרעט, זייערער אָדער א פרעמדער, איז גענוג צו פארבייטן א וויסנשאפטלעכן באוויז. עס

בלייבט אַן אומבאַשריטענער פאַקט, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ פּאַר־פּלאַנטערטער דערשיינונג, וואָס איז אַ פּועל־יוצא פון אַ גאַנצן קנויל סיבות, אומשטענדן, באַדינגונגען און אפילו פּשוטן אַטאַוויזם. דעריבער טאַקע האָט מען אַזוי פיל געשריבן וועגן אַנטיסעמיטיזם און מען וועט נאָך ניט ווייניק שרייבן אין דער צוקונפט. מען באַרירט איין זייט, מען קלערט אויף דעם אָדער יענעם שטריך זיינעם, און ווער ווייס צי מען וועט עס וועגן ניט איז באמת דערגרונטעוועט. טאַקע דעריבער דערלויב איך מיר אויך צו מאַכן איבערן אַנטיסעמיטיזם אַ פּאָר באַמערקונגען. אפשר וועלן זיי אויך העלפן עפּעס אויפצוקלערן אין שייכות מיט אים.

פון דעם וואָס איז דאָ געזאָגט, דאַרף אָבער דער לייענער ניט דרינגען, אַז עס גייט דאָ בלויז וועגן אַ טעאָרעטישער פראַגע. דער אַנטיסעמיטיזם איז, יעדנפאַלס פאַר אונדז יידן, בשום אופן ניט סתם אַן ענין פון אַקאַדעמישער חקירה, און קען אַזוינס ניט זיין. ווי מען וועט דאָ באַלד זען, טראָגן מיינע „באַמערקונגען" אויך ניט קיין אַבסטראַקטן כאַראַקטער.

ב. — צי איז מעגלעך אַנטיסעמיטיזם אין ראַטן־פאַרבאַנד?

אַז צווישן דער באַפעלקערונג פון ראַטן־פאַרבאַנד איז פאַראַן אַנטיסעמיטיזם, דאָס זאָגן איינשטימיק עדות אַלע פּליטים, וואָס זיינען פון דאָרטן אַנטלאָפן. אַ באַווייז פאַר דעם זיינען אויך די האַרבע שטראָפן פאַר אַנטיסעמיטישע אַרויסטרעטונגען, וואָס עס זעט פאָר די סאָוויעטישע געזעצגעבונג. דעם דאָזיקן אַנטיסעמיטיזם האָט דאָס יידישע פאָלק אויפן שרעקלעכסטן אופן דערפילט אונטער דער היטלער־אָקופּאַציע, בעת וועלכער אוקראַינער, ליטווינער און לעטן האָבן זיך זייער אָפט אַרויסגעוויזן נאָך בלוטדורשטיקער ווי די דייטשע ס. ס.־מענער. אפילו נאָך אַ פערטל־יאָרהונדערט ראַטן־מאַכט האָט ביי אַ דור, וואָס איז אויפגעוואַקסן און דערצויגן געוואָרן אין דער סאָוויעטישער אידעאָלאָגיע, זיך נאָך געפונען אַזאַ פאַרביסענע רציחה קעגן יידן.

נאָר ניט וועגן דער באַפעלקערונג איז דאָ די רייד. עס איז זייער וואַרשיינלעך, אַז געפילן, וואָס זיינען געפלאַנצט און קולטיווירט געוואָרן אין משך פון יאָרהונדערטער, קענען אין משך פון איין דור ניט אויסגעוואָרצלט ווערן. די פראַגע איז וועגן דעם רעזשים גופא פון ראַטן־פאַרבאַנד: צי איז איך ראַטן־פאַרבאַנד מעגלעך אַן אָפיציעלער אַנטיסעמיטיזם, אַ רעגירונגס־פּאָליטיק געווענדט קעגן יידן?

די פראַגע האָט זיך, ווי באַוווּסט, געשטעלט אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פאַרניכטונג פון די רעשטן יידישער קולטור און פון די יידישע גע־

זעלשאפטלעכע אָרגאַניזאַציעס אין ראַטן־פאַרבאַנד, מיט דער „ליקווידאַ־ציע" פון די יידישע ליטעראַטן, מיטן אויפדעקן די נעמען פון די יידישע ניט־געווינטשטע פּאַרשטייער פון דער רוסישער ליטעראַטור, מיטן קאַמף קעגן „קאָסמאָפּאָליטיזם", מיטן אויסרייניקן פון יידן דעם העכערן רעגי־רונגס־ און פּאַרטיי־אַפּאַראַט, מיט די ידיעות וועגן גירוש פון יידן פון גרע־נעץ־געביטן.

— אַנטיסעמיטיזם? — האָט מען זיך מיט אומרו געפרעגט.

אייגנטלעך זיינען די פאַקטן געווען אַזעלכע, אַז מ'האָט געקענט זאָגן מיט די ווערטער פון היינריך היינען: „וואָס ווילסט דו, מיין ליבכען, נאָך מעהר?" דאַרף מען דווקא מען זאָל יידן וואַרפן אין גאַז־קאַמערן, כדי צו קאָנסטאַטירן, אַז מ'האָט פאַר זיך אַ פּאָליטיק פון אַנטיסעמיטיזם?

מ'האָט אָבער געטענהט און געטראַכט — און מען טראַכט נאָך איצט אויך — אַז אין ראַטן־פאַרבאַנד איז אַנטיסעמיטיזם אוממעגלעך; קאָמו־ניזם איז לויט זיין עצם אַן אינטערנאַציאָנאַלע אידעאָלאָגיע, און בכן לויט זיין עצם גופא אַ שונא פון אַנטיסעמיטיזם; די סאָוויעטישע געזעצגעבונג קעגן אַנטיסעמיטיזם איז דער בעסטער פאַקטישער באַווייז פאַר דעם.

ווי די פראַנצויזישע קאָמוניסטן מיט זייער צענטראַל־אָרגאַן „ל'הו־מאַניטע" האָבן ניט איינמאָל אין קאַמף קעגן סאָציאַליזם און דעמאָקראַ־טיע געוואָרפן די שלאָג־ווערטלעך ווי „די פּאַרטיי פון די לעאָן־בלומס, דניאל־מייערס און זשול מאָקס", „די רעפּובליק פון די ראָטשילדס" א. ד. גל., — האָט מען דערויף געענטפערט: נו, זיינען זיי שלעכטע קאָמוניסטן.

ווי ווען ראַטן־פאַרבאַנד האָט עס געהאַלטן פאַר צוועקמעסיק, האָט ער געשיקט נאַפט און אַנדערע רוי־מאַטעריאַלן קיין יאַפּאַן בעת דער יאַ־פּאַנישער אַגרעסיע קעגן כינע; ווי ראַטן־פאַרבאַנד האָט אַפילו געשלאָסן דעם באַרימטן מאָלאָטאָוו־ריבענטראָפּ אָפּמאַך און איבערגעגעבן היטלערן אַ העלפט פּוילן צוזאַמען מיט דער דאָרטיקער יידישער באַפעלקערונג, — איז דערויף אויך פאַראַן אַ תירוץ: דאָס איז געשען, כדי אָפּצווענדן די דייטשע קריגס־מאַשין פון זיך און אַריינצוואַרפן היטלערן אין קאַמף אויף טויט מיט די קאַפּיטאַליסטישע דעמאָקראַטיעס.

נאָר אויב אַזוי, טאָ פון וואַנען נעמט זיך די זיכערקייט, אַז ווען סטאַלין זאָל האַלטן פאַר נוצלעך צו ווענדן זיך דירעקט קעגן דער יידישער באַפעלקערונג, זאָל ער צוליב פּרינציפּן זיך אָפּזאָגן פון אַזאַ מיטל?

ענטפערט מען דערויף: ווי אַזוי ק ע ן ער אָבער דאָס האַלטן פאַר נוצלעך, פאַר צוועקמעסיק?

איז טאַקע דאָ דער הונט באַגראָבן.

איך רעד דאָ גאָרניט וועגן סטאַלינס פּערזענלעכער איינשטעלונג בנוגע צו יידן און צום יידישן פאָלק, הגם ווי עס ווייזט זיך איצט ארויס, איז וועגן דעם אויך דאָ וואָס צו זאָגן; די פראגע איז וועגן סטאַליניזם בכלל: צי קען דער סטאַליניזם פירן אן אנטיסעמיטישע פּאָליטיק?

זייט היטלערן, אז מען רעדט וועגן אנטיסעמיטיזם, האָט מען גע־ווײנלעך אין זינען איין געוויסן מין אנטיסעמיטיזם: דעם ר א ס י ס ־ ט י ש ן. מען פארגעסט דערביי, אז אנטיסעמיטיזם האָט עקזיסטירט פאר און נאָך היטלערן, און אז א חוץ דעם ראסיסטישן אנטיסעמיטיזם זיינען פאראן נאָך א סך אנדערע מינים פון אנטיסעמיטיזם. כדי ניט אוועקצוגיין ווייט אָן א זייט, איז דאָ כדאי צו דערמאָנען בלויז דעם אנ־טיסעמיטיזם פון צארישן רוסלאנד.

דאָס איז ניט געווען קיין ראסיסטישער אנטיסעמיטיזם. א ייד, וואָס האָט זיך געשמדט, האָט באלד געהאט אלע „פּראַוועס" און געקענט ווערן אפילו א גענעראל אין דער צארישער ארמיי אָדער א פּראָפעסאָר אין א קייזערלעכן אוניווערסיטעט. א יידישער גביר, „א סוחר פון דער ערשטער גילדע" האָט אויך געהאט ברייטע רעכט. דער צארישער אנטיסעמיטיזם איז אויך ניט געווען געווענדט קעגן דער יידישער רעליגיע. דער אנטיסע־מיטיזם אין צארישן רוסלאנד, דערהויפּט זייט דעם לעצטן פערטל פון נײַנצענטן יאָרהונדערט, איז געווען בעצם א פּ אָ ל י ט י ש ע ר: דער רעזשים האָט צו יידן קיין פּאָליטישן צוטרוי ניט געהאט. ער האָט זיי געהאלטן פאר א פּאָליטיש ניט־זיכערן, „ניעבלאַגאָנאַדיאָזשני" עלעמענט. האָט ער זיי דעריבער געדרודפט און ניט געלאָזט אויפהויבן דעם קאָפּ. א יידישער פּראָפעסאָר, אפילו סתם א יידישער לערער וואָלט, לויט דער אָפיציעלער טערמינאָלאָגיע, „דעמאָראַליזירט די יוגנט"; א יידישער איני־טעליגענט איז פאר אים געווען אָנגעשטאָפּט מיט „ליבעראַלע אידייען"; א יידישער סטודענט, א יידישער ארבעטער זיינען אין זיינע אויגן געווען „קראַמאָלניקעס", רעוואָלוציאָנערן. אויב עמעצער האָט זיך געשמדט, האָט דאָס פארן צאריזם געהאט א ווערט ניט אזויפיל דערפאר, וואָס ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון משה־רבנוס גלויבן, ווי דערפאר וואָס ער האָט אין דעם איינגעזען מצד דעם געשמדטן אן עפנטלעכן ריס מיטן פיינטלעכן יידישן כלל, און אפשר אויך א באַווייז פון א מער אָפּאָרטוניסטישן, מער ניכטערן, „באַלעבאַטישן" צוגאנג צום לעבן און בכן אויך א דערווייטערטן פון „רע־וואָלוציאָנערע חלומות".

און אין ד ע ם קוק זיינעם אויף דער יידישער באַפעלקערונג אין די לעצטע צוויי דורות פון זיין עקזיסטענץ איז דער צאריזם גראד געווען גע־

רעכט: די יידן זיינען טאקע ניט געווען קיין „בלאגאָנאַדיאָזשני עלעמענט". די דריי אידעאָלאָגישע ים־וואלפישן, אויף וועלכע עס האָט זיך געהאלטן דער צאריזם, „אליין־הערשאפט, פראוואָסלאוויע און גרויס־רוסישער נאַציאָנאליזם", האָבן ווייניק וואָס געזאָגט דער יידישער נשמה, און די גלייכבארעכטיקונג פון די יידן אין די דעמאָקראַטישע מערב־לענדער, ביי זייער רעכטלאָזיקייט און דערנידערונג אין דער צארישער אימפעריע, האָט פון זיי קיין באגייסטערטע אונטערטאנען פון רוסישן צאר ניט געקענט מאכן. האָט דער רעזשים זיך צו זיי באצויגן ווי צו א פארדעכטיקן און אָפט טאקע ווי צו א פיינטלעכן עלעמענט.

אין ענלעכע לאגע, הגם דורך אנדערע סיבות, האָט זיך די לעצטע יאָרן געשאפן אין ראטן־פארבאנד.

די סאָוויעטישע מלוכה איז אויפגעקומען אין רעזולטאט פון א בירגער־קריג. דאָס האָט דאָרטן לכתחילה געשאפן אן עקזאלטירטן ס אָ וויעטישן פּ א ט ר י אָ ט י ז ם. דער פּאטריאָטיזם איז געוואקסן צוזאמען מיטן שווערן בויען דעם סאָוויעטישן „סאָציאליזם", און דערגרייכט זיין העכסטע שטופּע בעת דער מלחמה אויף לעבן און טויט קעגן היטלערן. פון פּאטריאָטיזם צו נ א צ י אָ נ א ל י ז ם איז שוין דער מהלך ניט קיין גרויסער, און דער סאָוויעטישער רעזשים האָט עס טאקע אריבערגעשפּרייזט צוזאמען מיט דעם, ווי עס האָבן זיך פארשארפט די באציאונגען מיט די מערב־מלוכות. עס האָט זיך אנטוויקלט דער קולט שוין ניט נאָר פון די סאָוויעטישע פירערס, נאָר אויך פון די אמאָליקע, צארישע אָדער גרויספירשטלעכע, אָבער ר ו ס י ש ע קריגס־פירער, גענעראלן און געלערנטע. מען גלאָריפיצירט אין פילמען, אין דער פּאָעזיע דעם הייליקן פירשט אלעקסאנדער נעווסקין, איוואן דעם גרויזאמען, דעם גענעראל סוואָראָוון. מ'הויבט אָן דערווייזן, אז ניט בלויז די סאָוויעטישע וויסנשאפט שטייט העכער פון דער קאפּיטאליסטישער, נאָר אז בכלל די גרעסטע וויסנשאפטלעכע אנטדעקונגען און דערפינדונגען האָט דער מערב בלויז געגנבעט ביי די ר ו ס י ש ע געלערנטע פון 18טן און 19טן יאָרהונדערט, ד. ה. פון די צארישע, גאָר ניט סאָוויעטישע צייטן. אראָפּרייסן דעם פּרעסטיזש פון מערב און פארקערט גלאָריפיצירן דאָס אייגענע רוסישע איז געוואָרן דער געבאָט פאר דער ליטעראטור און פּובליציסטיק. אָביעקטיוויזם אין באצוג צו די אייראָפּעאישע אָדער אמעריקאנער לענדער און פעלקער ווערט געשטעמפּלט מיטן נייעם זידל־וואָרט ק אָ ס מ אָ פּ אָ ל י ט י ז ם.

מוזן מיר דאָך מודה זיין, אז אָט דעם נייעם, רוסיש־נאציאָנאליסטישן עטאַפּ פון דעם סאָוויעטישן רעזשים האָבן יידן מיטן גאנצן הארצן ניט געקענט מיטמאכן. שוין פריער, ווען איציק פעפער און פשוטע פעפערלעך האָבן אין געגראַמטע און ניט געגראַמטע פּיוטים פארגעטערט סטאלינען, האָט בלי ספק די יידישע באפעלקערונג אין אזא עבודה זרה גענומען ניט קיין הייסערן אָנטייל ווי זייערע אָבות אין דעם קולט פון דעם משוגענעם רוימישן קייזער קאליגולא. היינט אז מ׳האָט גענומען גלאָריפיצירן דעם הייליקן פירשט אלעקסאנדער נעווסקין, דעם יידן־מערדער באָהדאן כמיעלניצקין און דעם תליון פון דער אמאָליקער פוילישער זעלבסטשטענדיקייט דעם גענעראל סוואָראָוו, ווי האָבן געקענט דערמיט זיך באגייסטערן די יידישע מאסן און אפילו די יידיש־סאָוויעטישע אינטעליגענץ? שוין פריער איז דער קאמף קעגן טראָצקיזם אין א גרויסער מאָס געווען געווענדעט קעגן די יידישע קאָמוניסטן, וואָס האָבן ווייניקער ווי אנדערע געקענט מיטמאכן דעם סטאלין־קולט. אין דער לעצטער צייט איז דער קאמף קעגן קאָסמאָפּאָליטיזם פאקטיש אין דער ערשטער ליניע געווענדט קעגן דער יידישער אינטעליגענץ, וואָס קען א סך ווייניקער ווי אנדערע מיטמאכן דעם נייעם קורס פון גרויס־רוסישן נאציאָנאליזם.

דערצו קומט צו נאָך איין וויכטיקער, אפשר דער וויכטיקסטער, אומשטאנד. צוליב געוויסע טעמים, גערעכטע אָדער אומגערעכטע איז דאָ ניט וויכטיק, האלט דער סאָוויעטישער רעזשים דעם ראטן־פארבאנד אָפּגעזונדערט פון דער וועלט מיט אן „אייזערנעם פאָרהאנג״. אין יוצא ואין בא, כמעט קיינער און קיין זאך קומט פון דאָרטן ניט ארויס און קומט ניט אריין. דאָס סאָוויעטישע פאָלק און די פעלקער פון די סאטעליטן־לענדער ווערן געהאלטן אין דער איבערצייגונג, אז ארום און ארום זיינען זיי ארומגערינגלט מיט שונאים און אז אין שפּיץ פון די שונאים שטייט אמעריקע. צום אונטערשייד פון אנדערע פעלקער פון ראטן־פארבאנד, איז אָבער דאָס יידישע פאָלק א וועלט־פאָלק; בלויז א טייל פון אים וווינט אין דעם סאָוויעטן־לאנד און דער גרעסטער טייל זיינער לעבט גראָד אין דעם לאנד פון דעם „ערגסטן שונא״, אין אמעריקע, לעבט דאָרטן גאָרניט שלעכט און פארנעמט דאָרטן גאָר א וואזשנעם פּלאץ אויף די פארשידנסטע געביטן פון געזעלשאפטלעכן לעבן. די לעצטע צייט איז אויך אויפגעשטאנען מחוץ דעם ראטן־פארבאנד א יידישע מלוכה אין ארץ־ישראל, און צו דער מדינה ציען זיך א סך יידישע הערצער. די סאָוויעטן־מאכט ווייסט און פארשטייט אויסגעצייכנט — פון נאראָנים

באשטייט זי אוודאי ניט — אז יידן קענען ניט זען און זעען ניט אין די פאראייניקטע שטאטן דעם פיינט נומער איינס, אז זיי זעען אין זיי בכלל ניט קיין פיינט, און אז מדינת ישראל איז אין זייערע אויגן שוין געוויס ניט קיין פיינטלעכע וועלט. זיינען די יידן פאר דער סאָוויעטישער מאכט, ווי אמאָל פארן צאריזם, א פארדעכטיקער, פאָליטיש ניט זיכערער, „ניע־בלאגאנאדיאָזשני" עלעמענט. און מיט פאָליטיש ניט זיכערע עלעמענטן שפילט זיך ניט די סאָוויעטן־מאכט; אנטקעגן אזעלכע עלעמענטן זיינען פאראן אויסגעפּרובירטע באָלשעוויסטישע מעטאָדן.

מוז מען יידן באזייטיקן פון פירנדיקע שטעלעס אין דער רויטער אר־מיי און אין מלוכהשן און פארטייאישן אפאראט. מוז מען זיי באצייטנס ארויסטרייבן פון באדראָטע געגנטן. מוז מען פון זייער דעמאָראליזירנדיקן איינפלוס, פון דעם „קאָסמאָפּאָליטיזם" זייערן, פארהיטן דעם לייענער פון דער סאָוויעטישער ליטעראטור און פרעסע, דעם באזוכער פון די סאָוויע־טישע קינאָס. און דער עיקר מוז מען ביי די יידן גופא ארויסרייסן פון הארצן זייער יידישקייט, דאָס געפיל פון צוגעהעריקייט צו א יידישן וועלט־פאָלק, איבעררייסן יעדן קאָנטאקט זייערן מיט דער אויסערלעכער יידישער וועלט, פארטיליקן אין לאנד גופא אלע שפורן פון א יידישן נאציאָנאלן לעבן, פון יידישער טראדיציע, פון יידישער קולטור, ליטעראטור, טעאטער, רעליגיע, — מיט איין וואָרט, פון אלץ וואָס פאראייניקט זיי מיטן אויסער־סאָוויעטישן יידישן פאָלק, און אויב עס איז נויטיק — און געוויס איז עס נויטיק — פארניכטן צוזאמען מיט דעם אויך די שעפער און טרעגער פון אזא קולטור און נאציאָנאלן יידישן לעבן. און אזוי ווערן יידן און יידיש־קייט גערודפט שוין דערפאר אליין, וואָס דאָס זיינען יידן און יידישקייט.

פארשטייט זיך, דאָס אלץ דארף געטאָן ווערן ניט אונטערן נאָמען אנטיסעמיטיזם. פארן אָנרופן עס אנטיסעמיטיזם וועט מען אין סאָוויעט־רוסלאנד גיין ווו פעפער וואקסט, אָדער ווו פעפער (איציק) ליגט. דאָס מוז געטאָן ווערן אונטערן נאָמען פון קאמף קעגן „קאָסמאָפּאָליטיזם". אָבער פארן פיש איז דען א גרויסער חילוק, צי מען פּרעגלט אים אין פּו־טער אָדער אין סמעטענע? אבי מען פרעגלט אים. און אין דער מארקסיס־טישער שול האָבן מיר אויך געלערנט, אז וויכטיק איז ניט דאָס וואָס גע־זעלשאפטלעכע שטרעמונגען זאָגן, אָדער אפילו טראכטן, וועגן זיך, נאָר דאָס וואָס זיי טוען. און דאָס, וואָס ווערט אין סאָוויעט־רוסלאנד געטאָן בנוגע יידן, איז דיקטירט טאקע ניט דורך א ראסיסטישן אנטיסעמיטיזם, נאָר דורך אן אנטיסעמיטיזם געבויט אויף פאָליטישע מאָטיוון. ווי אין אמאָליקן צארישן רוסלאנד נאָר מיט אנדערע טעמים, איז דאָס א פּאָלי־

טישער אנטיסעמיטיזם. טאקע ניט אין פוטער, אָבער אין סמעטענע פרעגלט מען דעם יידן.

און דאָס איז איצטער, ווילאנג קיין דירעקטע מלחמה צווישן מזרח און מערב איז נאָך ניטאָ. איך האָף מיטן גאנצן הארצן, אז עס וועט צו א דריטער וועלט־מלחמה ניט קומען. אָבער א שוידער נעמט דורך, ווען מען גיט א טראכט, וואָס וואָלט ווערן פון דער יידישער באפעלקערונג אין ראטן־פארבאנד, אויב אזא מלחמה זאָל יאָ אויסברעכן. איך וויל אוודאי זיין א פאלשער נביא, אָבער איך האָב שטארק מורא, אז אין פאל פון א נייעם וועלט־קריג וועט דער יידישער ישוב אויף יענער זייט פאָר־האנג האָבן ניט קיין בעסערן גורל ווי די „קאָמונע פון די וואָלגא־דייטשן" בעת דער מלחמה קעגן היטלערן. וואָס וואָלט אין פאל פון אזא מלחמה געוואָרט אויף די יידן אין אמעריקע און אנדערע לענדער, איז א קאפיטל פאר זיך. זאָל בעסער צו דעם ניט קומען.

ג. — וועגן אנטיסעמיטיזם ביי יידן

יאָ, עס איז דאָ אנטיסעמיטיזם אויך ביי יידן גופא.

און איך האָב דאָ אין זינען ניט אינדיווידועלע בייזוויליקע פאררעטער, וואָס צוליב פערזענלעכער שנאה אָדער פאר א טעפל לינדזן פארקויפן זיי זייערע ברידער און זייערע טאטע־מאמע צו די ערגסטע צוררי ישראל. דאָס איז א פשוטע, נידעריקע דערשיינונג, וואָס געהערט צו געמיינער פארברעכערישקייט, און וואָס איבער דעם איז ניטאָ וואָס זיך צו וווּנדערן. נאָך אין דער צייט פון פאר דער ערשטער וועלט־מלחמה, בעת אין פוילן האָט מען מיט א ברייטער האנט פארזייט די גיפטיקע זוימען פון „פראָ־גרעסיוון אנטיסעמיטיזם" (וואָס דער טעם פון זייערע פירות האָבן מיר אזוי ביטער דערפילט אין שפּעטערדיקן אומאָפּהענגיקן און דורך היטלערן אָקופּירטן פוילן), האָט דער יידיש־פוילישער פובליציסט לעאָ בעל־מאָנט געשריבן וועגן א יידן, וואָס פלעגט אונטער א פוילישן פסעוו־דאָנים (צו וואָס דערמאָנען דאָ זיין פיינעם נאָמען?) צושטעלן דער פויל־ישער פרעסע די גיפטיקסטע אנטיסעמיטישע ארטיקלען:

— ווייבאלד אנטיסעמיטיזם איז געוואָרן א גאנגבארע סחורה, איז וואָס דער ווּנדער, אז עס האָט זיך געפונען א זשידעק, וואָס מאכט דער־מיט אויך א געשעפט?

ניט וועגן דעם מין אנטיסעמיטיזם רעד איך. איך האָב אין זינען אן אנטיסעמיטיזם א קאָלעקטיוון, אן אנטיסעמיטיזם וואָס כאפּט ארום ברייטע יידישע קרייזן, אויב ניט גאנצע ישובים, וועלכע זעען אין יידן אלדאָס בייז, וועלכע האלטן זיי פאר א נידעריקערן עלעמענט, מאכנדיק

דערביי נאטירלעך אן אויסנאם — ווי אלע אנטיסעמיטן בנוגע זייערע יידעלעך — פאר זיך אליין.

האָט מען עס דען, איידער היטלער איז געקומען צו דער מאכט, ניט געפילט אין דייטשלאנד מצד א סך דייטשע יאהודים אין באציאונג צו די „אָסט־יודען"? איז דען דערמיט ניט געווען דורכגעדרונגען די האלטונג פול מיט עקל און פאראכטונג, וואָס די רייכע „פּאָליאקן פון משהס גלויבן" פלעגן כסדר ארויסווייזן בנוגע די „פינצטערע יידישע מאסן" און זייער „מיאוסן זשארגאָן"? אין זייער באציאונג צו די יידישע פאָלקס־מאסן און זייער לשון איז, לויט מיינע פערזענלעכע איינדרוקן, געווען אפילו א סך מער אנטיסעמיטיזם, א סך מער פאראכטונג און נאציאָנאלער ווידערווילן ווי אין דער באציאונג פון פוילישן פריץ צו דעם זעלביקן יידישן מאסן־מענטשן. מיט אלע מיטלען האָבן זיי געזוכט צו באהאלטן זייער אייגענע יידישע נאָז, אין פיזישן און גייסטיקן זין פון וואָרט; זיי פלעגן זיך פילן געחנפעט, ווען זיי פלעגן הערן אז זיי זיינען גאָרניט ענלעך צו א יידן; און פלעגן זיין גליקלעך און שטאָלץ, אויב זיי פלעגן באמת האָבן א גויישן פנים און א פאמיליע־נאָמען, וואָס ענדיקט זיך ניט מיט „מאן", נאָר מיט „סקי".

נאָר סוף כל סוף האָבן די דאָזיקע משה־רבנוס פּאָליאקן געהאט גאנץ ווייניק מאכט, און פון זייער בלאָזן פון זיך פלעגן די יידישע פאָלקס־מאסן און פאָלקסטימלעכע אינטעליגענץ ווייניק וואָס נתפעל ווערן. איז דאָס געווען אן אנטיסעמיטיזם א גראָטעסקער, אָבער ניט קיין באזונדער שעדלעכער.

א סך, א סך ערנסטער איז די לאגע מיט אן אנדער מין יידישן אנ־טיסעמיטיזם, מיטן אנטיסעמיטיזם אין מדינת ישראל.

יאָ, אנטיסעמיטיזם אין מדינת ישראל.

דער ישוב אין ארץ ישראל איז אויפגעקומען ווי א רעאקציע קעגן גלות, מיט דעם באשלוס, ווי עס זאָגט זיך אין דעם אלטן רוסישן רעוואָ־לוציאָנערן הימן, זיך אָפּצוזאָגן פון דער אלטער וועלט, אָפּצוטרייסלען איר שטויב פון די פיס; און אונטער „דער אלטער וועלט" האָבן די חובבי ציון און שפּעטער די ציוניסטן פארשטאנען דעם גאנצן יידישן לעבן־שטייגער אין די גלות־לענדער; דעם איבערגעבורט פון יידישן פאָלק האָט מען גרונד־זעצלעך, פּרינציפּיעל פארבונדן מיטן אויפבוי פון הייליקן לאנד, און ביידע צוזאמען האָט מען פארבונדן מיט דער אויפלעבונג פון דער העברעאישער שפּראך, מיט דעם פארוואנדלען זי אין אן אומגאנג־שפּראך פון טאָג־טעגלעכן לעבן.

אין אָנפאנג, בעת די יידישע איינוואנדערונג אין ארץ ישראל איז נאָך געווען א קליינינקע, אַן איינוואנדערונג פון אחד מעיר ושנים ממשפחה, האָט דער גלות יערלעך געשטיצט די פּאלעסטינער קאָלאָניזאַציע מיט טויזנטער רובלס, פונטן אָדער דאָלארס; שפּעטער, ווען דער ישוב און די איינוואנדערונג האָבן אָנגענומען א ברייטערן כאראקטער, האָט שוין דער גלות געגעבן מיליאָנען אז עס איז אויפגעשטאנען די יידישע מלוכה און עס האָט אויסגעבראָכן דער קריג מיט די אראבער, האָט די שטיצע פון גלות שוין דערלאנגט אין די הונדערטער מיליאָנען; היינט צו טאָג פאָדערן זיך שוין ציפערן פון מיליארדן. איך ווייס ניט, און קיינער ווייס עס ניט, ווי לאנג דער גלות וועט אויסהאלטן די וואקסנדיקע קאָנטריבוציע, וואָס עס לייגן אויף אים ארויף דער פאנטאסטיש ראשער פונאַנדערבוי פון מדינת ישראל, איר פארטיידיקונג קעגן פאקטישע און מעגלעכע שונאים, איר וואקסנדיקער מלוכהשער און פארשידנארטיקער געזעלשאפטלעכער אפּאראט אין און מחוץ לארץ־ישראל. מעגלעך, אז פאר ארץ־ישראל איז דאָס א ל ץ טאקע נויטיק (פון דערוויילנס איז מיר שווער וועגן דעם צו אורטיילן); מעגלעך אויך, אז געוויסע קלענערע ישובים אין גלות האָבן אויך פון דעם גרויסע נוצן. א פאקט איז אָבער, אז בכלל גענומען ווערן דורך דעם אין די גלות־לענדער איינגעשרומפּט נויטיקע סאָציאלע, קולטורעלע און פילאנטראָפּישע יידישע אינסטיטוציעס, עס ווערן ניט געגרינדעט נייע איינריכטונגען און עס ווערן ניט רעאליזירט וויכטיקע פּראָיעקטן, וואָס זיינען נויטווענדיק כדי צו אנטוויקלען, און אפילו נאָר אויפצוהאלטן דעם באדראָטן יידישן נאציאָנאלן קיום אין די תפוצות ישראל. כדי דאָס צו בארעכטיקן, האלט מען כסדר אונטער די אלטע שלילת הגלות, וואָס באדייט ניט בלויז דאָס איגנאָרירן דעם גלות, נאָר אויך א ביטול און פאראכטונג צום גלות־יידנטום מיט זיינע אייגענע לעבנס־באדערפעניש.

ענלעך, אָבער א סך ערגער איז אויף דעם געביט פון דער ש פּ ר א ך־פראגע. אין אָנפאנג, בעת דער נייער ישוב איז נאָך באשטאנען פון יחידי סגולה, איז דער איבערגאנג צו העברעאיש בעיקר (הגם אויך דעמאָלט ניט אויסשליסלעך) געווען אן ענין פון זעלבסט־דיסציפּלין, פון אן עול וואָס מ׳האָט פרייוויליק גענומען אויף ז י ך אליין. שפּעטער, צוזאמען מיט דעם ווי די איינוואנדערונג האָט אָנגענומען א ברייטערן אומפאנג, האָט מען די העברעאישע שפּראך גענומען אָנווארפן אויך יענע, וואָס האָבן גערעדט יידיש און פרעמדע שפּראַכן; ספּעציעל יידיש האָט מען ניט געלאָזט אויפהויבן דעם קאָפּ, מחמת מ׳האָט אין איר געזען א סכנה פאר

העברעאיש. נאָך דעם שרעקלעכן חורבן פון אייראָפּעאישן יידנטום האָט זיך געהאַט גערוכט, אַז צוליב פּיעטעט צו די מיליאָנען אומגעקומענע יידיש־ריידנדיקע טאַטע־מאַמעס, ברידער און שוועסטער, פרויען און קינדער, און טאַקע אויך אַ דאַנק דעם, וואָס דורכן חורבן איז שוין יידיש מער ניט געווען אַזאַ געפאַר פאַר העברעאיש, וועט די מערכה פון יידיש אין ארץ־ישראל אַביסל אויפגעריכט ווערן. דאָס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן אַ פאַלשע האָפענונג. גלייכצייטיק, דורך דער גרויסער איינוואַנדערונג זייט עס איז אויפגעקומען מדינת ישראל, איז אומגעהויער אויסגעוואַקסן די צאָל מענטשן, וואָס יידיש איז די צונג אין זייער מויל, וואָס יידיש רעדט זייער האַרץ און יידיש רעדט זייער מוח. די באַדערפעניש אין יידישן וואָרט, דעם גערעדטן, געשריבענעם, געזונגענעם, איז קאָלאָסאַל אויסגעוואַקסן. נאָר דאָ האָט שוין מדינת ישראל מיטן כוח פון מלוכה־מאַכט זיך אַנטקעגנגעשטעלט אונדזער וווּנדערבאַרן יידישן מאַמע־לשון. ניט דערלאָזן ווערט יידיש אין שול, ניט דערלאָזן אין מלוכה־לעבן, אין עפנטלעכן קולטור־לעבן, באַגרענעצט און געשטיקט מיט פאַרשידענע צבויאַצקע אויסריידן ווי דעוויזן, פּאַפּיר א. ד. גל. אפילו אין פּריוואַט־קולטורעלע אונטערנעמונגען ווי פּרעסע, טעאַטער־פאָרשטעלונגען, קאָנצערטן א. א. וו.

און יידיש ווערט אין דער יידישער מדינה גערודפט ניט דערפאַר, וואָס זי זאָל כלומרשט זיין אַ „גרילצנדיקער לשון"; פאַרן יידישן אויער איז זי אוודאי ניט גרילצנדיקער ווי עברית בהברה ספרדית. און אויך ניט דערפאַר, וואָס זי זאָל זיין אַ „פרעמדע שפּראַך"; פרעמדע שפּראַכן ווערן אין מדינת ישראל אַ סך מער טאָלערירט ווי יידיש. זי ווערט גערודפט גראַד דערפאַר, וואָס זי איז אָן א ײ ג ע נ ע , א ײ ד י ש ע שפּראַך, וואָס זי איז נאָענט צום יידישן האַרצן, וואָס זי איז די שפּראַך פון יידישן האַרצן, פון יידישן ליידן און האָפן, פון יידישן דענקען און שאַפן אין משך פון די לעצטע יאָרהונדערטן, און וואָס ד ע ר י ב ע ר זעט מען אין איר אַ סכנה פאַר העברעאיש. איך מיין, אַז זי איז פאַר העברעאיש גאָרניט קיין סכנה. איך מיין, אַז זי גאַראַנטירט גראַד דעם גייסטיקן המשך פון דער יידישער געשיכטע, און אַז אַ געשיכטע פון יידן אָן אַ המשך וואָלט שוין ניט געווען קיין אמתע יידישע געשיכטע, און יידן אָן אַ גייסטיקן המשך וואָלטן מער קיין אמתע יידן ניט געווען; איך מיין אויך, אַז יידיש אין מדינת ישראל האַלט אויף דעם גייסטיקן באַנד צווישן דעם יידישן פאָלק אין זיינע תפוצות און אין ארץ ישראל, און אַז אָן דעם גייסטיקן באַנד מיט דעם רוב מנין פון יידישן פאָלק אין די גלות־לענדער קען דאָס יידישע פאָלק אין מדינת ישראל גופא בשום אופן ניט זיין אָן

אמת ייִדיש פאָלק (אויב עס זאָל בכלל זיין). נאָר יאָ א סכנה ניט א סכנה, און ווי שיין און פיין עס זאָלן דערביי ניט זיין די כוונות פון די וואָס שטיקן ייִדיש, בלייבט אָבער א פאקט, אז אין דער ייִדישער מדינה ווערט געטראָטן מיט די פיס איינס פון די עלעמענטארסטע מענטשן־רעכטן פון מאסן ייִדישער באפעלקערונג, דאָס רעכט זיך פריי צו באנוצן מיט מאמע־לשון; עס בלייבט א פאקט, אז ייִדיש, טאקע ווייל זי איז א ייִדישער מאַ־מע־לשון, איז אין דער ייִדישער מדינה א סך מער רעכטלאָז, אז זי ווערט דאָרטן אָן אן ערך מער געיאָגט און געפלאָגט ווי למשל אין דעם אנטי־סעמיטישן, האלב־פאשיסטישן פארמלחמהדיקן פוילן.

כדי זיך צו בארעכטיקן, קומט אויס צו דערנידעריקן אין ארץ־ישראל און אין חוץ לארץ די דאָזיקע „גרילצנדיקע" שפּראך, דערנידעריקן צוזאַ־מען מיט דעם אויך דעם טרעגער אירן, דעם גלות־ייִד. איז וואָס איז דער ווונדער, אז אין ארץ־ישראל איז אויפגעקומען א נייער דור, „סאברעס" און ניט סאברעס, אשר לא ידע את יוסף, וועלכער קען ניט דעם היסטאָ־ריש געגעבענעם ייִדן, דעם אזוי־גערופענעם גלות־ייִדן וואָס האָט אין משך פון טויזנטער יאָרן, אין איבערמענטשלעכע צרות און פיין אויסגעטראָגן און אויסגעכאָוועט די ייִדישקייט, געשאפן דעם נאציאָנאלן און סאָציאלן רענעסאנס אונדזערן און אויפגעבויט דעם ארץ־ישראלדיקן בנין, אין וועלכן דער סאברע איז אויפגעוואקסן; א דור וועלכער וויל פון ייִדישן פאָלק אין גלות ניט וויסן, וועלכער קוקט אויף דעם גלות־ייִדן, אויף זיין שפּראך און קולטור, אויף זיין לעבן און קאמף פון אויבן אראָפּ, מיט ביטול און פאראכטונג, וועלכער איז, מיט איין וואָרט, אין באציאונג צום רוב מנין פון ייִדישן פאָלק — א העברעאישער א נ ט ס ע מ י ט?

דארף מען נאָך דערמאָנען אויך די אזוי־גערופענע „כנענים", וואָס האלטן בכלל, אז די גאנצע ייִדישע געשיכטע איז געווען נאָר א בייז אָנ־שיקעניש אויף ייִדן, אז דאָס גאנצע ייִדנטום איז בלויז א היסטאָרישע פארקריפּלונג, און אז מען דארף די ייִדישע געשיכטע אָנהויבן פון „אלף", ד. ה. מסתמא פון זייער עלטער־זיידן חם אבי כנען?

***

צי דארף אָבער אזוי זיין? צי מ ו ז טאקע אזוי זיין?

# צו דער פראגע דייטשלאנד

עס שטייט פאר דער וועלט א פארוויקלטע און גרויזאמע פראגע דייטשלאנד. ניט ווייניק בלוט האָט שוין די דאָזיקע פראגע געקאָסט דער מענטשהייט. מען האָט געפּרובירט זי לייזן אין סעדאן, אין ווערסאל, אין נירנבערג. און ווייטער שטייט זי פאר דער וועלט פארוויקלט ווי געוועזן און דראָענדיק ווי פריער.

באזונדער גרויזאם און באזונדער קאָמפּליצירט שטייט די פראגע דייטשלאנד פאר אונדז, פאר אונדז יידן און פאר אונדז בונדיסטן, יידישע סאָציאליסטן.

נאָר דאָ הער איך, ווי מען רייסט מיך איבער און זאָגט:

— פאר אונדז איז גאָר אזא פראגע ניטאָ. אלע דייטשן וואָלט מען דארפן פשוט אויסראָטן, ווען מען זאָל עס נאָר קענען.

נו, קען מען עס טאקע? איז דען דאָ עמעצער אויף דער וועלט, וואָס זאָל עס קענען? וואָס זאָל עס אפילו וועלן?

— וואָס דען, מוחל זיין, פארגעסן?

און ווידעראמאָל: אז מיר זאָלן אפילו וועלן פארגעסן, קענען מיר עס? קענען מיר פארגעסן אלס פאָלק, וואָס די דייטשן האָבן ביי אים אויסגעשניטן דאָס הארץ? קענען מיר עס אלס „ב ו נ ד", וואָס זיי האָבן ביזן יסוד חרוב געמאכט זיין הויז? קענען מיר עס אלס מענטשן, ביי וועמען זיי האָבן אויסגעהרגעט די פרוי און דעם מאן, דעם טאטן און די מאמען, די ברידער און די שוועסטער און די כשרע קליינינטשקע עופהלעך?

ניין, ניטאָ קיין פארגעסן, און ניטאָ קיין אויסראָטונג; ניטאָ קיין אמתע נקמה, און ניטאָ קיין אמתע מחילה. און א שטיקל נקמה אָדער א ברעקל מחילה רייצט נאָר די געמיטער סיי ביי דעם שולדיקן, סיי ביי דעם קרבן. אין דעם, דורך דעם שרעקלעכן פארברעכן פארכישופטן קרייז פון געפילן איז ניטאָ קיין לייזונג פאר דער פראגע דייטשלאנד.

אן אויסוועג מוזן מיר זוכן אויף אן אנדער פלאך און מיט אנדערע מיטלען.

**
*

קודם כל די ש ו ל ד־פ ר א ג ע.

ווער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם אויסמאָרדן דאָס יידישע פאָלק אין אייראָפּע?

דערויף ענטפער איך: מיטן אויסנאַם פון יענע דייטשן, וואָס זיינען ארויסגעטראָטן קעגן דעם נאַצי־רעזשים, וואָס האָבן געשמאַכט אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן אָדער וואָס היטלער האָט פּשוט אומגעבראַכט, איז פאַרן מאַסן־מאָרד איבער מיליאָנען אייראָפּעאישע יידן אין א גרעסערער אָדער קלענערער מאָס פאַראַנטוואָרטלעך דאָס גאַנצע דייטשע פאָלק.

מען זאָל מיך אָבער ניט שלעכט פאַרשטיין. איך האַלט לחלוטין ניט פון דער אַזוי־גערופענער קאָלעקטיווער פאַראַנטוואָרטלעכקייט. געוויס קען מען א גאַנצן קאָלעקטיוו ניט מאַכן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר פאַרברעכן, וואָס עס זיינען באַגאַנגען געוויסע פון זיינע מיטגלידער. אויב איינער האָט געהרגעט א מענטשן, טאָר מען ניט שטראָפן דערפאַר עמעצן אַן אַנדערן בלויז צוליב דעם, ווייל ער איז דעם מערדערס א ברודער אָדער אַן אַנדער פאַמיליע־מיטגליד; דאָס וואָלט הייסן, אַז פאַר דעם פאַרברעך פון יחיד איז פאַראַנטוואָרטלעך זיין גאַנצע פאַמיליע; דאָס און נאָר דאָס הייסט קאָלעקטיווע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, פון וועלכער דעם יידישן פאָלק איז אין משך פון לאַנגע יאָרהונדערטער אויסגעקומען אַזוי שרעקלעך צו ליידן, און וואָס איז דער היפּוך פון גערעכטיקייט. ווי איז אָבער דער דין, ווען דער ברודער האָט דעם רוצח מיטגעהאָלפן אין זיין מאָרד? דעמאָלט איז שוין דער ברודער אויך שולדיק, אָבער ניט דערפאַר ווייל ער איז דעם רוצחס א ברודער, נאָר ווייל ער האָט זיך אין דעם פאַרברעכן באַטייליקט. דאָס איז שוין ניט קיין קאָלעקטיווע, נאָר א פּערזענלעכע פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

ווען אפילו איינער קוקט זיך פּאַסיוו צו, ווי אַן אַנדערער הרגעט א מענטשן, און זוכט ניט אים דערין צו שטערן, טראָגט ער אויף זיך אויך א געוויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם באַגאַנגענעם פאַרברעכן, הגם אין א ווייט קלענערער מאָס ווי דער מערדער גופא. אין אָט אָ דעם זין, און ניט צוליב קאָלעקטיווער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, האַלט איך, אַז מיטן אויסנאַם פון די, וואָס האָבן זיך דעם נאַצי־רעזשים אנטקעגנגעשטעלט, איז פאַר די היטלעריסטישע פאַרברעכנס און ספּעציעל פאַרן אויסמאָרדן די מיליאָנען יידן פאַראַנטוואָרטלעך אין א גרעסערער אָדער קלענערער מאָס דאָס גאַנצע דייטשע פאָלק.

דעם מאַסן־מאָרד איבער דער יידישער באַפעלקערונג האָט אויסגעקלערט, אויסגעפּלאַנירט, אָרגאַניזירט און פאַרווירקלעכט די דייטשע נאַציאָנאַל־

סאָציאַליסטישע פּאַרטיי; די נאַציס זיינען די דירעקטע מערדער פון אונד־זער פאָלק. די פאַרשידענע מיטגלידער פון דעם דייטשן אַדמיניסטראַטיוון און מיליטערישן אַפּאַראַט, וואָס זיינען געווען דער אינסטרומענט, מיט וועלכן די נאַציס האָבן זייער טייוולאָנישן פּלאַן דורכגעפירט, זיינען אויך געווען אין דער מאָרד־אַקציע דירעקט באַטייליקט און טראָגן די פאַראַנט־וואָרטלעכקייט פאַר זייער אָנטייל אין דעם מאָרד; העכסטנס קען מען אַמאָל פאַר זיי געפינען אַביסל אַ מילדערנדיקן אומשטאַנד אין דעם נאַ־צישן טעראָר. מיטשולדיק זיינען געווען אויך אַלע יענע, וואָס האָבן אין דייטשלאַנד אויף פאַרזאַמלונגען אָדער אויף טעאַטער־ און קינאָ־סצענעס, דורך דער פּרעסע און אין ביכער, אין די אוניווערסיטעטן און אין די פאָלק־שולן געפּרעדיקט ראַסיזם און אַנטיסעמיטיזם און אַזוי אָט געשאַפן די גינסטיקע געזעלשאַפטלעכע אַטמאָספער פאַר דעם קאַלטבלוטיקן מאַסן־מאָרד. מיטפאַראַנטוואָרטלעך זיינען אויך די, וואָס האָבן מיט פינאַנציעלע און אַנדערע מיטלען געהאָלפן די נאַציס צו ווערן אַ מעכטיקער כוח אין דייטשלאַנד, און אויך יענע מיליאָנען דייטשן, וואָס מיט זייערע שטימען האָבן זיי היטלערן געבראַכט צו דער מאַכט. מיטפאַראַנטוואָרטלעך, הגם נאַטירלעך אין אַ קלענערער מאָס זיינען לסוף אויך אַלע יענע, וואָס האָבן זיך היטלערן ניט אַנטקעגנגעשטעלט.

מען דאַרף נאָך דערביי ניט פאַרגעסן צוויי זאַכן: ערשטנס, איז היט־לער אין דייטשלאַנד געקומען צו דער מאַכט ניט מיט דער הילף פון אַ גע־וואַלט־אַקט איבער דעם דייטשן פאָלק, ווי למשל פראַנקאָ אין שפּאַניע אָדער אפילו מוסאָליני אין איטאַליע, נאָר אויף אַ לעגאַלן, דעמאָקראַטישן, קאָנ־סטיטוציאָנעל־געזעצלעכן וועג. און צווייטנס, היטלער האָט לכתחילה, נאָך פאַר זיין קומען צו דער מאַכט, קיין שום סוד ניט געמאַכט פון זיינע פאַרשידענע פּלענער ווען ער וועט ווערן רייכס־קאַנצלער און „פירער" פון דייטשן פאָלק; אין זיין בוך „מיין קאַמף", וואָס איז געוואָרן די תורה פון דער גאַנצער נאַצי־פּאַרטיי, איז אַלץ געווען קלאָר און דייטלעך פאָרויס אָנגעצייכנט, אַזוי אַז דאָס דייטשע פאָלק האָט באַדאַרפט וויסן און גע־וווסט, מיט וואָס פאַרא פּלענער דער דאָזיקער משוגענער מערדער איז גע־גאַנגען צו דער מאַכט. אויב ביי אַזעלכע באַדינגונגען איז דאָס דייטשע פאָלק ניט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר היטלערס מעשים תעתועים, קען קיינמאָל קיין פאָלק זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיינע פאָרשטייער ביי דער מאַכט, פאַר זיין רעגירונג.

***

צי איז אָבער דערפון געדרונגען, אז די דייטשן האָבן פון נ א ט ו ר א מערדערישן כאראקטער, אזוי למשל ווי געוויסע חיות האָבן בלוטדורשטיקייט אין זייער נאטור, אָדער ווי דער נעגער האָט פון דער נאטור א שווארצע הויט? מיט אנדערע ווערטער, צי פון די גרויזאמקייטן, וואָס די דייטשן זיינען באגאנגען איז געדרונגען, אז מערדעריי איז ביי זיי דאָס, וואָס די אנטראָפּאָלאָגיע רופט א שטענדיקע, אומפארענדלעכע ר א ס ן־אייגנשאפט?

לחלוטין און לחלוטין ניט. פארקערט, אזא באהויפּטונג וואָלט מכמה טעמים געווען דורכאויס פ א ל ש און אין העכסטן גראד ש ע ד ל ע ך.

פאלש קודם כל דערפאר, ווייל א דאנק די פילצאָליקע פעלקער־וואנדערונגען און אנדערע סיבות, וואָס האָבן אויסגעמישט די באפעלקערונג פון יעדער מדינה, זיינען היינט צו טאָג אין אייראָפּע בכלל ניטאָ קיין פעלקער פון איין איינציקן אָפּשטאם, ד. ה. פון אן איינהייטלעכער ראסע. א געמיש פון פארשידענע ראסן איז דאָס פראנצויזישע פאָלק ווי דאָס איטאליענישע, דאָס ענגלישע ווי דאָס רוסישע, א. א. וו. א באזונדער שטארק געמיש פון פארשידענע ראסן שטעלט מיט זיך פאָר די באפעלקערונג פון דייטשלאנד, וואָס איז לכתחילה געוואָרן באזעצט פון שבטים פון פארשידענע ראסן, און דורך וואנען עס זיינען דורכגעגאנגען כמעט אלע פעלקער־וואנדערונגען פון דער אייראָפּעאישער געשיכטע. ניטאָ קיין איינהייטלעכע דייטשע ראסע. דער באוואוסטער אטראָפּאָלאָג פּראָפ. פּיטאר שרייבט, אז צווישן א דייטש פון מעקלענבורג און א דייטש פון בייערן איז דער נאטירלעכער אונטערשייד גרעסער ווי צווישן א פערד און א צעברע. און וויבאלד עס איז ניטאָ קיין איינהייטלעכע דייטשע ראסע, זיינען ממילא ניטאָ קיין איינהייטלעכע ראסן־אייגנשאפטן פון דייטשן פאָלק. עס קענען זיין בלויז פיל וויניקער געמיינזאמע גייסטיקע נייגונגען, וואָס זיינען א פּראָדוקט פון געמיינזאמע היסטאָרישע באדינגונגען, געמיינזאמער סאָציאלער סביבה, געמיינזאמע אינטערעסן, דערציאונג א. א. וו., נייגונגען וואָס זיינען אין פארשידענע סאָציאלע שיכטן, ביי מענטשן פון פארשידענער דערציאונג און פון פארשידענע אינטערעסן פארשידן, און וואָס ענדערן זיך פריער אָדער שפּעטער צוזאמען מיט דער ענדערונג פון די היסטאָרישע באדינגונגען, פון דעם סאָציאלן לעבן, פון די אינטערעסן, דערציאונג א. א. וו.

פאלש איז ווייטער צו זען אין היטלעריזם אן אייגעבוירענע אייגנשאפט פון דער דייטשער נאטור, פון דער דייטשער ראסע, דערפאר ווייל מיליאָנען און מיליאָנען דייטשן האָבן דאָך פריער געהאט געשטימט ק ע ג ן היטלערן, און אויך שפּעטער, אונטער דעם היטלעריסטישן טער־

ראַר, האָבן הונדערטער טויזנטער דייטשן זיך דעם היטלער־רעזשים אנט־קעגנגעשטעלט.

פאלש איז צו זען אין דעם בלוטיקן היטלעריסטישן אנטיסעמיטיזם א נאטור־אייגנשאפט פון דעם דייטשן בכלל אויך דערפאר, ווייל ביז היטלערן האָבן יידן איבער טויזנט יאָר געלעבט אויף דער דייטשער ערד און האָבן דאָרטן געליטן פארפאָלגונגען ניט מער ווי אין אנדערע קריסטלעכע לענ־דער.

אָבער ווען די ראסן־טעאָריע אָנגעווענדעט צום דייטשן פאָלק (אין דעם געגעבענעם פאל — ק ע ג ן דייטשן פאָלק) וואָלט געווען נ אָ ר פאלש, וואָלט נאָך געווען א האלבע צרה. מילא, ווייניק פאלשע טעאָריעס זיינען געווען פארשפרייט אין דער פארגאנגענהייט און ווייניק זיינען נאָך איצט פארשפרייט? דאָס וואָלט געקענט אינטערעסירן בעיקר געלערנטע פאך־לייט. די מעשה איז אָבער וואָס אזא טעאָריע איז, ווי געזאָגט, אויך אויסערסט שעדלעך און שמעקט באמת מיט בלוט. און דאָס לייגט אויף אונדז ארויף א חוב אויפן אנטשידנסטן אופן זיך איר אנטקעגנצושטעלן.

פון דער ראסיסטישער הנחה, לויט וועלכער אכזריות און מאכט־גי־ריקייט ליגט אין דער נאטור פון דעם דייטש און לאָזן זיך בשום אופן ניט ענדערן, איז פאראן בלויז איין פראקטישער אויספיר, דער אויספיר וואָס היטלער האָט געמאכט בנוגע יידן, און וואָס באשטייט אין דעם, אז די פארברעכערישע ראסע דארף ווערן אויסגעראָטן. די באמתדיקע אויס־ראָטונג פון דייטשן פאָלק איז דאָך אָבער א כימערע. קיין אויסראָטונג וועט אין דער ווירקלעכקייט ניט פאָרקומען. וואָס־זשע וואָלט ביי אזעלכע באדינגונגען יאָ געטאָן געוואָרן? עס וואָלט בלויז געפירט געוואָרן א פ ר אָ פ א ג א נ ד ע פ א ר אויסראָטונג פון די דייטשן און פאר שטעלן דאָס גאנצע דייטשע פאָלק ווי קרעציקע חוץ למחנה פון דער מענטש־הייט. צו וואָס וואָלט דאָס געפירט? אויך דאָס וואָלט נאטירלעך ניט פאר־כאפט די גאנצע אויסער־דייטשע מענטשהייט (סיי צוליב פראקטישע טעמים, אזוי אויך דערפאר ווייל דאָס וואָלט זיין געבויט אויף א פאלשער ראסיסטישער טעאָריע). דער אמתער פועל־יוצא וואָלט געווען דער, אז די אינטערנאציאָנאלע אטמאָספער וואָלט פארגיפטיקט געוואָרן מיט ראסיזם, בלוט־דורשט און אויסראָטונג־טענדענצן; דאָס דייטשע פאָלק, אין אלע זיינע שיכטן, זיך פילנדיק דערנידעריקט און באדראָט אין זיין עקזיסטענץ, וואָלט געוואָרן מער ווי ווען עס איז פריער צעמענטירט אין איין שאָווי־ניסטישן בלאָק; און סוף־כל־סוף מיט אונדזער ראסיסטישער אנטי־דייטשער פראָפאגאנדע וואָלטן גראד מ י ר דערשינען פאר דער וועלט ווי א

פאָלק, וואָס שפּרייט שאָוויניזם און ראַסיזם און שטערט דעם אינטערנאַ־ציאָנאַלן פרידן; מיר וואָלטן אַזוי אָט זיך גופא געשטעלט מחוץ למחנה פון דער מענטשהייט, וואָס זוכט פאַרשטענדעניש און פאַרשטענדיקונג צווישן פעלקער.

ספּעציעל מיר יידן, וואָס האָבן שוין אַזוי שרעקלעך געליטן פון דעם ראַסיזם, מוזן ווי פאַר פייער זיך היטן פאַרכאַפּט צו ווערן פון ראַסיסטישע טענדענצן. און על אחת כמה וכמה מיר יידישע סאָציאַליסטן, וואָס אונדזער גאַנצער וועלט־באַנעם איז אינטערנאַציאָנאַליזם און מענטשלעכקייט.

ווי טיף עס זאָל ניט זיין דער ווייטיק, ווי האַרץ־רייסנדיק ער זאָל ניט זיין, ווי עס זאָל זיך פון זיך אַליין ניט רייסן צום הימל אונדזער ווייגעשריי, אויב מיר פילן אָבער די גרויסע אחריות, וואָס ליגט אויף אונדז לגבי דער שארית הפליטה אונדזערער און לגבי דעם זכרון פון די אומשולדיק אומגעקומענע מאַרטירער אונדזערע, טאָרן מיר ניט אַריינפאַלן אין קיין ראַסיסטישע, זאָל זיין אפילו אַנטי־דייטשע, שרייערישע אָבער אויס־זיכטסלאָזע היסטעריע.

וואָס־זשע קענען און ממילא דאַרפן מיר דאָך טאָן?

***

קאַלטבלוטיקע מערדערס זיינען אין דייטשן פאָלק געווען אויסנאַמען אפילו אין היטלערס ציטן, נאָר אונטער היטלערס פירונג איז די דאָזיקע מערדערס געלונגען צו פאַרכאַפּן די אויבערהאַנט אין דייטשלאַנד און פאַר־וואַנדלען דאָס דייטשע פאָלק אין א געצייג אָדער אין פּאַסיווע צוקוקערס פון זייערע רציחות. דאָס איז דער אמת. אוודאי פעלן אויך איצט ניט אין דייטשן פאָלק קיין טאָטאַליטאַריסטן, ראַסיסטן און אַנטי־סעמיטן. דער נאַציזם, וואָס האָט דורך דער מיליטערישער מפּלה פאַרלאָרן זיינע וויכטיקסטע פירערס און איז אַרונטער אין אונטערגרונט פון געזעל־שאַפטלעכן לעבן, נעמט שוין איצט ווידער אויפהויבן דעם קאָפּ אונטער אביסל געענדערטער פּאָליטישער מאַסקע. אָבער ווייט ניט אַלע דייטשן זיינען טאָטאַליטאַריסטן, ראַסיסטן און אַנטיסעמיטן. עס זיינען פאַראַן אין דייטשן פאָלק אויך ברייטע שטרעמונגען דעמאָקראַטישע, פרייהייטלעכע און הומאַניטאַרע, וואָס האָבן אויך פריער עקזיסטירט און וואָס האָבן פון דער היטלעריאַדע עפּעס וואָס געלערנט. צווישן זיי פאַרנעמט דעם וויכ־טיקסטן פּלאַץ לויט איר צאָל אָנהענגער די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. אויך מיט דער קעגנווערטיקער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע קענען א סך פון

אונדז זיין ניט צופרידן. זיכער איז אָבער, אז פאר אלע פרייהייטלעכע, דעמאָקראטישע און הומאניטארע שטרעמונגען אין דייטשלאנד שטעלט דער נעאָ־נאציזם פאָר אן אמתע טויט־געפאר. זיי זיינען דעריבער אויך לעבן און טויט פאראינטערעסירט צו באקעמפן דעם נאציזם און אנטיסע־מיטיזם אין אלע זייערע פאָרמען. און דאָס טוען זיי אויך. אפשר ניט שטענדיק אפילו מאהבת מרדכי ווי משנאת המן, אָבער זיי טוען עס. זיי זיינען דעריבער אונדזערע נאטירלעכע און ווירקזאמ־סטע פארבינדעטע אין דער באקעמפונג פון אנטיסעמיטיזם אין דייטש־לאנד און ממילא אויך אין דער וועלט בכלל.

אלס יידן, אלס סאָציאליסטן, אלס אינטערנאציאָנאליסטן דארפן מיר דעריבער איינשטעלן ענגע באציאונגען מיט די דאָזיקע פרייהייטלעך־דע־מאָקראטישע אנטי־טאָטאליטאריסטישע שטרעמונגען.

ברייטע מעגלעכקייטן זיינען אין דער הינזיכט פאראן גראד פאר דעם „בונד", און דעריבער טאקע ליגט אויף אים א באזונדער פאראנט־וואָרטלעכער חוב צו טאָן אלץ וואָס מעגלעך אין דער ריכטונג. דער „בונד" און די דייטשע סאָציאל־דעמאָקראטיע דארפן זיך קעגנזייטיק אינפאָרמירן וועגן אלע דערשיינונגען פון אנטיסעמיטיזם און נאציזם אין דייטשלאנד, וועגן אלעם דעם וואָס אין דייטשלאנד ווערט געטאָן די דאָזיקע שטרעמונגען צו באקעמפן, וועגן דעם וואָס קען און דארף אין דער הינזיכט געטאָן ווערן. גלייכצייטיק דארף דער „בונד" גענוי אינפאָרמירן די יידישע גע־זעלשאפטלעכע מיינונג וועגן דעם קאמף קעגן אנטיסעמיטיזם, וואָס ווערט געפירט אין דייטשלאנד דורך דייטשן גופא, ספעציעל דורך דער דייטשער סאָציאל־דעמאָקראטיע. דער „בונד" איז עס מחויב צו טאָן באזונדער נאָך דערפאר, ווייל די גאנצע יידישע פרעסע, צוליב פסיכאָלאָגיש פארשטענד־לעכע סיבות, אָבער צוליב ווייט ניט בארעכטיקטע טעמים, פארשווייגט סיסטעמאטיש אלץ, וואָס קען וויזן דייטשלאנד אין אנדערע פארבן ווי טונקל ברוין.

מיר טאָרן ניט און קענען ניט פארגעסן די נאָענטע פארגאנגענהייט, וואָס וועט שוין אויף אייביק בלייבן פאר אונדז אויך א קעגנווער־טיקע אבידה; מיר טאָרן ניט פארשווייגן אלע נייע דערשיינונגען פון אנטיסעמיטיזם; מיר טאָרן אָבער אויך ניט פארשווייגן דעם קאמף קעגן אנטיסעמיטיזם אומעטום אין דער וועלט און באזונדערס אין דייטשלאנד, און מיר זיינען מחויב אלע פרייהייטלעכע און הומאניטארע עלעמענטן, ספעציעל אין דייטשלאנד, אין דעם דאָזיקן קאמף בייהילפיק זיין.

איך ווייס, אַז דאָס לעצטע וועט ביי יידן איצטער ניט זיין פּאָפּולער. דאָס איז אָבער דער איינציקער וועג פאַרן יידישן פאָלק אין איירָאָפּע און אין אלע תפוצות ישראל זיך צו באפרייען פון דעם פּאַראַליזירנדיקן קאָש־מאַר פון פאַרצווייפלונג און ווידער אָנצוהויבן אָטעמען מיט שעפערישער האָפענונג.

איך בין זיכער אויך, אַז אָט דעם איצט ניט פּאָפּולערן וועג געהערט די צוקונפט.

# ארום די געלט־פארהאנדלונגען

## מיט דייטשלאנד

וואָס עס זאָלן ניט זיין די קאָנקרעטע טענות פון די אָנהענגער און פון די קעגנער פון אונטערהאנדלונגען מיט דעם איצטיקן אָפיציעלן דייטש־לאנד, איז דאָס דער אלטער, אפשר אייביקער, שטרייט צווישן רעאל־פּאָלי־טיקער און ראָמאנטיקער, צווישן דעם פּראקטישן סאנטשאָ־פּאנטשאָ און דעם ריטערלעכן דאָן קיכאָט. קיינער פון זיי קען דעם אנדערן ניט איבער־צייגן, מחמת יעדער פון זיי גייט ארויס פון אנדערע הנחות, איז באהערשט פון אנדערע געפילן און האָט זיך זיין באזונדערן ווערט־מאסשטאב.

מיר דאָ, אין זשענעווע, האָבן אָרגאניזירט אן עפנטלעכע דיסקוסיע מכוח דער פראגע — אונטערהאנדלונגען מיט דייטשלאנד. רעדנער קעגן די אונטערהאנדלונגען האָבן מיר געקענט געפינען מער ווי מיר האָבן געוואָלט; רעדנער פאר — קיין איינעם ניט; אפילו ניט צווישן מפא״יי־ניקעס, אפילו ניט צווישן פאָרשטייער פון דער ישראל־רעגירונג. ניט גע־קוקט דערויף וואָס די ישראל־רעגירונג האָט באשלאָסן כמעט איינשטימיק, און די כנסת מיט א מערהייט — זאָל זיין א קליינטשיקער מערהייט — יאָ צו אונטערהאנדלען! מיט וואָס דערקלערט זיך אזא אונטערשייד צווישן „דאָ״ און „דאָרטן״?

רעדט מען מיט מפא״יניקעס „דאָ״, זעט איר באלד, אז אייגנטלעך האלטן זיי אויך די פארהאנדלונגען פאר א טרפהנע זאך, נאָר יעדער טראכט ביי זיך: מילא „דאָרטן״, צוליב כמה סיבות, „מוז מען פון דעם חזיר פרעסן״, אָבער צו וואָס זאָל איך עס טאָן דאָ? ביי אזעלכע שטימונ־גען איז אויסגעקומען, אז עס ריידן בלויז די פאַרביסענע ראָמאנטיקער, די וואָס ווילן פון קיין פשרות מיט דייטשלאנד ניט הערן; די חוץ־לאָרצדיקע ציוניסטישע רעאל־פּאָליטיקער שווייגן.

פאר די בעסערע און טיפערע פון זיי זיינען די אונטערהאנדלונגען א טראגעדיע. די יידישע מלוכה איז דאָך פאר זיי געווען כולה ראָמאנטיק,

אן אידעאל, וואָס האָט געזאָלט פאַרווירקלעכן די נאַציאָנאַלע גאולה און סאָציאַלן יושר — און דאָ מיטאמאָל זאָל מען אײַן נאָמען פון אָט דער מלוכה זיך זעצן ביי איין טיש מיט היטלערס יורשים און אונטערהאַנדלען מיט זיי וועגן פאַרגיטיקן דעם היטלעריסטישן רויב־צוג אויף יידן. עפּעס פון דעם אויסגעבענקטן משיח לאָזט זיך אויס א מין שבתי־צבי.

**
*

אָנגעהויבן האָט זיך עס אביסל אנדערש: ניט פאַרהאַנדלען מיט די דייטשע מערדער און רויבער וויל מען; פאַרקערט, מען וויל בלויז אַרויס־רייסן ביי זיי א טייל פון יידישן האָב און גוטס, וואָס זיי האָבן אָנגעראַ־בירט, און צו דעם צוועק ווענדט מען זיך ניט צו זיי, נאָר צום זשאַנדאַרם, צו די מערב־מלוכות, ז יי זאָלן דאָס אָנגעראַבירטע צ ו נ ע מ ע ן און אָפּגעבן דער יידישער מלוכה.

די מערב־מלוכות זיינען אָבער געוואָרן מיט מערב־דייטשלאַנד גוטע פריינט כמעט ניט ווייניקער ווי ראַטן־פאַרבאַנד מיט מזרח־דייטשלאַנד; האָבן זיי דער יידישער מלוכה העפלעך געענטפערט, אַז זי ווייס אַליין דייטשלאַנדס אַדרעס. דאָס האָט אייגנטלעך געהייסן: ווילסטו פון דייטש־לאַנד באַקומען געלט, דעמאָלט זיי אַזוי גוט און מאַך מיט דייטשלאַנד שלום פּונקט ווי מיר טוען עס. האָט מען געמוזט אַליין קומען צו דייטש־לאַנד; פאַרשטייט זיך שוין ניט ווי א זשאַנדאַרם, וואָס נעמט צו דאָס אָנגעראַבעוועטע, נאָר כדי מיטן רויבער צו פירן אונטערהאַנדלונגען, ווי אַן אָרעמער נגזל מיט א מעכטיקן תקיף.

דערביי פּרובירט מען נאָך איצט איינריידן זיך און אַנדערע, אַז מען וועט פון גזלן בלויז אָפּנעמען דעם רויב, אָבער קיין שלום וועט מען מיט אים ניט שליסן און דאָס אויסהרגענען דאָס יידישע פאָלק אים ניט מוחל זיין, און אַז אויב ער וועט שטעלן דעם באַדינג שלום, וועט מען די פאַר־האַנדלונגען איבעררייסן. נאָר וועט ער דען דאַרפן שטעלן אַזא בפירושן באַדינג? פאַקטן האָבן זיך זייער לאָגיק; מיט א שונא פירט מען ניט קיין אונטערהאַנדלונגען, מען שליסט ניט קיין אָפּמאַכן און מען צאָלט אים ניט קיין מיליאַרדן. ווייבאַלד מען וועט פירן אונטערהאַנדלונגען, קומען צו א הסכם, שאַפן פאַרשידענע קאָמיסיעס אויף אויסקלויבן, אָפּנעמען, קאָנט־ראָלירן, איבערשיקן א. א. וו. רוי־מאַטעריאַלן, מאַשינען, פאַרשידענע אַנ־דערע סחורות און מזומנים, וועט דאָס שוין פ א ק ט י ש באַטייטן דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען צווישן ישראל און דייטשלאַנד, וועט שוין

מער קיין גרונט ניט זיין אויף צו נאָרמאַליזירן די באַציאונגען אויך פ אָ ר מ ע ל, כדי דאָס אַלץ צו פאַרלייכטערן. אין די אויגן פון דער וו ע ל ט וועט דייטשלאַנד האָבן צורעכט געמאַכט, ד. ה. אויסגעצאָלט רעפּאַראַציעס פאַר דעם שאָדן, וואָס עס האָט אָנגעטאָן דעם יידישן פאָלק, און ישראל וועט האָבן מיט דייטשלאַנד געמאַכט שלום.

אוודאי פעלן ניט קיין וואָגיקע רעאַל־פּאָליטישע אַרגומענטן, אַז די ישראל־מלוכה זאָל טאַקע גיין אויף אָט דעם וועג: די מדינה הונגערט, די מדינה ווערגט זיך אין אַ טיפן עקאָנאָמישן און פינאַנציעלן קריזיס, אויסטראָגן די ווייטערדיקע עליה ווערט מיט יעדן טאָג שווערער, דער שלום מיט די שכנישע לענדער הענגט אויף אַ האָר, די גאַנצע וועלט מאַכט שלום מיט דייטשלאַנד, א. א. וו., א. א. וו. עס איז טאַקע מעגלעך, אַז פון אַ ר ע אַ ל ־ פּ אָ ל י ט י ש ן שטאַנדפּונקט איז בן־גוריונס רעגי־רונג גערעכט, און אַז די קליינע, שוואַכע און דורך פיינטלעכע שכנים אַרומגערינגלטע יידישע מלוכה מוז אפשר האַנדלען רעאַל־פּאָליטיש, זאָרגן וועגן חיי־שעה. וואָס פאַר אַ ביישפּיל אָבער וועט דאָס יידישע פאָלק האָבן אויף אַזאַ אופן געוויזן דער וועלט אויף דער צוקונפט? מען האָט אויס־געהרגעט זעקס מיליאָן יידן, דאָס בעסטע פון יידישן פאָלק, און שוין אַ פּאָר יאָר שפּעטער האָבן די יידן פאַרשאַכערט דאָס בלוט פון זייערע טאַ־טע־מאַמעס, ברידער און שוועסטער, פרויען און קינדער, און פאַר אַ גרעסערן אָדער קלענערן טעפּל לינדזן שלום געמאַכט מיט די מערדער. וועט דאָס דערהויבן דעם נאָמען ייד אין דער וועלט? וועט דאָס דערהויבן די חשיבות פון יידישן נאָמען אין די יידישע אויגן גופא?

דעריבער טאַקע לייגט די געשיכטע אַרויף באַזונדערע אויפגאַבעס

## אויף די תפוצות ישראל.

אויב צוליב כלערליי אָפּאָרטוניסטישע טעמים איז מדינת ישראל גע־צווונגען צו מאַכן שלום מיטן איצטיקן אָפיציעלן דייטשלאַנד, איז אונדזער חוב אין די תפוצות אויפצוהאַלטן און כסדר וועקן ביי דער יידישער באַ־פעלקערונג דעם באַוווסטזיין, אַז אַזוי לאַנג ווי דייטשלאַנד וועט ניט האָבן אויסגעשניטן ביי זיך דעם קרעפּס פון נאַציזם און מיליטאַריזם, איז שלום צווישן אונדז און אים אַ שאַנדע, אַ פאַרברעך און אַ סכנה.

און ב כ ל ל, וויבאַלד עס קענען זיך שאַפן אַזעלכע סיטואַציעס, וואָס צווינגען די יידישע מדינה, ווי יעדער מדינה, דערהויפּט נאָך די קליינע מדינות, צו גיין אויף פשרות און צוליב אָפּאָרטוניסטישע טעמים פאַרנאַכלעסיקן אָדער גאָר מקריב זיין עיקרדיקע און ווייטגייענדיקע אינ־

טערעסן פון יידישן פאָלק, זיינע טיפסטע געפילן אָדער די פאָדערונגען פון אינערלעכער און אויסערלעכער גערעכטיקייט, — דאַן ליגט דער חוב אויף דעם צעשפרייטן יידישן פאָלק צו בלייבן אויף דער פרינציפּיעלער הויך און לויט זיינע כוחות צו האַנדלען אַזוי, ווי די ישראל־מלוכה קען ניט אָדער וויל ניט האַנדלען.

די פּ ר ע ט ע נ ז י ע פון די פירנדיקע ישראל קרייזן, אַז אין נאַציאָנאַלע יידישע שטרייט־פראַגן איז דער „גלות" מחויב פשוט צו פאָלגן די באַשלוסן פון דער ישראל־רעגירונג, איז נ י ש ט ב אַ ר ע כ ט י ק ט ניט בלויז דערפאַר, ווייל די ישראל־רעגירונג איז ניט אויסגעקליבן דורך דעם צעשפרייטן יידישן פאָלק, נאָר בלויז דורך דער באַפעלקערונג פון דער מדינה; די דאָזיקע פרעטענזיע איז אומבאַרעכטיקט אויך דערפאַר, ווייל די ישראל־מלוכה קען זיך אָפט, ווייזט אויס, פילן געצוווּנגען צו האַנדלען קעגן די אמתע אינטערעסן פון יידישן וועלט־פאָלק.

די געלט־פאַרהאַנדלונגען מיטן איצטיקן דייטשלאַנד זיינען טאַקע אַזאַ געלעגנהייט, אָבער דאָס איז בשום אופן ניט די איינציקע. עס זיינען פאַראַן נאָך אַ סך אַנדערע.

דאָס זעלביקע קען פּאַסירן און פּאַסירט, ווען די ישראל־רעגירונג גייט אויף נאַציאָנאַל־אַוואַנטוריסטישע דרכים, וואָס זיינען אַ געפאַר פאַר די אַלגעמיינע אינטערעסן פון גרויסן יידישן וועלט־פאָלק. און אויך דאָ האָבן די תפוצות ספּעציעלע אויפגאַבן. נאָר דאָס איז שוין אַ טעמע פאַר זיך, וועגן וועלכער עס איז שוין גראַד ניט ווייניק גערעדט און געשריבן געוואָרן.

(„אונדזער צייט", פעברואַר 1952).

# „בונד"

# די אידעאָלאָגישע עוואָלוציע
## פון „בונד"

(באמערקונגען צו זיין פופציק־יאָריקן יובליי)

### אָנשטאָט א הקדמה.

קודם מוז איך זיך אנטשולדיקן פארן לייענער. איך האָב באקומען דעם פאַרשלאַג פון דער רעדאקציע צו שרייבן דעם היינטיקן ארטיקל אזוי צו זאָגן בין הזמנים: צווישן דעם סוף פון מיין ווינטער־סעמעסטער און מיין נסיעה צו דער בונדישער וועלט־קאָנפערענץ, וואָס האָט געזאָלט פאַר־קומען אָנהויב אפריל. איך האָב ניט געהאט אונטער דער האנט אפילו נאָר די וויכטיקסטע דאָקומענטן, וואָס זיינען נויטיק צו באשרייבן דעם אידעאָ־לאָגישן וועג, וואָס דער „בונד" האָט דורכגעמאכט זייט ער איז געגרינדעט געוואָרן, און איך האָב אויך ניט געהאט די נויטיקע פרייע צייט דורכצו־לייענען נאָכאמאָל אפילו אלע יענע מאטעריאלן, וואָס איך האָב יאָ אין מיין רשות. איך בין דעריבער געצוווּנגען צו לאָזן אָן א זייט א גאנצע רייע זייער וויכטיקע פּראָבלעמען, וואָס איבער זיי האָט געארבעט דער בונדי־שער געדאנק. מענשעוויזם און באָלשעוויזם; צווייטער אָדער דריטער אינ־טערנאציאָנאל; די באציאונגען צו דער רוסלענדישער ס. ד.־פּארטיי; די באציאונג צו פוילן, צו איר זעלבסטשטענדיקייט, צו דער פּ. פּ. ס.; די יידישע עמיגראציע־פראגע אינעם פּעריאָד פון דער גרעסטער יידישער יידישער וואנדערונג, א. א. וו. א. א. וו. — דאָס זיינען אלץ געווען ניט סתם טאקטישע פראגן, נאָר ענג־פארבונדענע מיטן עצם גופא פון „בונד" אלס מאסן־באוועגונג פון דער יידישער ארבעטערשאפט אין מזרח־אייראָפּע. דער קינפטיקער היסטאָריקער פון „בונד" וועט מוזן דאָס אלץ גענוי אנא־ליזירן. אין דעם איצטיקן ארטיקל האָב איך בדעה זיך אָפּצושטעלן בלויז אויף דער אנטוויקלונג פון נ א צ י אָ נ א ל ן געדאנק אין „בונד": אויף דעם אינהאלט, וואָס דער „בונד" האָט אריינגעלייגט אינעם באגריף פון דער יידישער נאציע; אויף דעם, ווי ער האָט זיך פאָרגעשטעלט די לייזונג פון דער יידישער נאציאָנאלער פראגע; אויף די נאציאָנאלע אויפ־

גאבן, וואָס ער האָט געשטעלט דעם יידישן ארבעטער־קלאס; אויף דעם, ווי ער האָט דאָס אלץ פארבונדן מיט זיינע אָרגאַניזאציע־פאָרמען, מיט זיין פראָגראם און מיט זיין אלגעמיינעם סאָציאלן קאמף. דערביי וועל איך זיך מוזן באגנוגענען אויך מיט באצייכענען נאָר די הויפּט־שטריכן. ס'איז מעגלעך אויך, אז אין געוויסע דעטאלן זאָל איך באגיין אמאָל א טעות. וועט עס דער קינפטיקער היסטאָריקער קאָרעגירן. און אפשר, ניט ווארטנ־דיק אויף שפּעטער, וועט עס באלד מאכן מיין ליבער פריינד פראנץ קורסקי. איך דאנק זיי דערפאר אין פאָראויס. איך גלויב אָבער, אז די גרונט־שטריכן פון מיין ארטיקל וועלן אָנערקענט ווערן פאר ריכטיק.

## 1. — אן עיקרדיקע אינערלעכע סתירה אין דער סאָציא־ליסטישער באוועגונג און אין „בונד" בפרט.

זייט מארקס און ענגעלס האָבן פונקט מיט הונדערט יאָר צוריק, אין זייער „קאָמוניסטישן מאניפעסט", געוואָרפן דעם לאָזונג: פּראָלעטאריער פון אלע לענדער פאראייניקט זיך — איז די אלוועלטלעכע סאָציאליסטישע באוועגונג געגאנגען און געוואקסן אונטער דער פאָן פון אינטערנאציאָנא־ליזם. אינטערנאציאָנאליזם איז געווארן אן עיקר פון סאָציאליזם, פון זיין טעאָרעטישער באגרינדונג, פון זיין מאָראלישן גלאנץ, וואָס האָט באלויכטן זיין וועג און זיין ענד־ציל. אָבער אלס פּאָליטישע פּארטיי, וואָס האָט גע־שטרעבט ארויסצורייסן הנחות ביי די הערשנדיקע קלאסן, צו ענדערן די עקזיסטירנדיקע געזעצן, דורכצופירן סאָציאלע און פּאָליטישע רעפאָרמעס אָדער צו פארכאפּן די אויבערמאכט אין לאנד, האָט דער סאָציאליזם זיך געמוזט אומעטום אָרגאניזירן לויט די מלוכות, צופּאסן זיין אָרגאניזאציע און זיין טעטיקייט צום בוי און צו די מלוכה־פאָרמען פון די באזונדערע לענדער. — דערין האָט געוויס געשטעקט אן אינערלעכע ס ת י ר ה, א סתירה צווישן דעם אינטערנאציאָנאלן, אָדער ריכטיקער געזאָגט, צווישן שטאטלעכן, א י נ ט ע ר ־ ע ט א ט י ס ט י ש ן כאראקטער פונעם סאָציאליזם און זיין א י נ ע ר ־שטאטלעכער, עטאטיסטישער אָרגאניזאציע און טעטיקייט, באגרענעצטע מיט די ראמען פון איין מלוכה (*). אָבער ניט אלע סתירות זיינען געפערלעך. ווי אלע מארקסיסטן ווייסן, זיינען סתירות

(*) „מיטן טערמין „עטאטיסטיש" באצייכן איך כסדר דאָס, וואָס איז באשרענקט מיט די גרענעצן פון איין מלוכה; „אינטערעטאטיסטיש" רוף איך אָן דאָס, וואָס שטייגט אריבער דידאָזיקע גרענעצן (ווייטער וועל איך כסדר אויסמיידן אין דעם זין צו געברויכן דאָס וואָרט „אינטערנאציאָנאל", כדי צו אונטערשיידן פון דעם וואָס שטייגט אריבער די ראמען פון איין נאציע).

זייער אָפּט שעפעריש; זיי זיינען זייער אָפּט די טרייב־קרעפטן פון פּראָגרעס, וואָס שטופּן אויף נייע וועגן פון לעבן און קאַמף. דאָס הייסט באַטירלעך ניט, אַז אַלע סתירות און ביי אַלע באַדינגונגען זאָלן זיין שעפעריש. עס זיינען פאַראַן אויך אַזעלכע, וואָס טראָגן אין זיך אַ טויט־געפאַר אָדער אַ געפאַר פון ענדגילטיקער דעקאַדענץ, און די זעלבע סתירות קענען זיין שעפעריש ביי געוויסע באַדינגונגען און טויט־געפערלעך ביי אַנדערע.

עס קען קוים זיין אַ ספק אין דעם, אַז פ א ר דעם ערשטן וועלט־קריג האָט דער עטאַטיסטישער, אינער־שטאַטלעכער כאַראַקטער פון די סאָ־ציאַליסטישע פּאַרטייען געפירט דעם סאָציאַליזם פון דערפאַלג צו דערפאָלג. דאָס איז געווען די בלי־צייט פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל. צוזאַמען אָבער מיט דעם וואַקסנדיקן איינפלוס פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אויף דער געזעצגעבונג און פּאָליטיק פון זייער מלוכה איז געוואַקסן אויך זייער פאַראינטערעסירטקייט אין דער דאָזיקער מלוכה, אין איר פּאָליטיק און אין איר מאַכט. און דער רעזולטאַט פון דעם איז געווען דער, אַז ווען די ערשטע וועלט־מלחמה האָט אויסגעבראָכן, האָבן זיך די סאָציאַליסטישע אַרבעטער־מאַסן פון פאַרשידענע מלוכות אַ וואָרף געטאָן איינע ק ע ג ן די אַנדערע, ווי קיין אינטערנאַציאָנאַל וואָלט גאָר קיינמאָל אויף דער וועלט ניט געווען. — און נאָך דעם קריג, בעת די גאַנצע סאָציאַליסטישע וועלט האָט איינגעזען וואָסער זינד, וואָסער אומזין און וואָסער אומגליק עס איז געווען דאָס פאַרלאָזן דעם אינטערנאַציאָנאַליזם און דאָס בוקן זיך צו די פּאַטערלענדישע עבודה־זרות, האָבן שוין אין אַ רייע לענדער די סאָציאַ־ליסטישע פּאַרטייען (אַליין אָדער צוזאַמען מיט בירגערלעכע פּאַרטייען) געהאַט פאַרנומען אין זייערע הענט די רעגירונגס־מאַכט פון זייערע לענ־דער: זיי האָבן שוין געטראָגן די אחריות ניט בלויז פאַרן סאָציאַליזם און דעם אַרבעטער־קלאַס, נאָר אויך פאַר זייערע מלוכות, וואָס יעדע פון זיי האָט געהאַט אירע באַזונדערע טראַדיציעס, געשיכטע, אינטערעסן, צילן. דאָס צוריק אויפשטעלן אַן אַרבעט־פעאיקן סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָ־נאַל האָט זיך אַרויסגעוויזן אַן אוטאָפּיע. — און היינט צו טאָג ווייס באמת קיינער ניט, ווי איז מעגלעך אויפצושטעלן אַן אמתן סאָציאַליסטישן אינ־טערנאַציאָנאַל, אַזוי לאַנג ווי עס עקזיסטירן קאָנקורירנדיקע צווישן זיך מלוכות.

נאָך מער סתירות טראָגט אין זיך די עטאַטיסטישע אָרגאַניזאַציע פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג ביי יענע פעלקער, וואָס זיינען בכלל צע־טיילט צווישן פאַרשידענע מלוכות (למשל ביי די פּאָליאַקן פ א ר דעם ערשטן וועלט־קריג). אמת, די פאַרשידענע צווייגן פון אַזאַ פּאָלק טיילן

יעדערער אין א סך הינזיכטן דעם גורל פון דער מלוכה, צו וועלכער זיי געהערן; זיי לעבן אָבער אויך מיט דער זעלביקער היסטאָרישער ירושה, מיט דעם זעלביקן לעבן־שטייגער און מיט דער זעלביקער גייסטיקער שפייז, וואָס זייערע פאָלקס־חברים אין אנדערע לענדער. דער ארבעטער־קלאס פון אזא פאָלק איז גלייכצייטיק א באשטאנד־טייל פון דעם ארבעטער־קלאס פון דער מלוכה, אין וועלכער ער לעבט, און פונעם ארבעטער־קלאס פון דעם פאָלק, צו וועלכן ער געהערט. זיין ווירקלעכער גורל ווערט באשטימט דורך אָט דער טאָפּלטער צוגעהעריקייט זיינער, און זיין לעבן און קאמף לאָזן זיך ניט איינצאמען אין די הוילע מלוכה־גרענעצן; זיי זיינען גלייכ־צייטיק סיי עטאטיסטיש, סיי אינטערעטאטיסטיש.

די י י ד י ש ע ארבעטער־באוועגונג געהערט טאקע צו אָט דעם לעצטן מין. נאָך מער, זי שטעלט מיט זיך פאָר דעם בולטסטן פאל פון אזא מין. בנוגע ארבעטס־באדינגונגען, שכירות, לעבנסמיטל־פרייזן, סאָציַ־אלע געזעצגעבונג, פּאָליטישע רעכט, בירגערלעכע פרייהייטן א. ד. גל. ווירקן אויף די יידישע ארבעטער־מאסן בעיקר די באדינגונגען פון דער מלוכה, ווו זיי וווינען; אָבער בנוגע שפּראך, קולטור, טראדיציע, סאָציאלע סביבה, לעבנסשטייגער, געזעלשאפטלעכן אנטיסעמיטיזם, אינערלעכע סאָ־ציאלע שטרעמונגען און אפילו סאָציאל־עקאָנאָמישע סטרוקטור א. ד. גל. טיילן זיי אָפט בעיקר דעם גורל פון די יידישע ארבעטער־מאסן אין פאר־שידענע אנדערע לענדער. א יידישע סאָציאליסטישע באוועגונג מוז בכן זיין אָרגאניזירט לויט דעם מלוכה־פּרינציפּ, עטאטיסטיש, און גלייכצײַ־טיק מוז דאָס לעבן כסדר זי שטופּן די מלוכה־ראמען אריבערצושפּרייזן, ארויסרופנדיק אינערלעכע און אויסערלעכע רייבונגען, זוכעניש פון נייע וועגן, זעען אָפט טעאָרעטישע ניט־אויסגעהאלטנקייט, „פּראקטיציזם", ד. ה. מער צוטרוי צו די קאָנקרעטע פאָדערונגען פונעם רעאלן לעבן, ווי צו אבסטראקטע, לאָגישע קאָנסטרוקציעס.

די סתירה צווישן דער אומפארמיידלעך עטאטיסטישער אָרגאניזאציע און די אומפארמיידלעך עטאטיסטישע פאָרמען פון דער באוועגונג, פון איין זייט, און פארשידענע ניט באגרענעצטע מיט מלוכה־ראמען לעבנס־באדערפענישן פון די יידישע ארבעטער־מאסן, פון דער אנדערער, איז אין „ב ו נ ד" געוווען נאָך באזונדער שטארק דערפאר, ווייל דער „בונד" איז געוווען א סך מער ווי א פּאָליטישע פּארטיי; ער איז גלייכצייטיק גע־ווען אויך דער גייסטיקער און אפילו אָרגאניזירנדיקער צענטער, ארום וועלכן עס האָט זיך גרופּירט און קריסטאליזירט די פארשידנארטיקע נא־ציאָנאלע שעפערישקייט פון די ברייטסטע יידישע ארבעטער־ און פאָלקס־

מאסן. צום אונטערשיד פון דעם, וואָס איז געשען ביי אנדערע פעלקער, האָבן דאָך ניט די מלוכה, ניט די פאַרמעגלעכע יידישע סאָציאלע שיכטן ניט געבויט פאר יידן ניט קיין מאָדערנע פאָלקשול אין דעם קינדס מוטער־שפראך, ניט געזאָרגט פאר דער אנטוויקלונג פון דער נאציאָנאלער שפראך, פון דער נאציאָנאלער קולטור, פון א נאציאָנאלן טעאטער א. א. וו. אין דער שפראך פון די פאָלקס־מאסן. און ווען די אויפגעוואכטע פון טויזנט־יאָריקן מיטאלטערשן שלאָף יידישע האָרעפאשנע מאסן האָבן דערפילט די באדערפעניש אין א בוך, אין א טעאטער־פאָרשטעלונג, אין א מאָדערנער שול פאר זייערע קינדער, האָבן זיי געמוזט די משא פון שאפן א מאָדערנע נאציאָנאלע קולטור נעמען וואָס ווייטער אלץ מער אויף זייערע אייגענע פלייצעס, אויף זייערע אָרגאניזאציעס, און דאָס האָט בעיקר געהייסן דורך זייער „בונד" און ארום אים. דאָס האָט זיך אָבער ניט געלאָזט ארייינלייגן אין א סדום־בעטל פון מלוכה־ראמען. די סתירה איז געווען ניט אויסצו־מיידן, און געגעבן כל המינים קעגנער די מעגלעכקייט פון לייכטער קריי־טיק. אין דער צייט פון דער רוסישער אימפעריע האָבן זיך ציוניסטן גע־ווּיצלט, אז פארן „בונד" ענדיקט זיך דאָס יידישע פאָלק אין ווערזשבאָלאָווע (א גרענעץ־סטאנציע צווישן רוסלאנד און פרייסן); און פון דער אנדערער זייט, האָט די רוסישע סאָציאל־דעמאָקראטיע „איסקרא" זיך ניט וויניקער שארפזיניק געוויצלט זאָגנדיק, אז די בונדיסטן זיינען בעצם די זעלביקע ציוניסטן, נאָר זיי האָבן מורא פאר ים־קראנקייט.

אָבער די יידישע ארבעטנדיקע מאסן, וואָס האָבן זיך גרופירט ארום „בונד", האָבן געמוזט איינהאלטן די מלוכה־ראמען פון זייער קודם־כל פאָ־ליטישער אָרגאניזאציע, און צו גלייכער צייט געשאפן זייער אינטערעטא־טיסטישע נאציאָנאלע קולטור און איינגעשטעלט אינטימע פארבינדונגען מיט די קרובהשע יידישע ארבעטער־אָרגאניזאציעס אין אנדערע לענדער (גאליציע, רומעניע, אמעריקע א. ד. גל.). די „פראקטישע בונדיסטן" האָבן געטאָן דאָס, וואָס דאָס לעבן פון די ארבעטנדיקע יידישע פאָלקס־מאסן האָבן פון זיי געפאָדערט. און גראד א דאנק דעם, וואָס זיי האָבן ניט ארויסגע־לאָזן פון אויג די אָפט זיך סותרדיקע פאקטאָרן פון דער יידישער ארבע־טער־ווירקלעכקייט, איז דער „בונד" כסדר געוואקסן הן אין זיין אלגעמיין־סאָציאליסטישן קאמף הן אין זיין נאציאָנאל־שעפערישער ווירקונג; ער איז געוואָרן א באדייטנדיקע פאָליטישע קראפט אין דער מלוכה, ווו ער איז געווען טעטיק, פריער אין צארישן רוסלאנד און דערנאָך אין זעלבסט־שטענדיקן פוילן; ער איז געוואָרן דער פירער פון די דאָרטיקע יידישע פאָלקס־מאסן אין זייער קאמף אויפן אָרט פאר זייערע מענטשלעכע, ביר־

גערלעכע און נאציאָנאלע רעכטן און דער וויכטיקסטער שטיצפונקט און טרייב־קראפט פון זייער פאָזיטיווער נאציאָנאלער שעפערישקייט.

## 2. — פון „זשארגאָנישער מאסע" צו דער פאָדערונג פון נאציאָנאל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע

די סתירה צווישן די באדערפענישן און אויפגאבן פון די יידישע אר־בעטער־מאסן אלס טייל פונעם עטאטיסטיש־אָרגאניזירטן לאנד־פראָלעטאריאט און זייערע באדערפענישן אלס טייל פונעם אינטערעטאטיסטישן יידישן פאָלק — איז ניט אלעמאָל ארויסגעטרעטן מיט גלייכער קראפט.

גאָר באגינען, אינעם גרויען פארטאָג פון דער יידישער ארבעטער־באוועגונג, פאר דער גרינדונג פון „בונד", באמערקן די יידישע סאָ־ציאליסטן בכלל קוים די נאציאָנאלע באדערפענישן פון דער יידישער ארבעטערשאפט. אחוץ זעלטענע אויסנאמען, קוקן די סאָציאליסטן, יידישע און ניט־יידישע, אויף דער קליינער אין צאָל יידישער ארבעטערשאפט בלויז ווי אויף א טייל פונעם לאנד־פראָלעטאריאט, א טייל וואָס רעדט דערווייל נאָר יידיש („זשארגאָן"); כדי אים אריינצוציען אין דעם קרייז פון סאָ־ציאליסטישן געדאנקען־גאנג, האלט מען דעריבער פאר ראשית חכמה אים אויסצולערנען רוסיש (אָדער פויליש); קיין באזונדערע יידישע ארבעטער־פארטיי דארף מען דעריבער בכלל ניט. העכסטנס נאָר א צייטווייליקע טעכנישע יידישע סעקציע. דאָס איז אויך שפעטער לאנג געבליבן דער שטאנדפונקט פון דער רוסישער „איסקרא" און פון דער פ. פ. ס. אין צאַ־רישן און עסטרייכישן פוילן. דאָ איז אלץ קלאָר, אויסגעהאלטן, קאָנסעק־ווענט: ניטאָ קיין יידיש־נאציאָנאלע באדערפענישן, ניטאָ קיין אינטערעטאַ־טיסטישע יידיש־נאציאָנאלע אויפגאבן פארן יידישן ארבעטער, איז ניטאָ אויך קיין אינערלעכע סתירות; אלץ איז באגרענעצט מיט די ראמען פון דער מלוכה, פון דער עקזיסטירנדיקער רוסלענדער מלוכה (על פי נוסח „איסקרא") אָדער פון צייטווייליק נאָך איבערגעריסענער פוילישער מלוכה (על פי נוסח פון פילסודסקיס פ. פ. ס.).

דאָס איז געווען די אוישליסלעך עטאטיסטי־שע, א נאציאָנאלע פאזע פונעם סאָציאליזם ביי יידן. ניט געווען דע־מאָלט קיין אינערלעכע סתירות, אָבער געווען א סתירה צום רעאלן לעבן. דאָס רעאלע לעבן האָט געשטופט צו דער גרינדונג פון „בונד", און דער עצם פאקט פון גרינדן א יידישע ארבעטער־פארטיי (הגם מען האָט ניט

געהאט די דרייסטקייט אָנצורופן דאָס ניי־געבוירן קינד מיט זיין אמתן נאָמען „פּאַרטיי") האָט, באַוווסטזיניק אָדער ניט, פּראַקטיש באַטייט די אָנערקענונג פון דעם פאַקט, אַז דער יידישער אַרבעטער־קלאַס איז ניט בלויז אַ טייל פון די סאָציאַלע כוחות, וואָס האָבן זיך גערהאַנגלט אין דער דעמאָלטיקער רוסלענדער מלוכה, נאָר אויך אַ קלאַס, וואָס האָט ספּעציעלע באַדערפענישן און אויפגאַבן אַלס אַ טייל פון י י ד י ש ן פאָלק.

צוזאַמען מיט דער גרינדונג פון „בונד" דרינגט אַזוי אָט אַריין דער נאַציאָנאַלער עלעמענט אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג; אין אָנפאַנג טאַקע אין זייער אַ באַשיידענער מאָס; אָבער דאָס לעבן גופא, וואָס האָט געשטופּט צו גרינדן דעם „בונד", האָט שוין שפּעטער געפירט צו דעם, אַז צוזאַמען מיט דעם אומבאַשריטענעם מלוכה־פּרינציפּ זאָל אויך דער נאַציאָנאַלער פּרינציפּ אין אַלץ אַ ברייטערער מאָס גענומען ווערן אין באַטראַכט ביי דער אָרגאַניזאַציע פון דער באַוועגונג, ביים פאָרמולירן איר פּראָגראַם, ביים אויסאַרבעטן איר טאַקטיק, אין איר פּראַקטישן פּאָליטישן קאַמף, ביים איינשטעלן אירע באַציאונגען צו אַנדערע יידישע און ניט־יידישע סאָציאַלע שטרעמונגען און בעיקר אין אירע פּאָזיטיווע קולטורעלע שאַפונגען.

די נויטווענדיקייט פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף פאַר די מענטשלעכע, בירגערלעכע און נאַציאָנאַלע רעכט פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט און פון דער יידישער באַפעלקערונג בכלל; די נויטיקייט זיך אידעאָלאָגיש צו פאַרטיידיקן אויף צוויי פראָנטן, קעגן דער ניי־אויפגעשטאַנענער ציוניסטישער באַוועגונג, וואָס האָט באַשריטן דעם ווערט פון קאַמף אין „גלות"־מלוכות, און קעגן דער סאָציאַליסטישער און בירגערלעכער אַסימילאַציע, וואָס האָט באַקעמפט דעם אַזוי־גערופענעם בונדישן „סעפּאַראַטיזם" און „נאַציאָנאַליזם"; דער ראַשער וווּקס אין צאָל פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט, דער ראַשער וווּקס פון די יידישע קיבוצים אין די שטעט פון אַמאָליקן תחום און דאָס אינטענסיווע געזעלשאַפטלעכע, פּאָליטישע, ליטעראַרישע און בכלל יידיש־נאַציאָנאַלע לעבן, וואָס האָט זיך אין זיי אַנטוויקלט; די מאַסן־עמיגראַציע עבר לים; די ברויזנדיקע געשעענישן אין צאַרן־לאַנד זייט דעם אָנהויב פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט; די פּאָגראָמען אויף יידן מצד דער צאַרישער רעאַקציע; די האַלב־לעגאַלע מעגלעכקייטן פון מאַסן־אָרגאַניזאַציע, פּרעסע און קולטורעלער טעטיקייט נאָכן 1905טן יאָר, אַ. אַ. וו., אַ. אַ. וו., — דאָס אַלץ צוזאַמען האָט ניט בלויז אַרויסגערוקט דעם „בונד" אין די ערשטע רייען פון די קעמפער קעגן צאַריזם און מיט כבוד באַדעקט דעם נאָמען פון יידישן אַרבעטער און פון יידישן פאָלק אין

דער גאנצער ציוויליזירטער וועלט, דאָס האָט גלייכצייטיק געוועקט דעם אלגעמיין־פּאָליטישן און נאַציאָנאלן באַוואוסטזיין פון די יידישע פאָלקס־מאסן, געוועקט און באַפרוכפּערט דעם בונדישן געדאנק און געשטעלט פאר אים כסדר נייע און ברייטערע פּראָבלעמען. און אין צענטער פון אָט די פּראָבלעמען האָט זיך פאר אים געשטעלט טאקע די נאַציאָנאלע פראגע, וואָס שטייט ביי יידן אויף אזא אייגנארטיקן אופן, ווי ביי קיין אנדער פאָלק, און וואָס דער „בונד" האָט פאר איר געמוזט זוכן א לייזונג כמעט נאָר מיט אייגענע גייסטיקע כוחות (*).

דער „בונד" איז ארויסגעגאנגען פון דער הנחה, אז די נאַציאָנאלע פראגע בכלל קען אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט פולשטענדיק ניט געלייזט ווערן, און אז איר ענדגילטיקע לייזונג איז פארבונדן מיט דער פארניכטונג פון די עקאָנאָמישע אנטאגאָניזמען צווישן יחידים, קלאסן און פעלקער, ד. ה. מיטן סאָציאליזם. ער אָנערקענט אָבער, אז די נאַציאָנא־לע אונטערדריקונג ווערט אין דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג גופא פארשטארקט דורך דעם אבסאָלוטיזם און די רעשטן פון פעאָדאליזם, וואָס באַשרענקען די אינדיווידועלע רעכט פון די מיטגלידער פון די אונטער־דריקטע פעלקער; אזוי למשל זיינען די יידן אין צארישן רוסלאנד געווען באַגרענעצט אין זייער וווינרעכט, אין זייער רעכט זיך צו פארנעמען מיט געוויסע פּראָפעסיעס, זיך צו לערנען אין די אלגעמיינע שולן, צו פארנע־מען מלוכה־שטעלעס, צו האָבן א שול, א פּרעסע, א טעאַטער אין יידיש א. א. וו. די איינפירונג פון א דעמאָקראַטישער אָרדענונג שאַפט אָפּ אָט די באַגרענעצונגען; דארפן טאקע די יידישע פאָלקס־מאסן קעמפן פאר אזא אָרדענונג, ווי צוליב זייערע אלגעמיין־סאָציאלע, אזוי אויך צוליב זייערע נאַציאָנאלע באַדערפענישן. נאָר דאָס הוילע רעכט גענוגט ניט דאָרטן, ווו עס גייט א קאַמף פאר ריווח און מאכט צווישן שטארקערע און שוואכערע, יחידים אָדער פעלקער. עס מוזן אין דער דעמאָקראַטישער מלוכה געשאַפן ווערן ג א ר א נ ט י ע ס, כדי די מיטגלידער פון אלע פעלקער, וואָס וווינען אין דער מלוכה, זאָלן זיך קענען פריי אויסלעבן אין זייער שפּראַך און קולטור און זאָלן קענען זייער נאַציאָנאלע קולטור אנט־

---

*) עס איז שווער צו זאָגן, ווי ווייט ד ו ב נ אָ ו ס „וועגן דעם אלטן און נייעם יידנטום" (וואָס האָבן זיך געדרוקט אין פּעטערבורגער „וואָסכאָדי" אין די יאָרן 1897—1907) האָבן געווירקט אויף דער אידעאָלאָגיע פון „בונד", און ווי ווייט פארקערט די אידעאָלאָגיע און פּראַקטיק פון "בונד" האָבן מיטגעהאָלפן דובנאָוון אויסצוקריסטאליזירן זיין טעאָרעטישן קוק אויף דעם יידישן פאָלק און זיינע פּראַקטישע אויפגאבן. איך מיין, אז דאָ איז פאָרגע־קומען א קעגנזייטיקע פרוכטבארע ווירקונג.

וויקלען אזוי פריי און פילזייטיק, ווי דאָס איז נאָר מעגלעך אין דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג. אזא גאַראַנטיע האָט דער „בונד" געזען אין דעם, אז דאָס גאַנצע קולטור־ און בילדונג־וועזן זאָל ארויסגענומען ווערן פון רשות פון די אלגעמיינע מלוכה־אָרגאַנען און איבערגעגעבן ווערן א דעמאָקראַטיש־געוויילטער און דעמאָקראַטיש־געבויטער זעלבסטפאַרוואַלטונג פון יעדן פאָלק, כדי יעדעס פאָלק זאָל אזוי אָט, אין די ראַמען פון די אלגעמיין־דעמאָקראַטישע מלוכה־נאַרמעס, זעלבסטשטענדיק אָרגאַניזירן און אָנפירן איר גייסטיק לעבן און שאַפן. אזא אויטאָנאָמיע פון יעדן פאָלק אויפן געביט פון זיין קולטור־לעבן וואָלט גלייכצייטיק ריין־געמאַכט די סאָציאַלע ארענע פאַרן אלגעמיין־פּראָלעטאַרישן קלאַסן־קאַמף: אין אלגעמיינע מלוכה־ענינים וואָלט די בורזשואזיע פון יעדן פאָלק מער שוין ניט געקענט ארויסשטעלן זיך פאַר די פאַרטיידיקערין פון די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון איר פאָלק און וואָלט געמוזט ארויסטרעטן מיט אירע נאַקעטע קלאַסן־אינטערעסן, און אין די אויטאָנאָמע נאַציאָנאַלע קולטור־איינריכטונגען וואָלט געקענט פאָרקומען א קלאָרער קאַמף פאַר א פּראָגרעסיוו־דעמאָקראַטישער און סאָציאַליסטישער קולטור קעגן א רעאַקציאָנער־קלעריקאַלער און בורזשואזער, אָן שום געפאַר אז אן אויסערלעכע מאַכט זאָל קענען אָנוואַרפן דעם פאָלק א פרעמדע נאַציאָנאַלע קולטור.

און טאַקע שוין אין 1901, אויף זיין פערטן צוזאַמענפאָר, נעמט דער „בונד" אָן די פּרינציפּיעלע פאָדערונג פון נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע פון דער יידישער באַפעלקערונג פון דער רוסלענדער מלוכה. די דאָזיקע פאָדערונג (וואָס דער געדאַנק וועגן איר אין אן אלגעמיינער פאָרעם, ניט בנוגע צו יידן, איז אייגנטלעך געבוירן געוואָרן אין די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע רייען פון עסטרייך, וועלכע איז דעמאָלט געווען די ארענע פון פאַרביטערטן נאַציאָנאַליטעטן־קאַמף) ווערט דערנאָך אויפן פינפטן צוזאַמענפאָר באַשטעטיקט און קאָנקרעטיזירט. אין דער בונדישער ליטעראַטור ווערט זי פאַרטיידיקט און פּראָפּאַגירט אין אָנפאַנג בעיקר דורך ק אָ ס אָ ווס ק י ן און שפּעטער דורך מ ע ד ע מ ע ן, און ווערט איינגיכן די צענטראַלע נאַציאָנאַלע פאָדערונג פון „בונד".

צום ערשטן מאָל אין דער מאָדערנער יידישער געשיכטע איז אויף אזא אָרט ארויסגעשטעלט געוואָרן די פאָדערונג צו אָנערקענען אָפיציעל די יידן אלס נאַציע אין לענדער מיט א גרויסער יידישער באַפעלקערונג, זיי צו אָנערקענען בכלל אלס נאַציע אין לענדער מיט קאָמפּאַקטע יידישע מאַסן, און צו געבן זיי נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע אין אזעלכע לענדער. און אָט די פאָדערונג ווערט אזוי צו זאָגן די נאַציאָנאַלע פאָן, ארום וועלכער

עס זאמלען זיך יענע עלעמענטן פון יידישן פאָלק, וואָס שטרעבן צו זיין גייסטיקן רענעסאַנס ניט אין דער נעפּלדיקער ווייטקייט פון הינטער ימים געלעגענע האַלב־פּוסטע מדינות, נאָר דאָ אויפן אָרט, ווו דאָס יידישע פאָלק לעבט און קעמפט און שאפט. דאָס איז אויך געווען יענע רויטע פּאַ־טשיילע, וואָס האָט ארויסגעבראַכט פון די כלים אלע מינים אסימילאַ־טאָרן, בורזשואזע ווי מאַרקסיסטישע. צוליב זייערע אטאַקעס האָט זיך אָבער דער „בונד" פון זיין נאַציאָנאַלן פּראָגראַם ניט אָפּגעזאָגט, ווי ער האָט אויך פעסט געהאַלטן זיך ביי זיין אויטאָנאָמער אָרגאַניזאַציע פונעם יידישן ארבעטער־קלאַס. ער איז אפילו צוליב אָט די ביידע טעמים אין משך פון עטלעכע יאָר געווען ארויסגעטרעטן פון דער אַלגעמיין־רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער ארבעטער־פּאַרטיי און אויסגעהאַלטן א ביטערן קאַמף קעגן פּ. פּ. ס. מיט יאָרן אָבער, האָבן סיי די רוסישע סאָציאַל־דע־מאָקראַטן (די מענשעוויקעס), סיי אפילו פּ. פּ. ס. („לעוויצא", און שפּע־טער אין זעלבסטשטענדיקן פּוילן בכלל) אזוי אָדער אנדערש שלום גע־מאַכט מיט אָט דער בונדישער „אפּיקורסות". אויך אַלע אנדערע י י ד י־ש ע פּאַרטייען, וואָס האָבן זיך געשטעלט אויפן גרונט פון פּאָזיטיווער ארבעט אין „גלות", ווער מיט א פולן מויל און ווער מיט האַלבע ווער־טער, האָבן פאַקטיש אָנגענומען דעם פּרינציפּ פון קולטורעלער אויטאָנאָ־מיע פאַר יידן. נאָך דעם ערשטן וועלט־קריג איז די נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע פון דער יידישער באַפעלקערונג פאַרווירקלעכט געוואָרן אין די באַלטישע לענדער (עסטלאַנד, לעטלאַנד, ליטע) אין א געוויסער מאָס בעת דער קורצער צייט, וואָס זיי האָבן געהאַט א דעמאָקראַטישן רעזשים.

## 3. — „נייטראַליזם" און נאַציאָנאַלע שעפערישקייט

דער שפּרונג פון דער אַמאָליקער, פּ א ר־בונדישער, אַלגעמיין־אָנ־גענומענער סאָציאַליסטישער פּאָזיציע, לויט וועלכער די יידישע נאַציאָנאַלע פראַגע אלס אזעלכע עקזיסטירט בכלל ניט, ביז צו פאָדערן פאַר יידן רעכט פון אָן אָפיציעל־אָנערקענטער נאַציע אין דער פאָרעם פון נאַציאָנאַל־קול־טורעלער אויטאָנאָמיע, — איז געווען א צו ווייטער און צו ריזיקאַלי־שער, ער זאָל געקענט געמאַכט ווערן אָן שום איבערגאַנג־שטופן. אזא אי־בערגאַנג־שטופע איז געווען דער אזוי־גערופענער נ יי ט ר א ל י ז ם, וואָס האָט א געוויסע צייט און אין א געוויסער מאָס געהערשט אין „בונד".

אין וואָס איז באַשטאַנען אָט דער „נייטראַליזם"?

מיר ווייסן ניט, האָבן געטענהט זיינע פאַרטיידיקער, צי דאָס יידישע

פאָלק וועט זיך איינגאַנצן אסימילירן, אָדער עס וועט פאַרקערט אנטוויק־לען אן אייגנאַרטיקע נאַציאָנאַלע קולטור. נאָר דאָס איז פאַר אונדז גאָרניט וויכטיק; וויכטיק איז נאָר, דער קלאַסן־קאַמף זאָל קענען פאָרקומען אין קלאָרע פאָרמען און פרייע באַדינגונגען, ער זאָל ניט פאַרטונקלט און ניט פאַרשוועכט ווערן דורך נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג און דורך דער נאַ־ציאָנאַליסטישער פסיכאָלאָגיע, וואָס די אונטערדריקונג רופט ארויס. פאָ־דערן מיר דערפאַר, און נאָר דערפאַר די נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָ־מיע. מיר זיינען אָבער ניט פאַר און ניט קעגן אסימילאַציע, ניט פאַר און ניט קעגן דעם קיום פון א יידישער נאַציע: מיר זיינען אין דעם פּרט נייטראַל.

צי האָט עמעצער אין „בונד" באמת ווען עס איז געגלויבט אין אזא מין נייטראַליזם? — אין דער האַלב־אסימילירטער בונדישער א י נ ט ע־ל י ג ע נ ץ, ביז אומגעפער 1908, באַשטימט יאָ. מיר אליין איז אויס־געקומען צו הערן אן אמת „נייטראַליסטישן" ווידוי מצד איינעם פון די אָנגעזעענסטע בונדישע פירער, שפּראַכלעך א שטאַרק אסימילירטן, נאָך א סך שפּעטער אפילו, אין דעם זעלבסטשטענדיקן פּוילן. אין דער ווירק־לעכקייט איז דאָס געווען די גייסטיקע איינשטעלונג פון דעם פיל־ווייניק אסימילירטן אינטעליגענט, וואָס האָט טאַקע פאַר זיך קיין יידישע קולטור ניט געדאַרפט, וואָס איז געווען דערצויגן אין א ניט־יידישער קולטור און אין דער ניט־יידישער קולטור געלעבט, וואָס אים האָט אָבער צוגעצויגן צו זיך די קעמפנדיקע יידישע אַרבעטער־מאַסע, וועלכע האָט געלעבט נאָר מיט יידיש און, שטרעבנדיק צו קולטור, האָט נאַטירלעך געשטרעבט צו א י ר, יידישער קולטור, צו איר ליטעראַטור, צו איר פיינערער יידישער שפּראַך, צו איר בעסערן יידישן טעאַטער א. א. וו. אחוץ דעם האָט דער נייטראַליזם געזאָלט זיין א מין הכשר דעם נאַציאָנאַלן פּראָגראַם, א הכשר כלפּי חוץ, פאַר דער רוסישער „איסקרא", און א הכשר אויך אין די אייגענע אויגן, וואָס האָבן נאָך אָפט געקוקט אויף דעם יידישן אַרבע־טער דורך די אמאָליקע, פּ א ר־בונדישע ברילן.

נייטראַליזם מצד א פּאָליטישער פּאַרטיי איז בכלל אן אומזין; מען קען אפשר זיין נייטראַל צו א ניט־וויכטיקער פראַגע, וואָס איז נוגע יענעם ברעג וועלט. אָבער נייטראַליזם מצד א מאַסן־פּאַרטיי ווי דער „בונד" בנוגע דער פראַגע וועגן זיין אָדער ניט זיין פון יידישן פאָלק — איז אזא מין אומזין, וואָס איז אונדז הײַנט אפילו שווער זיך פאָרצושטעלן, כדי צו קענען זיך פיל ווייניק דערקלערן אזא משונהדיקן שטאַנדפּונקט (אָדער

ריכטיקער, אָפּוועזנקייט פון יעדן שטאַנדפּונקט), מוז מען זיך לעבעדיק דערמאָנען דעם גייסטיקן טעראָר, וואָס האָט דעמאָלט געהערשט און גע־האַלטן געשמידט די מוחות אין דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, ווי דער קלענסטער אָפּנויג פון אָרטאָדאָקסאַלן מאַרקסיזם על פּי נוסח פּלעכאַנאָוו פלעגט ווערן געשטעמפּלט ווי א פאַרראַט בנוגע צום אַרבעטער־קלאַס, און ווי די מינדסטע „קריטיק" פון אָט דעם מאַרקסיזם איז געווען גענוג, מען זאָל ווערן פאַררעכנט פשוט פאַר א חסר־דעה. כדי צו פאַרטיידיקן דעם נאַציאָנאַלן פּראָגראַם פון „בונד", האָט מען דעריבער געמוזט דערווייזן, אַז ער איז הונדערט־פּראָצענטיק אין דער ליניע פון אָר־טאָדאָקסאַלן מאַרקסיזם, און אַז אַרויסשטעלנדיק א נאַציאָנאַלן פּראָגראַם, איז מען חס ושלום גאָרניט אויסן די אַנטוויקלונג פון דער נאַציאָנאַלער יידישער קולטור, צו וועלכער מ'איז גראַד נייטראַל, נאָר אויסשליסלעך דעם פּראָלעטאַרישן קלאַסן־קאַמף. פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ לויתן ווי פּלע־כאַנאָווס און לענינס „איסקראַ" האָט זיך ניט געלאָזט כאַפּן אויף אַזאַ צעפּוילטער ווענדקע: דעם הכשר האָט מען ניט באַקומען, און מען האָט געמוזט צייטווייליק פאַרלאָזן די „פּראַוואָסלאַוונע" (אָרטאָדאָקסאַלע, בלע"ז) רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישע קירכע. האָט טאַקע דער נייט־ראַליזם אין „בונד" קיין לאַנגע יאָרן ניט געהאַט.

דער אינטעליגענטישער, האַלב־אַסימילירטער נייטראַליזם איז פאַר די יידישע אַרבעטער־ און פאָלקס־מ א ס ן אויך אינערלעך געווען אַן אומזין. וואָלטן די דאָזיקע מאַסן טאַקע געווען גלייכגילטיק צו דער יידישער קול־טור, וואָלטן זיי אויך די נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע געדאַרפט אויף כפרות. ביי זיי איז די זאַך געשטאַנען פּונקט פאַרקערט: זיי האָבן זיך קודם כל, ווי א פיש אין וואַסער, גענויטיקט אין יידישער קולטור, און ערשט דורך דעם האָבן זיי געקענט דערגיין צו באַגרייפן די נויטוועניקייט פון קולטורעלער אויטאָנאָמיע.

נאָכמער, די פאָלקס־מאַסן האָבן ניט געקענט וואַרטן ביז די מלוכה וועט ווערן אַזוי ווייט דעמאָקראַטיזירט, אַז מען וועט קענען באַקומען פון איר די פאַרווירקלעכונג פון דער יידישער נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָ־נאָמיע. אחוץ דעם, כדי אויסצוקעמפן די דאָזיקע אויטאָנאָמיע, איז ניט גענוג געווען אַרויסצושטעלן אַזאַ פאָדערונג און אַגיטירן דערפאַר אין די מאַסן. מען האָט געמוזט דערווייזן מיט פאַקטן, אַז די יידישע באַפעלקע־רונג האָט די ב א ד ע ר פ ע נ י ש אין א נאַציאָנאַלער קולטור. האָט טאַקע דער „בונד", ניט וואַרטנדיק אויף שפּעטער, זיך גענומען נאָך אין

צארישן רוסלאנד אויסצונוצן אלע לעגאלע, האלב־לעגאלע און אומלעגאלע מעגלעכקייטן, כדי פראקטיש ווי ווייט מעגלעך צו באפרידיקן די קולטורעלע באדערפענישן פון די יידישע פאָלקס־מאסן: מען הויבט אָן ארבעטן אין די קהילות, אין דער חברה מפיצי השכלה, מען גרינדעט יידישע אָוונט־קורסן, עס עפענען זיך די ערשטע יידישע פאָלק־שולן, א פאָלקס־אוניווער־סיטעט; דער בונדישער פארלאג „די וועלט" גיט ארויס ניט בלויז פארטיי־ליטעראטור, נאָר אויך בעלעטריסטיק, פּאָעזיע, סאָציאל־וויסנשאפטלעכע ארבעטן א. א. וו. שפעטער, אין זעלבסטשטענדיקן פוילן, ווערט דער „בונד" באמת דער גרויסער גייסטיקער צענטער פון דעם פאָלקסטימלעכן יידישן קולטורעלן רענעסאנס, און דאָס סיי דירעקט — דורך דעם גרויסן נעץ פון די מוסטערהאפטע ציש"אָ־שולן, מיט דער מעדעם־סאנאטאָריע, מיטן ווילנער לערער־סעמינאר, מיטן גרויסן ביכער־ און צייטשריפטן־פארלאג, ספאָרט־פאראיינען, טויזנטער פאָרלעזונגען אויף די פארשידנסטע טעמעס א. ד. גל. — סיי אומדירעקט, דורך דעם שאפן מאסן אינטעליגענטע יידיש־לייענער און יידיש־הערער, באשאפנדיק דערמיט די מאטעריעלע באזע (אזוי צו זאָגן, די מאסע קאָנסומענטן) פאר דער יידישער ליטעראטור, טעאטער, וויסנשאפט, ערנסטער פרעסע א. א. וו.

אויף דאָ איז פונדעסטוועגן דער „בונד" ניט אריבערגעטרעטן די גרענעצן פון דער מלוכה, ווו ער איז געווען טעטיק: פון צארן־רוסלאנד פריער און פון דער פוילישער רעפובליק שפעטער. און די סתירה צווישן אָט די מלוכה־ראמען און דעם אינטערעטאטיסטישן כאראקטער פון יידישן פאָלק און דער יידישער קולטור האָט דער „בונד" פאר זיך געלייזט דער־מיט, וואָס ער האָט אָנערקענט אז א פולשטענדיקע לייזונג פון דער נאַ־ציאָנאלער פראגע איז בכלל אוממעגלעך אין דער קאפיטאליסטישער אָר־דענונג. איז דעריבער פאר אים געשטאנען נאָר די אויפגאבע צו לייזן זי אזוי ראדיקאל ווי מעגלעך. און וויבאלד עס רעדט זיך וועגן פראקטישע מעגלעכקייטן, איז פראקטיש די לאגע אין אָנפאנג געווען אזעלכע, אז דריי פערטל ביז פיר פינפטל פון דער באפעלקערונג, וואָס האָט זיך גע־פילט אלס א יידיש פאָלק און געהאט וועלכע ניט איז יידיש־נאציאָנאלע באדערפענישן, האָט טאקע געלעבט אין די ראמען פון צארן־רוסלאנד. א וויכטיקער אויסנאם איז צייטווייליק געווען בלויז די יידישע פאָלקס־מאסע אין גאליציע, ווו די בונדישע אידעאָלאָגיע האָט געהאט אריינגעדרונגען; צווישן דעם גרויסן רוסלענדער „בונד" און דעם קליינעם „גאליציאנער בונד" (יידישע ס. ד. פארטיי) איז איינגעשטעלט געוואָרן טאקע ניט קיין אָפיציעלער, נאָר אן אידעאָלאָגישער און פערזענלעכער קאָנטאקט. שפע־

טער, אין דער צייט פון דער פוילישער רעפובליק, האָט באמת שוין דער ווייט־גרעסטער טייל פונעם נאַציאָנאַלן יידנטום געלעבט אויסער דער מלוכה, ווי ס'איז טעטיק געווען דער „בונד": א גרויסער טייל האָט גע־לעבט אין ראטן־פארבאנד, נאָך א גרעסערער האָט שוין געהאט אויסגע־וואנדערט עבר לים, בעיקר קיין אמעריקע, עס איז אויפגעשטאנען א באַ־דייטנדיקער יידישער ישוב אין פאלעסטינע. אָבער ראטן־פארבאנד איז געווען אָפּגעצאמט פון דער וועלט מיטן שטעכעדיקן דראָט און געלעבט מיט גאָר אן אָפּגעזונדערטן לעבן; אמעריקע איז געווען ווייט און אויך געלעבט ביי גאנץ אנדערע באדינגונגען, און פאלעסטינע האָט סוף כל סוף געציילט בלויז א פּאָר הונדערט טויזנט יידן. פּראַקטיש, לפחות אין אייראָפּע, איז דער פוילישער „בונד" געוואָרן דער סינאָנים פון „בונד" בכלל, די אָרגאַ־ניזאציע פון יענע יידישע ארבעטער און פאָלקס־מאסן, וואָס האָבן געזוכט זיך נאציאָנאל אויסצולעבן אין זייערע ווירקלעכע, היסטאָריש געגעבענע וווינלענדער. אזוי האָט ער אליין אויף זיך געקוקט, אזוי האָט ער אויך אויסגעזען ביי אנדערע, און גראָסאָ מאָדאָ איז ער דאָס טאקע געווען אין דער ווירקלעכקייט. די סתירה צווישן מלוכה און פאָלק האָט דעריבער קיין גרעסערע פּראַקטישע באדייטונג ניט געהאט.

## 4. — אנדערע סתירות

עס האָבן אויך ניט געפעלט קיין אנדערע סתירות אין דער בונדישער אידעאָלאָגיע, ווי עס פעלן ניט קיין סתירות אין לעבן בכלל און אין יידישן לעבן בפרט. די וויכטיקסטע פון זיי איז געלעגן אין עצם באגריף פון יידישן פאָלק און יידישן נאציאָנאלן לעבן. דאָ איז אייגנטלעך געווען און געבליבן ניט איין סתירה, נאָר א גאנצער קנויל מיט סתירות.

ווּעמען האָט מען עס אייגנטלעך געמיינט מיטן טערמין „יידיש פאָלק"? דער „בונד" האָט ניט געקענט שטיין אויף דעם שטאנדפּונקט, אז דערמיט מיינט מען די אָנהענגער פון דער יידישער רעליגיע. פון איין זייט האָט ער ניט געקענט שטעלן מחוץ למחנה די יידישע סאָציאליסטישע, בונדישע, יידיש־רעדנדיקע פריי־דענקער: דאָס זיינען ביי אים אפשר גראד געווען דאָס אויבערשטע פון נאציאָנאלן שטויסל; פון דער אנדער זייט, האָט ער קוים געקענט צורעכענען צום יידישן פאָלק כל המינים יאהודים, פּאָליאקן, דייטשן, פראנצויזן, ענגלענדער פון משה־רבנוס גלויבן, וואָס האָבן פון א יידישער נאציע ניט געוואָלט הערן אפילו. האָט מען געזאָלט מיינען אונטערן נאָמען „יידיש פאָלק" די, וואָס זייער לשון איז יידיש?

דאָס איז שוין געווען נענטער צו דער בונדישער אידעאָלאָגיע; און ווען מ'האָט געפאָדערט און געגרינדעט פאַר יידן שולן אין זייער „מוטער־שפּראַך", האָט מען טאַקע געמיינט יידיש און נאָר יידיש. מען האָט אָבער לחלוטין ניט געהאַט בדעה אויסצושליסן פון יידישן פאָלק יענע, וואָס זיינען שפּראַכלעך אסימילירט, וואָס האָבן פונדעסטוועגן אַ פּאָזיטיווע באַציאונג צום יידישן נאַציאָנאַלן לעבן, און וואָס אַ סך פון זיי נעמען אין אים גראַד אַן אַקטיוון אָנטייל (ווי למשל אין „בונד" גופא, אין ציוניזם א. ד. גל.). און בכלל ווי האָט מען געקענט באַשרענקען דעם באַגריף „יידיש פאָלק" מיטן קרייז פון דער יידיש־רעדנדיקער באַפעלקערונג, און גלייכצייטיק רעדן וועגן אַ זעכצן־מיליאָנעדיקן יידישן פאָלק? די זעכצן מיליאָן האָבן דאָך ארומגענומען כל המינים האלב־ און גאַנץ־אסימילירטע יידישע פּאָליאַקן, דייטשן, פראַנצויזן, ענגלענדער, אַמעריקאַנער, איטאַליענער, אַלע ספרדים, מאַראָקאַנער א. א. וו., וואָס האָבן פון יידיש אלס לשון קיין שום אנונג ניט, און וואָס אפילו זייערע אָבות אבותיהם האָבן וועגן דעם קיין אנונג ניט געהאַט.

אין דער אמתן האָט מען אין „בונד" פאַרן יסוד פונעם באַגריף „יידיש פאָלק" געהאַלטן דעם יידיש־נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין, און מען האָט גערעכנט פאַר יידן די אַלע וואָס האָבן זיך געהאַלטן פאַר צוגעהעריקע צום יידישע פאָלק, און וואָס אין דערווירקלעכקייט איז דער רוב מנין און רוב בנין פון זיי געווען פאַרבונדן מיט דער יידישער שפּראַך און יידישער קולטור. זיינען זיי ניט געווען קיין זעכצן מיליאָן, זיינען זיי געווען צוועלף מיליאָן, אָדער צען, אָדער אפילו אַכט, איז פּראַקטיש אויך קיין אומגליק ניט געווען. זיינען זיי אין צאַרן־רוסלאַנד געווען פינף מיליאָן, אָדער אין דער פּוילישער רעפּובליק אפילו נאָר דריי מיליאָן, זיינען זיי נאָך אַלץ געווען ניט קלענער אין צאָל, ווי געוויסע אַנדערע הויך־קולטור־רעלע פעלקער, נאָך גרעסער אפילו ווי געוויסע פון זיי. פּראַקטיש, הייסט עס, האָט עס ניט געשטערט צו קעמפן אין רוסלאַנד און אין פּוילן פאַר די נאַציאָנאַלע רעכט פון דאָרטיקן יידישן פאָלק און פאַר יידיש אלס נאַציאָנאַלע שפּראַך פון דער דאָרטיקער יידישער באַפעלקערונג. האָט טאַקע דער „בונד" זיך ניט אריינגעלאָזן אין טיפע חקירות וועגן דעם עצם באַגריף פון יידן אלס פאָלק און קיין גענויע דעפיניציע פון דעם ניט געגעבן, און אפילו ניט געזוכט.

דערפאַר אָבער האָט דער „בונד" געפּרוווט גענוי באַשטימען דעם ג ע ב י ט פון נאַציאָנאַלן לעבן. לויט אים איז באמת נאַציאָנאַל נאָר דער געביט פון גייסטיקן קולטור־לעבן; אויף אַלע אַנדערע געביטן האָבן

מענטשן פון יעדן פאָלק פונקט די זעלביקע אינטערעסן ווי מענטשן פון די זעלביקע קלאַסן פון אַלע אַנדערע פעלקער פון דער מלוכה. אחוץ אויפן געביט פון גייסטיקן קולטור־לעבן, האָט בכן דער יידישער אַרבעטס־מענטש די זעלביקע באַדערפעגישן און די זעלביקע אויפגאַבן ווי דער רוסישער, פוילישער, ליטווישער, אוקראַאינישער און אַנדערע אַרבעטס־מענטשן. אמת, אַ ייד קען אין אַ ניט־דעמאָקראַטישער מלוכה אונטערדריקט ווערן אויך אויפן עקאָנאָמישן געביט א. ד. גל. דורך ספּעציעלע געזעצלעכע און אַד־מיניסטראַטיווע באַגרענעצונגען; אָבער דאָס אַלץ פאַרשווינדט מיט דער דעמאָקראַטיזירונג פון דער מלוכה, מיט דער איינפירונג פון גלייכהייט פון אַלע בירגער פאַרן געזעץ. בלויז אויפן געביט פון גייסטיקן קולטור־לעבן בלייבט די אייגנאַרטיקייט פון יעדן פאָלק, און דעריבער מוז אָט דער גע־ביט ספּעציעל רעגולירט ווערן.

ווי מען זעט, איז דאָס געגויע באַצייכענען דעם געביט פון ספּעציפיש־נאַציאָנאַלן לעבן געווען פאַרן „בונד" אַ פּראַקטישע נויטווענדיקייט, כדי צו קענען באַגרינדן זיין פּראָגראַם פון נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָ־מיע ביים גלייכצייטיקן אַקטיוון אָנטייל פון יידישן אַרבעטער־קלאַס אין דער אַלגעמיין־סאָציאַליסטישער באַוועגונג פונעם לאַנד. די דאָזיקע פּראַק־טישע אויפגאַבע האָט ער אויף אַזאַ אופן, ווי די היסטאָריע האָט באַוויזן, גאַנץ גוט געלייזט. אָבער טעאָרעטיש גענומען (ניט בלויז לאָגיש, נאָר אויך אפילו עמפּיריש), האָבן מיר דאָ ווידער געהאַט פאַר זיך אַ גאַנצע רייע סתירות (שוין ניט רעדנדיק פון דעם, וואָס „גייסטיקע קולטור" איז אַליין געגנוג ווייט פון אַ געגויער דעפיניציע), און די סתירות זיינען געלעגן אויף דער האַנט, פּשוט געשטאָכן די אויגן. אָט איז דאָך דער „בונד" גופא גע־ווען קודם כל אַ פּ אָ ל י ט י ש ע פּאַרטיי פון יידישן אַרבעטער־קלאַס, ניט קיין פאַרבאַנד פון ליבהאָבער פון יידישער קולטור, און דאָך איז עס געווען אַ נאַציאָנאַלע דערשיינונג און אַן אויסערסט וויכטיקער פאַקטאָר פון יידישן נאַציאָנאַלן לעבן. און דער פּאָליטישער ציוניזם, קעגן וועלכן דעם „בונד" איז אויסגעקומען די גאַנצע צייט צו קעמפן, איז ער דען ניט געווען אַ ספּעציפיש יידישע דערשיינונג, וואָס איז געווען מעגלעך בלויז אַלס רעזולטאַט פון דער פאַרגאַנגענער יידישער געשיכטע, פון דעם וואָס יידן זיינען אומעטום אַ מינדערהייט, פונעם יידישן לעבנסשטייגער, פונעם סאָציאַל־עקאָנאָמישן בוי פון דער יידישער באַפעלקערונג, פון דער אַרומי־קער פעלקער־פּסיכאָלאָגיע (אַנטיסעמיטיזם) א. ד. גל.? הייסט עס דאָך, אַז פאַרשידענע סאָציאַלע פאַקטאָרן, קעגנוואַרטיקע און פאַרגאַנגענע, שאַפן טיפּישע נאַציאָנאַלע אייגנאַרטיקייטן ניט בלויז אויפן געביט פון קולטור

נאָר אויך אויף אנדערע געביטן פון לעבן, ווי למשל אין דער פּאָליטיק. און ענלעכע ביישפּילן וואָלט מען געקענט ברענגען אויך אויפן געביט פון עקאָ־נאָמיק אָדער עמיגראַציע.

דער „בונד" איז אָבער ניט געווען קיין אקאדעמיע פאר טעאָרעטישע סאָציאַלע פאָרשונגען. ער איז געווען אַן אָרגאַניזאַציע פון קאַמף און פּראַק־טישער ארבעט. און קעמפן און פראקטיש ווירקן אויף דעם יידישן לעבן, וואָס איז אַזוי פיל מיט סתירות, האָט ער געקענט נאָר בתנאי, אַז זיינע אידעאָלאָגישע סכעמעס זאָלן זיין געבויט אויף דעם, וואָס איז אין לעבן געווען עיקרדיק, דעצידירנדיק. און עיקרדיק איז געווען און געבליבן, אַז א פולשטענדיקע לייזונג פון דער יידישער נאַציאָנאַלער פראגע איז אין דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג בכלל ניט מעגלעך, און אַז ספּעציפיש־נאַציאָנאַל איז בעיקר דאָס געביט פון גייסטיקן קולטור־לעבן.

## 5. — דער נאַציאָנאַלער אני־מאמין פון „בונד"

דעם בונדישן אני־מאמין אין דער יידישער נאַציאָנאַלער פראגע, אַזוי ווי ער האָט זיך אויסגעקריסטאַליזירט אין משך פון האַלבן יאָרהונדערט פון דער עקזיסטענץ פון „בונד", וואָלט איך בכן פאָרמולירט אין די ווייַ־טערדיקע אכט עיקרים:

א. — דאָס יידישע פאָלק איז אַן אינטערטעריטאָריאַלע פאָלק, וואָס איז אומעטום א מינדערהייט, און אַזוי ווייט ווי א מענטשלעך אויג קען נאָר אריינקוקן אין דער צוקונפט, פאַרבלייבט עס אַן אינטערטעריטאָריאַלע מינדערהייט־פאָלק (אָדער אויב מען וויל, א „גלות"־פאָלק).

ב. — מען מוז דעריבער זען צו לייזן די יידישע נאַציאָנאַלע פּראגע אין יענע לענדער, ווו עס לעבן פאקטיש ברייטערע יידישע פאָלקס־מאסן.

ג. — יידיש איז די שפּראַך פון די ברייטסטע יידישע פאָלקס־מאסן; זי איז ממילא די שפּראַך, אין וועלכער עס דאַרף און עס קען זיך אנטוויק־לען, און עס אנטוויקלט זיך פאקטיש, דאָס גייסטיקע קולטור־לעבן פונעם יידישן פאָלק.

ד. — א פולשטענדיקע לייזונג פון דער נאַציאָנאַלער פראגע איז אין דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג בכלל ניט מעגלעך; זי וועט ערשט קע־נען געלייזט ווערן אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט.

ה. — די דעמאָקראַטיזירונג פון דער מלוכה אין דער קאַפּיטאַליסטי־שער אָרדענונג שאפט אָפּ בלויז די באַגרענעצונגען פון די אַלגעמיין־ביר־

גערלעכע רעכט פונעם יחיד און גיט די מאסן די מעגלעכקייט פון פרייער אָרגאַניזאַציע.

ו. — נאָך דער אָפּשאַפונג פון די דערמאָנטע באַגרענעצונגען בלייבט די נאַציאָנאַלע פראַגע בעיקר נאָר אויפן געביט פון גייסטיקן קולטור־לעבן.

ז. די דעמאָקראַטיש־אָרגאַניזירטע נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע אויפן געביט פון קולטור־לעבן — ביי דער אַלגעמיינער דעמאָקראַטיזירונג פון דער מלוכה — ברענגט די בעסט־מעגלעכע לייזונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע, באַזונדער פאַר פעלקער, וואָס זיינען אין דער מלוכה אַ מינדער־הייט.

ח. — דער קאַמף פאַר דער לייזונג פון דער יידישער נאַציאָנאַלער פראַגע ליגט אויף אַזאַ אופן אויף דער ליניע פונעם אַלגעמיינעם קאַמף פאַר דעמאָקראַטיע און סאָציאַליזם, וואָס די יידישע אַרבעטער און פאָלקס־מאַסן פירן אין זייערע ווינלענדער צוזאַמען מיט אַלע איבעריקע סאָציאַ־ליסטישע און דעמאָקראַטישע כוחות פון די זעלביקע לענדער.

## 6. — און וואָס ווייטער?

היטלער האָט אויסגעראָטן די יידישע באַפעלקערונג אין מזרח־ און צענטראַל־אייראָפּע, דאָרטן ווו עס האָט געהאַט געקעמפט און געשאַפן דער „בונד". ער האָט דערמיט חרוב געמאַכט ניט בלויז די פריער אַזוי מעכ־טיקע בונדישע אָ ר ג אַ נ י ז אַ צ י ע; ער האָט צונישט געמאַכט יענעם טייל פון יידישן פאָלק, וואָס אויף אים איז דער „בונד" געווען גע־בויט, וואָס איז געווען אָרגאַניש פאַרבונדן מיט דער יידישער שפּראַך, וואָס איז געווען דער עיקרדיקער שעפער און טרעגער פון אונדזער גאַנצן מאָדערנעם נאַציאָנאַלן רענעסאַנס און נאַציאָנאַלער קולטור.

שוין דערמיט אַליין איז די עקזיסטענץ פון „בונד" אין זיינע אַמאָליקע פאָרמען, אין זיין אַמאָליקן פאַרנעם און אין זיין אַמאָליקן טעריטאָריאַלן „ראַיאָן" געוואָרן אַ היסטאָרישע אוממעגלעכקייט. און זיין עקזיסטענץ בכלל אַלס מאַסן־אָרגאַניזאַציע איז דערמיט געשטעלט געוואָרן אונטער אַ שרעקלעכן היסטאָרישן פראַגע־צייכן.

נאָך מער: די אינערלעכע סתירות, וואָס האָבן אויך פריער עקזיס־טירט אין דער בונדישער אידעאָלאָגיע, נאָר וואָס פריער האָבן זיי געהאַט אַ קליינע פראַקטישע באַדייטונג און ניט געשטערט דעם ראַשן וווּקס און

גרויסער שעפערישקייט פון דער בונדישער באוועגונג א דאנק דער פּאָק־טישער קאָנצענטרירטקייט פון דעם נאציאָנאַל־ און סאָציאַל־אקטיוויסטן טייל פון יידישן פאָלק אין מזרח־ און צענטראַל־אייראָפּע, אָט די סתירות טרעטן ארויס אין דער ניי־געשאפענער סיטואציע באזונדער בולט און לאָזן זיך בשום אופן ניט אוועקמאכן מיט דער האנט.

אחוץ אין די פאראייניקטע שטאטן און פּאַלעסטינע, באטרעפן די יידן אומעטום א נישטיקן פּראָצענט פון דער באפעלקערונג, און זיי קענען ביי דער בעסטער דעמאָקראטישער אָרדענונג מער שוין קיין באדייטנדי־קער פּאָליטישער פאקטאָר אין דער מלוכה אין ערגעץ ניט זיין; גלייכ־צייטיק זיינען יידן מער ווי ווען עס איז פריער אין אונדזער געשיכטע צעשפּרייט געוואָרן איבער דער וועלט; די „שער״ צווישן מלוכה און פאָלק איז ביי יידן זיך אזוי ברייט פונאנדערגעגאנגען, אז היינט איז שוין אוממעגלעך, אין אייראָפּע אבסאָלוט אוממעגלעך, אָנצו־נעמען, אז די לייזונג פון דער יידישער נאציאָנאלער פראגע אין א געוויסן לאנד (למשל אין רוסלאנד אָדער אין פּוילן א. ד. גל.) זאָל קענען אפילו נאָר פּראקטיש געררעכנט ווערן ווי א לייזונג פון דער פראגע בכלל.

דאָס זעלביקע בנוגע צו יידיש: נאָך דער צעשטערונג פונעם מזרח־ און צענטראַל־אייראָפּעאישן יידנטום איז שוין אוממעגלעך אויך צו בא־הויפּטן, אז יידיש און נאָר יידיש איז די שפּראך, אין וועלכער עס לעבט זיך פּראקטיש אויס דאָס יידישע פאָלק. אפשר שטייט דורך דעם אונטער א פראגע־צייכן אויך דעם קיום פון יידישן פאָלק בכלל? אפשר — אָבער דער מאָנאָפּאָל פון יידיש אויף דער אנטוויקלונג פון אונדזער מאָדערנער נאציאָנאלער קולטור איז מיטן יידישן חורבן אין מזרח־ און צענטראַל־אייראָפּע געוויס געבראָכן געוואָרן; אויך די שער צווישן דער שפּראך יידיש און דאָס יידישע פאָלק איז זיך שרעקלעך פו־נאנדערגעגאנגען.

אויך די אידענטיפיקאציע צווישן „נאציאָנאל״ און „גייסטיקע קולטור״ איז אין דער איצטיקער תקופה א סך ווייניקער ריכטיק ווי אמאָל: אזוי, למשל, דורכדעם וואָס דער אנטיסעמיטיזם איז אין דער גאנצער וועלט שרעקלעך אויסגעוואקסן און זיך אינטערנא־ציאָנאָל און אינטערעטאטיסטיש אָרגאניזירט, איז דער קאמף קעגן אנטי־סעמיטיזם געוואָרן פאר אונדז א נאציאָנאלע אויפגאבע, וואָס קען מיט דערפאָלג נאָר אינטערעטאטיסטיש דורכגעפירט ווערן. די פראגע פון אי־בערוואנדערונגען איז פאר אונדז אן אמת נאציאָנאלער ענין, וואָס דארף געלייזט ווערן פון א נאציאָנאלן שטאנדפּונקט און לויט זיין נאטור גופא

אויף אַן אינטערעטאַטיסטישן וועג. אפילו פראַגן פון עקאָנאָמישן אויפבוי, פון פּראָפעסיאָנעלער אויסבילדונג פון יוגנטלעכע און דערוואַקסענע א. ד. גל. זיינען ביי אונדז קעגנווערטיק געוואָרן נאַציאָנאַלע און אינטערעטאַ־טיסטישע פראַגן, וואָס מיר קענען עס ניט איבערלאָזן דער אָדער יענער מלוכה, ווי דעמאָקראַטיש זי זאָל ניט זיין. ווער רעדט נאָך וועגן אַזאַ פראַגע ווי פּאַלעסטינע, וואָס איז געוואָרן אַן אויסערסט וויכטיקע יידיש־נאַציאָנאַלע און אינטערעטאַטיסטישע פראַגע, אין וועלכער דאָס יידישע פאָלק און די ניט־יידישע וועלט זיינען אַזוי אָדער אַנדערש פאַר־אינטערעסירט.

אין דער זעלבער צייט איז די סאָציאַלע און פּאָליטישע אָרדענונג אין די פאַרשידענע לענדער, ווו עס זיינען פאַרבליבן אָדער זיך געשאַפן באַ־דייטנדיקע יידישע מאַסן, אין רומעניע, אונגאַרן, פּוילן, פראַנקרייך, בעל־גיע, איטאַליע, מעקסיקע, דרום־אַמעריקע א. א. וו., — שוין אָפּגערעדט פון צפון־אַמעריקע פון איין זייט און ראַטן־פאַרבאַנד פון דער אַנדערער — אַן אַן ערך מער פאַרשידן ווי פריער. ווייניקער ווי ווען עס איז פריער איז בכן אין אָט די לענדער מעגלעך אין דער נייער תקופה אַן אינטער־עטאַטיסטישע פּאָליטישע פּאַרטיי, און גלייכצייטיק מער ווי פריער איז איצטער די יידישע נאַציאָנאַלע פראַגע אַן אינטערעטאַטיסטישע פראַגע, אַזוי אַז עס איז בשום אופן, אפילו נאָר פּראַקטיש, ניט מעגלעך זי צו לאָ־קאַליזירן אין די ראַמען פון איין מלוכה.

ווי זשע איז אין דער נייער תקופה מעגלעך אַ פּאָליטישע פּאַרטיי, וואָס זוכט צו לייזן די יידישע נאַציאָנאַלע פראַגע אין יענע לענדער, ווו עס לעבן ברייטע יידישע פאָלקס־מאַסן? ווי איז ווייטער מעגלעך דער „בונד"?

און צו גלייכער צייט איז נויטווענדיק דער „בונד"; מחמת אַזוי ווייט ווי דאָס מענטשלעכע אויג קען אריינקוקן אין דער צוקונפט, בלייבן יידן לעבן ווי מער אָדער ווייניקער קאָמפּאַקטע מאַסן אין פאַרשידענע לענדער אַלס נאַציאָנאַלע מינדערהייט. און אַזוי לאַנג ווי ד אָ ס בלייבט אַ היס־טאָרישער פאַקט, און מען האַלט די לייזונג פון דער יידישער נאַציאָנאַלער פראַגע פאַרבונדן מיט דעמאָקראַטיע און סאָציאַליזם, אַזוי לאַנג בלייבט דער אידעאָלאָגישער יסוד פון „בונד" לחלוטין ניט דערשיטערט, און פּאָ־ליטיש און לאָגיש באַרעכטיקט. זיין בוי, ווי אויך געוויסע וויכטיקע אַס־פּעקטן זיינע, מוזן נאָר צוגעפּאַסט ווערן צו די נייע באַדינגונגען.

ווי אַזוי?

אין איין זאַץ וואָלט איך געזאָגט:

אין די לענדער, ווו עס לעבן פיל־ווייניק קאָמפּאַקטע יידישע אַרבעטנ־דיקע מאַסן, דאַרפן זיי אין זייער אַלגעמיין־פּאָליטישער טעטיקייט שאַפן לאַנד־אָרגאַניזאַציעס, באַגרענעצטע מיט די ראַמען פון דער מלוכה און פון דעם אַלגעמיינעם פּראָגראַם פון דער אָרטיקער סאָציאַליסטישער און סינ־דיקאַלער באַוועגונג, א פּראָגראַם וואָס קען באַדייטנדיק זיך אונטערשיידן פון איין לאַנד צום אַנדערן; אָבער אין יידיש־נאַציאָנאַלע אָנגעלעגנהייטן דאַרף זייער טעטיקייט דורך פּאַסיקע אָרגאַנען אינטערטעריטאָריאַליסטיש קאָאָרדי־נירט ווערן.

די ערשטע בונדישע וועלט־קאָנפערענץ, וואָס דאַרף אין מאַי ד. י. זיך צונויפקומען אין בריסל, גלויב איך, איז טאַקע דער ערשטער וויכטיקער טריט אין אָט דער ריכטונג.

און אפשר וועט אין דער נייער תקופה די אַמעריקאַנער יידי־שע אַרבעטערשאַפט איבערנעמען יענע אויפגאַבן און יענע היסטאָרישע ראָלע אין באַפרייאונגס־קאַמף פון אונדזער פאָלק, וואָס האָבן אין משך פון א האַלבן יאָרהונדערט געהערט דעם אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער בונד פון ליטע, פּוילן און רוסלאַנד? דאָס איז געוויס זייער א שווערער ענין, און דאָס וואָלט יעדנפאַלס געמוזט פאָרקומען אויף נייע יסודות און אין נייע פאָרמען; אָבער אויב די אַמעריקאַנער יידישע אַרבעטערשאַפט, קעמפנדיק פאַר דעמאָקראַטיע און סאָציאַליזם, זאָל נעמען אויף זיך די אָנ־פירונג אין קאַמף פאַר דער פולער בירגערלעכער גלייכבאַרעכטיקונג און דער פרייער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג פון די יידישע פאָלקס־מאַסן אין זייערע ווירקלעכע וווינלענדער, וואָלט זי דערמיט מקיים געווען דעם עיקר כל העיקרים פון דער בונדישער אידעאָלאָגיע.

**
*

אין מיין גאַנצן אַרטיקל האָב איך כמעט מיט קיין איין וואָרט ניט דערמאָנט דעם ציוניזם. ניט איין לעזער וועט זיך מסתמא דערוויף וווּנדערן. האָט דען דער „בונד" פון זיין ערשטן טאָג אָן ביז היינט ניט אויפגעהערט צו פירן קעגן ציוניזם אן אידעאישן קאַמף? און צי איז דען דער קאַמף ניט איינער פון די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון דער בונדישער אידעאָלאָגיע? און צי איז דען ניט א כלל גדול, אַז

Negatio est determinatio

געוויס. איך מיין אָבער, אַז פון דעם בונדישן אני־מאמין, ווי איך האָב עס אויבן פאָרמולירט, איז קלאָר, אַז אַזוי לאַנג ווי דער ציוניזם האָט להלוטין נעגירט דעם „גלות" (ד. ה. ביזן צוזאַמענפאַל אין העלסינג־

פּאַרס אין 1906), און אפילו שפּעטער, אזוי לאנג ווי ער האָט געזען און זעט אין דער שאפונג פון א יידישער מלוכה אין ארץ־ישראל די ע י ק ר־ ד י ק ע לייזונג פון דער יידישער נאציאָנאלער פראגע, און לאָזנדיק אפילו אָן א זייט אלע סאָציאַל־פּאָליטישע אנטאגאָניזמען צווישן „בונד" און דעם ציוניזם אלס פּאָליטישע פּארטיי אין די גלות־לענדער, — האָט צווישן „בונד" און ציוניזם געמוזט פּאָרקומען אן אומאויפהערלעכער קאמף. און דער קאמף וועט געוויס אויך ווייטער פּאָרקומען אזוי לאנג, ווי דער רוב מנין פון יידישן פאָלק וועט לעבן אין „גלות" און, ניט וועלנדיק זיך אסימילירן, וועט ער דאַרטן קעמפן פאר זיין נאציאָנאלן קיום, קעמפנדיק פאר דעמאָקראטיע און סאָציאַליזם.

איך מיין אָבער גלייכצייטיק אויך, אז וועגן דעם אין אלע הינזיכטן וויכטיקן יידישן ישוב אין פּאלעסטינע זאָל לסוף קלאָר ווערן, אז ניט בלויז דער ווייט־גרעסטער טייל פון יידישן פאָלק מוז בלייבן אין חוץ־לארץ, נאָר אז אין פּאלעסטינע גופא בלייבן די יידן נאָר א גרויסע מינדערהייט, וועט אין פּאלעסטינע גופא זיך שאפן א מעגלעכקייט פאר א ברייטער בונדישער באוועגונג, וואָס קעמפנדיק פאר דעמאָקראטיע און סאָציאַליזם, וועט זי קעמפן אויך פאר דער נאציאָנאלער אויטאָנאָמיע פון דער יידישער באפעלקערונג אין פּאלעסטינע.

„צוקונפט", מאי־יוני 1947.

# צום 50־יאָריקן יובל פון „בונד“

א יובילײ איז קודם כל א יום־טוב.

אָבער ניט יום־טובדיק איז איצט ביי יידן בכלל, אין „בונד“ בפרט.

וואָס איז דען דאָ צו רעדן, מיר זיינען דאָך אבלים. ווו איז יענער מעכטיקער וואלד, וואָס מיט זיין אָפּפרישנדיקן גערויש איז פול געווען די געזעלשאפטלעכע אטמאָספער אין ליטע, פוילן און אמאָליקן רוסלאנד? ווו זיינען אונדזערע הויכע מעכטיקע דעמבעס, אונדזערע אמאָליקע גרינע שפּראָצונגען? — אויסגעהאקט, פארברענט, צעטרעטן מיט די פיס.

צוזאמען מיטן יידישן פאָלק אין מזרח־ און מיטל־אייראָפּע, צוזאמען מיט זיין ארבעטער־קלאס, איז געפאלן זיין הערויִשער און שעפערישער אוואנגארד, דער אלגעמיינער יידישער ארבעטער־בונד, אויסגייענדיק אין בלוט, אין מײדאנעק און טרעבלינקע, אין אָשוויענטשים און אויף פּאָנאר, אין די געטאָס פון ווארשע און פון ביאליסטאָק און הונדערטער און טויזנ־טער אנדערע ערטער.

און אנדערש האָט ניט געקענט זיין, אנדערש האָט אפילו ניט גע־טאָרט זיין ביי דער גרויזאמער קאטאסטראָפע, וואָס האָט געטראָפן אונד־זער פאָלק. צי איז דען אונדזער „בונד“ ניט געווען אויף לעבן און טויט א בונד מיט די יידישע פאָלקס־מאסן? מיט זיי און פאר זיי האָט דער „בונד“ געלעבט; מיט זיי און פאר זיי איז ער אויסגעגאנגען אין בלוט.

***

א יובילײ איז אָבער ניט בלויז א יום־טוב, נאָר אויך א מאָמענט פון חשבון־הנפש, פון א דין־וחשבון מיט זיך אליין איבער דעם פריער דורכ־געגאנגענעם וועג.

און אָט דער דין־וחשבון פון פופציק יאָר „בונד“ גיט אזא סך־הכל, וואָס וועט אויף אייביק בלייבן איינע פון די סאמע שטראלנדיקע זייטן אין דער טויזנט־יאָריקער געשיכטע פון אונדזער פאָלק, ווי אויך אין דער גע־

שיכטע פון דער באוועגונג פון דער אלוועלטלעכער ארבעטנדיקער מענטש־הייט אין איר קאמף פאר פרייהייט און סאָציאַליזם.

ווער האָט צונויפגענומען די צעזייטע און צעשפּרייטע יידישע ארבעטס־לייט, פארחושכטע און פארפלאָגטע אין ארבעט און נויט, און געמאכט פון זיי איין פעסטע מחנה?

ווער האָט אין יידישן הארעפּאשניק, דעם אונטערדריקטן און באליידיקטן צווישן די אונטערדריקטע און באליידיקטע, אויפגעוועקט דעם באַוווסטזיין פון זיין הויכער מענטשלעכער ווירדע און דעם ווילן צום קאמף פאר זיין סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער באַפרייאונג?

ווער האָט אנגעפירט זיין קאמף אין ווארשטאט און אויף דער גאס קעגן דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער פארשקלאפונג זיינער?

ווער האָט די יידישע פאָלקס־מאסן געלערנט קעגן פּאָגראָמען צו אָרגאניזירן א זעלבסטשוץ און זיך צו פארטיידיקן קעגן זיי מיט געווער אין האנט?

ווער האָט אין דעם יידישן ארבעטער אנטוויקלט דעם באוווסטזיין, אז זיין קלאסן־קאמף איז גלייכצייטיק א קאמף פאר רעכט אויף פרייער אנטוויקלונג פון גאנצן יידישן פאָלק, און אז מיט דעם קאמף זיינעם דערפילט ער אויך א גרויסע נאציאָנאל־היסטאָרישע מיסיע?

ווער האָט דער ערשטער, אלס פארטיי פון יידישן סאָציאליסטישן ארבעטער־קלאס, געבראכט צום אויסדרוק און פארווירקלעכט דאָס רעכט פון יידישן פאָלק צו זיין אלס פאָלק פארטרעטן אין דער פעלקער־פאמיליע אויפן געביט פון סאָציאליסטישן ארבעטער־אינטערנאציאָנאל?

ווער האָט דער ערשטער אויף דער יידישער גאס ארויסגעשטעלט די פאָדערונג פון נאציאָנאלע רעכט פאר יידן אין זייערע ווירקלעכע וווינלענדער אין דער פאָרעם פון נאציאָנאל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע פאר דער יידישער באפעלקערונג?

ווער האָט דעם יידישן ארבעטער געשאפן א שפּראך, וואָס זאָל קענען אויסדריקן זיינע סאָציאל־פּאָליטישע און נאציאָנאל־קולטורעלע שטרעבונגען?

ווער האָט מיט זיינע אומלעגאלע פּעריאָדישע און ניט־פּעריאָדישע אויסגאבן, וואָס האָבן פארפלייצט דעם אמאָליקן תחום־המושב, געצוואונגען

די אמאַליקע צארישע רעגירונג צו דערלאָזן אן אָפענע פּרעסע אין יידיש?

ווער האָט ביי די ברייטע יידישע פאָלקס־מאסן אנטוויקלט די באדער־פעניש פון אן ערנסטן בוך, פון א בעסערן טעאטער, און אויף אזא ארט געשאפן אן עקאָנאָמישע באזע פאר אן אמת דעמאָקראטישער פאָלקסטימלעכער קולטור אין יידיש?

ווער האָט ביי די אויסערסט שווערע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע באַ־דינגונגען געשאפן א גאנצן נעץ פון פּראָגרעסיווע, פּעדאגאָגיש מוסטער־האפטע, באגייסטערטע מיט הומאניזם און אמתן אינטערנאציאָנאליזם יידיש־נאציאָנאלע פאָלק־שולן?

ווער האָט בכלל אויף דער יידישער גאס — און אויך אויף דער ניט־יידישער — מיט זייער גאנצער טעטיקייט געגעבן אזא הערלעכן ביישפּיל פון צונויפגיסן אין א וווּנדערבארן סינטעז דאָס טיפע געפיל פאר נאציאָנאלע ליידן און נאציאָנאלע שטרעבונגען מיט ניט קיין קלע־נערער פארשטענדעניש פאר אינטערנאציאָנאלער סאָלידאַ־ריטעט און אינטערנאציאָנאלער פארברידערונג?

ווער האָט געהאָלפן טראָגן דעם פאקל פון פּאָליטישער באפרייאונג און סאָציאַליזם צווישן ניט־יידישע מאסן פון ליטע, פון ווייס־רוסלאנד, פון אוקראינע?

ווער האָט געהאָלפן גרינדן די רוסלענדער ס. ד. אר־בעטער־פּארטיי און שפּעטער כסדר מיטגעהאָלפן איר אין דער צייט פון איר אומלעגאלער עקזיסטענץ? ווער אויף דער יידישער גאס האָט כסדר געזוכט א פארשטענדיקונג מיטן פּוילישן ארבעטער־קלאס, און ווער איז טאקע לסוף געקומען צו אזא פארשטענדיקונג מיט דער פּ. פּ. ס. אין די לעצטע יאָרן פון דעם פארמלחמהדיקן פוילן, אין דער אונטער־ערדישער ארבעט בעת דער דייטשער אָקופּאציע און אין איצטיקן פוילן?

דאָס אלץ האָט געטאָן דער „בונד“.

האָבן טאקע די ברייטסטע יידישע פאָלקס־מאסן, בעת די לעצטע שטאָטראט־וואלן אין פוילן אויסגעדריקט דעם „בונד“ זייער טיפן צוטרוי.

און פאלנדיק צוזאמען מיט די ברייטע יידישע פאָלקס־מאסן, אין די גאז־קאמערן און אין די קרעמאטאָריעס, אין די טויט־לאגערן און אין די געטאָ־אויפשטאנדן, האָט דער „בונד“ נאָכאמאָל בארעכטיקט זייער צוטרוי צו אים.

א קעגנזייטיקע טרייהייט אויף לעבן און טויט.

ווי אין פסוק שטייט: בחייהם ובמותם לא נפרדו — ניט אין לעבן ניט אין טויט זיך ניט געשיידט.

**
*

פאר א געזעלשאפטלעכער שטרעמונג איז א יובילייַ אויך א מאָמענט, ווען מען זוכט אריינצוקוקן אין דער צוקונפט. און אויך מיר ווילן איצט טראכטן ניט נאָר וועגן אונדזער פארגאנגענהייט, נאָר אויך וועגן אונדזער צוקונפט.

וואָרעם היטלערן צו להכעיס, נאָך אלע שרעקלעכע שחיטות, לעבן דאָך נאָך אלץ יידישע פאָלקס־מאסן. עס לעבן יידישע פאָלקס־מאסן אין אייראָפע, עס לעבן נאָך מער עבר לים — און צוזאמען מיט זיי, אין זיי און פאר זיי, לעבט און קעמפט אויך דער „בונד".

עס לעבט און קעמפט דער „בונד" אין פוילן, ווו ביי די שווערע אי־נערלעכע און אויסערלעכע באדינגונגען זעצט ער פאָר די רומפולע טראַ־דיציעס פון אמאָליקן גרויסן „בונד" פון פאר דער מלחמה און פון זיין אונטערערדישן קאמף בעת דער היטלער־אָקופּאציע, אין ענגסטן קאָנטאקט מיט דער פוילישער סאָציאליסטישער באוועגונג, פאר אמתע דעמאָקראטיע, פאר סאָציאליזם, קעגן פאשיזם און אנטיסעמיטיזם.

עס לעבט און קעמפט דער „בונד" אין פראנקרייך, בעלגיע און אנ־דערע מערב־אייראָפּעאישע לענדער, ווו ניט געקוקט אויף די אויסערלעכע כוואליע פון אסימילאציע, קעמפט ער פאר אויפהאלטן די נאציאָנאל־יידי־שע קולטור ביי דער שארית הפליטה, פאר זאמלען און פארפעסטיקן די נאציאָנאלע און סאָציאליסטישע כוחות וואָס זיינען אונדז געבליבן אין מערב־אייראָפּע, פאר באפרייען יידישע ארבעטס־מענטשן פון די פליטים־לאַגערן, פאר נאציאָנאלער און סאָציאליסטישער דערציאונג פון די אָפּגע־ראטעוועטע קינדער, פאר איינשטעלן אן ענגע פארבינדונג צווישן דעם יידישן ארבעטנדיקן ישוב און דער אלגעמיינער סאָציאליסטישער באווע־גונג פונעם לאנד.

עס לעבט און קעמפט דער „בונד" אין די פאראייניקטע שטאטן און קאנאדע, אין דרום־אמעריקע און מעקסיקע, אין דרום־אפריקע און אויסט־ראליע, אין אלע ווייטע מדינות, ווו דאָס לעבן האָט פארוואָרפן יידישע ארבעטס־לייט אויפגעהאָדעוועטע אין „בונד".

און אלע צעשפרייטע איבער דער וועלט בונדישע שפראָצונגען פילן זייער אָרגאנישע איינהייט, זייער געמיינזאמען ציל, פונקט ווי עס פילן זייער אָרגאנישע איינהייט די יידישע פאָלקס־מאסן צעשפרייטע איבער דער

וועלט. און אין דער ב ר י ס ע ל ע ר  וו ע ל ט־ק אָ נ פ ע ר ע נ ץ פון „בונד" און אין דעם געמיינזאמען קאָאָרדינירן־קאָמיטעט, וואָס איז דאָרטן געשאַפן געוואָרן, האָט טאַקע די דאָזיקע איינהייט געפונען איר אָרגאַני־זירטן אויסדרוק.

ניט געקוקט אויף אַלע שחיטות און חורבנות, פירט ווייטער דער „בונד" זיין היסטאָרישן קאַמף פאַר דער אויסלייזונג פון די יידישע פאָלקס־מאַסן פון סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג אין די לענדער, מיט וועלכע די געשיכטע האָט פאַרבונדן זייער גורל, אָרגאַניזירנדיק די יידישע פאָלקס־מאַסן אויפן באָדן פון זייערע סאָציאַל־עקאָנאָמישע און נאַציאָנאַל־קולטורעלע באַדערפעניש און קעמפנדיק צוזאַמען מיט די סאָציאַליסטישע און פּראָגרעסיוו־דעמאָקראַטישע כוחות פון יעדן לאַנד פאַר פרייהייט און סאָציאַליזם.

און אויך ווייט  א ו י ס ע ר  די אָרגאַניזירטע רייען פון „בונד" לעבן און ווירקן זיינע גרונט־אידייען און זיינע טראַדיציעס. די הונדערטער טויזנטער, די מיליאָנען יידישע אַרבעטס־לייט, וואָס האָבן אין משך פונעם לעצטן האַלבן יאָרהונדערט אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, האָבן דען ניט מיטגענומען אין זייערע הערצער און מוחות יענעם גייסט, מיט וועלכן דער „בונד" האָט אָנגעפילט די גרעזעלשאַפטלעכע שטימונגען אין זייערע אַלטע היימען? האָט דען ניט דער „בונד" זיי געהאָט געלערנט זיך אָרגאַ־ניזירן צו דער פאַרטיידיקונג פון זייערע קלאַסן־אינטערעסן און אַזוי אָט געהאָלפן שפּעטער בויען יענע גרויסאַרטיקע יוניאָנס, וואָס האָבן זיי אַרויס־געריסן פון די נעגל פון אַמאָליקן סוועטינג־סיסטעם, זיי געגעבן אַ הויכן לעבן־סטאַנדאַרד, געמאַכט פון זיי אַ באַדייטנדיקן סאָציאַלן כוח אין דער גרויסער צפון־אַמעריקאַנער רעפּובליק און אַ מעכטיקן פאַקטאָר ביים ראַ־טעווען די שארית הפליטה, ביים ווידער־אויפבוי פון יידישן לעבן אין איי־ראָפּע, און אַפילו ביי דער אויפבוי־אַרבעט אין פּאַלעסטינע?

דירעקט און אומדירעקט לעבט און ווירקט דער „בונד" אומעטום, ווו יידישע פאָלקס־מענטשן האָרעווען, בויען און קעמפן פאַר זייער סאָציאַ־לער און נאַציאָנאַלער באַפרייאונג און פאַר אַ וועלט־סדר געבויט אויף סאָ־ציאַליזם, דעמאָקראַטיע און פעלקער־פאַרברידערונג.

לעבן זאָל דער „בונד". לעבן, קעמפן און זיגן וועט דער „בונד".

פּאַריזער „אונדזער שטימע", 1947.

# די היסטאָרישע מיסיע פון „בונד״
## אין ישראל

שוין מיט לאנגע יאָרן צוריק האָט איך געחלומט וועגן אן אָרגאני־זאציע פון „בונד״ אין ארץ־ישראל, נאָך פאר דער גרינדונג פון דער מדינה, נאָך פאר דער שאפונג פון אלוועלטלעכן בונדישן קאָאָרדיניר־קאָמיטעט. איך בין געווען איבערצייגט, אז אין ארץ־ישראל איז פאראן א רעאלער באָדן פאר בונדישער ארבעט און אז דער „בונד״ האָט דאָרטן א צוקונפט, אפשר א זיכערערע ווי אין א רייע אנדערע לענדער, ווו עס איז געווען און איז פאראן א בונדישע אָרגאניזאציע.

איצט, אז דער חלום איז פארווירקלעכט געוואָרן, אין וואָס זע איך די מיסיע, די באמת היסטאָרישע מיסיע פון ישראלישן „בונד״?

איך זע זי אין דריי ריכטונגען.

קודם אין באציאונג צו מ ד י נ ת  י ש ר א ל. דער „בונד״ איז און קען זיין די איינציקע פארטיי אין ישראל, וואָס איז און מוז זיין באמת א י נ ט ע ר נ א צ י אָ נ א ל י ס ט י ש. ווי א סאָציאליסטישע פארטיי אין צעשפרייטן איבער דער וועלט יידישן פאָלק, וואָס איז אומע־טום אויסער ישראל א מינדערהייט צווישן אנדערע פעלקער, קען ניט דער „בונד״ ניט אָנערקענען אין דער פולער מאָס די רעכט פון נאציאָנאלע מינדערהייטן און ניט שטרעבן צו אינטערנאציאָנאלן פרידן, מער ווי וועל־כע ניט איז סאָציאליסטישע פארטיי פון אנדערע פעלקער, און על אחת כמה וכמה ווי יעדע אנדערע יידישע פארטיי וואָס שטייט אויפן באָדן בלויז פון מדינת ישראל. א בונדישע אָרגאניזאציע אין ישראל מוז דערי־בער מער ווי יעדע אנדערע ישראלישע פארטיי פארטיידיקן די בירגערלע־כע און נאציאָנאל־קולטורעלע רעכט פון דער אָרטיקער אראבישער באפעל־קערונג און קעמפן פאר א פארשטענדיקונג מיט די ארומיקע אראבישע מדינות. און ווי דאָס זאָל ניט קלינגען פאראדאָקסאל, האלט איך פאר א טיפן אמת, אז מיט אָט דעם אינטערנאציאָנאליזם זיינעם, וואָס שטרעבט צו פארפעסטיקן די מדינה אינעווייניק און דעם פרידן ארום איר, איז דער „בונד״ מער ווי אלע אנדערע פארטייען א באמת נאציאָנאלע פארטיי אין

דער מדינה. אפשר די איינציקע אמת נאַציאָנאַלע פּאַרטיי, מחמת די סטאַ־ליניסטן, וואָס פּאַרטיידיקן כלומרשט אויך דעם שלום און די רעכט פון די אַראַבער, זיינען אין דער ווירקלעכקייט, ווי לעאָן בלום האָט עס שוין לאַנג באַמערקט, ניט קיין אינטערנאַציאָנאַליסטישע פּאַרטיי, נאָר די פּאַר־טיי פון אַ פרעמדן, פון רוסישן נאַציאָנאַליזם.

אויך קעמפנדיק פאַר אַ ראַציאָנעלער אימיגראַציע־פּאָליטיק, קעמפנדיק פאַר די מאַטעריעלע און גייסטיקע אינטערעסן פון די הונדערטער טויזנ־טער עולים חדשים, שטרעבט דער „בונד" צו שטאַרקן זייער צוגעבונדנקייט צו דער מדינה, צו דער אינערלעכער פאַרפעסטיקונג אירער, אָן וועלכער אַ גרויסע מאַסן־עליה איז ניט נאָר ניט קיין פאַרזיכערונג פאַר דער מדינה אין טאָג פון היסטאָרישן קריזיס און יום־הדין, נאָר פאַרקערט אַ שווע־רער באַלאַסט און אַ מקור פון דעזאַגרעגאַציע און פונאַנדערפאַל. אין איינצל געוומען, דער קאַמף פון „בונד" אין ישראל פאַר די רעכט פון י י ד י ש און יידישער קולטור איז דעריבער אויך אַ נאַציאָנאַלער קאַמף אין די אינ־טערעסן פון דער מדינה.

און ניט נאָר צוליב דעם. עס איז דאָך קלאָר, אַז די דיסקרימינאַציעס קעגן יידיש און יידישער קולטור אין ישראל, וואָס זיינען אַ סך שטאַרקער ווי אין אַמאָליקן אַנטיסעמיטישן און האַלב־פאַשיסטישן פּוילן (ווי עס האָבן דאָך עקזיסטירט הונדערטער שולן מיט יידישער אונטעררי‍כט־שפּראַך, פּיל־צאָליקע טעגלעכע יידישע צייטונגען, טעאַטערן א. א. וו.), שוואַכן אָפּ דעם ענטוזיאַזם פאַר דער מדינה בכל תפוצות ישראל און רופן אַרויס פאַר־ביטערונג קעגן דער ישראל־רעגירונג און די פּירנדיקע קרייזן פון ישראל ביי די נאַציאָנאַל־געשטימטע יידישע קרייזן אין חוץ־לאַרץ, וואָס שטייען אין שווערן קאַמף קעגן דער אַסימילאַטאָרישער כוואַליע. עס איז דאָך אַ שרעקלעך טרויעריקער פאַקט, אָבער דאָך אַ פאַקט, אַז דער פאַרביטערט־סטער שונא פון יידיש איז ביז היינטיקן טאָג ניט קיין אַנדערער, נאָר טאַקע מדינת ישראל. קעמפנדיק פאַר יידיש אין ישראל, קעמפט אַזוי אָט דער „בונד" אין ישראל אויך פאַר די סימפּאַטיעס צו דער מדינה בצד דעם צעשפּרייטן יידנטום, סימפּאַטיעס אָן וועלכע די מדינה איז אויסגעשטעלט אויף די ערגסטע געפאַרן.

מיט זיין קאַמף פאַר די רעכט פון יידיש און יידישער קולטור אין ישראל, ווי מיט זיין גאַנצער איבעריקער טעטיקייט, דערפילט אָבער דער בונד אַן אויסערסט וויכטיקע מיסיע ניט בלויז פאַר מדינת ישראל, נאָר פאַרן ג אַ נ צ ן צ ע ש פּ ר י י ט ן י י ד י ש ן פ אָ ל ק. מיט זיין קאַמף פאַר יידיש אין ישראל שטיצט ער דעם קאַמף קעגן אַסימילאַציע

אין חוץ־לארץ, ווו די חשיבות פון יידיש ווערט ארונטערגעריסן דורך איר רעכטלאָזיקייט אין דער יידישער מדינה גופא. מיט זיין קאמף פאר יידיש אין ישראל שטרעבט ער אָפּצושוואכן די מחיצה צווישן ישוב אין ישראל און דעם צעשפּרייטן יידישן פאָלק, שטרעבט ער אָפּצושוואכן די כסדר וואקסנדיקע רעאלע געפאר פון פארוואנדלען דאָס יידישע פאָלק אין צוויי אָפּגעזונדערטע פעלקער. בכלל מיט זיין גאנצער טעטיקייט, מיט זיין אָנגעהעריקייט צום אלטוועלטלעכן בונדישן קאָארדינירקאָמיטעט, מיט זיין ענגן קאָנטאקט מיט דער בונדישער באוועגונג אין דער גאָרער וועלט, קעמפט דער ישראלישער „בונד" פאר דער אייניקייט פון דעם אלוועלטלעכן יידישן ארבעטער־בונד און במילא אויך פאר דער אייניקייט פון יידישן פאָלק.

יאָ, פאר דער אייניקייט פון דער אלוועלטלעכער יידישער סאָציאליסטישער ארבעטער־באוועגונג. און דערין באשטייט טאקע די דריטע גרויסע מיסיע פון ישראלישן „בונד". פון איין זייט, דורך זיין אָרגאנישער פארבונדנקייט מיט דער בונדישער באוועגונג אין דער גאָרער וועלט האלט דער „בונד" אין ישראל כסדר פאר זיינע אויגן די אינטערעסן פון די צעשפּרייטע יידישע פאָלקס־מאסן, און דאָס לאָזט אים ניט פארקריכן אויף נאציאָנאליסטישע דרכים בנוגע די אראבער אין און ארום מדינת ישראל. פון דער אנדער זייט ווידער, מיט זיין צוזאמענארבעט גופא מיטן אלוועלטלעכן „בונד" שאפט ער מער פארשטענדעניש פאר די ספּעציפישע ישראלישע פּראָבלעמען אין די בונדישע רייען מחוץ לארץ.

איך גיי נאָך ווייטער און זאָג, אז אויך אין רייך־סאָציאליסטישער הינזיכט האָט דער ישראלישער „בונד" א וויכטיקע מיסיע פאר דער אלגעמיינער בונדישער באוועגונג. די היטלער־טראגעדיע האָט אויסגעראָטן די מאסן, וואָס זיינען געווען די פּראָלעטארישע באזע פון אונדזער באוועגונג אין פוילן. אין צפון־אמעריקע לעבט שוין דער יידישער ארבעטער אין הונגער און נויט ווי מיט פופציק יאָר צוריק; און אויך וויפיל ער האלט נאָך פון סאָציאליזם, איז דאָס ביי אים מער א זאך פון טראדיציע ווי אן אקטועלע לעבנס־באדערפעניש. אין דרום־אמעריקע האָבן אונדזערע אמאָליקע ביאליסטאָקער וועבער־ארבעטער און אנדערע זיך „ארויפגעארבעט", געשאפן א באדייטנדיקע טעקסטיל־אינדוסטריע און זיינען דערביי אליין געוואָרן אָפט פארמעגלעכע פאבריקאנטן; זייער סאָציאליזם איז אוודאי אַן אוודאי בעיקר א זאך פון טראדיציע און גערעכטיקייטס־געפיל. אָבער אין ישראל האָט דער „בונד" פאר זיך ברייטע פּראָלעטארישע מאסן, טאקע

צווישן זיי וועט ער לאָזן וואָרצלען און אויף אזא אופן מיטווירקן צו דעם, דער אלוועלטלעכער „בונד" זאָל ניט אָפּגעריסן ווערן פון זיין היסטאָרישן פּראָלעטארישן שטאם.

דאָס אלץ קען נאטירלעך ניט פּאָרקומען אָן אידעאָלאָגישע רייבונגען, רייבונגען צווישן דעם ישראלישן „בונד" און די אָרטיקע יידישע מאסן, רייבונגען צווישן דעם ישראלישן „בונד" און בונדיסטן פון אנדערע לענ־דער, רייבונגען צווישן בונדיסטן אין ישראל גופא און אין יעדן לאנד באַזונדער. אָבער אזעלכע רייבונגען וועלן זיין צו געזונט ווי דעם „בונד" אין ישראל אזוי אויך אין חוץ־לארץ, און אפשר אויך דער יידישער סאָציאַליס־טישער ארבעטער־באוועגונג בכלל.

„לעבנס-פראגן", נאָוועמבער 1951, תל־אביב.

# דאָ און דאָרטן

# נאָך אַ רייזע אין ארץ ישראל

## אין יאָר 1947

### א. — אַ פּאָר שטריכן צו דער עקאָנאָמיק פון פּאַלעסטינער ישוב

דער ארץ־ישראל־ראָמאַנטיזם, וואָס איז נאַטירלעך שטאַרק אויסגע־נוצט געוואָרן דורך דער ציוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע, האָט ביים ברייטן עולם געשאַפן אַ פאַרשטעלונג וועגן פּאַלעסטינער ישוב, אַזוי ווי ער וואָלט להיפוך צום „גלות" באַשטאַנען בעיקר פון דאָרפס־לייט און ספּעציעל פון ערד־אַרבעטער. דאָס איז לחלוטין פאַלש.

לויט די אָנגאַבן פון דער סוכנות האָט דער ישוב אין א"י צום אָנ־פאַנג 1947 געציילט בסך־הכל 625 טויזנט נפשות, פון וועלכע בלויז איין פ ע ר ט ל (160 טויזנט) האָט געוווינט אין דערפער; דערביי זיינען נאָך, לויט דער טראַדיציע, פאַררעכנט פאַר דערפער אַזעלכע אָרטשאַפטן ווי ראשון־לציון אָדער רחובות, וואָס ציילן היינט יעדערע 10 טויזנט איינ־וווינער און מער און טראָגן שוין בעיקר אַ שטאָטישן כאַראַקטער; פאַר־רעכנט פאַר דערפער זיינען אויך געוויסע אָרטשאַפטן, וואָס זיינען באמת שוין פאַרשטעט פון גרויסע שטעט. יעדנפאַלס ד ר י י פ ע ר ט ל פ ו ן י ש ו ב וווינט אין די ש ט ע ט. (465 טויזנט). דריי פינפטל פון דעם ישוב (קנאַפּע 400 טויזנט) זיינען קאָנצענטרירט אין די דריי ג ר ו י ס ע ש ט ע ט תל־אָביב מיט יפו, ירושלים און חיפה. אַ גאַנצער דריטל פון ישוב (215 טויזנט) איז קאָנצענטרירט אין תל־אָביב און די בשכנותדיקע קוואַרטאַלן פון יפו.

נאָר אפילו אין די אַזוי־גערופענע דערפער פאַרנעמען זיך ווייט ניט אַלע מיט לאַנדווירטשאַפט; אַ גרויסער טייל פון די דאָרפישע איינוווינער פאַרנעמט זיך מיט מלאכה, מסחר, פאַרוואַלטונג, ליבעראַלע פּראָפעסיעס א. א. וו. לויט דער פאָלקסציילונג פון 1945 איז בלויז עפּעס מער ווי אַ

צענטל (10,7 פּראָצענט) פון אַלע יידישע עקאָנאָמיש־אַקטיווע געווען באַשעפטיקט אין לאַנדווירטשאַפט.

כמעט אַ דריטל (32,2 פּראָצ.) פון אַלע יידישע עקאָנאָמיש־אַקטיווע זיינען געווען באַשעפטיקט אין מלאכה און אינדוסטריע (דערביי וועט אינטערעסאַנט זיין צו דערמאָנען, אַז אין פּוילן, לויט דער פאָלקסציילונג פון 1931, האָבן פון מלאכה און אינדוסטריע געלעבט 42,2 פּראָצ. פון דער יידישער באַפעלקערונג); 5,3 פּראָצענט זיינען געווען באַשעפטיקט אין קאָמוניקאַציע און טראַנספּאָרט. אין האַנדל און פינאַנץ זיינען געווען באַשעפטיקט 19 פּראָצענט; אין פאַר־וואַלטונג און ליבעראַלע פּראָפעסיעס 21 פּראָצענט; קנאַפּע 8 פּראָצענט אין הויזלעכן דינסט און 4 פּראָצענט אין פאַרשידענע אַנדערע פּראָפעסיעס. צו האַנדל, ליבעראַלע פּראָפעסיעס און פאַר־וואַלטונג צוזאַמען האָבן אַזוי אַרום געהערט צוויי פינפטל (40 פּראָצ.) פון אַלע יידישע עקאָנאָמיש־אַקטיווע (אומגעפער די זעלבע פּראָפּאָרץ ווי פריער אין פּוילן, מיט דעם אונטערשייד וואָס דאָרטן איז דער פּראָצענט אין האַנדל געווען אַ סך גרעסער און אין פאַרוואַלטונג און ליבעראַלע פּראָפעסיעס אַ סך קלענער ווי אין פּאַלעסטינע); צו אַלע איבעריקע פּראָפעסיעס צוזאַמען האָבן געהערט בלויז 60 פּראָצענט פון דעם עקאָנאָמיש־אַקטיוון ישוב. אין די דירעקט פּראָדוקטיווע בראַנזשן: מלאכה און אינדוסטריע, לאַנדווירטשאַפט און טראַנספּאָרט זיינען באַשעפטיקט נאָר אַ קנאַפּע העלפט (48 פּראָצ.) פון אַלע עקאָנאָמיש־אַקטיווע.

באַזונדער מערקווירדיק איז דאָ דער אויסערגעוויינלעך הויכער פּראָצענט פּראָפעסיאָנעלער אינטעליגענץ (ליבעראַלע פּראָפעסיעס און פאַרוואַלטונג) אין דעם פּאַלעסטינער ישוב: מער ווי אַ פינפטל פון אַלע עקאָנאָמיש־אַקטיווע געהערן צו אָט דער עקאָנאָמישער קאַטעגאָריע. אין קיין שום לאַנד, ביי קיין שום פאָלק געפינט מען ווייט ניט קיין ענלעכן פּראָצענט. כדי זיך דאָס גענויער פאָרצושטעלן, וועט גענוג זיין בלויז צו זאָגן, אַז אין דער הויך אַנטוויקלטער שווייץ, למשל, באַטרעפט אָט די באַפעלקערונג־שיכט בלויז 7 פּראָצענט, ד. ה. אַ דריי מאָל קלענערע פּראָפּאָרץ ווי אין פּאַלעסטינער ישוב. אָט דער אויסערסט גרויסער פאַרנעם פון דעם גייסטיקן אַפּאַראַט איז איינע פון די וויכטיקסטע כאַראַקטער־שטריכן פון דעם ישוב, וואָס לייגט אַרויף אויף אים אַ ספּעציפישן שטעמפּל אויך אין אַ סך אַנדערע הינזיכטן. עקאָנאָמיש איז דאָס מעגלעך בלויז דערפאַר, וואָס די פּאַלעסטינער יידישע אינטעליגענץ (באַ־

שעפטיקט אין פארשידענע געזעלשאפטלעכע אינסטיטוציעס, פארוואלטונג, וויסנשאפט, ליטעראטור, קונסט, שול־וועזן, רעליגיע, מעדיצין א. א. וו.) ציט דירעקט אָדער אומדירעקט איר חיונה פון די אומגעהויערע רעסורסן, וואָס קומען כסדר פון אויסלאנד, פון אזוי־גערופענעם גלות.

מיט דער הילף פון אויסלענדישע רעסורסן ארבעט אין זייער א גרויסער מאָס אויך די לאנדווירטשאפט און פארשידענע אינדוסטריע־צווייגן. עס איז געווען, אז א ה ע ל פ ט פון דעם יידישן ערד־באזיץ איז געקויפט געוואָרן דורכן קרן קימת; 18 מיליאָן פונט האָט אין די לעצטע זיבן יאָר אויסגעגעבן דער קרן היסוד אויף דער אויפבוי־ארבעט אין א״י (זע: קרן היסוד בקונגרס הציוני הכ״ב בבזל. — הלשכה הראשית של קרן היסוד. ירושלים תש״ז), און, ווי עס האָט געזאָגט ל. י פ ה אויפן לעצטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באזעל, „אין אלץ, וואָס איז געשאפן און אויפגעטאָן געוואָרן אין א״י, אויף אלע לעבנס־געביטן און אין אלע ארבעט־בראנזשן, איז גרויס דער אָנטייל פון קרן היסוד. ער האָט זיך אין אלץ באטייליקט און אלץ געפירט צום אויפבלי״.

און הגם די ציוניסטן מאכן געוויינלעך וועגן דעם א שווייג, דארף מען נאָך צוגעבן, אז צווישן די אומגעהויערע אויסלענדישע רעסורסן, וואָס האָבן געפירט צום עקאָנאָמישן אויפבלי פון לאנד, פארנעמען געוויס ניט קיין וויניקער וויכטיקן פלאץ אויך יענע, וואָס די ע נ ג ל ע נ ד ע ר האָבן ארייגעבראכט אין פאלעסטינע בשעת דער מלחמה. אָט די רעסורסן האָבן געהאָלפן שטעלן אויף די פיס ברייטע סעקטאָרן פון דער יידישער לאנדווירטשאפט, האָבן געהאָלפן שאפן נייע אינדוסטריע־צווייגן און אנטוויקלען די פריער עקזיסטירנדיקע, האָבן באדעקט פאלעסטינע מיט א נעץ אויסגעצייכנטע וועגן, וואָס האָבן געגעבן א מעכטיקן שטויס דער לאנדווירטשאפטלעכער, אינדוסטריעלער און האנדלס־אנטוויקלונג פון דעם לאנד, וואָס האָבן אָט אזוי שטארק אויפגעהויבן די אלגעמיינע עקאָנאָמיק פון א״י און האָבן באווייכערט אויך א סך פריוואטע פערזאָנען.

איך וויל באמת ניט פארמאטערן דעם לייענער מיט סטאטיסטיק; מען וועט מיר דאָך דערלויבן ברענגען איין ציפער, אָבער א גענוג כאראקטעריסטישן: דער ב א ש ע פ ט י ק ו נ ג ־ א י נ ד ע ק ס אין דער אינדוסטריע, וואָס איז גערעכנט געלייך 100 אין 1939, האלט דערנאָך אין ראשן וואקסן און דערגרייכט אין 1943 לויט דער סטאטיסטיק פון דער סוכנות („מספרים״) דעם ציפער פון 206; מיט אנדערע ווערטער, די באשעפטיקונג אין ישוב איז כסדר געשטיגן אזוי לאנג, ווי די ענגלענדער האָבן געהאלטן אין פארפעסטיקן פיבערהאפטיק זייערע פאָזיציעס קעגן

דייטשלאנד אין נאָענטן מזרח, און אין 1943 איז די באשעפטיקונג געווען צוויי מאָל גרעסער ווי פאר דער מלחמה. דער באשעפטיקונג־אינדעקס פאלט שפעטער, בעיקר נאָך דער מלחמה און ספעציעל אין דעם איצטיקן יאָר: אין מאי 1945 איז ער נאָך 195, אין מאי 1946 שוין 178 און אין מאי 1947 בלויז 155, ד. ה. מיט א פערטל קלענער ווי אין 1943, אָבער נאָך אלץ אויף א העלפט גרעסער ווי פאר דער מלחמה. ניט אלץ איז מיט דער מלחמה פארשוווּנדן; די שווערע מיליאָנען פונטן, די אספאלטירטע וועגן א. א. וו. זיינען אין לאנד פארבליבן און זייער ווירקונג לאָזט זיך פילן אויך ווייטער.

## ב. — דער ישוב ביי דער ארבעט

דער פאקט, וואָס א פולער פינפטל (21 פראָצ.) פון עקאָנאָמיש־אק־טיוון יידישן ישוב איז באשעפטיקט אין פארוואלטונג און ליבעראלע פראָ־פעסיעס, איז געוויס ניט קיין געזונטע דערשיינונג. עס קען קוים זיין א ספק, אז צווישן אָט די „עקאָנאָמיש־אקטיווע" זיינען פאראן ניט ווייניק אויך פאראזיטישע עלעמענטן, וואָס נוצן אויס דעם ישוב מער ווי זיי זיי־נען אים נוצלעך. אויף דעם דארף רעאגירן דער ישוב גופא. דאָס וואָלט אויך געשטעלט באשטימטע אויפגאבן אונדזערע פאלעסטינער חברים, ווען זיי וואָלטן זיך אקטיווער באטייליקט אין סאָציאלן לעבן פון דער מדינה.

עס וואָלט אָבער געווען א גרויסער טעות, ווען עמעצער וואָלט פון דעם דאָזיקן פאקט געמאכט דעם אויספיר, אז דער פאלעסטינער ישוב איז בכלל א פאראזיטישער עלעמענט, וואָס פארשלינגט בלויז שווערע מיליאָ־נען יידישע רעסורסן. אן אנדער פראגע איז, צי א סך פון די זעלביקע שווערע מיליאָנען זיינען ניט נוציקער פאר יידן אין אנדערע לענדער; עס איז אָבער קיין שום ספק ניט, אז מיט דער הילף פון די מיליאָנען דאָלארן און פונטן זיינען אין א"י אויף פארשידענע געביטן אויפגעטאָן געוואָרן באמת גראנדיעזע זאכן.

אין באזעל, בעת דעם לעצטן ציוניסטישן קאָנגרעס, איז געווען איינ־געאָרדנט אן אויסשטעלונג פון פאלעסטינער ארבעט. מען האָט דאָרטן גע־קענט זען פארשידענע פראָדוקטן אין טעקסטיל און אין לעדער, אין שטיין און מעטאל, בוי־מאטעריאלן, דערנערונג, כעמיקאליען, עלעקטריציטעט־מכשירים. מען האָט געקענט זען בילדער, צייכענונגען, דיאגראמען, ציפערן א. א. וו., וואָס האָבן געמוזט מאכן אויף יעדן, וואָס האָט זיך צו דעם אויפמערקזאם צוגעקוקט, א טיפן איינדרוק. איך וועל אָבער דאָ אינגאנצן

ניט אָפּעריִרן מיט סטאַטיסטיק און ציפערן; איך וועל ניט אָנגעבן וויפיל מיליאָנען אייער אָדער ליטער מילך, וויפיל טאָן פיש, וויפיל טויזנטער הייזער, פאַר וויפיל מיליאָנען פונט די אָדער יענע אינדוסטריעלע פּראָ־דוקטן ווערן דורכן ישוב געשאַפן. עס איז גענוג א קוק צו טאָן אויף פּאַ־לעסטינע, כדי זיך צו איבערצייגן, ווי דער ישוב אַרבעט און שאַפט.

איך בין געפלויגן קיין פּאַלעסטינע אין מיטן זומער, ביי די גרעסטע היצן, איבער מיטל־איטאַליע, עפּיר, גריכנלאַנד. פון דער הויך האָב איך געזען כמעט אומענדלעכע מדבריות: ווילדע און וויסטע בערג, טאָלן פאַר־ברענטע פון זון. און דאָ, מיטאַמאָל, דערזע איך א בערג באַדעקט מיט גרינע ביימער רעגלמעסיק געוואַקסענע, גרינע שטיקער ערד דורכגעשניטע־נע מיט גראַדע וועגן, ווו אַלץ זאָגט עדות וועגן שווערער, באַוווסטזיניקער, פּלאַנמעסיקער אַרבעט; דאָס איז געווען דער בערג פון דער יידישער פּאַ־לעסטינע צווישן תל־אָביב און חיפה. און ווי ביי בלעם הרשע, נאָר מיט אַן אַנדער געפיל, האָט זיך ביי מיר אַרויסגעריסן: מה טובו אוהליך יעקב, משכנותיך ישראל (ווי שיין זיינען דיינע געצעלטן יעקב, דיינע וווינפּלעצער ישראל).

דאָס איז געווען מיין ערשטער איינדרוק פון ארץ־ישראל, אַזוי צו זאָגן דער ערשטער ברוך הבא. און אָט דער געפיל האָט מיך אויך שפּעטער ניט פאַרלאָזן. איך פאָר אין פאַרשידענע ריכטונגען איבערן לאַנד: איך פאָר פון לוד אָדער פון תל־אָביב קיין ירושלים, א געגנט באַוווינט פון אַראַבער; נאָך דעם נידעריק געלעגענעם פּאַס ביים ים הויבן זיך אָן גע־בערגלטע שטחים; איך האָב דעם איינדרוק, אַז איך פאָר דורך א מדבר, ניט קיין זאַמדיקן, נאָר א שטיינערנעם מדבר; אַרום און אַרום זע איך שטיינער און שטיינער, קליינע, מיטעלע, גרויסע און גאָר גרויסע פעלדזן. צווישן און אַרום די שטיינער פּאַשעט א באָרוועסער אַראַבער א סטאַדע שעפּסן און ציגן; וואָס געפינען דאָ די ציגן צו קייען? די אָפּגעברענטע פון דער זון רעשטלעך שטרוי און גראָז. ווי האָט מען דאָ געאַקערט, בעת אויף שריט און טריט ליגן שטיינער? און אַזוי ווי א סימבאָל פון פאַרגאַנ־גענע יאָר־טויזנטער, שטייט אָן באַוועגונג דאָ און דאַרטן אויף זיינע לאַנ־גע, דאַרע פיס, מיט זיין הויכן הויקער, אויסגעבויגענער האַלדז און האַריי־זאָנטאַל אויסגעשטרעקטן קאָפּ א קעמל, ווי ער וואָלט חלומען איבער דעם וויַיטן אַרום, ביז ער לאָזט ניט אַראָפּ זיין קאָפּ צו דער שטיינערנער ערד און נעמט ניט צופּן די זעלביקע רעשטלעך שטרוי און געלע גראָז.

איך פאָר איבער אַנדערע געגנטן, איבער דער געגנט פון בית־שאָן, פון עמק הירדן, פון ים כנרת. איך זע שטחים ערד, ווו צעזייט און צע־

שפּריט ליגן שטיינער, און אנדערע פּלעצער, ווי עס איז פּשוט א שטיין ניט צו זען. איך דאַרף שוין ניט נאָכפּרעגן: די ערשטע זיינען בדרך כלל אַראַבישע, די אנדערע זיינען יידישע; דאָס האָבן יידישע ארבעטס־מענטשן, ביי ברענענדיקער זון, אָפּגערייניקט דעם באָדן, אים באוואסערט, באאַר־בעט, באזייט, באפּלאַנצט.

און אַט בין איך אין א קיבוץ אין עמק יזראעל. עס איז מיטאָג־צייט. די זון ברענט. ווי קענען דאָ מענטשן לעבן? ווי קען מען ארבעטן ביי אזא היץ? איך ראַטעווע זיך פּשוט אין שאָטן פון ביימער, וואָס יידישע האַ־רעפּאשנע הענט האָבן אין אַט דער היץ געפּלאַנצט. איך פּריש זיך אָפּ מיט וואסער, וואָס זיי האָבן געמוזט אויסגראָבן פון דער טיפעניש פון דער ערד. חברה קומט פון דער ארבעט אויף מיטאָג, מענער און פרויען, בחורים און מיידלעך, דער קערפּער קוים מיט עפּעס באדעקט, פאַרברענטע פון זון, באגאָסענע מיט שוויס, מידע. מיר עסן מיטאָג פון פּראָדוקטן, וואָס זיינען ביי אזעלכע באדינגונגען געשאַפן געוואָרן.

און אז איר זעט די פּרעכטיקע פעלדער, גערטנער און סעדער, וואָס דער קיבוץ „בית־הערבה" האָט געשאַפן אויפן זאלציקן באָדן ביים ים המלח, אין דער הייסער, כמעט טראָפּישער לופט פון 400 מעטער נידעריקער ווי דער אויבערפלאַך פון ים, ווו עס הערשט אַפּט דער ברענענדיקער מדבר־ווינט „כאַמסין", גיט איר זיך אָפּ א חשבון, מיט וואָס פאַר א מסירת נפש האָט געמוזט געארבעט ווערן, ביז מען האָט אינמיטן מדבר געשאַפן אָט די בליענדיקע אָרטשאַפט, מיט וואָס פאַר אן עקשנות עס מוז, דאָרטן אויך איצט כסדר געארבעט ווערן, דער מדבר זאָל צוריק אלץ ניט פאַר־שלינגען.

אָדער אָט איז א שטעטל „חולון" ניט ווייט פון תל־אָביב. ווי ווייט עס דערגרייכט נאָר דאָס אויג, איז איין זאַמדיקער מדבר; נאָר מעטער נאָך מעטער, יאָר־איין, יאָר־אויס, זייט עטלעכע יאָר ווערט דאָ כסדר אָפּ־גענומען ביי דער זאַמדיקער וויסטעניש, עס ווערן געמאַכט גאסן, געפּלאַנצט ביימער, געבויט הייזער. און קוקנדיק אויף דעם קליינעם חולון, זעט מען ווי אויף די זעלביקע זאַמדיקע דיונען ביים ים איז אויפגעשטאַנען תל־אָביב גופא, וואָס איז נאָך היינט אפילו קיין פערציק יאָר ניט אלט, און וואָס איז היינט שוין די גרעסטע שטאָט אין ארץ־ישראל, מיט 200 טויזנט איינוווינער, מיט פּרעכטיקע גרינע בולוואַרן, א שטאָט וואָס וואַקסט כסדר אין דער לענג און אין דער ברייט, לויט א טעכניש־וויסנשאַפטלעך אויס־געארבעטן פּלאַן און איז געוואָרן דער נערוון־צענטער פון דעם ארבעטנדיקן און זיך בויענדיקן פּאַלעסטינער ישוב.

און אז איר זעט די מאַטעריזירטע באַוועגונג אויף די פּילצאַליקע וועגן פון פּאַלעסטינע, די מאַסע אויטאָ־קאַמיאָנען וואָס לויפן אין אַלע ריכ־טונגען; אַז איר זעט די אויטאָמאָבילן, אויטאָבוסן, אויטאָ־קאַמיאָנען אין תל־אָביב אָדער חיפה, וווּ די באַוועגונג איז ניט ווייניקער אינטענסיוו ווי אין פּאַריז אָדער בריסל, אַז איר זעט די אַרבעט אין גרויסן ווייַן־קעלטער אין ראשון־לציון אָדער די כעמישע וואַרשטאַטן אויפן ים־המלח, די אַרבעט אין די פאַבריקן אין חיפה אָדער די האַנדלס־באַוועגונג אין די צענטראַלע קאָאָפּעראַטיוון „תנובה" און „המשביר", זעט איר מיט די אויגן מיט וואָס פאַר אַן אימפּעט און מיט וואָס פאַר אַ מאָדערנער טעכניק עס אַרבעט די יידישע פּאַלעסטינע.

און אין „ווילנע של ארץ־ישראל", ווי מען וואָלט קענען אָנרופן די יידישע ירושלים, זעט איר ווי עס וואַקסט דער ירושלימער אוניווערסיטעט, ווי עס קומען דאָרטן כסדר צו אַן אינסטיטוט, אַ לאַבאָראַטאָריע נאָך אַ לאַבאָראַטאָריע. איר זעט ווי עס זיינען זיך פונאַנדערגעוואַקסן די הדסה־שפּיטאָלן (ליידער מיט זייער הויכע אויפהאַלט־פּרייזן), ווי עס איז אויס־געוואַקסן און וואַקסט כסדר די איצט שוין פּרעכטיקע נאַציאָנאַלע ביבליאָ־טעק. איר קוקט זיך צו צו די אויסגאַבן, ליידער נאָר אין העברעאיש, פון מוסד ביאַליק און פון פּילצאַליקע אַנדערע פאַרלאַגן אין ירושלים און תל־אָביב. איר זעט די פאָרשטעלונגען, ליידער אויך נאָר אין העברעאיש, אין דעם באַרימטן קונסט־טעאַטער „הבימה" און פאָלקס־טעאַטער „אוהל". איר זעט אַ פּילפאַרביקע פּרעסע, אין וועלכער עס זיינען פאַרטרעטן אַלע פאַרשידנאַרטיקע (צופיל פאַרשידנאַרטיקע) פּאָליטישע און גייסטיקע שאַ־טירונגען פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן, דערונטער אַפילו צוויי אָדער דריי מינים קאָמוניסטישע — אַלע ריכטונגען אחוץ אונדזער בונדישער ריכטונג, און אַזוי ווייטער און אַזוי ווייטער.

און לסוף דאָך אַ קאַפּעטשקע סטאַטיסטיק: די צאָל קינ־דער, וואָס זיינען געשטאָרבן אין ערשטן לעבנס־יאָר אויף הונדערט לעבעדיק־געבוירענע; זי איז אין ישוב מיט אַן אויסערגעוויינלעכן אימפּעט געפאַלן: פון 14 פּראָצענט אין 1922 איז זי געפאַלן אויף 8,6 אין 1932, אויף 5,8 אין 1942 און לסוף אויף 3,2 אין 1946 („ידיעות סטטיסטיות", מערכז קופת חולים, תל־אָביב, יאַ־נואַר־פעברואַר 1947). דאָרטן ווו מיט אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק פלעגן שטאַרבן פיר־פינף יידישע קינדער, שטאַרבט איצט בלויז איינס. די קינ־דער־שטאַרביקייט פון פּאַלעסטינער ישוב איז איצט אַזוי אָט איינע פון די קלענסטע אין דער וועלט (די שווייץ האָט קעגנוואַרטיק איינע פון די

קלענסטע קינדער־שטארביקייטן אין איירָאפּע מיט 4 פּראָצענט פון די לעבעדיק־געבוירענע; בלויז א פּאָר שווייצארישע קאנטאָנען האָבן אזא קליינע קינדער־שטארביקייט ווי דער פאלעסטינער ישוב).

דאָס אלץ ווייזט אייך, אז דער פאלעסטינער ישוב ארבעט און שאפט מיט ענערגיע, מיט אימפּעט, מיט עקשנות, מיט מסירת נפש, מיט דער לעצטער מאָדערנער טעכניק און מיט א וווּנדערבארן דערפאָלג.

געוויס האָט דאָס אלץ ניט געקענט געשאפן ווערן אָן שווערע מיליאָ־נען דאָלארן און פונטן. אין אונדזער זינדיקער וועלט איז אנדערש אומ־מעגלעך. און אחוץ דעם, די מיליאָנען דאָלארן און פונטן זיינען אויך ניט געפאלן קיין פאלעסטינע סתם אזוי על פי נס, ווי מן פון הימל. זיי זיינען אויך ניט מיט געוואלט, אָדער אפילו דורך א מלוכה־מאכט אויפגעצוווּנגען געוואָרן די יידישע פאָלקס־מאסן זיי צו צאָלן. דער דאָלאר־ארגומענט קעגן דעם פאלעסטינער ישוב האָט דעריבער פונקט אזוי ווייניק איבערצייגונגס־קראפט, ווי דער זעלביקער ארגומענט מצד די ציוניסטן קעגן דעם איצטיקן ווידער־אויפבוי פון יידישן לעבן אין איירָאפּע. דאָלארן און פונטן זיינען א נויטווענדיקער באדינג פון אויפבוי, אָבער ניט קיין גענוגנדיקער. כדי דער ישוב אין פאלעסטינע זאָל ארבעטן ווי ער ארבעט, און זאָל האָבן אויפגעטאָן וואָס ער האָט אויפגעטאָן, האָט זיך געפאָדערט און פאָדערט זיך, אחוץ דאָלארן, נאָך עפּעס. וועגן דעם „נאָך עפּעס" וואָלט ווערט גע־ווען א טראכט צו טאָן.

נאָר וואָס אָט דאָס „נאָך עפּעס" זאָל ניט זיין, זאָגט עדות דער יידי־שער אויפטו אין א"י וועגן די אומגעהויערע שעפערישע כוחות, וואָס לעבן אין אונדזער פאָלק. צוליב שלעכט פארשטאנענע פארטיי־אינטערעסן דארפן מיר דעריבער עס בשום אופן ניט פארלייקענען און ניט מאכן זיך ניט זעענדיק און אויך ניט אויסבייטן עס אויף קליינגעלט אָדער אפילו אויף אמעריקאנער דאָלארן און ענגלישע פונטן.

## ג. — סאָציאַלע דערגרייכונגען

די קינדער־שטארביקייט איז א פּלאָג פאר יעדן פאָלק. זי איז א פּלאָג פאר די דירעקטע קרבנות, פאר די קינדער; זי איז א פּלאָג פאר די טאטע־מאמעס, וואָס ווערן אָן זייערע ליבסטע. א פּלאָג א פיזישע, א פּלאָג א גייסטיקע. ביי יידן איז זי אויך א פּלאָג א נאציאָנאלע: ביי אונדזער אוי־סערגעוויינלעך קליינער געבורטיקייט און נאָך די היטלערישע מאסן־אויס־ראָטונגען, פארדינט די קינדער־שטארביקייט ביי אונדז א באזונדערע אויפ־מערקזאמקייט.

די קינדער־שטארביקייט איז אמאָל אומעטום געווען שרעקלעך גרויס. זי איז נאָך היינט זייער שטארק אין די אָפּגעשטאנענע לענדער. צוזאמען אָבער מיט דעם פאָרשריט פון דער ציוויליזאציע, פון דער מעדיצין און היגיענע, פון דער פאָלקס־בילדונג און דער בעסערונג פון די לעבנס־באדינגונגען פון די ברייטע פאָלקס־מאסן האלט אומעטום די קינדער־שטארביקייט אין פאלן, און דאָס זינקען פון דער קינדער־שטארביקייט איז געוויס איינע פון די פאָזיטיווסטע דערשיינונגען פון דער מאָדערנער ציוויליזאציע. ביי אונדז יידן, צוליב די דערמאָנטע טעמים, איז יעדעס קינד, וואָס ווערט ארויסגעריסן פון די נעגל פון טויט גלייכצייטיק אויך אן אמתע נאציאָנאַלע דערגרייכונג.

די קינדער־שטארביקייט טראָגט נאָך דערצו אויך א טיפן ס אָ צ י א ל ן כאראקטער, מחמת זי טרעפט בעיקר די אָרעמע שיכטן פון דער באפעלקערונג. איך אליין האָב אין מיינע דעמאָגראפישע פאָרשונגען געוויזן, אז אין פ א ר י ז למשל, איז ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה די שטארביקייט פון קינדער אין ערשטן לעבנס־יאָר געווען אין די אָרעמסטע באצירקן פיר מאָל גרעסער ווי אין די רייכסטע, און אז אין דער צייט צווישן דיביידע וועלט־מלחמות איז זי דאָרטן נאָך אלץ געווען צוויי מאָל שטארקער. פון דעם פאלן פון דער קינדער־שטארביקייט געניסן בעיקר די אָרעמסטע שיכטן; און דאָס זעלביקע פאלן איז גלייכצייטיק אן אויסערלעכער סימן, א סימפּטאָם, אז די היגיענע, מעדיצינישע און אנדערע לעבנס־באדינגונגען האָבן זיך ביי זיי געבעסערט.

דאָס אויסערגעוויינלעך ראשע פאלן פון דער קינדער־שטארביקייט ביים פאלעסטינער ישוב איז דעריבער ניט סתם א טעכנישער און הומאַניטארער אויפטו, נאָר אויך א גרויסע נאציאָנאלע און סאָציאלע דערגרייכונג. און דאָס, וואָס די קינדער־שטארביקייט איז ביים ישוב היינט צו טאָג איינע פון די קלענסטע אין דער וועלט, איז א סימן, אז אויך אין סאָציאלער הינזיכט געהערט דער ישוב צו יענע פעלקערשאפטן, ווו די מאסן לעבן אין פארהעלטנישמעסיק בעסערע באדינגונגען.

געוויס איז פאלעסטינע א קאפּיטאליסטיש לאנד. געוויס געפינט איר אין דעם ישוב גאָר גרויסע גבירים און שרעקלעכע קבצנים. אין דעם זעלביקן תל־אָביב, אויפן ברעג ים, זעט איר, פון איין זייט, גרויסארטיקע רעסטאָראנען און קאפעען, ווו דאמען, אויסגעפוצטע לויט דער לעצטער מאָדע, „גלאנצן" מיט גאָלד און בריליאנטן און „עלעגאנטע" הערן ווארפן זיך מיט לייכט־פארדינטע פאלעסטינער פונטן, און פון דער אנדער זייט, הייזקעס צונויפגעקלאפּטע פון ברעטער, אָדער פשוט אויסגעגראָבענע אין זאמד,

און מענטשן, וואָס ציען זייער גאַנצע חיונה פון פאַרקויפן דעם עולם „סי־בעריא" אָדער גלעזלעך „מיץ". תל־אביב איז אָבער ניט בלויז א פּלאַץ פון קאַפּיטאַליסטישן לוקסוס און קאַפּיטאַליסטישער אומגלייכקייט; תל־אָביב איז גלייכצייטיק אויך א צענטער פון א מעכטיקער, ברייט־פאַרצווייג־טער און דינאַמישער סאָציאַלער באַוועגונג.

אויפן פּאָליטישן געביט איז, ווי עס פירט זיך ביי יידן, ניט בלויז דער ישוב בכלל, נאָר אפילו זיין ארבעטער־סעקטאָר צעשפּאָלטן אויף א גאַנצע רייע פאַרטייען און פאַרטייעלעך, גרופּן און גרופּקעלעך, וואָס באַקעמפן זיך איינע די אנדערע. און פונדעסטוועגן האָט דער אר־בעטנדיקער ישוב געשאַפן א סאָציאַל־עקאָנאָמישע באַ־וועגונג, וואָס לויט איר רעלאַטיוון פאַרנעם (נעמענדיק אין באַ־טראַכט די קליינע צאָל און יונגקייט פון ישוב), לויט איר פאַרשידנאַרטי־קייט און גלייכצייטיקער קאָנצענטרירטקייט קען מען איר גלייכן ניט גע־פינען אין ערגעץ אין דער וועלט. זי פאַרדינט געוויס, מען זאָל זיך מיט איר באַקענען גענויער; איך וועל זיך אָבער באַגנוגענען מיט עטלעכע שטריכן.

בכלל קען מען זי גיכער באַצייכענען מיטן נאָמען לייבאָר־באַ־וועגונג ווי מיטן נאָמען ארבעטער־באַוועגונג אין דעם אייראָפּעאיש־קאָנטינענטאַלן זין פון וואָרט, מחמת זי נעמט ארום ניט בלויז לוין־ארבע־טער, נאָר די ארבעטנדיקע בכלל. זי איז אָבער בשום אופן ניט פּשוט א קאָפּיע פון דער ענגלישער, און נאָך ווייניקער פון דער אמעריקאַנער לייַ־באָר־באַוועגונג.

די פאַרשידענע צווייגן פון דער באַוועגונג ווערן קאָנצענטרירט אין דער אַזוי־גערופענער הסתדרות (אלגעמיינע אָרגאַניזאַציע פון די יידישע ארבעטנדיקע אין ארץ־ישראל"), אין וועלכער זיי זיינען אלע פאַר־געשטעלט לויט א געוויסן מאָדוס, יעדער צווייג איז אויטאָנאָם אויף זיין געביט. די הסתדרות קאָאָרדינירט אָבער זייערע טעטיקייטן, רעגולירט זייערע קעגנזייטיקע באַציאונגען און אויך זייערע געמיינזאַמע באַציאונגען צו דער אויסערלעכער וועלט. לויט דער מעלדונג פון דעם פאָרזיצער שפּרינצאַק אויף דער זיצונג פון עקזעקוטיוו (ועד לפועל) פון דער הסתדרות, אויף וועלכער איך בין געווען אָנוועזנדיק (יולי 1947), האָט די הסתדרות דעמאָלט געציילט 170 טויזנט מיטגלידער. די יידישע ארבעטנ־דיקע מאַסן, אָרגאַניזירטע אין די פאַרשידענע צווייגן פון דער הסתדרות, זיינען אַזוי ארום געוואָרן דער רוקנביין פון פאַלעסטינער ישוב.

איך וואָלט אָנגעמערקט, אויסער דער פּאָליטישער, זעקס הויפּט־פאָר־

מען פון דער פּאַלעסטינער יידישער לייבאָר־באַוועגונג, וואָס ווערן אַלע פאַראייניקט אין דער הסתדרות:

1) אַ סינדיקאַלע באַוועגונג, וואָס זאָרגט, ווי אומעטום, פאַר בעסערע אַרבעטס־באַדינגונגען פון די לוין־אַרבעטער (שכירות, אַר־בעטס־טאָג, וועכנטלעכן און יערלעכן אָפּרו, קאָלעקטיווע אָפּמאַכן א. ד. גל.). זי פאַרנעמט זיך אויך מיט באַזעצן די אַרבעטער אויף אַרבעט־פּלע־צער אין פּריוואַטע און עפנטלעכע אונטערנעמונגען און שפּילט אַ דעצי־דירנדיקע ראָלע אויפן אַרבעט־מאַרק. זי איז אָרגאַניזירט לויט די פּראָפע־סיעס און גלייכצייטיק טעריטאָריאַל, אין אָרטיקע ביוראָס (לשכה) ענלעכע צו די פראַנצויזישע „אַרבעט־בערזשעס". אַזוי ווי די סאָציאַלע געזעצגע־בונג אין פּאַלעסטינע איז נאָך אויסערסט פּרימיטיוו, האָט די סינדיקאַלע אָרגאַניזאַציע פאַרן יידישן פּראָלעטאַריאַט אַ באַזונדער גרויסע באַדייטונג.

2) צוליב דעם זעלביקן טעם, וואָס די מלוכה באַשעפטיקט זיך ניט דערמיט, האָט אויך די פּאַרזיכערונג־טעטיקייט פון דער הס־תדרות באַקומען אַ באַזונדערן ווערט און אָנגענומען אַ זייער גרויסן פאַר־נעם. פון די פאַרשידענע מינים סאָציאַלע פאַרזיכערונגען האָט זיך באַזונ־דער אַנטוויקלט, און פאָדערט פון דער אַרבעטערשאַפט באַזונדערס גרויסע מאַטעריעלע קרבנות, די פאַרזיכערונג אויף דעם פאַל פון קראַנקייט (און קימפּעט). די קראַנקן־קאַסע (קופּת־חולים) פון דער הסתדרות האָט געשאַפן שפּיטאָלן, סאַנאַטאָריעס, דערהוילונג־היימען, אַמבולאַטאָריעס, אַפּטייקן, לאַבאָראַטאָריעס א. ד. גל., אין וועלכע עס זיינען אין 1946 גע־ווען באַשעפטיקט העכער 1700 דאָקטוירים, דענטיסטן, אַפּטייקערס, קראַנקן־שוועסטערס און אַנדערע אויסגעשולטע אָנגעשטעלטע. יעדער מיט־גליד פון די אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען אָנגעשלאָסן אָן דער הסתדרות, איז גלייכצייטיק אַ מיטגליד פון דער קראַנקן־קאַסע און געניסט פון איר הילף בעת אַ קראַנקייט. מען קען זיך מאַכן אַ געוויסע פאָרשטעלונג וועגן פאַרנעם פון דער טעטיקייט פון דער קופּת־חולים, אויב מען נעמט אין באַטראַכט למשל, אַז אין ערשטן קוואַרטל 1947 זיינען דורך איר געמאַכט געוואָרן 669 טויזנט מעדיצינישע וויזיטן („ידיעות סטטסטיות", יאַנואַר־מערץ 1947). דער בודזשעט פון דער קופּת־חולים האָט אין 1946 איבערגע־געשטיגן אַ מיליאָן פונט (אַ פונט איז אומגעפער טויזנט פראַנצ. פראַנקן, אַזוי אַז אַ מיליאָן פונט איז אומגעפער אַ מיליאַרד פראַנצ. פראַנקן) און אין 1947, ווי מיר האָט איבערגעגעבן דר. שתקאַי, וויצע־פּאָרזיצער פון דער קופּת־חולים, וועט ער דערגרייכן קנאַפּע צוויי מיליאָן פונט. אין קיין לאַנד האָט די אַרבעטערשאַפט ניט געשאַפן פּראָפּאָרציאָנעל אַזאַ גראַנ־

דיעזע פאַרזיכערונג־אינסטיטוציע קעגן קראַנקייט. אמת, אין פאַרגעשרי־טענע לענדער ווערט דאָס אָרגאַניזירט דורך דער מלוכה און אויסגעהאַלטן צום טייל דורך אירע מיטלען; אין א״י האָט עס דורכגעפירט די פרייע פאַראייניקונג פון די יידישע ארבעטס־מענטשן.

3) גאָר א וויכטיקן פּלאַץ אין סאָציאַלן און עקאָנאָמישן לעבן פון ישוב פאַרנעמט די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג. ניטאָ כמעט קיין אָרטשאַפט אין דער יידישער פּאַלעסטינע, וואָס זאָל אין א באַדייטנדיקער מאָס ניט זיין מיט איר פאַרבונדן. קאָנסום־פאַראיינען און פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון, אין שטאָט און אין דאָרף, אין פאַרשידענע צווייגן פון דער אינדוסטריע און אין דער לאַנדווירטשאַפט, אין טראַנספּאָרט־אונטערנעמונגען און לערן־אַנשטאַלטן, קרעדיט און האַנדל — אומעטום טרעפט איר כסדר די קאָאָפּעראַציע. עס ליגט פאַר מיר א פּאַק מיט דאָקומענטן, טע־טיקייטס־באַריכטן, קאַסע־באַריכטן, צייטשריפטן, זאַמל־ביכער, פּראָפּאַגאַנדע־בראָשורן פון דער פּאַלעסטינער יידישער קאָאָפּעראַציע. פון אַלעם דעם נעם איך ווידער אַרויס נאָר עטלעכע סטאַטיסטישע ידיעות, וואָס גיבן א געוויסע פאָרשטעלונג וועגן אומגעהויערן פאַרנעם און אימפּעט פון דער דאָזיקער באַוועגונג.

הונדערט אָרטיקע קאָנסום־פאַראיינען אין די פאַרשידענע אָרטשאַפטן פון דער מדינה האָבן אין 1945 געהאַט פדיון בסך־הכל אויף 3,9 מיליאָן פונט און אין 1946 שוין 5,1 מיליאָן. לויט דער ליסטע „הישובים העברים בארץ ישראל" (אַרויסגעגעבן פון דער סוכנות, ירושלים, יולי 1947) האָב איך אָנגעציילט 69 קאָאָפּעראַטיווע דערפער, די אַזוי־גערופענע מושבי עובדים, מיט העכער 18 טויזנט נפשות; דאָס זיינען דערפער גע־בויטע אויף פּערזענלעכער ארבעט, פּריוואַט־אייגנטום און קאָאָפּעראַציע ביים איינקויף פון פוראַזש פאַר בהמות, רוי־מאַטעריאַלן, מאַשינען, געצייג, אינדוסטריע־פּראָדוקטן א. ד. גל. און ביים פאַרקויפן די אויסגעאַרבעטע לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן. א פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיווע איז איצט אויך דער באַוווסטער ווייַן־קעלטער פון ראשון־לציון, וואָס איז אַמאָל גע־גרינדעט געוואָרן דורך באַראָן ראָטשילד.

די פאַרשידענע אָרטיקע קאָאָפּעראַטיוועס זיינען פאַראייניקט אין צוויי צענטראַלע קאָאָפּעראַטיווע פאַרבאַנדן: א) המשביר המרכזי, וואָס שטעלט צו די אָרטיקע קאָאָפּעראַטיוועס און אַנדערע גרעסערע ניט־קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפטן (קיבוצים א. ד. גל.) די סחורות, אין וועלכע זיי נויטיקן זיך; דאָס איז די קאָאָפּעראַטיווע צענטראַלע פאַרן איינ־קויף אַנגראָ, — און ב) תנובה, דער צענטראַלער קאָאָפּעראַ־

טיווער פארבאנד אויף צו פארקויפן די פארשידענע לאנדווירט־
שאפטלעכע פּראָדוקטן, וואָס ווערן אויסגעארבעט אין די ניט־קאפּיטאליס־
טישע לאנדווירטשאפטן. המשביר און תנובה גייען ביידע אריין אין הסתד־
רות. דער פדיון פון המשביר, וואָס האָט נאָך אין 1931 באטראָפן קנאפּע
38 טויזנט פונט, האָט אין 1938 באטראָפן קנאפּע 300 טויזנט, אין 1945
דריי מיט א דריטל מיליאָן און אין 1946 פיר מיט א פערטל מיליאָן פונט;
זיין אייגן פארמעגן האָט אין דעם לעצטן רעכענונגס־יאָר באטראָפן קרוב
צו א האלבן מיליאָן פונט. די תנובה האָט געהאט אין 1946 פדיון אויף
קנאפּע זעקס מיליאָן פונט.

צו דער קאָאָפּעראטיווער באוועגונג דארף מען נאָך צורעכענען אויך
די ארבעטער־באנק, וואָס באדינט בעיקר די צענטראלע איינ־
ריכטונגען פון דער הסתדרות, די געזעלשאפט ניר פאר לאנדווירט־
שאפטלעכן קרעדיט.

4) דער המשביר באגנוגנט זיך ניט מיט איינקויפן אנגראָ אויפן
קאפּיטאליסטישן מארק, א רייע ארטיקלען פּראָדוצירט ער
אליין. דער אומלויף פון זיינע אויסגעארבעטע פּראָדוקטן האָט אין
1946 באטראָפן העכער צוויי מיליאָן פונט. אחוץ דעם, געהערט דעם המש־
ביר און דער הסתדרות בכלל א גרויסער חלק אין א גאנצער רייע האלב
קאפּיטאליסטישע אונטערנעמונגען, ווי אין דער געזעלשאפט
המגפר (גומי־פּראָדוקטן), הצמר (וואָל), מנעל (שוכווארג), שמן (אייל),
החייל (טעקסטיל), נשר (טראנספּאָרט), א. א. וו. עס דארף באזונדערס
דערמאָנט ווערן די גרויסע געזעלשאפט סולל־בונה, וואָס פארנעמט זיך
ניט בלויז מיט בויען הייזער אין גאנצן לאנד, נאָר וואָס פּראָדוצירט אויך
די וויכטיקסטע בוי־מאטעריאלן, דערונטער גלאָז, צעמענט, ציגל, שטיינער,
מעטאל א. ד. גל., און וואָס שטייט אין ענגער פארבינדונג מיט דער הסתד־
רות. אין די אלע אונטערנעמונגען און דורך זיי ווירקט אזוי ארום די
הסתדרות אין א געוויסער מאָס אויך אויף די ארבעטס־באדינגונגען, אויף
דער פּראָדוקציע און אויף די פּרייזן אין קאפּיטאליסטישן סעקטאָר פון פּא־
לעסטינער ווירטשאפט.

5) נאָר די אָריגינעלסטע דערשיינונג פון דעם פּאלעסטינער סאָציאל־
עקאָנאָמישן לעבן זיינען די אזוי־גערופענע קיבוצים. דאָס זיינען
סאָציאליסטישע דאָרף־געמיינשפטן, ווו פּריוואט־
אייגנטום עקזיסטירט אינגאנצן ניט. וועגן די קיבוצים וואָלט ווערט געווען
צו שרייבן אויספירלעכער; וועגן זיי וועט מען נאָך דער וועלט א סך דער־
ציילן. דאָ וועלן ווידער גענוג זיין א פּאָר שטריכן:

אין קיבוץ געהערט אלץ דעם קאָלעקטיוו, דעם קיבוץ. די ארבעט ווערט אָנגעפירט דורך א פארוואלטונג, געוויינלעך א קליינער, א דעמאָק־ראטיש־געוויילטער און פעריאָדיש איבערגעוויילטער. די קיבוצים באשעפ־טיקן זיך בעיקר מיט לאנדווירטשאפט (תבואה, פרוכט, בהמות, עופות, פיש א. א. וו.), אָבער אין א סך קיבוצים ווערן אויסגעארבעט אויך פאר־שידענע אינדוסטריעלע פראָדוקטן. אלע מיטגלידער עסן צוזאמען, ביי די זעלביקע טישן. די וווינונגען, געוויינלעך פון איין חדר פאר א פאָר־פאָלק, זיינען כמעט גלייכע פאר אלעמען. די קינדער ווערן געהאָדעוועט צו־זאמען אונטער דער אויפזיכט פון קינדער־פלעגערינס; זיי וווינען צוזאמען לויט זייער עלטער און קומען צו זייערע טאטע־מאמעס נאָך דער ארבעט ביזן אָוונט־ברויט פון די קינדער. די מיטגלידער פון קיבוץ באקומען א קליינע סומע אין באר (דאָס רוב פיר פונט א יאָר) אויף קליינע פערזענ־לעכע הוצאות. די לעבנס־באדינגונגען זיינען בכלל אָרעמע, נאָר גלייכע פאר אלעמען. אין יעדן קיבוץ איז פאראן א שול פאר קינדער (אויב דער קיבוץ איז צו קליין, איז פאראן א געמיינזאמע שול פאר צוויי קיבוצים), א ביבליאָטעק, א לייען־זאל, פארשידענע קולטור־אונטערנעמונגען א. א. וו. יעדער קיבוץ באשטייט געוויינלעך פון אָנהענגער פון דער זעלביקער אי־דעאָלאָגישער ריכטונג (מפא״י, השומר הצעיר, לינקע פ״צ, רעליגיעזע), און די קיבוצים גרופירן זיך לויט זייערע ריכטונגען. מען ווערט ארייגגע־נומען אין קיבוץ ווי א פולבארעכטיקטער מיטגליד נאָך א סטאזש, וואָס געדויערט געוויינלעך א יאָר. יעדער מיטגליד איז פריי צו יעדער צייט דעם קיבוץ צו פארלאָזן. די שטראָף פאר מיטגלידער, וואָס באגייען א וויכטיקן חטא, באשטייט אין אויסשליסן פון קיבוץ.

די קיבוצים זיינען אָנגעשלאָסן אָן דעם המשביר, תנובה און נאטיר־לעך אויך אָן דער הסתדרות, און זייער צאָל האלט כסדר אין וואקסן. לויט דער אויבנדערמאָנטער ליסטע פון די פאלעסטינער אָרטשאפטן זיינען אין 1947 אין ארץ ישראל געווען 143 קיבוצים. צווישן די נייע געפינט איר נאָך גאָר קליינע קיבוצים, וואָס ציילן בלויז א פאָר צענדליק נפשות. עס זיינען אָבער פאראן אויך אזעלכע, וואָס נעמען ארום טויזנט נפשות און מער. געוויינלעך געפינט איר אין א קיבוץ פון צוויי ביז דריי הונדערט נפשות. בסך־הכל האָבן לויט דער זעלביקער ליסטע די קיבוצים ארומגע־נומען א באפעלקערונג פון 42 ט ו י ז נ ט נ פ ש ו ת. ז י ב ן פ ר אָ צ ע נ ט פ ו ן ג א נ צ ן י ש ו ב לעבן אויף אזא אופן, ביי דער היינטיקער קאפיטאליסטישער אָרדענונג, אויף ריין סאָציאליסטישע יסודות, ביי אמתער גלייכהייט און גלייכצייטיקער דעמאָקראטישער פריי־

הייט, און באוויזן דערמיט דער וועלט מיט פאקטן, אז א פרייער סאָציאַ־ליסטישער לעבן־שטייגער איז א זאך א מעגלעכע און קען וואקסן און אנט־וויקלען זיך. עפּעס אזוינס האָט מען דערוויל נאך ביי קיין שום פאָלק ניט געזען.

6) צו דעם דארף מען נאָך צוגעבן א גאַר ברייטע קולטורע־לע טעטיקייט אין צענטער, אין דער הסתדרות, און אויף די ערטער: א ברייט פארצווייגטע פארלעגערישע טעטיקייט, א דריי הונדערט פארשידנ־ארטיקע שולן, פון אָנפאנג־שולן ביז דעם סאָציאַל־וויסנשאפטלעכן סעמי־נאר פאר טוער אין דער ארבעטער־באוועגונג, א פאָלקס־טעאטער („אוהל") א. א. וו.

מען וואָלט דאָ געדארפט מיט עטלעכע שטריכן פארצייכענען אויך די באוועגונג פון דער „ארבעטנדיקער יוגנט" (הנוער העובד). נאָר אויף אלעם דעם וועל איך זיך שוין דאָ ניט אָפּשטעלן.

## ד. — אויף א ווולקאַן

אז מען בעט מיך איך זאָל אין א פּאָר ווערטער, אזוי צו זאָגן ברגל אחת, איבערגעבן מיינע איינדרוקן פון דער רייזע, וואָס איך האָב געמאכט אין פאלעסטינע, ענטפער איך געוויינלעך:

— די יידישע פאלעסטינע איז א וווּנדער אויף א ווולקאַן.

דאָס זעלביקע האָב איך אויך געענטפערט מיטגלידער פון ועד לאומי און פירער פון דער הסתדרות, וואָס האָבן זיך צו מיר געווענדעט מיט אָט דער פראגע אין א"י גופא. „און דאָס איז אייער איינדרוק ניט געקוקט אויף דעם, וואָס דער ישוב פילט זיך גראד פעסט ביי זיך" — האָט מיר איינער פון זיי געפרעגט: האָב איך אים געענטפערט: „יאָ, ניט געקוקט אויף דעם, און אפשר נאָכמער דערפאר, ווייל דער ישוב פילט זיך אזוי זיכער".

אייגנטלעך האָב איך עס אויך פריער געוווּסט. האָב איך דען ניט געשריבן אין מיינע טעזן צו דער בריסעלער וועלט־קאָנפערענץ פון „בונד" וועגן די „וויכטיקע עקאָנאָמישע רעאליזירונגען, די מוסטערהאפטע סאָציאַ־לע איינריכטונגען און די נאציאָנאַל־קולטורעלע דערגרייכונגען" פון דעם פאלעסטינער ישוב און די שרעקלעכע געפארן, אויף וועלכע ער איז אויס־געשטעלט? נאָר איינס איז אבסטראקט וויסן, און עפּעס אנדערש איז זען מיט די אויגן.

און וואָס זאָל איך דאָ לייקענען? אז איך האָב געזען, ווי דער

ישוב ארבעט און בויט און שאפט מאטעריעל און גייסטיק; אז איך האָב געזען, וו אַ ס , ביי וועלכע אומשטענדן און מיט וויפיל מסירת־נפש ער האָט אויפגעטאָן, האָב איך אין אים דערשפירט די גרויסע גייסטיקע כוחות פון אונדזער פאָלק, און איך האָב אים באמת ליב באקומען. אז איך האָב געזען ווי מען לעבט, ווי מען ארבעט און וואָס מען שאפט ביי פריי־הייט און גלייכהייט אין די סאָציאליסטישע קיבוצים; אז איך האָב געזען גרופעס פון דער פאלעסטינער ארבעטנדיקער יוגנט, געבוירענע אין לאנד אָדער געקומענע פון אויסלאנד, פון וועלכע איינער האָט געשטאמט פון פוילן און אן אנדער פון איראק, איינער פון אוקראינע און אן אנדערער פון בוכארע, איינער פון מאראָקאָ און אן אנדערער פון טשעכאָסלאָוואקיע; אז איך האָב געזען זייער באגייסטערונג, זייער צופרידנקייט צו קע־נען ביי אזעלכע שווערע באדינגונגען ארבעטן און קעמפן פאר דעם נאַ־ציאָנאלן און סאָציאליסטישן אידעאַל זייערן, האָב איך דערשפירט אין זיי פלייש פון פלייש און בלוט פון בלוט פון א ו נ ד ז ע ר בונדישער פארמלחמהדיקער יוגנט אין פוילן, פון צ ו ק ו נ פ ט , פון ס ק י ף . דאָס איז דאָך די זעלביקע באגייסטערטע און באגייסטערנדיקע ארבעטער־יוגנט אונדזערע, נאָר וואָס איז אוועקגעגאנגען מיט אנדערע וועגן. און קוקנדיק אויף איר, זעענדיק און פילנדיק די גייסטיקע אוצרות, וואָס זי שטעלט מיט זיך פאָר, איז מיר ניט איין מאָל א ציטער אריבער איבערן לייב ביי דעם געדאנק, אז אויף אן אנדער אופן ווארט אפשר אויף איר דער זעלביקער גורל, וואָס איז אויסגעפאלן אויף אונדזער יוגנט אין פוילן.

מחמת דער פאלעסטינער ישוב איז געבויט אויף א ווולקאן.

און געבויט אויף א ווולקאן איז ער, ווייל ער שטרעבט צו פארוואנד־לען אין א יידישע מלוכה א לאנד, וועלכע האָט א פארהעלטנישמעסיק גרויסע נ י ט ־ י י ד י ש ע ב א פ ע ל ק ע ר ו נ ג , — א באפעלקערונג, וואָס איז אין איר גרויסער מערהייט נאָך אן אָפגעשטאנענע, וואָס איז אָבער בשום אופן ניט קיין ווילדע, קולטורלאָזע, נאָר וואָס האָט פארקערט גרויסע קולטורעלע טראדיציעס, הגם אָפגעשטאנענע; א באפעלקערונג, וואָס געהערט דערצו נאָך צו א ג ר ו י ס ן צ אָ ל ר י י כ ן פ אָ ל ק , און דערביי נאָך א פאָלק וואָס האָט זיך אויפגעכאפט פון זיין הונדערטער־יאָריקן שלאָף, וואָס מאָדערניזירט זיך, וואָס זיין יונגער דינאמישער נאַ־ציאָנאליזם שטרעבט צו פרייהייט און מאכט, און וואָס די מאכט זיינע האלט כסדר אין וו א ק ס ן צוזאמען מיט דער דעקאדענץ פון דער איי־ראָפעאישער קאָלאָניאַל־הערשאפט.

דער פאלעסטינער ישוב איז געבויט אויף א ווולקאן אויך דערפאר,

ווייל שטרעבנדיק צו פארוואנדלען דאָס לאנד אין א יידישער מלוכה, און אזוי ווי ניט באמערקנדיק דעם שלאָפנדיקן ריז אין און ארום דער מדינה, האָט דער ציוניזם, פון הערצלען אָן ביז היינטיקן טאָג, כסדר זיך געזוכט צו שטיצן אויף אויסערלעכע כוחות, פריער אויפן טער־קישן סולטאן, דערנאָך אויף די ענגלענדער און איצט אויף די אמעריקאנער אָדער די רוסן. וואָס דאָס באטייט פאר א פריש אויפגעוואכטן, קעמפנ־דיקן נאציאָנאליזם, דארף מען קיינעם ניט אויסטייטשן.

דער ישוב איז געבויט אויף א ווולקאן נאָך צוליב דער געאָגראפישער לאגע פון פאלעסטינע. שטרעבנדיק צו שאפן א יידישע מלוכה אין א לאנד אויפן מזרח־ברעג פון מיטללענדישן ים, אין איינעם פון די סאמע נעוראל־גישע פונקטן, ווו עס קרייצן זיך די אנטאגאָניסטישע אינטערעסן פון רוס־לאנד און די אנגלאָ־זאקסישע מלוכות, מוז דער פאלעסטינער ישוב אריינ־געצויגן ווערן אין א נעץ פון אינטערנאציאָנאלע אינטרי־געס, ווו ער ווערט אויסגעשפּילט קעגן די אראבער און די אראבער קעגן אים, און ווו דער קלענסטער פונק קען זיך פארוואנדלען אין אן אינ־טערנאציאָנאלער שרפה, וואָס — ווען זי זאָל אויסברעכן אין צוזאמענהאנג מיט דער יידישער פאלעסטינע — וואָלט זי געשטעלט אין געפאר די פיזישע עקזיסטענץ פון דער יידישער באפעלקערונג ניט נאָר אין פאלעסטינע גופא און ניט נאָר אין די ארומיקע לענדער.

דער ישוב איז געבויט אויף א ווולקאן אויך מחמת דעם, וואָס שטרעבנ־דיק צו שאפן א יידישע מלוכה אין א לאנד מיט א ניט־יידישער מערהייט, האָט ער געשאפן ביי ברייטע קרייזן פון דער יידישער באפעלקע־רונג א געזינונג פון שאָוויניזם בנוגע צו די פרעמדע פעלקער, מיט וועלכע ער שטויסט זיך צוזאמען (ביז איצט אראבער און ענגלענדער), א געזינונג פון איבערטריבענעם צוטרוי צו פיזישער מאכט און צום אייגענעם פיזישן כוח, וואָס שטופּט געוויסע טיילן פון דער יוגנט אויף געפערלעכע אוואנטוריסטישע וועגן פון אָנווענדן ברוטאלן געוואלט.

אויך דאָס אלץ האָב איך נאטירלעך געוווסט, איידער איך בין גע־פאָרן קיין א״י. קיינמאָל אָבער האָב איך די רעאלקייט פון די אלע געפארן ניט געפילט ווי גראד דעם זומער, זייענדיק דאָרטן. געוויס אין פאל פון א פיזישן צוזאמענשטויס מיט דעם ניט־יידישן ארום וועט זיך דער ישוב פארטיידיקן, און זיך פארטיידיקן העלדיש. אָבער אז איך האָב געקוקט אויף דעם יידישן ישוב, וואָס ליגט בעיקר אויף דעם נידעריק געלעגענעם, אָפענעם, פלאכן לאנד, און אויף די יידישע אינדזלען אין די געגנטן באזעצ־טע מיט אראבער, אויף די רווישנדיקע גאסן פון תל־אביב און חיפה, אויף

דעם פּאַלאַץ פון דער סוכנות און אנדערע גרויסאַרטיקע בנינים פון יידישן ירושלים, האָב איך ניט ווילנדיק מיט טיפער אומרו געפּרוּווט אַריינקוקן אין זייער צוקונפט.

— און ווו זיינען די יידישע ישובים ניט אין געפאַר? — וועט מיר געוויס עמעצער זאָגן.

נאָר אויב אפילו אזוי, אויב עס זאָל אפילו זיין ריכטיק, אז די יידישע ישובים שטייען אומעטום אין סכנה, איז טאַקע אומעטום, ספּעציעל אין די דעמאָקראַטישע לענדער, די גלייכע געפאַר ווי אין פּאַלעסטינע? און אויב אפילו די געפאַר זאָל אומעטום זיין די גלייכע, וואָלט דערפון געוויען געדרונגען בלויז דאָס, אז מען טאָר דעם גאַנצן קיום אונדזערן ניט וועלן צושפּיצן צו א יי ן אָרט, אז מען טאָר ניט וועלן אַלע אונדזערע נאַציאָנאַלע כוחות קאָנצענטרירן אין איין פּאַלעסטינע און מאַכן פון דעם גאַנצן וועלט־יידנטום בלויז א צוגאָב צו פּאַלעסטינע אָדער נאָר א מיטל פאַר בויען פּאַלעסטינע. און מען טאָר אוודאי און אוודאי ניט בויען דעם ישוב אזוי, אז דער פיזישער צוזאַמענשטויס מיט דער אַרומיקער באַפעלקערונג זאָל ווערן כמעט אומפאַרמיידלעך.

מיר קומען אזוי צום קערן־פּראָבלעם, צום פּראָבלעם פון א יידישער מלוכה אין א״י.

## ה. — פּערספּעקטיוון פון א יידישער מלוכה

ה יי נ ט איז פאַר אַלעמען קלאָר, אז א דאַנק דער שטרעבונג צו פאַרוואַנדלען פּאַלעסטינע אין א יידישער מלוכה שטייט דער וווּנדערבאַרער פּאַלעסטינער ישוב אויף א געפערלעכן ווולקאַן. נאָך מער, דער ווולקאַן רויכערט שוין; ער קען אפשר זיך אויסלעשן, אָבער יעדע רגע קען ער אויך אָנהויבן שפּייען מיט פייער.

שטעלט זיך די פראַגע: צי דאַרף טאַקע דאָס יידישע פאָלק אן אייגענע מלוכה אין פּאַלעסטינע?

אין ערשטן אויגנבליק קען אזא פראַגע אויסזען אויסטערליש:

— וואָס הייסט צי דאַרף דאָס יידישע פאָלק אזא מלוכה? יעדעס פאָלק דאַרף אן אייגענע מלוכה און האָט דאָס רעכט צו האָבן אן אייגענע מלוכה; פאַרוואָס זאָלן מיר עס ניט דאַרפן? פאַרקערט, מיר זיינען מער פאַר אַלע פעלקער אומעטום געטריבן און געפּלאָגט, און מער ווי אַלע אַנדערע דאַרפן מיר האָבן א לאַנד, ווו מיר זאָלן זיין אונדזערע אייגענע בעלי־

בתים, ד. ה. אן אייגענע מלוכה. און אזא לאנד קען זיין נאָר דאָס לאנד פון אונדזערע אָבות, ארץ ישראל.

פון אן אנדער זייט ווידער, די מאסן־אויסראָטונגען פון דער יידישער באפעלקערונג דורך היטלערן; דער אנטיסעמיטיזם, וואָס ער האָט מיט אזא ברייטער האנט געזייט איבער דער גאנצער וועלט און ספּעציעל אין די אָקופּירטע לענדער, און וואָס האָט זיך ווי א גיפטיק געוויקס אזוי שטארק אנטוויקלט נאָך דער מלחמה אין די מזרח־לענדער, וווּ עס הערשט אן אט־מאָספער פון בירגער־קריג, און דערצו נאָך די גלייכגילטיקייט פון דער ציוויליזירטער וועלט צום גורל פון די יידישע פליטים אין די לאגערן, דאָס אלץ האָט אין די ברייטסטע קרייזן פון דער יידישער באפעלקערונג נאָך געשטארקט די שטרעבונג צו אן אייגענער מלוכה אין ארץ ישראל.

און וואָלט די פראגע געשטאנען א ב ס ט ר א ק ט, וועגן יידן ווי סתם א ליידנדיקן פאָלק און פאלעסטינע סתם זייער לאנד, וואָלט מען טאקע אויף דער דערמאָנטער פראגע צוויי תשובות ניט געקענט געבן, און קיין שום חלוקי דעות וואָלטן דערין ניט געווען. די פראגע שטייט אָבער ק אָ נ ק ר ע ט: צי דארף דאָס יידישע פאָלק, אזוי ווי עס עקזיסטירט היינט אין דער וועלט, א זעלבסטשטענדיקע מלוכה, אזוי ווי קליינע מלו־כות קענען זיין זעלבסטשטענדיק אין דער איצטיקער וועלט, און אין דער פאלעסטינע, וואָס עקזיסטירט אין דער ווירקלעכקייט?

און דאָ איז די תשובה שוין גאָרניט אזא פשוטע.

ערשטנס, פאלעסטינע און דאָס יי ד י ש ע פ אָ ל ק.

נאָך זעכציק יאָר אימיגראציע און קאָלאָניזאציע, נאָך אלע אויסראָ־טונגען, נאָך אלע לויפענישן פון די פארשידענע לענדער, ביי טויערן פאר־מאכטע פאר איינוואנדערונג אין אמעריקע און אנדערע לענדער, זיינען אין א״י פאראן בלויז קנאפּע זעקס פּראָצענט פון יידישן פאָלק. ווי עס זאָל אפילו אין דער צוקונפט ניט וואקסן די יידישע איינוואנדערונג אין א״י (הגם מען זעט זייער ווייניק פונוואנען א שטראָם פון מאסן־אימי־גראציע זאָל קענען קומען נאָך דער פארניכטונג פון דעם מיטל־אייראָפּע־אישן יידנטום), וועט א״י זאָל ארייננעמען נאָך הונדערטער טויזנטער אָדער אפילו נאָך א מיליאָן יידן, וועט דאָס אלץ נאָך באטייטן נאָר א צענטל ביז א זעקסטל פון יידישן פאָלק. ווער רעדט נאָך, אז קאָנקרעט שטייט גאָרניט די פראגע וועגן א יידישער מלוכה, וואָס זאָל ארומנעמען גאנץ פאלעסטינע, נאָר בלויז יענעם טייל פון דער קליינער פאלעסטינע, וווּ יידן זיינען איצט א מערהייט פון דער באפעלקערונג, און וואָס איז ניט

גרעסער ווי איינער פון די גרעסערע קאַנטאָנען פון דער קליינער שווייץ, דעמאָלט איז דאָך קלאָר, אַז מיט אַזאַ יידישער מלוכה אָדער אָן איר בלייבט כמעט דאָס גאַנצע יידישע פאָלק אין די אַזוי־גערופענע גלות־לענדער, אויסער דער יידישער מלוכה. דאָס איז אַן אַלטער בונדישער אמת, און ער בלייבט ריכטיק ביז היינטיקן טאָג. פריינט און קעגנער מוזן עס אָנערקענען, אויב זיי ווילן קוקן דער ווירקלעכקייט גראַד אין פּנים אַריין.

ענטפערן אָבער דערויף די ציוניסטן, אַז אויך די לאַגע פון די יידן אין גלות וועט דורך דער שאַפונג פון אַ יידישער מלוכה ראַדיקאַל פאַרבעסערט ווערן דערמיט, וואָס דעמאָלט וועט זיין אַ מלוכה, וועלכע וועט זיך אָננעמען זייער קריוודע.

איז איינס פון די ביידע: אָדער די יידן אין די גלות־לענדער וועלן אָנערקענט ווערן פאַר פּאַלעסטינער בירגער, אָדער זיי וועלן פאַרבלייבן בירגער פון זייערע ביז־איצטיקע היים־לענדער. אין ערשטן פאַל, ווען זיי זאָלן ווערן אָנערקענט פאַר בירגער פון ארץ־ישראל, וועלן זיי דערמיט גופא אומעטום פאַרוואַנדלט ווערן ניט בלויז אין בירגער פון צווייטן ראַנג, נאָר אין א ו י ס ל ע נ ד ע ר. דער צוויי־הונדערט־יאָריקער קאַמף פאַר דער ג ל ײ כ ב א ר ע כ ט י ק ו נ ג פון די יידן מיט דער איבעריקער באַפעלקערונג פון דער מדינה וועט אויף אַזאַ אופן גיין לאיבוד: ווי אויסלענדער, וועלן זיי ניט טאָרן זיך באַשעפטיקן מיט אַ גאַנצער רייע פּראָפעסיעס, זיי וועלן אָנווערן זייערע פּאָליטישע רעכט, ניט קענען זיין קיין וויילער און ניט קענען האָבן זייערע פאַרטרעטער אין די פּאַרלאַמענטן און אָרטיקע זעלבסטפאַרוואַלטונגען, האָבן כל המינים שוועריקייטן ביים באַזעצן זיך ערגעץ־ווו, ביים באַקומען אַ דירה, ביים עפענען אַן אונטערנעמונג, ביים פאַרנעמען אַן אַרבעט־פּלאַץ, א. א. וו. גאָר קריטיש וואָלט ווערן זייער לאַגע ביי אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפליקטן, ווען זיי וואָלטן פּשוט געקאָנט אַרויסגעטריבן ווערן פון לאַנד אָדער ווערן אינטערנירט.

אלא וואָס, זיי וועלן פאַרבלייבן בירגער פון זייערע ביז־איצטיקע היים־לענדער; איז לאָ די וואָס די אַנטיסעמיטישע אַגיטאַציע „זשידזשי דאָ פּאַלעסטיני״ וואָלט דעמאָלט באַקומען גאָר אַן אַנדער באָדן אונטער די פיס, דאַרף מען זיך דאָך פאָרשטעלן, ווי די זאַך וואָלט אויסזען, ווען די יידישע מלוכה וואָלט זיך וועלן אָננעמען די קריוודע פון די יידן אין לענדער, ווו זיי ליידן נגישות און פאַרפאָלגונגען. דאָס וואָלט דאָך דעמאָלט געהייסן, אַז זי מישט זיך אַריין אין די באַציאונגען צווישן דער מלוכה פון יענע לענדער און אירע אייגענע בירגער, ד. ה. אין די א י נ ע ר ל ע כ ע

ענינים פון יענע לענדער. פון איין זייט, א מלוכהלע, וואָס וואָלט זיך עפּעס אזוינס דערלויבט, וואָלט בכלל שוין קיין לאנגן קיום ניט געהאט; און פון דער אנדער זייט, וואָלט אזא פרעמדע אריינמישונג בלויז גערייצט די שאָוויניסטישע אינסטינקטן און נאָכמער פארשארפט די אנטיסעמיטישע פּאָליטיק פון יענע לענדער, און די דאָרטיקע יידישע באפעלקערונג וואָלט באקומען דעם אויסזען פון א נאציאָנאלער מינדערהייט, וואָס איז פאר־בונדן מיט א פרעמדער מלוכה. באזונדער געפערלעך וואָלט געוואָרן די לאגע פון דער יידישער באפעלקערונג אין די אראבישע און בכלל מוסולמענישע לענדער. ווער רעדט נאָך ווען די יידישע מלוכה זאָל אריינ־געצויגן ווערן אין א מלחמה: דעמאָלט וואָלט די לאגע פון דער יידישער באפעלקערונג אין די לענדער פון דעם פיינטלעכן לאגער געוואָרן פשוט קאטאסטראָפאל.

א יידישע מלוכה אין פאלעסטינע איז דעריבער בשום אופן ניט קיין לייזונג, און אפילו ניט קיין פארלייכטערונג פון דער יידן־פראגע אין דער וועלט; פארקערט, פאר די יידן אין די גלות־לענדער, ד. ה. פארן רוב מנין און רוב בנין פון יידישן פאָלק, וואָלט דאָס געווען פארבונדן מיט זייער ערנסטע געפארן.

אָט איצט בנוגע דער יידישער מלוכה גופא און דעם פאלעסטינער ישוב.

און ווידעראמאָל נעם איך די זאך ניט אבסטראקט, נאָר אזוי ווי זי שטייט אין דער ווירקלעכקייט אויף צוויי באזונדערע מלוכות, א יידישע און אן אראבישע.

אין פלוג קען טאקע חלוקה אויסזען ווי א געלונגענער אויס־וועג פון דער געשאפענער לאגע. אז מאן און ווייב לעבן צווישן זיך ווי א הונט און א קאץ, איז א גט אן אויסוועג. די משנה ווידער האָט שוין לאנג געפסקנט, אז „שנים אוחזין בטלית, זה אומר כולו שלי וזה אומר כולו שלי, יחלוקו". הייגט פארוואָס זאָלן זיך יידן מיט אראבער ניט שיידן, זיך צעטיילנדיק דאָס לאנד?

די מעשה איז אָבער, אז ניט שטענדיק איז מעגלעך זיך צו שיידן, און ניט שטענדיק איז חלוקה פון א לאנד, דערהויפּט פון א קליין לאנד, א לייזונג וואָס לאָזט דאָס לאנד לעבנס־פעאיק. אמאָל קען אזא חלוקה האָבן די פעולה וואָס עס וואָלט געהאט דער פאָרשלאָג פון שלמה המלך צו צע־שניידן אויף צוויי דאָס קינד, איבער וועלכן צוויי פרויען האָבן זיך גע־אמפּערט. דארפן מיר צום פּלאן פון דער חלוקה פון פאלעסטינע זיך צו־קוקן נענטער.

איך האָב פאַר די אויגן אַ גרעסערע קאַרטע פון א״י, אויסגעאַרבעט דורך דער צענטראַל־פאַרוואַלטונג פון קרן קימת; די פּלעצער באַזעצטע מיט יידן האָבן דערביי אַ ספּעציעלע באַפאַרבונג. איז וואָס וואַרפט זיך אין די אויגן קוקנדיק אויף אָט דער מאַפּע? — פון יידן אין זייער מערהייט זיינען באַזעצט אַ שמאָלינקער פאַס אויפן ברעג ים, דער עמק יזרעאל און צום טייל אויך דער עמק צו מזרח פון באַרג גלבוע; דער גאַנצער איבעריקער ישוב באַשטייט פון אינדזלען און אינדזעלעך אין מיטן פון גרויסן אַראַבישן שטח. אין דער ווירקלעכקייט איז די צעזייטקייט און צעוואָרפנקייט פון די יידישע ישובים נאָך אַ גרעסערע, ווי דאָס שיינט צו זיין לויט דער מאַפּע: כסדר אינדזלען מיט אינדזעלעך. ווען איר נעמט למשל ירושלים גופא, איז דער יידישער טייל שטאָט אַן אינדזל; און אפילו פאַרשידענע טיילן פון אָט דעם יידישן טייל זיינען אָפט אויך ניט פאַרבונדן דירעקט צווישן זיך, נאָר שטעלן מיט זיך פאָר אינדזעלעך אָפּגעריסענע איינע פון די אַנדערע דורך ניט־יידישע שטחים; אַזוי למשל זיינען אפילו דער העברעאישער אוניווערסיטעט און די נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק אָפּגעטיילט פון דער שטאָט, און ספּעציעל פון יידישן טייל שטאָט, דורך ריין אַראַבישע זיך־פּלעצער: אינדזעלעך אַרום אַן אינדזל ווי לבנהלעך אַרום אַ לבנה.

יידן און אַראַבער אין פּאַלעסטינע קענען דעריבער זיך ניט שיידן. וואָס פאַר אַ חלוקה מען זאָל ניט דורכפירן, וועלן יידן מוזן וווינען צווישן אַראַבער און אַראַבער צווישן יידן.

סיידן מען זאָל דורכפירן אַ ראַדיקאַלן **א ו י ס ט ו י ש** פון דער באַפעלקערונג, ד. ה. מען זאָל אַרויספירן די יידן פון אַלע יידישע אינדזלען, מאַכן יידן־ריין דעם גליל, די געגנט פון ים כנרת, פון יהודה, פון נגב, פון ים המלח א. א. וו., און אַרויספירן אַ בערך גלייכע צאָל אַראַבער פון ברעג ים צווישן תל־אביב און עכו און דעם עמק — שוין ניט רעדנדיק פון ירושלים, וואָס וואָלט געמוזט האָבן אַ באַזונדערן סטאַטוט, און ווו יידן און ניט־יידן וואָלטן יעדנפאַלס געמוזט וווינען צוזאַמען. עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז ניט בלויז דער ציוניזם, נאָר דער ישוב בכלל וואָלט קיינמאָל ניט איינגעגאַנגען אויף **א ז א** מין חלוקה, וואָס וואָלט באמת באַטייט **א ג י ר ו ש** פון דער יידישער באַפעלקערונג פון גרעסטן טייל פּאַלעסטינע. און באמת רעדט טאַקע קיינער ניט וועגן אויסטוישן באַפעלקערונג, נאָר טיילן פּאַלעסטינע אַזוי, ווי זי איז באַפעלקערט אין דער ווירקלעכקייט.

יעדער פּלאַן פון חלוקה, און דערונטער אויך דער, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן דורך דער מערהייט פון דער יונאָ־קאָמיסיע, מוז דעריבער אויסטערליש צעשניידן דאָס לאַנד, שאַפן פאַרשידענע „קאָרידאָרן״ צווישן

די אָפּגעזונדערטע גלידער פון יעדן טייל, פון אראבישן ווי פון יידישן, און סוף כל סוף איבערלאָזן א פּאַרהעלטנישמעסיק גרויסע צאָל אראבער אין יידישן טייל און א באַדייטנדיקע צאָל יידן אין דער צוקונפטיקער אראַבישער מלוכה, אלס אירידענטישע מינדערהייט אין אראבישן גלות אין פּאַלעסטינע גופא, פונקט ווי די אראבער וואָלטן בילדן אן אירידענטישע מינדערהייט אין דער יידישער מלוכה.

די יידישע מלוכהלע, וואָס וואָלט אזוי אָט באשאפן געוואָרן, וואָלט געהאט די פאָרמע פון צוויי זייטן פון א שארפן ווינקל (דער ים פּאַס און דער עמק), געלעגענע אין טאָלן, צווישן וועלכע עס וואָלט זיך אריינגעריסן אן אראבישער שטח, א פאראייניקטער מיט דער אראבישער מלוכה — צוויי שמאָלע פּאַסן ארומגערינגלטע פון צפון, פון מזרח און פון דרום מיט דער פּאַלעסטינער אראבישער מלוכה און דער אומענדלעך ברייטער ארומיקער אראבישער וועלט, און וואָס וואָלט אינעווייניק, ביי זיך גופא, האָבן נאָך א גרויסע אראבישע מינדערהייט. מ'דאַרף באמת ניט זיין קיין גרויסער סטראטעג צו פארשטיין, אז אזא „זעלבסטשטענדיקע" מלוכהלע קען זיין בלויז א מפּיל־קינד, וואָס איז ניט פעאיק, ניט זעלבסטשטענדיק צו לעבן אין צייט פון פרידן, ניט צו פארטיידיקן זיך אין פאל פון א מלחמה.

פארשטייען דען דאָס ניט די פאראנטוואָרטלעכע פירער פון ציוניזם, וואָס זיינען מסכים אויף חלוקה?

אוודאי פארשטייען זיי עס, יעדעס קינד קען עס פארשטיין. און זיי זיינען אויך ניט אזעלכע „פאררעטער" ווי עס שטעלן זיי פאָר די אירגוניסטן: זיי האָבן גאָרניט שלום געמאכט מיט דעם געדאנק, אז ירושלים, און דער ים כנרת, און צפת, און דער גליל, און דער ירדן, און יהודה מיט חברון, מיט דעם קבר רחל א. א. וו. זאָלן בלייבן חוץ־לארץ, און בלויז דער ים־פאס און דער עמק, מיט אָדער אָן דעם נגב, זאָל דאָס זיין ארץ־ישראל. דער אמתער מאָטיוו זייערער, וואָס צוליב דיפּלאָמאטישע טעמים שרייט מען ניט וועגן אים אויף אלע דעכער, אָבער וואָס אלע פארשטייען אים, איז דאָס וואָס זיי האלטן חלוקה בלויז פאר א צ ײ ט װ ײ ל י ק ע ס ט א ד י ע. זיי האלטן זיך ביי דעם כלל „לעולם תקח", דערווייל דאַרף מען נעמען וואָס עס לאָזט זיך. די קליינטשינקע יידישע מלוכהלע דאַרף זיין בלויז א שטיצפונקט פאר דער שפּעטערדיקער דעראָבערונג פון גאנץ פּאַלעסטינע. די חלוקה איז בכן בשום אופן ניט קיין אויפריכטיקע, ווו יעדער צד זאָל זיך נאָכדעם צופרידנשטעלן מיט זיין חלק, נאָר פאַר־קערט א מיטל צום ווייטערדיקן נאָכמער עקשנותדיקן קאמף.

און טאקע ווייל אויך דאָס פארשטייען אלע, און אין ערשטער ליניע

די אַראַבישע פירער מיטן מופטי בראש, זיינען זיי אַזעלכע אַנטשלאָסענע קעגנער פון דער חלוקה, און די מלחמה צווישן יידישן ישוב און דער אַראַבישער וועלט, וואָס זאָל דאַרפן קומען שפּעטער, קען דעריבער אויסברעכן שוין איצט באַלד.

געוויס וועט דער ישוב זיך העלדיש פאַרטיידיקן ביי אַלע באַדינגונגען, אָבער אין וואָס פאַר אַ גרויזאַמער שחיטה פון יידישן ישוב קען אַזאַ מין „מלחמה" דעגענערירן איצטער, בעת די יידן האָבן אפילו קיין מיניאַטור־מלוכה אויך ניט, וואָס פאַר אַ חורבן דאָס וואָלט באַטייט פאַרן לאַנד בכלל, איז אַ שרעק אפילו אַ טראַכט צו געבן.

און פונדעסטוועגן האָט די חלוקה פון פּאַלעסטינע גראַד באַדייטנדיקע שאַנסן פאַרווירקלעכט צו ווערן. ניט די יידן און ניט די אַראַבער דעצידירן דאָך איצטער איבער דעם גורל פון פּאַלעסטינע, נאָר די גרויסע וועלט־מלוכות. און די גרויסע וועלט־מלוכות, וואָס קענען זיך איצט אויף קיין פּאָזיטיווער צוזאַמענאַרבעט אין ערגעץ ניט אייניקן, פאַרנעמען זיך בלויז מיט צוגרייטן קאַמפּס־פּאָזיציעס צו זייער קומענדיקן „לעצטן און אַנטשיידנעם שטרייט". און ניט ווילנדיק שוין איצט אַרויסרופן דעם שטרייט, קענען זיי זיך גריילעך „אייניקן" אויף דער חלוקה פון פּאַלעסטינע, וואָס זאָל אָפּשאַפן דעם מאַנאָפּאָל פון ענגלאַנד און שאַפן דאָרטן אַזאַ מצב, וועלכער זאָל דערמעגלעכן אויסצושפּילן איין טייל פון דער אַרטיקער באַפעלקערונג קעגן דעם אַנדערן און דערמיט גופא שאַפן דאָרטן אָנהענגער פאַר זיך און שונאים פאַרן קעגנער. זיי קענען איינגיין אויף אַזאַ „אייניקונג" אין פּאַלעסטינע, ווי זיי זיינען איינגעגאַנגען, ביי אַנדערע באַדינגונגען און אויף אַן אַנדער אופן, אויף דער חלוקה פון דייטשלאַנד, און ווי זיי וועלן אפשר אין דער ניט־ווייטער צוקונפט זיך „אייניקן" אויף אַן אָפענער נייע וועלט־מלחמה.

אַ נייע וועלט־מלחמה וואָלט פאַרן יידישן פאָלק, נאָך די היטלער־שחיטות, געוויס געווען אַ באַזונדער שרעקלעכע קאַטאַסטראָפע. נאָר זאָל אונדז דער גאַנג פון דער געשיכטע שומר ומציל זיין, אַז זי זאָל אויסברעכן אין צוזאַמענהאַנג מיט אַ יידישער מלוכה אין פּאַלעסטינע. ניט בלויז אין א"י און אין די אַראַבישע לענדער וואָלט זיך דעמאָלט איבער אונדז אַראָפּגעלאָזן דער שווערד פון דאַמאָקלעסן, נאָר אויך אין אַנדערע לענדער, אין די לענדער מיט די גרעסטע יידישע ישובים וואָלט פאַר אונדז געשאַפן געוואָרן די געפערלעכסטע לאַגע: אין אַמעריקע וואָלט מען אונדז פאַררעכנט פאַר אַ „פינפטע קאָלאָנע" פון רוסלאַנד, און אין רוסלאַנד וואָלט מען אונדז געמאַכט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די ניו־יאָרקער „יידישע באַנ־

קירן", און אומעטום וואָלטן פינצטערע עלעמענטן מיט דערפאָלג פאַר־שפּרייט דעם מאָדערנסטן בלוט־בלבול, אַז צוליב אונדז איז די וועלט אריינגעשלעפּט געוואָרן אין בלוט־באָד.

וואָלט געווען ז י כ ע ר, אַז די וועלט גייט צו אַ נייער אַלגעמיי־נער מלחמה, וואָלטן מיר דעריבער געדאַרפט, סיי אין יידישן פאָלק, סיי פאַר דער אויסערלעכער וועלט, מיט אַלע כוחות זיך אַנטקעגנשטעלן אַלע שפּילערייען אין יידישע מלוכהשאַפט אין איצטיקן מאָמענט, שפּילערייען וואָס וואָלטן שטעלן אין קאָן בוכשטעבלעך דעם ווייטערדיקן פיזישן קיום פון אונדזער פאָלק.

עס איז אָבער נאָך ניט אויסגעלאָשן די האָפענונג, אַז דעם פשוטן מענטשלעכן פאַרשטאַנד און די פאַרשידענע כוחות פון שלום, וואָס זיינען ניט גענוג אָרגאַניזירט, וואָס זיינען אָבער אומעטום איבער דער וועלט נאָך גענוג גרויס, וועט געלינגען איינצוהאַלטן דעם וועלט־פרידן. דעמאָלט וואָלט אויך אַ קליינטשינקע יידישע מלוכהלע, וואָס זאָל קומען אין רע־זולטאַט פון דער חלוקה פון פּאַלעסטינע, ווען אַזאַ מלוכהלע זאָל זיך באמת אָפּזאָגן פון יעטוועדער טעריטאָריעלער עקספּאַנסיע, ווען זי זאָל געפינען אַ מאָדוס פון פריינטשאַפטלעכן צוזאַמענלעבן מיט די אַרומיקע אַראַבישע מדינות און מיט דער אינערלעכער אַראַבישער מינדערהייט, ווען זי זאָל, מיט איין וואָרט, קאָנצענטרירן אַלע אירע מאַטעריעלע און גייסטיקע כוחות אויף דעם פרידלעכן פונאַנדערבוי פון דעם ישוב אינעווייניק אויף די יסו־דות פון סאָציאַלער גערעכטיקייט און אינטערנאַציאָנאַלער פאַרברידערונג, דעמאָלט וואָלט אַזאַ טעריטאָריאַל קליינטשינקע מלוכהלע קענען האָבן אַ פּאָליטיש אויסערסט באַשיידענעם, אָבער גייסטיק וויכטיקן קיום צווישן די פעלקער פון דער וועלט.

ס'איז אָבער איבעריק צו זאָגן, אַז די וועלט איז דערווייל נאָך גאַנץ ווייט פון אַ צושטאַנד פון סטאַביליזירטן פרידן, און דער ציוניזם איז ניט ווייניקער ווייט פון זיך באַגנוגענען מיט דעם יידישן חלק פּאַלעסטינע. ביי די איצטיקע רעאַלע באַדינגונגען טראָגט אַ חלוקה פאַרן יידישן פאָלק פון פּאַלעסטינע אין צוויי כלומרשט זעלבסטשטענדיקע מדינות די ערגסטע גע־פאַרן, וואָס מיר טאָרן קיין רגע ניט אַרויסלאָזן פון אויג.

## ד. — דיאַלעקטיק פון דער געשיכטע

ניט איינער פון די, וואָס האָבן געלייענט די פריערדיקע קאַפּיטלעך, האָט געוויס מיט פאַרדרוס און אַנטוישונג געטראַכט וועגן זייער מחבר:

— ווי קען מען זיך אַזוי סותר זיין? פון איין זייט, איז ער פול מיט

ענטוזיאזם פאר די אויפטועז פון פאלעסטינער ישוב, און פון דער אנדערער זעט ער אין אים א שרעקלעכע געפאר פארן גאנצן יידישן פאָלק. ווי קען מען עס גלייכצייטיק זיין אזוי שטארק פ א ר און ניט ווייניקער שטארק ק ע ג ן ? ווו איז לאָגיק? און וואָס וויל ער אייגנטלעך: איז ער פארן ציוניזם אָדער קעגן אים? און דאָס זאָלן זיין „קלאָרע דיבורים", מיט וועלכע מען זאָל קענען קומען צו די מאסן?

וועל איך קודם געבן א קלאָרע תשובה אויף די טענות.

וואָס וויל איך? ראשית כל האָב איך געוואָלט אליין זען און אנדערע ווייזן די ווירקלעכקייט אזוי, ווי זי איז אין אמתן. און אויב די דאָזיקע ווירקלעכקייט טראָגט אין זיך טיפע סתירות, איז דאָס ניט מיין שולד, נאָר די שולד פון דער פאלעסטינער ווירקלעכקייט. פאר מיין אויפגאבע האָב איך געהאלטן, ניט אליין צו פארמאכן די אויגן אויף די סתירות פון אָט דער ווירקלעכקייט און ניט פאר אנדערע זיי צו באהאלטן, נאָר פאר־קערט זיי אויפדעקן, געענוי באטראכטן זייער פארנעם און באדייטונג, כדי דערנאָך צו זען, וואָס זיינען די סיבות פון אָט די סתירות, צי איז מעגלעך זיי צו באזייטיקן, און אויף וואָס פאר אן אופן דאָס וואָלט מעגלעך זיין.

איך ווייס גאנץ גוט, אז אין פּאָליטיק האלט מען געוויינלעך פאר „קלאָרע דיבורים", ווען מען ווייזט אלץ אין העלער ליכט ביי זיך און מען מאָלט שווארץ ווי פעך אלץ וואָס ביי יענעמען. דאָס איז דעריבער זייער פשוט און דעריבער כלומרשט קלאָר. און אפשר אין געוויינלעכע צייטן, בעת אלץ, וואָס מען האלט פאר אייגנס און פאר יענעמס, איז דער רעזולטאט פון א לאנגן, פילזייטיקן און קאָלעקטיוון דורכטראכטן, קען מען טאקע קומען צו דער מאסע מיט פאראייגפאכטע שלאָגווערטער; איצט אָבער איז די לאגע ביי אונדז גאָר אן אנדערע. מיר זיינען אריינגעטרעטן אין א נייער תקופה אין דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק. די ווירקלעכקייט, מיט וועלכער מיר האָבן צו טאָן, די אלוועלטלעכע ווירקלעכקייט בכלל און אונדזער יידישע בפרט, איז ווייט ניט די זעלביקע, וואָס אויף איר סמך איז פריער ביי אונדז אויפגעשטעלט געוואָרן די גרענעץ־ליניע צווישן „אייגנס" און „יענעמס". אויך די פּראָבלעמען און אויפגאבן, וואָס שטעלט פאר אונדז די ווירקלעכקייט אין דער נייער עפּאָכע זיינען אָפט גאָר נייע. און די ווערטער גופא, וואָס מיר געברויכן, באצייכענען אָפט ניט די זעל־ביקע זאכן וואָס אמאָל. וועט נאָך ווער למשל זאָגן, אז די אויסדרוקן „דער יידישער קיבוץ אין פּוילן", אָדער „דער ישוב אין פאלעסטינע", אָדער „די שפּראך פון אונדזערע קינדער" א. ד. גל. באטייטן איצט די זעלביקע זאכן וואָס מיט צען יאָר צוריק? אָדער די אויסדרוקן „דאָס אראבישע

פאָלק, „די בריטישע אימפעריע״, „דייטשלאנד״, „רוסלאנד״, ארבעטער־אינטערנאציאָנאל״ א. א. וו., באטייטן זיי היינט די זעלביקע זאכן ווי מיט פערציק יאָר צוריק, פאר דער ערשטער וועלט־מלחמה? די, וואָס הזרן איצט פשוט איבער די אמאָליקע שלאָגווערטער און מיינען דערביי, אז זיי און נאָר זיי רעדן קלאָרע דיבורים און זיינען יוצא זייער חוב פון טרייהייט צו זייערע יוגנט־אידעאלן, צו די נאציאָנאלע און סאָציאליסטישע אידעאלן פון די פריערדיקע קעמפער, באגייען דעריבער סיי א פאָליטישן סיי א מאָראלישן טעות. זייערע „דיבורים״ זיינען מער ניט קיין קלאָרע און האָבן גאָרניט דעם זעלביקן זין ווי אמאָל; און איבערחזרנדיק די אמאָליקע ווערטער, גייען זיי מיט דער ליניע פון קלענסטן ווידערשטאנד און דערפילן ניט זייער אמתן חוב פאר זייער פאָלק, פאר זיין נאציאָנאלער און סאָציאלער באפרייאונג, דעם חוב צו זוכן און געפינען דעם ריכטיקן וועג צום זעלביקן אידעאל אין דער נייער ווירקלעכקייט. אָט דער חוב אונדזערער איז א סך שווערער ווי פשוט איבערחזרן אמאָליקע ווערטער, און אָט דער חוב ליגט קודם כל אויף יענע פון אונדז, וואָס האלטן א פען אין האנט אָדער וואָס טרעטן מינדלעך ארויס פארן עולם, מיט איין וואָרט, וואָס ווילן ווייזן דעם וועג אויך דעם אנדערן.

האָב איך דעריבער די ארטיקלען איבער דעם פאָלעסטינע־פּראָבלעם אָנגעהויבן מיט באקענען דעם לייענער מיט דער פאָלעסטינער ווירקלעכקייט. מיר זיינען אזוי אָט געקומען צום אויספיר, אז דער פאָלעסטינער ישוב איז א בנין א וואונדערבארער, וואָס אזוינס איז נאָך ניט געזען געוואָרן, וואָס איז אָבער געבויט אויף א ווולקאן, וועלכער קען פארשיטן מיט ברענענדיקער לאווע ניט בלויז דעם פאָלעסטינער ישוב און די ישובים אין די ארומיקע אראבישע מדינות, נאָר ביי געוויסע באדינגונגען אויך דאָס יידישע פאָלק אין ווייטע אנדערע לענדער. מיר האָבן אויך געזען, אז דער „ווולקאנישער״ כאראקטער פון דעם פאָלעסטינער ישוב איז א פועל־יוצא פון דעם, וואָס ער איז אין משך פון פופציק יאָר געבויט געוואָרן מיט דער שטרעבונג צו פארוואנדלען פאָלעסטינע אין א יידישער מלוכה, און אז די געפארן, וואָס דאָס האָט געשאפן, זיינען היינט צו טאָג געוואָרן באזונדער אקטועל און דראָענדיק אין צוזאמענהאנג מיט די קאָנקרעטע פלענער אויסצוטיילן פון פאָלעסטינע א געוויסן חלק און מאכן עס פאר א זעלבסטשטענדיקע יידישע מלוכה.

אמת, מיר ווייסן פון דער דערפארונג מיט פארשידענע קאָמיסיעס און קאָנפערענצן פון דעם פאר־מלחמהדיקן פעלקער־בונד ע״ה און אויך מיט די פארשידענע ענגלישע און געמישטע קאָמיסיעס, וואָס האָבן זיך באשעפ־

טיקט ספּעציעל מיטן פּאַלעסטינע־פּראָבלעם, אַז פון פּלענער ביז זייער רעאַליזאַציע איז אָפּט אַזוי ווייט ווי פון גאָר ביז גאָרנישט. עס איז דער־ריבער נאָך ווייט ניט קיין פאַקט, אַז פון פּאַלעסטינע וועט טאַקע אויסגע־טיילט ווערן אַ יידישע מלוכהלע. נאָר שוין דאָס, וואָס אַזאַ פּראָיעקט שטייט אויפן סדר היום פון די „פּאַראייניקטע” נאַציעס, נאָך דעם האַלבן יאָרהונדערט ציוניסטישן טרומייטערן וועגן דעם „יודען־שטאַט” אין פּאַ־לעסטינע, איז שוין פאַרן ישוב און פאַרן יידנטום בכלל אַ גרויסע סכנה. ווער רעדט נאָך, ווען מען זאָל דעם דאָזיקן פּראָיעקט פּרובירן טאַקע אָנ־וואַרפן די אַראַבער, און גאַנץ באַזונדערש ווען ער זאָל קעגן זייער ווילן טאַקע אויך פאַרווירקלעכט ווערן: דאָס קען שוין באמת פירן צו אַ ד ר י ט ן ח ו ר ב ן.

דער פּאָליטישער ציוניזם, די שטרעבונג צו לייזן די יידן־פראַגע דורך שאַפן אַ יידישע מלוכה אין פּאַלעסטינע, וואָס האָט אַזוי מעכטיק מיטגע־האָלפן צום אויפבוי פון דעם ווונדערלעכן פּאַלעסטינער ישוב און אַוועקגע־שטעלן די פראַגע פון אַ זעלבסטשטענדיקער יידישער מלוכה אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלן פאָרום, האָט בכן פון אָנפאַנג אָן געטראָגן אין זיך קערנדלעך פון צוקונפטיקער צעשטערונג פון זיין אייגענעם ווערק און פון די ערגסטע געפאַרן פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק.

די געשיכטע קען אַ סך ביישפּילן פון אַזאַ מין היסטאָרישער דיאַלעק־טיק. עס וועט גענוג זיין צו דערמאָנען בלויז צוויי פון זיי, ביידע גענו־מענע אין דער נייעסטער געשיכטע. די גרינדונג פון דעם דייטשן רייך, די שאַפונג פון דער פּאָליטישער איינהייט פון די פריערדיקע צענדליקער דייטשע מלוכות און מלוכהלעך, וואָס האָט אויף אַזאַ ווונדערבאַרן אופן אויפגעהויבן די שעפערישע קרעפטן פון דייטשן פאָלק אויף אַלע געביטן פון מאַטעריעלער און גייסטיקער קולטור אין משך פון די פערציק יאָר פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז אָבער דורכגעפירט געוואָרן דורך דעם מיליטאַריסטישן פּרייסישן יונקערטום מיט ביסמאַרקן בראש, און האָט דעריבער פון אָנפאַנג אָן געטראָגן אין זיך די קערנדלעך פון איר צוקונפטיקער צעשטערונג.

די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע באַוועגונג איז דורכדעם, וואָס זי האָט זיך אָרגאַניזירט לויט די מלוכות, אין משך פון אַ פערטל יאָרהונדערט פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה געוואָרן אין אַלע אייראָפּעאישע לענדער אַ מעכטיקער און בסדר וואַקסנדיקער פּאָליטישער און אידעאָלאָגישער כוח; אָבער טאַקע דורכדעם גופא איז דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל גלייך ביים אויסברוך פון דעם ערשטן וועלט־קריג זיך פונאַנדערגעפאַלן,

און ביז היינטיקן טאָג איז פאַקטיש ניט מעגלעך אים צוריק אויפצושטעלן, צוריק אויפצושטעלן די איינהייט פון דער ארבעטער־באַוועגונג, ניט אָרגאַ־ניזאַציאָנעל און ניט אידעאיש, ניט אין אינטערנאַציאָנאַלן און אפילו ניט אין נאַציאָנאַלן מאַסשטאַב.

און ענלעכע זאַך קומט פאָר, ווי מיר האָבן געזען, מיטן פּאָליטישן ציוניזם: אונטער זיין אָנפירונג איז אויסגעוואַקסן דער איצטיקער פּאַלעס־טינער ישוב, אָבער טאַקע א דאַנק אים שטייט ער פאַר דער געפאַר פון א נייעם חורבן. געפערלעך איז דערביי ניט דאָס זען די געפאַר און ווי ווייט מעגלעך זי אויסמיידן אָדער אָפּשוואַכן, נאָר פאַרקערט, פאַרמאַכן אויף איר די אויגן און גיין מיטן זעלביקן געפערלעכן וועג ביז צו זיין טראַ־גישן סוף.

***

דיווירקלעכקייט איז צום גליק אוועק, יעדנפאַלס דערווייל, מיט אַנדערע וועגן. עס איז אויפגעשטאַנען מדינת ישראל אין א טייל פּאַלעס־טינע; עס איז טאַקע אויסגעבראָכן צוליב דעם א בלוטיקער צוזאַמענשטויס צווישן ישראל און דער אַראַבישער וועלט, אָבער דער מאָדערנער יידישער ישוב האָט אָפּגעהאַלטן א מיליטערישן נצחון איבער די צעטיילטע און האַלב־פעאָדאַלע אַראַבישע מלוכות. דער ווייט גרעסטער טייל פון דער אַראַ־בישער באַפעלקערונג איז אין שרעק אַנטלאָפן פון מדינת ישראל, און די חלוקה פון פּאַלעסטינע איז פאָרגעקומען ניט לויטן באַפעלקערונג־פּרינציפּ, נאָר לויט דעם דערפאָלג פון געווער. פון געוויסע אַראַבישע לענדער האָט טאַקע געמוזט אַנטלויפן די יידישע באַפעלקערונג; זי האָט זיך אָבער גע־ראַטעוועט אין מדינת ישראל; נאָר זי האָט דאָרטן אַרויסגערופן א שרעק־לעכן קריזיס אין לעבנס־מיטל, דירות און דעוויזן. מדינת ישראל האָט געוווּנען די מלחמה; צי האָט זי אָבער געוווּנען דעם שלום, וואָס אָן אים איז א נצחון בלויז אַן עפּיזאָד, וואָס קען האָבן גאַנץ פאַרשידענע נאָכ־פאָלגן? — און צי איז די אַראַבישע וועלט באמת באַזיגט? צי שפּילט זי טאַקע די ראָלע פון א באַזיגטן אין דער איצטיקער וועלט־פּאָליטיק? — און אַרום די גרענעצן פון מדינת ישראל בלאָנקען זיך אַרום א דריי פערטל מיליאָן אַראַבער, פּליטים פון דער יידישער מדינה, און רופן צו דער ברייטער אַראַבישער וועלט. זכור אשר עשה לך ישראל.

# א זעלבסטשטענדיקע מלוכה

## אין דער יידישער געשיכטע

*געווידמעט דעם ליכטיקן אָנדענק פון שלמה מענדעלסאָן.*

מיר האָבן אַן אַלטן כּלל: „אַלץ פליסט", אַלץ ענדערט זיך און פאַרגייט. באַזונדערס פליסיק איז די מענטשלעכע געשיכטע: געשעענישן, מענטשן, אידייען, איינריכטונגען, לעבן־שטייגער, פּרנסות — אַלץ, אַלץ האַלט דאָרטן אין אַ כּסדרדיקן ענדערן זיך און פאַרגיין.

ניט אַלץ אָבער ענדערט זיך און פאַרגייט מיט דער זעלביקער געשווינדקייט. געוויסע דערשיינונגען דויערן טאַקע ניט מער ווי אַ טאָג, אַנדערע אָבער דויערן יאָרן און יאָר־צענדליקער, אַנדערע ווידער דויערן דורות און יאָרהונדערטער. לגבי די דערשיינונגען וואָס האַלטן זיך בלויז אַ טאָג, זיינען דערשיינונגען וואָס דויערן יאָרן, דויערנדיקע דערשיינונגען; און לגבי ביידע זיינען דערשיינונגען, וואָס דויערן דורות און יאָרהונדערטער, דויערנדיקע דערשיינונגען. לגבי דעם לעבן פון אַ יחיד איז, למשל, דאָס לעבן פון אַ פאָלק אַ דויערנדיקע דערשיינונג. אויך דאָס לעבן פון אַ פאָלק ענדערט זיך און פאַרגייט, ווי עס ענדערט זיך און פאַרגייט אפילו דער קיום פון דער פּלאַנעט, אויף וועלכער מיר לעבן. פאַר־העלטנישמעסיק אָבער איז פאַר פעלקער דער קיום פון דער ערד אַ דויערנ־דיקע, קאָנסטאַנטע, פּראַקטיש אומפאַרענדלעכע דערשיינונג, און פאַר יחידים איז דער קיום פון פאָלק אַ קאָנסטאַנטע דערשיינונג. אין דעם זין האָט דער אַלטער סקעפּטיקער קהלת מיט רעכט געזאָגט: דור הולך ודור בא, והארץ לעולם עומדת — „אַ דור גייט אוועק און אַ דור קומט אָן, און די ערד שטייט אייביק", אייביק אין פאַרגלייך מיט מענטשלעכע דו־רות. ניטאָ קיין אַבסאָלוטע קאָנסטאַנטן אין דער מענטשלעכער געשיכטע, אָבער עס זיינען פאַראַן קאָנסטאַנטן ר ע ל א ט י ו ו ע. אין דעם רע־לאַטיוון זין קען מען ריידן וועגן קאָנסטאַנטן אין דער געשיכטע פון אַ פאָלק, און טאַקע נאָר אין דעם זין וועל איך אויך ווייטער געברויכן דעם אויסדרוק.

די דויערנדיקע, קאָנסטאַנטע דערשיינונגען אין לעבן פון אַ פאָלק

ווערן באשטימט דורך פארשידענע רעלאטיוו־דויערנדיקע פאקטאָרן, וואָס צו די וויכטיקסטע פון זיי געהערן די געאָגראַפישע לאגע פון פאָלק און זיין פריערדיקע היסטאָרישע דערפארונג. די גאנצע ביז־איצטיקע געשיכטע פון פוילן, פון רוסלאנד, פון פראנקרייך, פון ענגלאנד א. ד. גל., זיינען אין זייער א גרויסער מאָס באשטימט דורך זייער געאָגראַפישער לאגע. אמת, צוליב דעם „פליסיקן" כאראקטער פון פארשידענע אנדערע פאקטאָרן און צוליב דער פארענדערלעכקייט פון דעם ריין־געאָגראפישן פאקטאָר גופא חזרט זיך די געשיכטע קיינמאָל ניט איבער אין דער זעלביקער פאָרם. און פונדעסטוועגן לאָזט זיך שטענדיק פילן דאָס, וואָס איז רעלאטיוו קאָנס־טאנט אין דער געשיכטע פון א פאָלק. ניט איין נצחון, ניט איין מפלה פון פארשידענע פאָליטישע שטרעמונגען און פון פארשידענע פאָליטיקער דערקלערן זיך בעיקר מיט דעם, וואָס זיי האָבן זיך יאָ אָדער ניט גערעכנט מיט אָט די רעלאטיווע קאָנסטאנטן אין לעבן, געשיכטע און כאראקטער פון זייער פאָלק. זיך מאכן א מעגלעך קלאָרן באגריף וועגן אָט די קאָנס־טאנטן איז דעריבער ווייט ניט א הוילער טעאָרעטישער ענין; מיט דעם דארף אין א באדייטנדיקער מאָס זיך רעכענען אויך די פראקטישע פאָ־ליטיק.

דאָס געזאָגטע איז ריכטיק בכלל, און דארף אָנגעווענדט ווערן אויך צו דער יידישער געשיכטע.

## „צו זיין ווי אַלע פעלקער"

די ערשטע און קארדינאלסטע פראגע, וועלכע שטעלט זיך פאר יעדן וואָס פארטראכט זיך איבער די גרונט־שטריכן פון דער יידישער געשיכטע, איז: צ י ז יי נ ע ן יי ד ן ו וי א נ ד ע ר ע פ ע ל ק ע ר?

דאָס איז גאָר אן אלטע שאלה, וואָס האָט ארויסגערופן ליידנשאפט־לעכע וויכוחים אָן א סוף. נאָך מיט דריי טויזנט יאָר צוריק, ווען די יידן האָבן, נאָכדעם ווי זיי האָבן אין משך פון לאנגע יאָרהונדערטער געהאט געלעבט שבטימווייז, געוואָלט גרינדן א געמיינזאמע מלוכה מיט א יידישן קעניג בראש, האָבן זיי זיך געווענדט צום גרויסן אָנערקענטן נביא שמואל מיט די ווערטער: „מיר ווילן אויך זיין ווי אלע פעלקער" (והיינו גם אנחנו ככל הגוים). ביז דעמאָלט, הייסט עס, האָבן זיי געהאלטן, זיינען יידן ניט געווען א פאָלק „ווי אלע פעלקער". און אויך דעמאָלט שוין האָט דער ווונטש גופא צו זיין „ווי אלע פעלקער" שטארק אויפגעבראכט דעם נביא.

זייט דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע האַלטן זיך די יידישע אַסימילאַטאָרן ביי דער מיינונג, אַז יידן זיינען בכלל ניט קיין פאָלק, און ממילא ניט קיין פאָלק ווי אַנדערע פעלקער. פאַרקערט, אין יידישן נאַציאָנאַלן לאַגער פּרוּווט מען באַווייזן, אַז יידן זיינען גראַד אַ פאָלק מיט פעלקער גלייך. איך מיין אָבער, אַז יידן זיינען נ י ט קיין פאָלק ווי אַנדערע פעלקער, און אַז אַלע ראיות, וואָס דאַרפן באַווייזן דעם היפוך, זיינען אפשר שאַרפזיניקע, אָבער געקינצלטע דריידלעך. פעלקער זיינען שטענדיק בראש ורבם קאָנצענטרירט אויף אַ באַשטימטער טעריטאָריע; און די כלומרשטיקע אויסנאַמען, וואָס מען גלויבט צו געפינען פון אָט דעם כלל, זיינען באמת פון יענעם מין, וואָס באַשטעטיקן דעם כלל. פעלקער האָבן אַן איינהייטלעכע שפּראַך, און אויך אין דער הינזיכט באַשטעטיקן די זעלטענע כלומרשטיקע אויסנאַמען דעם אַלגעמיינעם כלל. פעלקער פאַרמאָגן נאָרמאַל (הגם ניט שטענדיק) אַ זעלבסטשטענדיקע מלוכה. און מיר, זייט טויזנטער יאָרן, זייט גלות בבל, זיינען מיר צעזייט און צעשפּרייט איבער דער וועלט, זייט טויזנטער יאָרן און אין פאַרשידענע לענדער רעדן מיר פאַרשידענע שפּראַכן, און זייט טויזנטער יאָרן האָבן מיר ניט קיין זעלבסטשטענדיקע מלוכה. דאָס אַלץ הייסט, אַז מיר זיינען ניט קיין פאָלק ווי אַנדערע פעלקער.

איז אָבער דערפון געדרונגען, אַז מיר זיינען בכלל ניט קיין פאָלק, אָדער אַז מיר זיינען ו ו י נ י ק ע ר ווי אַן אַנדער פאָלק?

איך מיין גיכער פאַרקערט: דאָס באַווייזט אפשר גראַד, אַז מיר זיינען אַ פאָלק מ ע ר ווי אַנדערע.

איך דערמאָן זיך דאָ אַן אינטערנאַציאָנאַלע דיסקוסיע איבער דער יידן־פראַגע באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. דאָס איז געווען אויף אַ סטודענטן־קאָנפערענץ אין בירוויל, ביי פּאַריז, וואָס איז געווען ספּעציעל געווידמעט דער דאָזיקער פראַגע, און וואָס אין איר האָבן אָנטייל גענומען סטודענטן, יידישע און ניט־יידישע, פון פאַרשידענע לענדער און פון פאַרשידענע ריכטונגען. איך בין אַהין געווען איינגעלאַדן מיט דעם איצט שוין פאַרשטאָרבענעם פּראָפעסאָר א ו א ל י ד, אַזוי צו זאָגן אַלס „ספּעצן". אין דער דיסקוסיע זיינען אַרויסגעטרעטן אויך צוויי אַנטיסעמיטישע רומענישע סטודענטן פונעם טרויעריק באַרימטן פּראָפעסאָר ק ו ז א ס חדר און, ווענדנדיק זיך צום יידישן טייל פון דער קאָנפערענץ, האָבן זיי געזאָגט אומגעפער בזה הלשון:

— ווי ווילט איר, מיר זאָלן אייך געבן גלייכע רעכט? איר זייט

שטאַרקער פון אונדז. ווען מיר וואָלטן געלעבט אָן א מלוכה, אויסער אונדזער לאַנד און גערעדט אַן אַנדער שפּראַך, דאַן וואָלט נאָך צוויי דורות מער קיין רומענער ניט געווען. און איר לעבט אַזוי שוין זייט טויזנטער יאָרן, און איר זייט אַלץ יידן. איר זייט שטאַרקער פאַר אונדז, און מיר מוזן זיך קעגן אייך פאַרטיידיקן.

מילא, דעם אַנטיסעמיטישן אויספיר וואָלטן מיר די דאָזיקע רומענער בכבוד גדול מוחל געווען. דער פאַקט גופא, אויף וועלכן זיי האָבן זיך פאַר־רופן, איז אָבער אָן שום ספק א ריכטיקער. זייער נאַציאָנאַלער געפיל און נאַציאָנאַלער באַוווּסטזיין זיינען אָפּהענגיק פון טעריטאָריע, שפּראַך, מלו־כה, און זיי קענען אָן דעם אפילו קיין צוויי דורות ניט אויסהאַלטן; און אונדזער געפיל פון נאַציאָנאַלער אחדות, אונדזער באַוווּסטזיין פון צוגע־העריקייט צום יידישן כלל האָט זיך אַרויסגעוויזן אָן אַן ערך שטאַרקער, איבערלעבנדיק טויזנטער יאָרן אָן טעריטאָריע, אָן שפּראַך און אָן א מלוכה. און דאָס איז דאָך סוף־כל־סוף דער עיקר. טעריטאָריע און מלוכה זיינען בעיקר אַזוי צו זאָגן א מין סיג לתורה, א מאַטעריעלער מויער, וואָס שיצט און שטיצט דעם קיום פון נאַציאָנאַלן געפיל און נאַציאָנאַלן באַוווּסטזיין (די שפּראַך איז שוין מיט אים אינערלעך פאַרבונדן). דאָס געפיל און באַוווּסטזיין פון דער אָרגאַנישער צוגעהעריקייט צום נאַציאָנאַלן כלל, פון וועלכן מען קען זיך ווילנדיק אָדער ניט ווילנדיק ניט אָפּרייסן, איז דער מהות גופא פון א פאָלק, מיט אים לעבט און שטאַרבט א פאָלק: איז אזא געפיל און אזא באַוווּסטזיין ביי די יחידים פאַראַן, איז פאַראַן א פאָלק; איז ביי זיי אזא געפיל און באַוווּסטזיין ניטאָ, האָבן מיר דעמאָלט פאַר זיך א המון פון מענטשן, א קאָנגלאָמעראַט פון בירגער, אָבער ניט קיין פאָלק.

מיין איך דעריבער, אַז מיר זיינען מ ע ר ווי אַנדערע א פאָלק. נאָר ווי די זאַך זאָל ניט זיין, מער אָדער ווייניקער, זיינען מיר אָבער א נ ד ע ר ש אַלס א פאָלק. לא ככל הגויים בני ישראל: א פאָלק, וואָס עקזיסטירט טויזנטער יאָרן אָן א געמיינזאַמער מלוכה, אָן א געמיינזאַמער טעריטאָריע און אָן א געמיינזאַמער שפּראַך. דאָס זיינען אייגנאַרטיקע רעלאַטיווע קאָנסטאַנטן פון דער יידישער געשיכטע. אויף איינער פון זיי,— אויף דעם פּלאַץ וואָס אין דער יידישער געשיכטע האָט פאַרנומען א גע־מיינזאַמע זעלבסטשטענדיקע מלוכה, וויל איך זיך אָפּשטעלן אין היינטיקן אַרטיקל.

# אכציק יאָר פון יידישער מלוכה־זעלבסטשטענדיקייט

דער ברייטער עולם שטעלט זיך געוויינלעך פאָר די פערטהאלבן טויזנט־יאָריקע יידישע געשיכטע אזוי, ווי זי וואָלט באשטאנען פון צוויי כמעט גלייכע לאנגע עפּאָכעס: אן ערך אכצן יאָרהונדערטער ביזן חורבן בית־שני און אומגעפער אזוי פיל יאָרהונדערטער זייט דעם חורבן בית־שני; אין משך פון דער ערשטער תקופה האָט דאָס יידישע פאָלק געהאט געבילדעט א זעלבסטשטענדיקע מלוכה אין ארץ־ישראל; די צווייטע תקופה איז דער יידישער גלות. דערביי גלויבט מען, אז אלץ, וואָס ביי יידן איז גרויס און וויכטיק, איז געשאפן געוואָרן, בעת יידן האָבן געהאט זייער זעלבסטשטענדיקע מלוכה; בעת זיי האָבן קיין זעלבסטשטענדיקע מלוכה ניט געהאט, זאָלן יידן האָבן געגאנגען בארג אראָפּ.

לאָמיר זיך צוקוקן אביסל נעענטער צו דער תקופה פון דער יידישער געשיכטע, ווען לויט אָט דער פאָרשטעלונג האָט דאָס יידישע פאָלק גע־האט זיין אייגענע זעלבסטשטענדיקע מלוכה.

נאָר קודם איין קליינע פאָרבאמערקונג איבער דער געאָגראפישער לא־גע פונעם לאנד כנען, דער אמאָליקער פאלעסטינע. כנען איז געלעגן צווישן צוויי היסטאָרישע טאָלן: דער טאָל פון טייך ניל און דער טאָל פון די טייכן טיגר און אייפראט (חדקל און פרת). יעדער פון דיביידע טאָלן איז געווען א וויגעלע פון א גרויסער אוראלטער ציוויליזאציע, וואָס פון זיי איז שפּעטער ארויסגעוואקסן די ציוויליזאציע פון אייראָפּע און פון אלע מערב־לענדער בכלל; און יעדער פון זיי איז געוואָרן דער זיץ־אָרט פון א גרויסער אימפעריע: מצרים (עגיפּטן) פון איין זייט און אַשור און בבל פון דער אנדערער. ארייננעקוועטשטע צווישן די צוויי מעכטיקע שכנים, האָט פאלעסטינע קיין שום שאנסן ניט געהאט צו ווערן א גרויסע מיליטערישע מלוכה און צו שפּילן א וועלכע ניט איז באדייטנדיקע אינ־טערנאציאָנאלע ראָלע אלס „גרויסמאכט״; איר פּאָליטישע זעלבסטשטענ־דיקייט גופא איז דעריבער לכתחילה געשטאנען אונטער א היסטאָרישן פראגע־צייכן. און די העברעאישע פאלעסטינע האָט שטענדיק געמוזט לאווי־רירן צווישן ביידע שכנים, זוכנדיק א שטיצע גיכער אין דעם וויניקער דינאמישן מצרים קעגן די עקספּאנסיאָניסטישע און קריגערישע אַשור און בבל. פון דער אנדער זייט אָבער, געפינענדיק זיך אויפן קרייץ־וועג צווישן די צוויי גרויסע ציוויליזאציעס האָט פאלעסטינע געקענט ציען איר גייס־טיקע יניקה פון ביידע, ניט ארונטערפאלנדיק אונטער דער אויסשליסלע־כער השפּעה פון קיינער פון זיי, און ווערן א ברען־פּונקט פון א זעלבסט־

שטענדיקער גייסטיקער קולטור, וואָס איר אייגנאַרטיקייט איז נאָך באַ־גינסטיקט געווען דורך דעם טאַקע, וואָס זי האָט לכתחילה קיין דויערנדיקע מיליטערישע אַמביציעס ניט געקענט האָבן. די יידישע טראַדיציע האָט פאַרקערפּערט די ביידע קולטור־שטראָמען, איבערגעאַרבעטע אויף אַן אייגנ־אַרטיקן יידישן שטייגער, אין די געשטאַלטן פון אברהם אָבינו, וואָס האָט געשטאַמט פון אור־כשדים (אין בבל), און משה רבנו, וואָס איז דערצויגן געוואָרן אין קעניגלעכן הויף אין מצרים.

דאָס זיינען געווען אויסערסט וויכטיקע, הגם נאַטירלעך ניט די איינ־ציקע, היסטאָריש־געאָגראַפישע פאַרבאַדינגונגען פון דער אַלטער יידישער געשיכטע אין פּאַלעסטינע.

אין משך פון לאַנגע יאָרהונדערטער האָבן די העבּרעאישע שבטים געלעבט פּיל ווייניק אָפּגעזונדערט איינע פון די אַנדערע. איין שבט האָט זיך געלעבט בשלום, בעת דער צווייטער האָט געהאַט אויסצושטיין אַ שווערן קאַמף קעגן די קריגערישע שכנים. און אויב בעת אַ מלחמה פלעגן אָפּטמאָל געוויסע שבטים זיך פאַראייניקן, כדי אָפּצושלאָגן דעם אויסער־לעכן אָנפאַל, פלעגט באַלד דערנאָך יעדער שבט זיך אומקערן צו זיך, און ווייטער ציען דעם פריערדיקן אָפּגעזונדערטן לעבן־שטייגער, — ביז דער אויסערלעכער דרוק, דערהויפּט מצד די קריגערישע הויך־געוויקסיקע פּלש־תים, וואָס האָבן געהאַט פאַרנומען דעם ברעג ים און זיינען, ווי עס ווייזט אויס, געווען געקומען פון עבר־לים, האָט ניט געצוווּנגען די העבּרעאישע שבטים זיך צו פאַראייניקן און אויסקלויבן איבער זיך אַ מלך, וואָס האָט געזאָלט אָנפירן דעם קאַמף קעגן אויסערלעכן שונא און אָפּהיטן אַ רעכט־לעכע אָרדענונג אינעווייניק. דער ערשטער פּרווו אין דער ריכטונג איז, ווי באַוווּסט, ניט געווען קיין געלונגענער, און דער ערשטער קעניג, שאול, איז אַליין געפאַלן אין שלאַכט קעגן די פּלשתים. איינגענומען ירושלים, געמאַכט זי פאַר די הויפּטשטאָט און פאַראייניקט פּאַלעסטינע אין איין יידישע מלוכה האָט ערשט שאולס קעגנער און נאָכפאָלגער, דער קעניג דוד, און די זעלבסטשטענדיקע מלוכה, וואָס ער האָט געגרינדעט און וואָס האָט אַרומגענומען גאַנץ פּאַלעסטינע און דאָס גאַנצע יידישע פאָלק, האָט אָנגעהאַלטן אויך אַזוי לאַנג, ווי עס האָט געלעבט זיין זון און יורש שלמה המלך. אָט דער קורצער פּעריאָד פון אַכציק יאָר, וואָס האָבן לויט דעם תנ״ך געקעניגט דוד און שלמה, איז דער גאַנצער סך־הכל פון דער צייט, ווען דאָס גאַנצע יידישע פאָלק איז געווען פאַראייניקט אין אַ זעלבסט־שטענדיקער מלוכה. — דאָס זיינען אַלץ גוט באַקאַנטע זאַכן — וועלכער חדר־יינגל ווייס עס ניט? — און פונדעסטוועגן זעלטן ווער עס פאַרקלערט

זיך ביי אונדז איבער דעם. אכציק יאָר פון פערטהאלבן טויזנט, אומגעפער צוויי פּראָצענט פון דער צייט וואָס נעמט ארום די יידישע געשיכטע! ווי שטארק האָט געמוזט זיין אין אונדז דאָס געפיל און דער באוווסטזיין פון אונדזער גייסטיקער נאציאָנאלער אחדות, אז עס זאָל האָבן אויסגעהאלטן די וויטערדיקע דריי טויזנט יאָר!

ווי באוווסט, נאָך שלמה המלך צעפאלט זיך די פאראייניקטע יידישע מלוכה אויף צוויי: די גרעסערע טייל, אין צענטער און צפון (ישראל) פירט א מער אָדער ווייניקער זעלבסטשטענדיקע עקזיסטענץ אין משך פון צוויי יאָרהונדערטער און ווערט לסוף איינגענומען און צעשטערט דורך אַשור. דער קלענערער טייל, אין דרום (יהודה), מיט דער הויפּטשטאָט ירושלים און מיטן בית־המקדש, וואָס שלמה האָט געבויט, איז איינגענו־מען און צעשטערט געוואָרן מיט אָנדערטהאלבן יאָרהונדערט שפּעטער דורך בבל. דאָס לעצטע איז געשען אָנהויב זעקסטן יאָרהונדערט פאר דער קריסטלעכער ערא, ד. ה. דעמאָלט ווען עס הויבט זיך ערשט כמעט אָן די געשיכטע פון אלטן גריכנלאנד און פון איירָאָפּע בכלל. דורך דער גאנצער צייט זייט דאן האָבן שוין יידן מער קיין זעלבסטשטענדיקע מלוכה, וואָס זאָל ארומנעמען אפילו נאָר א טייל פון יידישן פאָלק, ניט געהאַט.

## רייכע שעפערישקייט אין גלות בבל

ס'איז אינטערעסאנט צו באמערקן, אז גראד אין 6טן יאָרהונדערט פאר דער קריסטלעכער ערא, ד. ה. גראד אין דער צייט פון דער פולער דעקאדענץ פון דער קליינער מלוכה פון יהודה, און אפילו שוין נאָך איר צעשטערונג דורך די בבלים, אין גלות בבל, האָט זיך ערשט פונאנדער־געבליט די העכסטע גייסטיקע שאפונג פון יידישן אלטערטום, די נבואה, אין די אומשטערבלעכע ווערק פון ביידע ישעיהס, פון ירמיהו, פון יחזקאל און אנדערע נביאים, מיט זייער לערע פון אלוועלטלעכן יושר, פון קאמף אָן פשרות קעגן כל המינים סאָציאלן אומרעכט, פון אלמענטשלעכער פאר־ברידערונג און פרידן צווישן פעלקער אויפן יסוד פון אינטערנאציאָנאלער גערעכטיקייט.

גלות בבל האָט אינגאנצן געדויערט צוויי דורות, וואָס זיינען אָבער געווען א צייט פון אינטענסיווער גייסטיקער ארבעט און פון א געוואלטיקן גייסטיקן איבערברוך אין יידישן פאָלק. ביז דאן איז די מאָנאָטעאיסטישע וועלט־אָנשויאונג געווען בעיקר באגרענעצט מיט די ענגע ראמען פון א גייסטיקער עליטע, פון יחידי סגולה, נביאים און זייערע תלמידים, א טייל

כוהנים א. ד. גל.; דער קעניגלעכער הויף, די אריסטאָקראַטיע, דאָס פאָלק פלעגן כסדר צוריק אריינפאלן אין דער ווילדסטער געצנדינעריי, מיט מענ־טשלעכע קרבנות, מיט גראָבע זאַבאַבאָנעס און סעקסועלע אָרגיעס. דאָס לעבן צווישן די בבלים האָט, פון איין זייט, אסימילירט און אוועקגעריסן פון יידישן שטאם יענע עלעמענטן, וואָס זיינען געווען פרעמד דעם מאָ־נאָטעאיסטישן וועלט־באַנעם פון משה און די נביאים, און פון דער אנדער זייט, געשטופּט יענע עלעמענטן אין יידישן פאָלק, וואָס זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט דער לערע פון משה און די נביאים, זי אויסלויטערן, צו פארטיפן און פארפעסטיקן אין לעבן, אזוי אז נאָך גלות בבל איז שוין ביים יידישן פאָלק מער קיין שפור פון געצנדינעריי ניט צו געפינען. זייט דאן איז עס אין דער הינזיכט א גייסטיק אויסגעלויטערט פאָלק.

## וווּקס אונטער די פליגל פון דער פערסישער אימפעריע

דער גרויסער פערסישער קעניג כורש צעשטערט די בבלישע אימפּע־ריע, בויט אויס אויף אירע חורבות די אימפעריע פון פרס ומדי און דער־לויבט די יידן זיך אומצוקערן אין זייער אלטער היים. אין א רייע „עליות" קערן זיך יידן צוריק אין לאנד פון זייערע אָבות. זיי געניסן דאָרט פון א גאנץ ברייטער אינערלעכער אויטאָנאָמיע, צוגלייך מיט אלע אנדערע פעלקער און מדינות פון דער גרויסער פערסישער אימפעריע. און מער האָבן זיי ניט פארלאנגט. יידן זיינען געווען אויסגעלויטערט ניט בלויז פון געצנדינעריי, נאָר אויך פון חלומות וועגן מיליטערישער מאכט. און גאנצע צוויי הונדערט יאָר איז פאלעסטינע געווען איינע פון די הונדערט זיבן און צוואנציק פראָווינצן פון דער פערסישער אימפעריע, און די גאנצע צייט קען מען ביי יידן ניט געפינען קיין זכר אפילו פון רעוואָלט, פון אויפשטאנד, פון וועלן שאפן דווקא אן אייגענע מלוכה.

עס זיינען געבליבן זייער ווייניק ידיעות וועגן די געשעענישן פון דער יידישער געשיכטע אין דער פערסישער תקופה, און אפילו אויך אין די שפּעטערדיקע הונדערט און פופציק יאָר, ווען אלעקסאנדער פון מאקע־דאָניע האָט צעשטערט די פערסישע אימפעריע און אויף איר פלאץ אויפ־געבויט זיין אייגענע אימפעריע, וואָס איז זיך באלד נאָך זיין טויט צע־פאלן און פארטיילט געוואָרן צווישן זיינע גענעראלן; ווי באוווסט, האָט איינער פון זיי באקומען סיריע, אן אנדערער האָט באקומען מצרים, און פאלעסטינע איז דערביי איבערגעגאנגען צו מצרים. די קעניגן פון מצרים, די פּטאָלאָמעיער, האָבן די יידן איבערגעלאָזן די אינערלעכע אויטאָנאָמיע,

וואָס זיי האָבן געהאַט אין די פּערסישע צייטן, אַזוי אַז ביזן אַנהויב צווייטן יאָרהונדערט פאַר דער קריסטלעכער ערא האָט זיך די יידישע לאַגע אין דער הינזיכט ווייניק וואָס געענדערט.

ווי געזאָגט, האָבן מיר ווייניק ידיעות וועגן די געשעענישן ביי יידן אין משך פון אָט די 350 יאָר. און ווי עס ווייזט אויס, זיינען קיין סענ־סאַציאָנעלע „געשעענישן" טאַקע גאָרניט פאָרגעקומען. די פראַנצויזן זאָגן: גליקלעכע פעלקער האָבן ניט קיין געשיכטע. קיין זעלבסטשטענדיקע מלוכה האָבן יידן טאַקע דעמאָלט ניט געהאַט; זיי האָבן אָבער גענאָסן פון פרידן אַ דאַנק דעם שוץ פון דער פּערסישער אימפּעריע אין ערשטן פּעריאָד און פון עגיפּטן — אין צווייטן. די באַפעלקערונג פון פּאַלעסטינע איז ווידער שטאַרק אויסגעוואַקסן; אחוץ דעם, האָבן זיך יידן פאַרשפּרייט אויך אין אַנדערע לענדער, ווי בבל, מצרים, פּערסיע, די ברעגעס פון שוואַרצן און מיטללענדישן ים. אינעווייניק ביי יידן איז אָנגעגאַנגען אַן אומגעהויערע גייסטיקע אַרבעט: עס איז ענדגילטיק פעסטגעשטעלט געוואָרן דער טעקסט פון תורת משה; עס זיינען געשאַפן געוואָרן אַ רייע פון די וויכטיקסטע ווערק פון תנ"ך (אַ טייל פון תהילים, אַ טייל פון צווייטן בוך ישעיה, משלי, איוב, קהלת, אפשר אויך שיר השירים און אַנדערע); עס ווערט אָפּגעשלאָסן דער תנ"ך, און עס ווערט אויף אַזאַ אַרט ענדגילטיק אויסגע־בויט דער יסוד פון גייסטיקן לעבן פון יידישן פאָלק אין משך פון די ווייי־טערדיקע יאָר־טויזנטער; תורת משה ווערט איבערגעזעצט אויף גריכיש — אַ זאַך וואָס האָט אַן אומגעהויערע וועלט־היסטאָרישע באַדייטונג, מחמת דערמיט איז געגעבן געוואָרן דער שטאַרקסטער קלאַפּ די פאַרשידענע פּאַ־גאַניסטישע וועלט־באַנעמען פון דער מערב־וועלט און צוגעגרייט געוואָרן דער באָדן פאַרן אויפקום פון קריסטנטום; עס הויבן זיך אָן די ערשטע שפּראָצונגען פון דער משנה, א. א. וו.

## דער אינהאַלט פון חשמונאים אויפשטאַנד

די לאַגע אין ארץ־ישראל ענדערט זיך נאָך דעם, ווי פּאַלעסטינע גייט איבער אין אָנהויב צווייטן יאָרהונדערט (פ. ק.) צו סיריע. די גריכיש־סירישע מלוכה פון די סעלייקידן איז שוין דעמאָלט אריין אין דער פּאַזע פון דעקאַדענץ. שוין אַנטיוכוס דער דריטער (דער „גרויסער"), דער פאַר־בינדעטער האַניבאַלס, האָט געהאַט באַקומען אַ שרעקלעכן קלאַפּ פון דער נייער וועלט־מאַכט, וואָס איז דעמאָלט אויפגעשטאַנען, די רוימער. פון מזרח־זייט ווידער האָט שוין סיריע געהאַט כסדר צו ליידן פון די אָנפאַלן

פון דער ניי־אויפגעקומענער מלוכה פון די פארטן. ווי עס ווייזט אויס, כדי צו פארפעסטיקן די אינערלעכע יסודות פון דער מלוכה, וואָס איז געשטאנען אין געפאר זיך פונאנדערצופאלן, האָט דער סירישער קעניג אַנטיוכוס דער פערטער באשלאָסן מיט צוואנג־מיטלען צו העלעניזירן די פארשידנארטיקע באפעלקערונג פון זיין קעניגרייך. ביי דער מיטארבעט פון א טייל פון די העכערע קלאסן פון יידישן פאָלק פארשפרייט ער דע־ריבער אין פאלעסטינע ניט נאָר די גריכישע שפראך און דעם גריכישן לעבן־שטייגער, נאָר אונטער שרעקלעכע שטראָפן פארווערט ער די יידן אויך צו לעבן לויט די געזעצן פון תורת משה, פירט איין דעם קולט פון די גריכישע געטער און אין בית־המקדש גופא שטעלט ער אריין די סטא־טוע פון אָלימפישן צעאוס. די יידן, וואָס זייט העכער פיר הונדערט יאָר האָבן געהאט געפירט אַן אויפהער א פרידלעך לעבן, האָבן זיך דעמאָלט גענומען צום געווער און אויפגעשטאנען קעגן די סירישע גריכן אונטערן אָנפיר פון די חשמונאים.

אין אונדזער צייט איז ביי יידן פאראן א טענדענץ פאַרצושטעלן דעם אויפשטאנד פון די חשמונאים אזוי, ווי דאָס וואָלט געווען א פאָלקס־בא־וועגונג, וואָס האָט זיך געהאט געשטעלט דעם צוועק צו גרינדן א זעלבסט־שטענדיקע יידישע מלוכה. דאָס הייסט אָבער אריינטייטשן אין יענער עפּאָכע היינטיקע באגריפן און פאלש פאַרשטעלן די היסטאָרישע ווירקלעכ־קייט. באמת איז דער אויפשטאנד אויסגעבראָכן ניט צוליב פאָליטישער זעלבסטשטענדיקייט, נאָר ווייל די תורה איז פארשוועכט געוואָרן, דער בית־המקדש איז געוואָרן פארשמוצט, און יידן האָבן זיך ניט געקענט אויס־לעבן אלס יידן, אזוי ווי זייערע אָבות האָבן אין משך פון הונדערטער יאָרן געלעבט, ד. ה. אינערלעך אויטאָנאָם. און חנוכה איז גאָרניט דער יום־טוב פון אויפשטעלונג פון א זעלבסטשטענדיקער יידישער מלוכה, וואָס איז — איבעריקנס בלויז אין א רעלאטיווין זין פארווירקלעכט געוואָרן ערשט מיט א פערטל יאָרהונדערט שפעטער, און וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט מיט גאָרנישט ניט „פאראייביקט"; חנוכה איז דער יום־טוב פון „חנוכת הבית", ווען דער בית־המקדש איז אָפּגערייניקט געוואָרן פון דער געצנדי־נערישער שמוץ און באנייט געוואָרן. צו א זעלבסטשטענדיקער יידישער מלוכה איז דאָס פאָלק געבליבן גלייכגילטיק, און די פירער פון אויפ־שטאנד גופא, די חשמונאים, האָבן ניט איינמאָל שלום געמאכט מיט די סירער אויף דעם תנאי, אז זיי זאָלן אָנערקענען די אינערלעכע יידישע אויטאָנאָמיע. אזוי אָבער ווי דער תנאי פלעגט דורך די סירער כסדר גע־

בראָכן ווערן, און די סירישע מלוכה איז אלץ מער צעטרייסלט געוואָרן אונטער די דירעקטע קלעפּ פון די פּארטן און די מער אומדירעקטע קלעפּ פון די רוימער, איז דער קאמף כסדר באנייט געוואָרן, ביז די חשמונאים (וואָס זיינען געווען פארבינדעטע פון די רוימער) זיינען סוף־כל־סוף אינ־גאנצן פּטור געוואָרן פון די סיריער, און ארץ־ישראל איז געוואָרן זעלבסט־שטענדיק.

ארץ־ישראל, אָבער ניט דאָס גאנצע יידישע פאָלק, מחמת אין פּאלעס־טינע האָט שוין דעמאָלט געלעבט בלויז א טייל פון יידישן פאָלק. אגב האָט שוין דעמאָלט (אין דער צווייטער העלפט פון 2טן יאָרהונדערט פאר קר.) די ווירקלעכע דעה איבער די מדינות פון מיטללענדישן ים געהערט צו די רוימער, און די זעלבסטשטענדיקייט פון דער יידישער פּאלעסטינע איז שוין געווען א גאנץ רעלאטיווע. וואָס פאר א באדייטונג דאָס יידישע פאָלק האָט צוגעשריבן אָט דער „זעלבסטשטענדיקער" יידישער מלוכה, איז צו זען פון דעם קנאפּן פּרעסטיזש, מיט וועלכן די יידישע טראדיציע האָט ארומגערינגלט דעם אָנדענק פון די שפּעטערדיקע חשמונאים, פון די אנ־טיגנוסן, אריסטאָבולוסן, אלעקסאנדער־יאַנאַיס און אלע איבעריקע כלו־מרשט צדוקישע און פּרושישע כוהנים־גדולים און קעניגן מיט גויישע נע־מען; דאָס איז צו זען פון בלאָסן זכר, וואָס איז געבליבן פון אָט דעם גאנצן פּעריאָד אין באוווסטזיין פון יידישן פאָלק. דאָס פאָלק, די יידישע געשיכ־טע, פארערט דעם אָנדענק פון די ערשטע חשמונאים, וואָס האָבן געקעמפט פאר זיין רעכט צו לעבן אלס א יידיש פאָלק; עס האָט כמעט פארגעסן די נעמען פון די שפּעטערדיקע, די פאָרשטייער און פארקערפּערונג פון א כלומרשט זעלבסטשטענדיקער יידישער מלוכה. און אָט די כלומרשט זעלבסטשטענדיקע מלוכה פון רוימס גענאָד האָט עקזיסטירט (מיט איי־בעררייסן) ווידער אן אכציק יאָר, ביז דער רוימישער גענעראל פּאָמפּעאוס האָט אין יאָר 63, נאָכדעם ווי ער האָט צעקלאפּט מיטרידאטעסן, דעם קעניג פון דער פּאָנטישער מלוכה ביים שווארצן ים, זיך באנוצט מיט דער אינערלעכער מלחמה צווישן צוויי חשמונאישע ברידער, א הורקנוס און אן אריסטאָבולוס, וואָס האָבן אים אויסגעקליבן פאר א בורר אין זייער שטרייט פארן קעניגלעכן טראָן, און מיט דער בקשה פון א טייל יידישער באפעלקערונג אָפּצושאפן די קעניגלעכע מאכט בכלל, און האָט פּאלעסטינע דירעקט ארונטערגענומען אונטער דער רוימישער ממשלה.

אזוי האָט זיך געענדיקט די כלומרשטע זעלבסטשטענדיקע יידישע מלוכה אין דער צייט פון צווייטן בית־המקדש. דערמיט איז פארענדיקט

אלץ, וואָס די פערטהאלבן־טויזנט־יאָריקע יידישע געשיכטע האָט צו פאַר־
צייכענען וועגן א זעלבסטשטענדיקער מלוכה ביי יידן.

אזוי ווייניק זיינען מיר א פאָלק ווי אנדערע פעלקער. און אזוי וויי־
ניק איז אונדזער טויזנט־יאָריקער נאציאָנאלער קיום געשטאנען אונטערן
צייכן און הינטער דעם מויער פון א זעלבסטשטענדיקער מלוכה.

## יידישע גייסטיקע פירער אין דער פארגאנגענהייט וועגן געדאנק פון א יידישער מלוכה

ווי האָבן זיך די גייסטיקע פירער פון יידישן פאָלק באצויגן צו דעם
ענין פון א זעלבסטשטענדיקער יידישער מלוכה?

די פראגע וואָלט ווערט געווען, מען זאָל גענויער אויספאָרשן. מיר
וועלן זיך דאָ אָפּשטעלן בלויז אויף עטלעכע מאָמענטן פון אונדזער אלטער
און נייעסטער געשיכטע, וואָס איך האלט פאר באזונדער וויכטיקע.

די תורה (דברים קאפּ. י״ז, פסוקים 14 — 21) דערלאָזט קע־
ניגטום ביי יידן, אָבער באציט זיך צו קעניגלעכער מאכט מיט חשד און
שטעלט איר ענגע גרענעצן. מיר האָבן שוין אויך דערמאָנט וועגן דער
נעגאטיווער שטעלונג פון שמואל הנביא צו דער קעניגלעכער מאכט. דאָ
איז אָבער די רייד געווען ניט וועגן א יידישער מלוכה בכלל, נאָר וועגן
א געוויסער פאָרם פון א מלוכה, קעניגטום. מען דאַרף פונדעסטוועגן נע־
מען אין באטראכט, אז אין יענע אוראלטע צייטן האָט א מלוכה קוים
געקענט האָבן אנדערע פאָרמען. און פאר שמואל הנביא איז קאָנקרעט
טאקע געשטאנען די פראגע: א מלוכה מיט א קעניג בראש אָדער גאָר
קיין מלוכה ניט, און שמואל האָט שוין בעסער געוואָלט גאָר קיין מלוכה
ניט. הייסט עס, אז ביי אים איז די מלוכה יעדנפאלס ניט געווען קיין
אבסאָלוט, וואָס שטייט העכער ווי אלע באדינגן.

די שפעטערדיקע גרויסע נביאים האָבן אויסגעפורעמט א משיחישן
אידעאל פון אלמענטשלעכן יושר, ווו אלע מענטשן און פעלקער, קינדער
פון איין אוניווערסאַלן און אומקערפּערלעכן גאָט, לעבן ווי ברידער אין
פרידן און גערעכטיקייט, ווו עס זיינען דעריבער ניטאָ קיין מלחמות, ניט
קיין ארמייען, ניט קיין באוואָפענונגען, ווו די מלוכה הערט שוין ממילא
אויף צו שפּילן איר ביז־איצטיקע היסטאָרישע ראָלע. יושר, עטיק, גערעכ־
טיקייט דאַרפן רעגולירן די באציאונגען צווישן מענטשן און פעלקער, און
דאָס יידישע פאָלק דאַרף מיט זיין ביישפּיל זיין א וועגווייזער פאר אנדע־
רע. די פארווירקלעכונג פון דעם אידעאל האָבן זיי פאָראויסגעזען אין דער

גאַר ווייטער צוקונפט, באחרית הימים, ווען משיח וועט קומען און די גאַנצע ערד וועט פול ווערן מיט דער דערקענטעניש פונעם אוניווערסאַלן גאָט, ווי דאָס וואַסער פילט אָן דעם ים. צו אָט דעם אידעאַל דאַרף מען שטרעבן, אים דאַרף מען זען פאַרווירקלעכן אין לעבן, אים דאַרף אַלץ אונטערגעאָרדנט ווערן, פאַר אים דאַרף מען קעמפן. און אַלץ, וואָס גייט אַנטקעגן אים, קען קיין דויערנדיקן קיום ניט האָבן און מוז מיט אַלע כוחות באַקעמפט ווערן, אַלץ, אַפילו די יידישע מלוכה, אויף וויפל זי איז אינערלעך געבויט אויף אומרעכט. דייטלעכער אפשר ווי ביי משה רבנו און שמואל קומט בכן ביי די שפּעטערדיקע נביאים צום אויסדרוק דער גרונט־געדאַנק, אַז אַ זעלבסטשטענדיקע יידישע מלוכה איז ניט קיין אַבסאָלוטער, נאָר אַ רעלאַטיווער ווערט, אַן אַבסאָלוטן ווערט האָט די גערעכטיקייט אין באַציאונג צווישן מענטשן.

כדי זיך אָפּצוגעבן אַ קלאָרן חשבון וועגן אָט דעם רעלאַטיוון, אונ־טערגעאָרדנטן ווערט פון אַ זעלבסטשטענדיקער מלוכה אין די אויגן פון די יידישע גייסטיקע פירער אין אַלטערטום, איז כדאי אַ קוק צו טאָן אויף זייער שטעלונג צו דער קאָנקרעטער יידישער מלוכה פון זייער צייט אין די באַזונדערע קריטישע מאָמענטן פון דער יידישער געשיכטע.

## „דעפעטיזם" פון ירמיהו הנביא

די לעצטע יאָרן פון מלכות יהודה. די באַבילאָנישע אימפּעריע נעמט איין לענדער און פעלקער. זי נעמט אויך איין יהודה, פירט אוועק אין געפאַנגענשאַפט דעם קעניג און די פירנדיקע עלעמענטן פון דער מלוכה, און פאַרוואַנדלט אין אירן אַ וואַסאַל דעם קעניגס נאָכפאָלגער, וואָס זי זעצט אַוועק אויפן יידישן טראָן. דער לעצטער אָבער שליסט אַ בונד מיט מצרים און שטייט אױף קעגן בבל. די גאַנצע ציווילע און מיליטערישע אַריסטאָקראַטיע איז מיטן קעניג אין זיין אויפשטאַנד. לויט דער היינטי־קער טערמינאָלאָגיע זיינען דאָס געווען „פּאַטריאָטן". דער נביא ירמיהו טרעט אָבער ארויס קעגן זיי. ער האָט שוין לאַנג געהאַט געוואָרנט דעם קעניגלעכן הויף, די כוהנים און דאָס פאָלק קעגן אַזאַ פּאָליטיק. ער האָט געדונערט קעגן די סאָציאַלע אומרעכטן, וואָס האָבן געהערשט אין לאַנד; ער האָט געוואָרנט, אַז אַזוי לאַנג ווי אינעווייניק איז ניטאָ קיין גערעכטי־קייט, איז ניטאָ וואָס צו בויען בלויז אויף הילף פון דרויסן, פון מצרים, און פאַראויסגעזאָגט, אַז מלחמות קעגן בבל וועלן זיך ענדיקן מיט אַ שרעק־לעכער נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפע; דאָס פאָלק וועט אויסגעהרגעט אָדער

פארטריבן ווערן, דאָס לאנד וועט ווערן פארוויסט, ירושלים צעשטערט, גאָטס הויז פארברענט. ער האָט געפאָדערט זיך אונטערצוווארפן דער אוי־בערמאכט פון בבל, דורכפירן סאָציאלע רעפאָרמען אינעווייניק, איינשטעלן אַן אָרדענונג פון סאָציאלער גערעכטיקייט, און געזאָגט, אז ביי אזעלכע באדינגונגען וועט דאָס פאָלק דערלעבן צו בעסערע צייטן. און ווען די בבלים זיינען געקומען, פארנומען דאָס לאנד און באלאגערט ירושלים, וואָס האָט זיך העראָאיש פארטיידיקט, שטארבנדיק פון הונגער, פון פעסט און פון פיינטס שווערד, האָט ירמיהו ניט אויפגעהערט רופן דעם קעניג צו קאפיטולירן און דאָס פאָלק צו דעזערטירן, כדי צו ראטעווען כאָטש דאָס נאקעטע לעבן (כה אָמר יהוה: הנני נתן לפניכם את דרך החיים ואת דרך המות; הישב בעיר הזאת ימות בחרב וברעב ובדבר; והיוצא ונפל על הכשדים הצרים עליכם וחיה, והיתה לו נפשו לשלל).

אין היינטיקע צייטן, פאר אזא פראָפּאגאנדע פון „דעפעטיזם", „קאַ־פיטולאציע", „דעזערטירעריי", אין סאמע ברען פון דער מלחמה, בעת דאָס לאנד ווערט געריבט און געברענט דורכן שונא, בעת די הויפטשטאָט פארטיידיקט זיך מיט פארצווייפלטער אָנשטרענגונג פון די לעצטע כוחות, בעת דאָס נאציאָנאלע הייליקטום שטייט אין געפאר פארברענט צו ווערן און די גאנצע עקזיסטענץ פון פאָלק הענגט אויף א האָר, — וואָלט מען אזא „פאררעטער" אָן שום לאנגע דיבורים דערשאָסן אָדער אויפגעהאנגען. האָט מען ירמיהון טאקע גערודפט, פארשפארט אין געפענגעניש, אריינגע־וואָרפן אין א ליים־גרוב, ווו ער האָט געזאָלט דערשטיקט ווערן, געוואָלט פשוט אים טויטן; אָבער אפילו דער קעניג דער דעמאָלטיקער און אנדערע מאגנאטן האָבן ניט דערלאָזט אים צו הרגענען, נעמענדיק אין באטראכט, אז זיין נבואה איז געגאנגען פון די טיפענישן פון זיין הארצן, פון זיין געטלעכער איבערצייגונג.

## שטרעבונגען אינעם פעריאָד פון עזרא און נחמיה

דער פערסישער קעניג כורש צעשטערט די באבילאָנישע אימפעריע און דערלויבט די יידן, פארשיקטע קיין בבל, צוריקקערן זיך קיין ארץ־ישראל. אין א רייע עליות, אין משך פון א יאָרהונדערט קומען יידן צוריק אין זייער לאנד. וואָס ציט זיי אהין: די שטרעבונג צו שאפן א זעלבסט־שטענדיקע יידישע מלוכה? קיין שפור פון דעם איז ניט פאראן אין די ליטעראַרישע דענקמעלער פון יענער צייט. זייער פירער נחמיה דערציילט, אז דאָס האָבן, פארקערט, די יידישע שונאים געפרוווט אויף זיי אויס־

טראכטן אזא בלבול, כדי עס זאָל געשטערט ווערן זייער ארבעט פון ווי־דעראויפבוי. נחמיה איז אליין א גרויסער פּריץ אין פּערסישן הויף און איז געשטעלט פון פּערסישן קעניג פאר א גובערנאטאָר (פּחה) איבער פּאלעסטינע (א מין לאָרד סעמיועל). דאָס זעלביקע איז ניטאָ דאָס מינד־סטע טענדענץ צו שאפן א זעלבסטשטענדיקע מלוכה ביי דעם גייסטיקן פירער פון יענער צייט, ביי עזרא הסופר. וואָס־זשע דען האָט זיי געצויגן קיין ארץ־ישראל? — דריי זאכן: ראשית, די בענקעניש נאָכן הייליקן ל א נ ד, נאָך דעם לאנד פון די אָבות, וואָס איז געלעגן וויסט און וואָס זיי האָבן געוואָלט צוריק אויפלעבן. צווייטנס, דער ווילן צוריק אויפבויען דעם ב י ת ־ ה מ ק ד ש, דאָס נאציאָנאלע הייליקטום, וואָס זאָל ווי־דער ווערן דער גייסטיקער צענטער פון דעמאָלט שוין צעשפּרייטן יידישן פאָלק. און דריטנס, דער ווילן זיך אויסצולעבן אלס יידן, ל ו י ט ד י א יי ג ע נ ע נ א צ י אָ נ א ל ע ט ר א ד י צ י ע ס, לויט די אייגענע געזעצן און ווייטער צו אנטוויקלען זייערע קולטורעלע שאפונגען. לייענט די ספרים פון יענער צייט ווערט דאָרטן גערעדט וועגן דעם און נאָר וועגן דעם.

## י ב נ ה

און ווידער שטייען יידן אין א שרעקלעכער מלחמה; דאָס מאָל קעגן דער גרעסטער מיליטערישער מאכט פון אלטערטום: קעגן דער רוימישער אימפּעריע. און ווידער אמאָל איז דאָס לאנד שוין פארנומען פון שונא. ווידער אמאָל איז די הויפּטשטאָט באלאגערט און גאָטס הויז שטייט אין געפאר פארברענט צו ווערן. און ווידער פארטיידיקט זיך ירושלים מיט א פארביסענעם, פארצווייפלטן העראָאיזם. וואָס טוט דעמאָלט דער גרויסער תנא יוחנן בן זכאי? ער סימולירט א טויטן, און זיינע תלמידים לייגן אים אריין אין אן אָרון, די מיליטערישע וואך לאָזט זיי אזוי אָט ארויסטראָגן אים אויסער די מויערן פון שטאָט אויף צו באערדיקן, און דאָרטן שטעלט ער זיך פארן רוימישן קריגס־פירער טיטוס הרשע, בעט ביי אים די דער־לויבעניש, און באקומט זי פון אים, צו גרינדן א יידישע אקאדעמיע אין דער שטאָט יבנה. לויט היינטיקע באגריפן, האָט ער, דער תנא, אין סאמע ברען פון מלחמה, אין דעם מאָמענט ווען די עקזיסטענץ פון פאָלק, פון דער מלוכה, פון ירושלים, פון בית־המקדש, זיינען געשטאנען אין דער אוממיטלבארער געפאר חרוב צו ווערן, — באגאנגען פארראט: פארראט קעגן דער מלוכה, פארראט קעגן זיינע מיט פארצווייפלונג און לעצטער מסירת־נפש קעמפנדיקע ברידער, פארראט קעגן דעם גרעסטן נאציאָנאלן

הייליקטום, וואָס ער וואָלט באַדאַרפט דער ערשטער זיך פאַר אים מקריב זיין. די געשיכטע האָט אָבער איר משפט אַרויסגעטראָגן: אויב טויזנטער יאָר נאָכן חורבן לעבט נאָך אַ יידיש פאָלק, איז עס גראַד אַ דאַנק יבנה.

## חיבת-ציון אָדער יידנשטאַט

און איצט אייניקע מאָמענטן פון אונדזער נייעסטער געשיכטע.

יאָרטויזנטער זיינען אַוועק, און אין מ ז ר ח ־ א י ר אָ פּ ע, וווּ אין די ברייטסטע שיכטן פון אונדזער פאָלק האָבן געלעבט זיינע היסטאָרישע טראַדיציעס, שטייט ווידער אויף אַ באַוועגונג, אונטערן נאָמען ח י ב ת ־ צ י ו ן, מיטן ציל אומצוקערן זיך קיין פּאַלעסטינע און צו באַאַרבעטן די דאָרטיקע ערד. אַלס פּיאָנערן טרעטן אַרויס קרייזן פון דער שטודירנדיקער יוגנט, באַקאַנטע אונטערן נאָמען ב י ל ו, וואָס זיינען פריער געווען אונטערן איינפלוס פון די רוסישע סאָציאַליסטישע „נאַראָדניקעס" מיט זייער אידעאַליזאַציע פונעם פּויער און נעפּלהאַפטיקן סאָציאַליזם, און וואָס האָבן זיך אין רוסישן פאָלק אַנטוישט נאָך די פּאָגראָמען פון אָנהויב אַכציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט. זיי ווילן גיין אין הייליקן לאַנד און דאָרט ווערן פּויערים. וואָס האָט די חובבי־ציון, וואָס האָט די בילואָווצעס געצויגן קיין ארץ־ישראל? — ווייטער דאָס זעלביקע: ניט די שטרעבונג דאָרטן צו שאַפן דווקא אַ יידישע מלוכה, נאָר טאַקע די טויזנטער־יאָריקע בענקעניש פון די ברייטע יידישע פאָלקס־מאַסן נאָכן הייליקן ל אַ נ ד, דער „ולירושלים עירך ברחמים תשוב", וואָס האָט אויף פאַרשידענע אופנים אין משך פון טויזנטער יאָרן געקלונגען אין די יידישע תפילות און פאָלקס־לעגענדעס. און וואָס האָט א ח ד ־ ה ע ם געזוכט אין פּאַלעסטינע? אַ ג יי ס ט י ק ן צענטער, וואָס זאָל זיך אין ארץ־ישראל פריי אַנטוויקלען און זאָל פון דאָרטן באַשטראַלן דאָס גאַנצע יידישע פאָלק אין אַלע זיינע וווין־לענדער.

אַנדערש איז אָבער געווען אין מ ע ר ב. סוף נייַנצנטן יאָרהונדערט ברעכט אויס די דרייפוס־אַפערע; אין ווין (אין דער שטאָט פון ט ע אָ ד אָ ר ה ע ר צ ל) באַלעבאַטעוועט די אַנטיסעמיטישע קריסטלעך־סאָציאַלע פּאַרטיי מיטן בירגערמייסטער לועגער בראָש. די אַסימילירטע יאהודים ווערן דורכן אַנטיסעמיטיזם צוריקגעטריבן צום יידנטום. וואָס איז אָבער ביי זיי פון יידנטום נאָך געווען געבליבן? — די רעליגיע? נאָר פון דער גאַנצער יידישער רעליגיע האָט זיך ביי זיי אָפּגעשטעלט יום־כיפור די סינאַגאָגע, וווּהין זיי פלעגן קומען צופאָרן ווי אויף אַ קאָנ־

צערט אין א קארעטע, און נאָך הונדערט און צוואנציק יאָר דער יידישער בית־עולם; דאָס זיינען דאָך בכלל געווען אפיקורסים, פריי־דענקער, „גלויבנ־לאָזע דייטשן, פראנצויזן א. ד. גל. פון משהס גלויבן". — די שפראַך? פון העברעאיש האָבן זיי דאָך ניט פארשטאנען א ווארט אין א סידור, און יידיש — האָבן זיי דאָך געהאלטן פאר די גרעסטע באליידיקונג, ווען עמע־צער פלעגט זיי חושד זיין, אז זיי פארשטייען כאָטש איין וואָרט פון אָט דעם „שמוציקן זשארגאָן". — יידישע קולטור, טראדיציעס? זיי זיינען דאָך פון דעם געווען ווייטער ווי מערב פון מזרח. איז אין וואָס האָבן זיי, צוריקגעשטופטע צום יידנטום, געקענט איינזען דאָס יידנטום, מיט וואָס האָבן זיי געקאָנט אָנפילן זייער יידנטום? האָבן זיי זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם, וואָס איז אין יידנטום געווען א טפל־זאַך — א יידישע מ ל ו כ ה. און אחד־העם האָט ביטער קריטיקירט הערצלס „יידישע מלוכה", וואָס איז גע־ווען לויט א גויישן מוסטער, מיט דער דייטשישער שפראַך, א יידישע מלוכה אָן יידישקייט. א יידישע מלוכה צוגעשניטן לויט דער מאָס פון יענעם פאַפּענהיים, וואָס פון זיין גאנצער יידישקייט איז ביי אים געבליבן נאָר זיין דייטשישער פאמיליען־נאָמען.

דער „ב ו נ ד", וואָס איז געווען אינגאנצן פארנומען מיטן גיגאַנ־טישן קאמף פאר דער פּאָליטישער און סאָציאַלער באפרייאונג פון די לענ־דער, ווו עס האָבן געלעבט די מיליאָניקע יידישע פאָלקס־מאסן, און פאר דער בירגערלעכער און נאציאָנאלער אויסלייזונג פון דער יידישער באפעל־קערונג פון יענע לענדער, האָט לויט מיין מיינונג ניט ווי געהעריק אָפּגע־שאצט דעם באזונדערן סענטימענט, וואָס ברייטע שיכטן פון יידישן פאָלק האָבן זייט טויזנטער יאָרן געהאט צו א"י, און וואָס זיי טראָגן אין זיך ביז הייניקן טאָג *). אָבער מיט דעם אידעאל פון סאָציאליזם און סאָציאַלער גערעכטיקייט, וואָס איז אלעמאָל געווען און געבליבן דער רוח חיים זיי־

*) מיט העכער צוואנציק יאָר צוריק האָב איך אין א סעריע ארטיקלען „פון סטאטיסטיק צו פּאָליטיק (צו דער דעבאטע וועגן ציוניזם)", וואָס איז דערשינען אין אמעריקאנער „צוקונפט" אין 1927, געשריבן:

„עס איז בלא ספק פאראן ניט ווייניק „אילוזיע" אין דעם גלויבן, אז די גאנצע מערקווירדיקע ארבעט, וואָס איז אויפגעטאָן געוואָרן אין ארץ ישראל איז דערגרייכט געוואָרן טאקע נאָר א דאנק דער ציוניסטישער אילוזיע, א דאנק דער איינבילדונג, אז אין ארץ־ישראל ווערט געשאפן א יידישע מלוכה. א טייל אמת איז דאָ געווים פאראן, אָבער בלויז א טייל. און אָט פארוואָס איך מיין עס:

איך בין איבערצייגט, אז אין זייער ברייטע שיכטן פון יידישן פאָלק לעבט א טיפע בענקעניש נאָך ארץ־ישראל. ניט דאָ איז דער אָרט צו זוכן די סיבות מיט וועלכע עס דערקלערט זיך די דאָזיקע בענקעניש, אָבער די בענ־קעניש גופא האַלט איך פאר א פאקט. מען קאָן דאָס אָנערקענען פאר א גינסטיקע אָדער שעדלעכע דערשיינונג, דאָס איז אן אנדערע זאַך, אָבער אָפּלייקענען א

נער, זיין גייסטיקע טרייב־קראַפט און דער עמוד האש וואָס האָט באַלויכטן זיין וועג, מיט זיין קאַמף פאַר פּאָליטישער פרייהייט און פאַר רעכט פונעם יידישן פאָלק אויף אויטאָנאָמיע אויפן געביט פון זיין נאַציאָנאַלער קול־טור, איז דער „בונד" געבליבן אין דער ליניע פון דער אוראַלטער יידישער נאַציאָנאַלער טראַדיציע, וואָס ציט זיך פון די נביאים דורך די ערשטע חשמונאים און דורך יוחנן בן זכאי ביז אין אונדזערע טעג. געוויס האָט זיך די שפּראַך געביטן אין משך פון די טויזנטער יאָרן; די נביאים, די חשמונאים און יוחנן בן זכאי האָבן ניט געברויכט די ווערטער סאָציאַליזם, פּאָליטישע פרייהייט און נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע; פאַרשידענע דורות ביי פאַרשידענע היסטאָרישע באַדינגונגען געברויכן פאַרשידענע טערמינאָלאָגיעס און שמידן פאַרשידענע פאָרמעס פאַר זייערע אידעאַלן. דער תוך אָבער, דער גייסטיקער קערן, איז געבליבן דער זעלביקער.

## ווען דער פעטיש פון מלוכהשקייט פירט צו א נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפע

דער צוועק מיינער איז לחלוטין ניט געווען צו באַווייזן, אז א זעלבסט־שטענדיקע מלוכה האָט פאַר א פאָלק בכלל און פאַר אונדזער פאָלק בפרט ניט קיין וויכטיקע באַדייטונג, און אז זי זאָל ניט האָבן געהאַט פאַרנומען אן אָנגעזעענעם אָרט אין אונדזער היסטאָרישער ווירקלעכקייט און אין אונדזער היסטאָרישן דענקען. פון דעם, וואָס איז אויבן געזאָגט געוואָרן,

---

וויכטיקן פאַקט וואָלט געווען פשוט ניט אויפריכטיק און פּאָליטיש־שעדלעך, וואָרום פאַקטן לאָזן זיך ניט אוועקמאַכן מיט דער האַנט און זיינען זיך נוקם אָן די, וואָס ווילן זיי ניט זען. די גאַנצע ציוניסטישע באַוועגונג וואָלט געווען א היסטאָרישע אוממעגלעכקייט (פּונקט ווי זי איז אוממעגלעך צ. ב. ביי די ליטווינער אָדער ביי די שווארצע אין אמעריקע), ווען זי וואָלט זיך ניט גע־קאָנט שטיצן אויף דעמדאָזיקן געפיל, וואָס לעבט טויזנטער יאָרן אין די הער־צער פון די ברייטע יידישע פאָלקס־שיכטן. איך מיין אפילו, אז אין אונדזער דור איז דידאָזיקע בענקעניש נאָך ארץ־ישראל באַזונדער שטאַרק... און ביי אזא צושטאַנד פון אויסערגעוויינלעכן בענקען נאָך דעם יידישן עבר אין ארץ־ישראל וואָלט געוויס כמעט אַלץ פּאָזיטיוו־מעגלעכעס אויפצוטאָן אין פּאַלעס־טינע אויפגעטאָן געוואָרן אויך אָן דער אילוזיע פון דער יידישער מלוכה" („צוקונפט", סעפּטעמבער 1927).

דאָס איז פונדעסטוועגן דעמאָלט אין „בונד" געווען א פאַראיינצלטע שטים, וואָס האָט אנערקענט דעם פאַקט פון דער ספּעציפישער באַציאונג פון די יידישע פאָלקס־מאַסן צו פּאַלעסטינע. א טאָפּלטן פעלער זיינען באַגאַנגען און באַגייען די „טעריטאָריאַליסטן", וואָס האָבן ניט ווי געהעריק אָפּגעשאַצט די סענטי־מענטאַלע צוגעבונדנקייט צו פּאַלעסטינע און געמאַכט פאַר זייער עיקר גראַד א יידישע מלוכה. דעריבער טאַקע איז ביי אונדז דער טעריטאָריאַליזם קיין פאָלקס־באַוועגונג ניט געוואָרן.

איז אָבער, דאַכט זיך מיר, קלאָר, אַז אַ זעלבסטשטענדיקע מלוכה האָט ביי פאַרשידענע היסטאָרישע באַדינגונגען און פאַר פאַרשידענע פעלקער אַ פאַרשידענעם ווערט. דער ווערט פון אַ זעלבסטשטענדיקער מלוכה הענגט אָפּ פון איר געאָגראַפישער לאַגע, פון דעם פאַרנעם און דעם ווערט פון אירע גרענעצן, פון די נאַטירלעכע און מענטשלעכע מאַטעריעלע כוחות, וואָס זי קאָנצענטרירט אין זיך. ער הענגט אָפּ פון אינערלעכן בוי פון דער מלוכה, צי זי איז געבויט דעמאָקראַטיש, צי עס הערשט אין איר געזעצ־מעסיקייט און סאָציאַלער יושר, צי עס זיינען אין איר פאַראַן באַדייטנדי־קע, אירידענטיש געשטימטע מינדערהייטן א. ד. גל. דער ווערט, וואָס אַ מלוכה האָט פאַר אַ פאָלק, הענגט נאָך אָפּ פון דעם, צי אין אירע גרע־נעצן איז קאָנצענטרירט כמעט דאָס גאַנצע פאָלק אָדער בלויז אַ קליינער טייל פון אים. דער דאָזיקער ווערט הענגט אויך אָפּ פון דעם, צי זי פירט כלפּי חוץ אַ פאַרנונפטיקע אָדער אַן אַוואַנטוריסטישע פּאָליטיק. ער הענגט אָפּ פון דער אַרומיקער היסטאָרישער ווירקלעכקייט, צי עס איז אַ צייט פון פרידן און פּאָליטישער סטאַביליטעט אָדער ניט, צי די זעלבסטשטענ־דיקייט פון קליינע מלוכות איז אַ ווירקלעכע אָדער אַ פיקטיווע א. א. וו. אויך קעגן נאַציאָנאַלע קאַטאַסטראָפעס איז אַ זעלבסטשטענדיקע מלוכה ניט שטענדיק אַ גאַראַנטיע; פאַרקערט, ביי געוויסע אינערלעכע און אױ־סערלעכע היסטאָרישע באַדינגונגען קען דאָס סובאָרדינירן אַלץ צו דעם אַזוי־גערופענעם מלוכה־אינטערעס פירן גראַד צו אַ נאַציאָנאַלער קאַטאַס־טראָפע.

אחוץ דעם, דאַרף מען ניט פאַרגעסן, אַז אַן אייגענע מלוכה איז בכלל ניט כולו ריווח; אַ מלוכה ק אָ ס ט אויכעט. אַ מלוכה באַטייט אַרמיי, פּאָליציי, דיפּלאָמאַטיע א. ד. גל., און דאָס פאַרשלינגט אומגע־הויערע נאַציאָנאַלע כוחות, ניט בלויז מאַטעריעלע (וואָס איז קלאָר פון זיך אַליין), נאָר אויך אינטעלעקטועלע און מאָראַלישע. אינטעלעקטועלע — מחמת די אַלע מיניסטאָרן, דיפּלאָמאַטן, גענעראַלן, אָפיצירן א. ד. גל., דאָס זיינען אַלץ אינטעלעקטועלע כוחות, וואָס ווערן אָפּגעצויגן פון אַנ־דערע געביטן פון נאַציאָנאַלן שאַפן. מאָראַלישע — מחמת אַ מלוכה, דיפּ־לאָמאַטיע, פּאָליציי א. ד. גל. באַטייט כסדר מאָראַלישע קאָמפּראָמיסן; איך מיין, אַז עס איז איבעריק אין דעם פּרט צו ציטירן ביישפּילן; די וועלט־געשיכטע פון אונדזער צייט איז שוין צו רייך אין באַזונדער סקאַנ־דאַליעזע ביישפּילן פון דעם מין, מען זאָל נאָך דאַרפן אויף זיי טייטלען מיט די פינגער. נעמט מען אין חשבון דעם אַקטיוו פון אַ זעלבסטשטענ־

דיקער מלוכה, דארף מען דעריבער אריינרעכענען דעם פאַסיוו. קורץ, אַ זעלבסטשטענדיקע מלוכה האָט ניט קיין אבסאָלוטן ווערט, וואָס איז אור־מעטום און אין אלע צייטן דער זעלביקער, נאָר אַ רעלאַטיווער, וואָס הענגט אָפּ פון באדינגונגען פון צייט און אָרט.

דאָס איז ריכטיק בכלל, דאָס לערנט אונדז ספּעציעל די געשיכטע פון אונדזער פאָלק. לגבי זיין פערטהאלבן־טויזנט־יאָריקער געשיכטע, זעט אויס דער פעריאָד פון אכציק יאָר ווירקלעך זעלבסטשטענדיקער מלוכה, וואָס האָט פאַראייניקט דאָס גאנצע פאָלק, פשוט ווי אַ קורצינקער עפּיזאָד. די כלומרשט זעלבסטשטענדיקע מלוכהשקייט זיינע אין די צייטן, ווען גרויסמאכטן האָבן געוועלטיקט ארום, האָט אים בשום אופן ניט אָפּגעהיט פון די גרעסטע נאַציאָנאלע קאַטאַסטראָפעס, און גיכער אונטערגעשטופּט צו אזעלכע קאַטאַסטראָפעס. און קעגן מאכן פון דער מלוכהשאפט אַן אבּ־סאָלוט, אַן אָפּגאָט, האָבן אונדזערע נביאים פון משה רבנו ביז ירמיהון געוואָרנט דעם יידישן פאָלק.

בלויז אַן אָפּגעפרעמדקייט פון אונדזער טויזנט־יאָריקער געשיכטע און פון לעבעדיקן גייסט פון דער גאנצער יידישער טראַדיציע, באַגינסטיקט דורך געוויסע היסטאָרישע באדינגונגען, וואָס וואָלט ווערט געווען גענויער אויסצופאָרשן, האָט געקענט ברענגען דערצו, אז אין אונדזער דור זאָלן ברייטע שיכטן פון יידישן פאָלק איינפירן ביי זיך די עבודה זרה פון זעלבסטשטענדיקער מלוכהשאפט, מאכן זי פאר אַן א ב ס אָ ל ו ט , אַן אָפּגאָט, אַ פעטיש, פאר וועלכן אלץ מוז זיך בויגן און אלע מוזן זיך בוקן.

און הגם איך בין ניט ווערט געציילט צו ווערן צווישן די קלענסטע תלמידים פון די תלמידים פון אונדזערע אלטע גייסטיקע פירער, האלט איך פונדעסטוועגן פאר מיין הייליקן חוב מיט מיין שוואכער שטים צו וואָרענען מיין פאָלק קעגן אָט דער געפערלעכער עבודה זרה, וואָס מוז פירן צו דער ערגסטער נאַציאָנאלער קאַטאַסטראָפע.

דאָס, אין וואָס עס נויטיקט זיך באמת אונדזער פאָלק, פון וואָס עס הענגט אָפּ זיין ווייטערדיקער קיום און אנטוויקלונג, איז אינערלעכע אויטאָנאָמיע, די מעגלעכקייט זיך פריי אויסצולעבן אלס יידן, אין דער אייגענער נאַציאָנאלער קולטור און לויט דער אייגענער נאַציאָנאלער טראַדיציע, אונטער אַ רעזשים פון פרייהייט און סאָציאלן יושר. צו דעם האָבן כסדר געשטרעבט אונדזערע גרויסע גייסטער מיט זייער ביטערן קאמף, ווי ירמיהו הנביא, און מיט זייער קאָנסטרוקטיווער ארבעט, ווי עזרא הסופר

און יוחנן בן זכאי. די פאָרמען און דער אינהאלט פון דער אינערלעכער אויטאָנאָמיע דארפן נאטירלעך זיין פארשידענע אין פארשידענע עפּאָכעס און פארשידענע מדינות. דער רעזשים פון פרייהייט און סאָציאלן יושר קען אין אונדזער תקופה זיין בלויז א רעזשים פון סאָציאליזם, פון דע־מאָקראטיע און אינטערנאציאָנאלער פארשטענדיקונג.

דאָס איז ריכטיק בנוגע פּאלעסטינע, דאָס איז ריכטיק בנוגע אנדערע לענדער, וווּ עס לעבן ברייטערע שיכטן פון יידישן פאָלק.

„אונדזער צייט", אפריל־מאי 1948.

# אונדזער היסטאָרישער שטרייט

## מיטן ציוניזם

### 1. — וואָס איז נאַציאָנאַליזם?

מיט קיין שום שלאָגוואָרט האָט מען, דאַכט זיך, ביי אונדז ניט אַזוי מיסגעברויכט, ווי מיטן וואָרט נ א צ י אָ נ א ל י ז ם. די פראַנצויזן זאָגן, אַז ווען עמעצער וויל הרגענען זיין הונט, זאָגט ער, אַז ער איז משוגע. זייט עס עקזיסטירט אַ סאָציאַליסטישע באַוועגונג ביי יידן, אַז מ׳האָט געוואָלט וואָס דערהרגענען, האָט מען געשטעמפּלט מיטן וואָרט נאַציאָנאַליזם.

אַז עס האָט זיך געגרינדעט דער „בונד", האָבן די חברים פון פּ. פּ. ס. (און ניט בלויז זיי) עס אָנגערופן נאַציאָנאַליזם. דער „בונד" האָט אין דער רוסלענדער ס. ד. פּאַרטיי געפאָדערט פאַר זיך אויטאָנאָמיע, האָבן עס די „איסקראָוועצעס" דערקלערט פאַר נאַציאָנאַליזם. אַז ער האָט אַרייַנגעשטעלט אין זיין פּראָגראַם די פאָדערונג פון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע אויפן געביט פון גייסטיקער קולטור, האָט פּלעכאַנאָוו געוואָרפן זיין באַרימט ווערטל, אַז די בונדיסטן זיינען ציוניסטן, וואָס האָבן בלויז מורא פאַר ים־קראַנקייט. אַז ליטוואַק, אסתר, אָלגין, ב—סקי און אַנדערע האָבן געפאָדערט, אַז דער „בונד" זאָל זיך אָפּזאָגן פון נאַציאָנאַלן „נייטראַליזם" און זאָל אין נייע פאָרמען אויפלעבן פאַרשידענע נאַציאָנאַלע טראַדיציעס, זיך באַטייליקן אין די קהילות, נעמען אויף זיך די אַקטיוויסטע ראָלע אין דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער שפּראַך און נאַציאָנאַלער קולטור, האָבן מיר, אין „בונד" גופא, אָט דעם דראַנג צו יידיש און יידישקייט אַ געוויסע צייט באַטראַכט פאַר נאַציאָנאַליזם. נאָך אונדזער גרויסן חורבן, ווען עס איז קלאָר געוואָרן, אַז פּוילן האָט שוין איר היסטאָרישע ראָלע אין דער יידישער געשיכטע אויסגעשפּילט, און אַז דער פּוילישער „בונד" קען שוין ניט זיין מער ווי אַ שאָטן, און טייל פון אונדז האָבן אַרויסגעשטעלט דעם געדאַנק עס זאָל גערופן ווערן אַ וועלט־קאָנפערענץ פון „בונד"

מיטן צוועק צו שאפן אן אָרגאניזאציע, וואָס זאָל קאָאָרדינירן די בונדישע באוועגונג אין דער גאָרער וועלט, האָבן עס א סך חברים באטראכט ווי אמתן נאציאָנאליזם. ווען די ערשטע וועלט־קאָנפערענץ אונדזערע האָט זיך געשטעלט אויף דעם שטאנדפונקט אז נאָך דער אויסראָטונג פון דעם שע־פערישסטן טייל פון יידישן פאָלק מוזן מיר אין אונדזער טעטיקייט שטענ־דיק זאָרגן פאר אונדזער נאציאָנאלן קיום, האָבן דערין ניט וויי־ניק חברים דערזען שיר ניט הונדערט־פראָצענטיקן נאציאָנאליזם. און ווען דער ברי־סעלער עקזעקוטיוו פון קאָאָרדיניר־קאָמיטעט און די צווייטע וועלט־קאָנ־פערענץ האָבן אָנערקענט די גרויסע דערגרייכונגען פון פאלעסטינער ישוב, האָבן פאָרמולירט דעם יסוד, אויף וועלכן עס דארף זיין געבויט די פאלעסטינער מלוכהשאפט און אָנגענומען דעם פרינציפּ פון א צוויי־פעל־קער־מלוכה, האָבן לאחר מעשה ניט וויניק חברים זיך געכאפּט, אז מ׳איז אוועק צו ווייט, אז מ׳איז פארקראָכן שוין אויף ציוניסטישע דרכים.

וואָס־זשע איז מיט אונדז געשען? האָבן מיר זיך טאקע כסדר גע־קייקלט בארג־אראָפּ פון אינטערנאציאָנאליזם צו נאציאָנאליזם? איז טאקע די גאנצע רומפולע געשיכטע פון „בונד" געווען א היסטאָרישע מיספאר־שטענדעניש און איין כסדר וואקסנדיקע זינד קעגן אינטערנאציאָנאלן אר־בעטער־קלאס, ווי דאָס האָבן אין זייער צבויאקישן „על־חטא" געטענהט די פישגרונדס און די הורוויטשעס, בעת זיי האָבן אויפן באפעל פון אונד־זערע קעגנער ליקווידירט דעם פוילישן „בונד"?

און אויב ניט, ווי־זשע האָט זיך געענדיקט אונדזער אינטערנאציאָ־נאליזם און ווען האָט זיך ביי אונדז אָנגעהויבן נאציאָנאליזם? עס וואָלט דאָך זיין צו נאאיוו צו גלויבן — ווי עס מיינען געוויסע פון אונדזערע ייִנגערע חברים, וואָס זיינען וויייניק באקאנט מיט דער פארגאנגענער אנט־וויקלונג פון „בונד" — אז אינטערנאציאָנאליסטיש איז געווען דער „בונד" אויף דער אידעאָלאָגישער סטאדיע, אויף וועלכער ער איז געשטאנען, בעת זיי האָבן זיך מיטן „בונד" באהעפט, און אז די ווייטערדיקע אנטוויקלונג זיינע איז שוין געווען אן אָפּנויג פון אינטערנאציאָנאליסטישן דרך־הישר.

באמת, קעמפן קעגן דער נאציאָנאלער אונטערדריקונג, קעמפן פאר נאציאָנאלער רעכט, אנטוויקלען די נאציאָנאל־שעפערישע כוחות, אריינ־טראָגן די נאציאָנאלע קולטור אין די ברייטסטע פאָלקס־שיכטן און אויפ־הויבן אזוי אָט זייער מאטעריעלן און קולטורעלן מצב, איז ניט נאָר ניט קיין חטא קעגן ארבעטער־קלאס, קעגן סאָציאליזם און קעגן אינטערנאציאָ־נאליזם, נאָר פארקערט, דאָס איז דאָס נאטירלעכע רעכט פון יעדן פאָלק, דאָס רעכט אין וועלכן די ארבעטער־מאסן זיינען פאראינטערעסירט נאָך

מער ווי אנדערע סאָציאַלע שיכטן, טאַקע דערפאַר ווייל זיי זיינען אויך סאָציאַל אונטערדריקט, אָן יענע מאַטעריעלע מיטלען, וואָס העלפן שטענדיק די העכערע קלאַסן ווי עס איז זיך אָן עצה צו געבן מיטן אויסערלעכן דרוק.

וואָס־זשע איז סוף־כל־סוף נאַציאָנאַליזם און וואָס איז אינטערנאַציאָנאַליזם?

פאַרן סאָציאַליזם איז דאָס בכלל א גרונט־פּראָבלעם, און כל־זמן מען האָט ניט וועגן דעם קיין קלאָרן באַגריף, קען מען טאַקע פאַרקריכן אין בויבעריק. פאַרן יידישן סאָציאַליסט איז א קלאָרקייט וועגן דעם אַן אַבסאָלוטע נויטווענדיקייט, מחמת ער באַגעגנט זיך מיט דער נאַציאָנאַלער פראַגע אויף יעדן טריט.

די גרענעץ צווישן נאַציאָנאַליזם און אינטערנאַציאָנאַליזם איז אין דער ווירקלעכקייט, וועלכע איז שטענדיק קאָנמפּליצירט און פול מיט סתירותדיקע פאַקטאָרן און טענדענצן, אָפטמאָל טאַקע א פאַרפלאָנטערטער ענין. אָבער דער פּרינציפּיעלער אונטערשייד צווישן זיי איז, ווי יעדער פּרינציפּ, פּשוט בתכלית הפּשטות: אינטערנאַציאָנאַליזם הייסט אָנערקענען אַנדערע פעלקער אַלע רעכט, וואָס מען פאָדערט פאַר דעם אייגענעם פאָלק; נאַציאָנאַליזם הייסט פאָדערן פאַרן אייגענעם פאָלק אַזעלכע רעכט, וואָס מ׳אָנערקענט ניט אַנדערע פעלקער *).

ווי לאַנג מיר קעמפן פאַר אַזעלכע רעכט פאַר אונדזער פאָלק, וואָס מיר אָנערקענען פאַר יעדן אַנדערן פאָלק, מעגן מיר מיט א רואיקן, אינטערנאַציאָנאַליסטישן געוויסן פאַרביילאָזן פאַרביי אונדזערע אויערן די זלזולים און די פאָרוואורפן אין נאַציאָנאַליזם, און טאָן ווייטער אונדזער אַרבעט; צו אונדזערע באַשולדיקער און קריטיקער קענען מיר האָבן בלויז מיטלייד: זיי פאַרשטייען נעבעך אליין ניט וואָס זיי ריידן. און דאָס האָט טאַקע געטאָן דער „בונד" אין משך פון א האַלבן יאָרהונדערט, ווען ניט געקוקט אויף אַלע אָנפאַלן פון זיינע קעגנער, די פּ. פּ. ס.־אָווצעס און איסקראָווצעס פריער, די ס. ד. און קאָמוניסטן שפּעטער, האָט ער כסדר ווייטער געפירט זיין קאַמף פאַר די בירגערלעכע, סאָציאַלע און קולטורעלע רעכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין צארישן רוסלאַנד, אין אומאָפּהענגיקן פּוילן.

---

*) מען קען זען אַן אויסדרוק פון אָט דעם אינטערנאַציאָנאַלן פּרינציפּ אין דעם געבאָט פון חומש (ויקרא י"ט, ל"ד): כאזרח מכם יהיה לכם הגר הגר אתכם, ואהבת לו כמוך („א בירגער ווי איינער פון אייך זאָל פאַר אייך זיין דער פרעמדער, וואָס וווינט צווישן אייך, און ליב האָבן זאָלסטו אים ווי זיך"...)

פאַרקערט, ווען די בירגערלעכע אָדער סאָציאַליסטישע, רוסישע אָדער פּויּ־לישע אסימילאַטאָרן האָבן זיך אקעגנגעשטעלט דעם „בונד", אין נאָמען פון כלומרשטיקן אינטערנאַציאָנאַליזם, אין דעם קאַמף זיינעם פאַר די רעכט פון יידישן פּראָלעטאַריאַט אויף אן אויטאָנאָמער אָרגאַניזאַציע, פאַר די רעכט פון די יידישע מאַסן צוגלייך מיט אנדערע זיך צו באַנוצן מיט זייער שפּראַך און צוגלייך מיט אנדערע זיך צו אנטוויקלען אין זייער נאַציאָנאַלער קולטור, זיינען די דאָזיקע אסימילאַטאָרן אין אמתן אליין געווען רוּ־סישע אָדער פּוילישע נאַציאָנאַליסטן, וואָס האָבן דעם יידישן פאָלק ניט אָנערקענט די רעכט, וואָס זיי האָבן ווי א נאַטירלעכע זאַך אָנערקענט פאַר זיך. און ווען די דאָזיקע אסימילאַטאָרן זיינען אליין געווען פון יידישער אָפּשטאַמונג, זיינען זיי, ניט געקוקט אויף אלע זייערע אינטערנאַציאָנאַ־ליסטישע פראַזן און אויף זייער אָפּשטאַמונג, ניט ווייניקער געווען פּוילישע אָדער רוסישע נאַציאָנאַליסטן, פרעמדע נאַציאָנאַליסטן אויף דער יידישער גאַס, פונקט ווי לעאָן בלום האָט מיט רעכט אָנגערופן פרעמדע נאַציאָנאַ־ליסטן די פראַנצויזישע קאָמוניסטן, וואָס זיינען אין פראַנצויזישן פאָלק א געצייג פון דער פּאָליטיק פון א פרעמדער מלוכה. און בעת מיר האָבן נאָך אונדזער חורבן געשטערעבט צוזאַמענצונעמען, און אין א גרויסער מאָס טאַקע צוזאַמענגענומען, די רעשטן פון אונדזערע כוחות, וואָס זיינען צע־זייט און צעשפּרייט איבער דער וועלט, כדי אויף אן אָרגאַניזירטן אופן ווייטער פירן דעם קאַמף פאַר סאָציאַלער אויסלייזונג און נאַציאָנאַלן קיום פון די צעשפּרייטע יידישע פאָלקס־מאַסן צוזאַמען מיט די פּראָלעטאַרישע און פּראָגרעסיווע כוחות, וואָס קעמפן פאַר סאָציאַליזם און דעמאָקראַטיע ביי די פעלקער, צווישן וועלכע עס לעבן די יידישע פאָלקס־מאַסן, איז דאָס פון אונדזער זייט **בשום אופן ניט געווען א קאָמ־פּראָמיס מיטן נאַציאָנאַליזם:** אין דער דאָזיקער ארבעט אונדזערער איז אן אטאָם נאַציאָנאַליזם ניט געווען; ביי געענדער־טע באַדינגונגען און אין געענדערטע פאָרמען זיינען מיר ווייטער געגאַנ־גען מיט אונדזער אינטערנאַציאָנאַליסטישן בונדישן וועג. ביי די שווערסטע באַדינגונגען האָבן מיר דערקלערט אונדזער גרייטקייט צו קעמפן פאַר דעם רעכט פון אונדזער אומגליקלעכן פאָלק, פאַר דעם עלעמענטאַרסטן רעכט פון יעדן פאָלק, פאַר דעם עלעמענטאַרסטן רעכט פון אלץ וואָס לעבט, דאָס רעכט צו לעבן. ניט קיין פרעמדע זיינען מיר פאַר אונדזער פאָלק, מיר זיינען א לעבעדיקער טייל פון אים, מיר זיינען נאַציאָנאַל; נאַציאָנאַ־ליסטיש אָבער אויף א האָר ניט. אזוי איז דער „בונד" שטענדיק געווען און אזוי איז ער געבליבן.

אויף אַט די עטלעכע גרונט־באַגריפן האָב איך געהאַלטן פאַר נויטיק באַלד אין אָנהויב אַביסל געגויער זיך אָפּצושטעלן, מחמת איך גלויב, אַז דאָס באַלויכט די ריכט־ליניע, ביי וועלכער מיר דאַרפן זיך האַלטן אויך ביי דער לייזונג פון די פראַגן, וואָס שטייען ווייטער פאַר אונדז.

## 2. — דער תהום צווישן אונדז און דעם ציוניזם אַמאָל

איך פאַרשטיי גאַנץ גוט, אַז עס איז פּסיכאָלאָגיש שווער פאַר אונדז אָביעקטיוו א קוק צו טאָן אויפן ציוניזם. א האַלבן יאָרהונדערט נאָכאַנאַנד, זייט דער „בונד" און דער ציוניזם זיינען אויף דער וועלט געקומען, האָבן מיר מיטן ציוניזם געקעמפט. ער איז די גאַנצע צייט געווען אונדזער קעגנער נומער איינס אויף דער יידישער גאַס. אין קאַמף קעגן אים איז דער „בונד" אויסגעוואַקסן און געוואָרן דער גרעסטער יידישער כוח אין זעלבסט־שטענדיקן פּוילן. אין קאַמף קעגן אים האָט דער „בונד" אַנטוויקלט די סאָציאַלע און קולטורעל־שעפערישע כוחות פון יידישן אַרבעטער־קלאַס און פון די יידישע פאָלקס־מאַסן בכלל. און אין רעזולטאַט פון דער היטלער־קאַטאַסטראָפע איז דער „בונד" איז מזרח־אייראָפּע צוזאַמען מיט די מזרח־אייראָפּעאישע יידישע פאָלקס־מאַסן אויסגעראָטן געוואָרן, בעת דער ציוניזם איז גראַד דעמאָלט — און צום טייל אומדירעקט טאַקע א דאַנק דער קאַ־טאַסטראָפע — עולה לגדולה געוואָרן. ווי איז מענטשלעך מעגלעך, אַז מיר, די רעשטלעך פון אַמאָליקן גרויסן „בונד", זאָלן זיך צום ציוניזם באַציען אָביעקטיוו?

מיר זיינען אָבער פאַרשטייער פון א באַוועגונג, וואָס האָט נאָך פאַר זיך אויסערסט וויכטיקע און אויסערסט שווערע אויפגאַבן און, ווי מיר זיינען טיף איבערצייגט, וואָס האָט נאָך פאַר זיך א גרויסע צוקונפט. כדי צו דערפילן די דאָזיקע אויפגאַבן און כדי טאַקע צו דערגרייכן די גרויסע צוקונפט אונדזערע, מוזן מיר זען די ווירקלעכקייט, מיט וועלכער מיר האָבן צו טאָן, א ז ו י ו י ז י א י ז; אויב ניט, וועלן מיר גאָר־ניט דערגרייכן און פאַלן א קרבן פון אונדזערע אייגענע אילוזיעס. מיר טאָרן דעריבער זיך ניט לאָזן פאַרבלענדן די אויגן מיט סענטימענטן, און מ ו ז ן קוקן אויף די פאַרשידענע דערשיינונגען אין יידישן לעבן אָביעק־טיוו. אָביעקטיוו מוזן מיר אויך א קוק טאָן אויפן ציוניזם און מדינת ישראל.

וואָס האָט מיט א האַלבן יאָרהונדערט צוריק געמאַכט פון „בונד" און ציוניזם צוויי פיינטלעכע לאַגערן?

ע ר ש ט נ ס, איז צווישן אונדז געווען א סאָ צ י אַ ל ע ר

קעגנזאץ: מיר האָבן מיט זיך פֿאָרגעשטעלט צוויי געזעלשאַפטלעכע קלאַסן. דער „בונד" האָט זיך געשטיצט אויף דעם יידישן פּראָלע־טאַריאַט, אויף דעם קלאַס געדונגענע אַרבעטער, בעת די ציוניסטן האָבן זיך געשטיצט אויף דעם יידישן בירגערטום, בעיקר אויף דעם קליינביר־גערטום. דער „בונד" איז געווען אַ סאָציאַליסטישע באַוועגונג, דער ציו־ניזם איז געווען אַ באַוועגונג מיט אַ בירגערלעכער אידעאָלאָגיע. דער „בונד" האָט געפֿירט שטרייקן מיטן צוועק אויסצוקעמפֿן פֿאַרן אַרבעטער דערטרעגלעכע לעבנס־באַדינגונגען; דער ציוניסט איז געווען דער באַלע־באָס, קעגן וועלכן מיר האָבן געקעמפֿט, און וואָס האָט מיט זיין ציוניס־טישער אידעאָלאָגיע געזוכט דעם אַרבעטער פֿון שטרייקן אָפּצוהאַלטן, וואָס האָט מיט אַלע מיטלען געזוכט דעם קאַמף פֿון זיינע אַרבעטער צו ברעכן.

צ ווייטנס, אַט דער סאָציאַלער אַנטאַגאָניזם האָט צווישן אונדז און זיי אויסגעגראָבן אויך אַ פּאָליטישן תהום. בעת אונדזערע אַרבעטער האָבן געשטרייקט, האָט דער ציוניסטישער באַלעבאָס זייער אָפֿט גערופֿן פּאָליציי, גוט ווויסנדיק וואָס אין צאַרישן רוסלאַנד האָט באַטייט פּאָליציי קעגן סאָציאַליסטן. דער בונדישער אַרבעטער האָט דעריין ניט גע־קענט ניט איינזען די טיפֿע צבֿיאַצטווע פֿון דער ציוניסטישער פּראָפּאַ־גאַנדע וועגן כּל ישׂראל חבֿרים, צו וועלכער ער האָט געקענט פֿילן בלויז שׂנאה און פֿאַראַכטונג. און ניט בלויז דער ציוניסט אַלס באַלעבאָס האָט מיט זיין רעאַקציאָנערער האַלטונג געזייט שׂנאה צום ציוניזם, נאָר טאַקע דער ציוניזם גופֿא, זיין גאַנצע אידעאָלאָגיע איז געווען רעאַקציאָנער. מיט זיין שלילת הגלות, מיט זיין פּראָפּאַגאַנדע, לויט וועלכער יידן האָבן אין גלות קיין צוקונפֿט ניט און דאַרפֿן דעריבער דאָ אין קאַמף פֿאַר פֿרייהייט און סאָציאַליזם ניט נעמען קיין אָנטייל, דאַרפֿן נאָר זיין לאָיאַלע בירגער און אין „פֿרעמדע" עסקים זיך ניט מישן, האָט דער ציוניזם בעצם גע־שטיצט אַקטיוו די הערשנדיקע שוואַרצע, צאַריסטישע רעאַקציע, וועלכע האָט גאָר קיין אַנדער זאַך ניט באַדאַרפֿט, ווי דאָס מען זאָל צאָלן שטייערן, געבן רעקרוטן, און אין פּאָליטישן קאַמף, אין קיין „קראַמאָלאַ" זיך ניט מישן. און ווען, למשל, דער כּלל סטודענטן פֿלעגט, אַרויסשטעלנדיק ליבע־ראַלע פֿאָדערונגען, פֿאַרשטרייקן, פֿלעגן די קאַריעריסטישע און רעאַקציאָ־נערע עלעמענטן צווישן די יידישע סטודענטן יאָ גיין אויף די לעקציעס, ד. ה. אַקטיוו זיין שטרייק־ברעכערס, אונטער דעם אויסרייד, אַז זיי זיינען ציוניסטן און מישן זיך „פּרינציפּיעל" ניט אין פּאָליטישן קאַמף אין גלות; און דאָס פֿלעגט דאָך טאַקע פֿרעדיקן דער ציוניזם. אַזוי איז געווען אונטן און אַזוי איז געווען ביז גאָר אויבן אין ציוניזם. די וועלט איז נאָך געווען

אויפגערודערט דורך דעם בלוט פון צענדליקער טויזנטער ארמענער, וואָס דער סולטאן אבדול האמיד האָט געלאָזט אויסקוילענען, ווי הערצל האָט זיך א לאָז געטאָן מיט שתדלנות וועגן א טשארטער פאר יידן אין פאלעסטינע צו דעם זעלביקן „רויטן סולטאן"; און באלד אויף מאָרגן נאָך דעם קישענעווער פאָגראָם איז הערצל געפאָרן, אין נאָמען פון ציוניזם און מיט שתדלנות פארן ציוניזם, צום צארישן מיניסטער פאָן־פּלעווע, דעם אָרגאניזאטאָר פון קישענעווער פאָגראָם און דעם תליון פון דער רוסישער רעוואָלוציע, אונדזער תליון.

דריטנס, טאקע די שלילת הגלות גופא, אומאָפּהענגיק פון די רעאקציאָנערע אויספירן, וואָס דער ציוניזם האָט דערפון געמאכט, האָט „זיי" דערוויייטערט פון אונדז ווי מזרח פון מערב. מיר זיינען געשטאנען אויפן שטאנדפונקט פון דאָ און נאָר דאָ: אין ליטע, אין פוילן און רוסלאנד איז אונדזער צוקונפט און אין קאמף דאָ דארפן מיר אָנווענדן אלע אונדזערע כוחות, בעת זיי האָבן גערופן דאָרטן אהין און נאָר דאָרטן, אין דעם לאנד פון אונדזערע אורא‌לטע אָבות. וואָס ביי אונדז איז געווען צום ציל, איז פאר זיי געווען פון ציל, און פארקערט, וואָס ביי זיי איז געווען צום ציל, איז פאר אונדז געווען פון ציל.

פערטנס, דער גאנצער ציוניזם, מיט זיין פלאן פון קיבוץ־גלויות, פון אָנזאמלען אין דער קליינער פאלעסטינע כמעט דאָס גאנצע יידישע פאָלק, „אלע וואָס ווילן ניט אָדער קענען זיך ניט אסימילירן", פון שאפן ביי דער היינטיקער צייט א יידישע מלוכה, פון מאכן פון טויט לע־בעדיק די העברעאישע שפראך, דאָס אלץ איז פאר אונדז געווען א ווילדע אוטאָפּיע, וואָס אזוינס האָט די וועלט ניט געזען און וואָס איז קעגן דעם מענטשלעכן שכל און קעגן די באטירלעכע געזעצן פון דער מענטשלעכער געשיכטע. דאָס, וואָס פאר „זיי" איז געווען א רעאלע צו־קונפט, האָבן מיר געהאלטן פאר אן אמתן מיראזש, א פארפירערישע אָפּ־שפּיגלונג פון דער לאנג פארשוווּנדענער פארגאנגענהייט.

פינפטנס, מיר האָבן גערעדט צו די יידישע פאָלקס־מאסן אין זייער מאמע־לשון, אין יידיש, און האָבן מיטגעהאָלפן אנטוויקלען דעם יידישן לשון, פארוואנדלען אים אין א שפּראך פון מאָדערנע באגריפן. מיר האָבן געגרינדעט שולן מיט יידישער אונטעררי‌כט־שפראך; מיר האָבן מאָראליש און אויך מאטעריעל געשטיצט די יידישע ליטעראטור, געשאפן מיט אונדזער גאנצער טעטיקייט קאָנסומענטן, לייענער און ליבהאבער,

פאַר יידישער ליטעראַרישער פּראָדוקציע. מיר האָבן אַלץ געטאָן, כדי אויפֿצוהויבן דעם פּרעסטיזש פֿון יידיש, כדי די פּראָגרעסיווע יידישע געזעלשאַפֿטלעכקייט זאָל זען אין יידיש אונדזער נאַציאָנאַלע שפּראַך, און מיר האָבן געפֿאָדערט רעכט פֿאַר יידיש אין שול, אין געזעלשאַפֿטלעכן לעבן, אין די עפֿנטלעכע איינריכטונגען, קהילות, אַדמיניסטראַציע, געריכט און ד. גל. — די חובֿבֿי־ציון און די ציוניסטן האָבן אין יידיש געזען אַ פּראָדוקט פֿון גלות, פֿון וועלכן מען דאַרף זיך אָפּשאָקלען, אַ נידעריקן „זשאַרגאָן", וואָס דאָס יידישע פֿאָלק מוז פֿון אים וואָס גיכער פּטור ווערן. זיי האָבן געקעמפֿט פֿאַר ה ע ב ר ע א י ש, זיי האָבן באַלעבט די העברעאישע שפּראַך און ליטעראַטור, געגרינדעט שולן מיט העברעאישער אונטערריכט־שפּראַך; און ווען מיר האָבן געפֿאָדערט פֿון דער מלוכה די אָנערקענונג פֿון יידיש אַלס שפּראַך פֿון דער יידישער מינדערהייט אין לאַנד, האָבן זיי געפֿאָדערט די אָנערקענונג פֿון העברעאיש און אַזוי אַרום געגעבן אונדזערע שונאים דעם לייכטן אויסרייד, כדי „דערווייל", ביז די יידן וועלן מושווה ווערן צווישן זיך, אונדזער שפּראַך בכלל קיין רעכט ניט אָנערקענען, ניט אין שול, ניט אין עפֿנטלעכן לעבן. דאָס איז געווען אין הסכם מיט זייער לאָזונג פֿריער אין רוסלאַנד „עבֿרית או רוסית" און שפּעטער אין פּוילן „עבֿרית או פּולנית", וואָס האָט אין יענע לענדער פּאַקטיש באַטייט שפּראַכלעכע א ס י מ י ל א צ י ע.

ז ע ק ס ט נ ס, איז פֿאַר אונדז דער ציוניזם געווען דורך און דורך אַ נ אַ צ י אָ נ אַ ל י ס ט י ש ע, אַ שאָוויניסטישע אידעאָלאָגיע. זיין יסוד איז געווען „שנאת עולם לעם עולם"; אַ פֿאָלק צו אַ פֿאָלק איז אַ וואָלף, און אַלע פֿעלקער צוזאַמען שלייפֿן זייערע ציינער קעגן יידישן פֿאָלק. ער האָט געפּרעדיקט דעם טיפֿסטן אומצוטרוי צו דער גויישער וועלט, בעת מיר, פֿאַרקערט, האָבן געבויט אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט פֿון דער אַרבעטנדיקער מענטשהייט.

ז י ב ע ט נ ס, בעת דער „בונד" האָט העראָאיש געקעמפֿט קעגן דעם צאַריזם, קעגן דער גרעסטער רעאַקציאָנערער מאַכט אין דער וועלט, און די וועלט האָט מיט באַוווּנדערונג געקוקט ווי ער האָט די געדריקטסטע צווישן די אונטערדריקטע פֿאַרוואַנדלט אין מוטיקע, אומבויגזאַמע קעמפֿער, האָבן די ציוניסטן, וואָס האָבן געהאַט אַ פֿול מויל מיט הויכע פֿראַזן וועגן נאַציאָנאַלן שטאָלץ, אין דער ווירקלעכקייט אַרויסגעוויזן און געשטיצט די מיטלאַלטערלעכע ג ע ט אָ ־ פּ ס י כ אָ ל אָ ג י ע פֿון שתדלנות, פֿון אונטערטעניקייט, פֿון בויגן זיך פֿאַר יעדן בלאַנקן קנעפּל.

א כ ט נ ס, נ יי נ ט נ ס... מען וואָלט געקענט אָנציילן נאָך אַ

סך חטאים און סתם סיבות, וואָס האָבן צווישן „בונד" און ציוניזם אויס־געגראָבן א טיפן תהום. „בונד" און ציוניזם זיינען אזוי אָט געוואָרן די צוויי אנטקעגנגעזעצטע פּאָליוסן פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן, געזעל־שאַפטלעכן געדאנק און געזעלשאַפטלעכן קאַמף. דער תהום צווישן זיי איז געווען אן אידעאָלאָגישער, א סאָציאַל־פּאָליטישער און א פּסיכאָלאָגיש־ליידנשאַפטלעכער.

## 3. — וואָס טיילט אונדז איצט אָפּ פון ציוניזם?

אזוי איז געווען מיט א האלבן יאָרהונדערט צוריק. זייט דאן האָט זיך די וועלט איבערגעקערט. גאָר באַזונדערס האָט זיך איבערגעקערט די יידישע וועלט. עס האָבן דורכגעמאכט פּאַרשידענע אידעאָ־לאָגישע עוואָלוציעס סיי דער „בונד" סיי דער ציוניזם. עס האָבן זיך ראדיקאל געענדערט די אָביעקטיווע באַדינגונגען פון זייער עקזיסטענץ, דער אָביעקטיווער אינהאלט פון זייער ארבעט און געזעלשאַפטלעכער וואָג אין יידישן לעבן.

וואָס טיילט איצט אָפּ דעם „בונד" פון ציוניזם?

1. א דאנק דער גרעסטער וואנדערונג אין דער יידישער געשיכטע, וואָס איז פאָרגעקומען אין אָנהויב פון אונדזער יאָרהונדערט ביז דער ער־שטער וועלט־מלחמה, האָט זיך די גרעסטע קאָנצענטראציע פון דער יידי־שער באַפעלקערונג געשאפן אין צפון־אַמעריקע. דורך דער באָלשעוויסטי־שער רעוואָלוציע אין רוסלאנד איז דער צווייט־גרעסטער יידישער קיבוץ אָפּגעזונדערט געוואָרן פון יידישן כלל, מער ווי ווען ער וואָלט זיך געפונען הינטער הרי־חושך און טייך סמבטיון. צוליב דער אָפּשאַפונג פון דער פרייער איינוואנדערונג אין אמעריקע און צוליב היטלערס קומען צו דער מאכט אין דייטשלאנד, איז שוין ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה מיט־אַמאָל אויסגעוואַקסן דער ישוב אין פּאַלעסטינע און געוואָרן דער דריט־גרעסטער יידישער קיבוץ אין דער וועלט, הגם ער שטייט ווייט, ווייט הינטער די קיבוצים פון די פאראייניקטע שטאַטן און ראַטן־פאַרבאַנד. אזוי ווי היטלערס מיליטערישע באַזע איז געלעגן אין דירעקטער שכנות מיט מזרח־אייראָפּע און גאָר ווייט פון ארץ־ישראל, איז אים געלונגען אויס־צוראָטן די יידישע פאָלקס־מאסן אין די בשכנותדיקע ליטע, פּוילן און רוס־לאנד, און דער פּאַלעסטינער ישוב איז, פאַרקערט, ניצול געוואָרן פון ראָ־מעלס חילות און נאָכמער אויסגעוואַקסן דורך דער איינוואנדערונג פון מאסן פּליטים פון אייראָפּעאישן חורבן. עס האָט זיך אזוי אָט געשאַפן אן

אַביעקטיווער צושטאַנד, אַז דער „דאָ", ווו מיר האָבן געוואָלט שטיין מיטביידע פיס, ווו מיר האָבן געהאַט קאָנצענטרירט אונדזער גיגאַנטישן קאַמף, און וואָס האָט געהאַט באַטייט בעיקר טאַקע נאָר „ליטע, פוילן און רוס־לאַנד", האָט שוין פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה באַדאַרפט באמת אַריינגענומען אויך צפון־א מ ע ר י ק ע; שפּעטער איז פון דעם „דאָ" אַרויסגעפאַלן ר ו ס ל א נ ד, נאָך שפּעטער האָבן באַדאַרפט אין דעם „דאָ" אַריינגענומען ווערן די נייע ישובים אין אַרגענטינע, מעקסיקע א. ד. גל., און ראשית טאַקע דער גרעסטער פון די נייע ישובים, ד. ה. פּ א ־ ל ע ס ט י נ ע, און לסוף זיינען פון דעם „דאָ" פאַרשניטן געוואָרן פ ו י ל ן א ו ן ל י ט ע. וואָס באַטייט איצטער די שייד־ליניע צווישן „דאָ" און „דאָרטן", וואָס האָט אַמאָל אַזוי בולט פונאַנדערגעטיילט „בונד" און ציוניזם? — איצט קען דאָס האָבן בלויז א יי ן זין: די ציוניסטן האַלטן נ אָ ר (אָדער בעיקר נאָר) פון פּאַלעסטינע, בעת מיר ווילן קעמפן פאַר אונדזער קיום אומעטום, ווו עס לעבן יידישע פאָלקס־מאַסן, ד. ה. סיי אין פּאַלעסטינע סיי אין אַנדערע לענדער. מיט אַנדערע ווערטער: ז יי ווי ל ן נ אָ ר ד אָ ר ט ן, א ו ן מ י ר ו ו י ל ן ד אָ א ו ן ד אָ ר ט ן.

2. מ ד י נ ת י ש ר א ל איז איצט שוין ניט קיין א ו ט אָ פּ י ע, ווי מיר האָבן אַמאָל גערעכנט, נאָר א לעבעדיקער פ א ק ט. נאָר אויב עס וואָלט זיין אַן אומזין צו וועלן לייקענען לעבעדיקע און לעבנספולע פאַקטן, וואָלט אָבער אויך געווען א טיפער טעות צו מיינען, אַז מיט אָט דעם פאַקט איז אונדזער היסטאָרישער שטרייט מיטן ציוניזם פאַרענדיקט, און פאַרענדיקט לטובת דעם ציוניזם. עס האָט זיך נאָר איבערגערוקט די שייד־ליניע צווישן אונדז און „זיי". אָבער די שייד־ליניע האָט זיך טאַקע איבערגערוקט.

א) נאָך א זיבעציק־יאָריקן אויסערסט־האַרטנעקיקן קאַמף און אי־דעאַליזם אָן א שיר און א דאַנק א גאַנצער רייע אויסערלעכע היסטאָרישע געשעענישן, איז געלונגען בלויז אין א טייל פון דער קליינער פּאַלעסטינע צו שאַפן א קליין יידישע מלוכהלע. דאָס איז געשאַפן געוואָרן אין אַזא עפּאָכע, ווען אפילו מיטעלע און גרויסע מלוכות זיינען געצוווּנגען „פריי־וויליק" זיך אָפּצוזאָגן פון א טייל פון זייער כלומרשטער זעלבסטשטענדי־קייט און זיך פאַראייניקן אין רעגיאָנעלע פעדעראַציעס, כדי ניט אינגאַנצן איינגעשלונגען צו ווערן פון די צוויי וועלט־לויתנס, און עס איז נאָך דער־ביי א פראַגע, צי סוף־כל־סוף וועלן זיי פאָרט ניט ווערן פאַרשלונגען דורך איינעם פון די ביידע. מדינת ישראל איז דערצו באַשאַפן געוואָרן אין א

צייט, ווען דער נאָענטער מזרח און ספּעציעל די געגנטן, וואָס פירן פון מיטללענדישן ים דורך דעם ים־סוף צום אינדישן אָקעאַן, און וואָס זיינען דערצו נאָך רייך אין נאַפט, זיינען געוואָרן איינע פון די וויכטיקסטע ברען־פּונקטן פון די אינטערנאַציאָנאַלע אינטריגעס און קענען יעדן טאָג פאַר־וואַנדלט ווערן אין א מיטלפּונקט פון א נייער וועלט־מלחמה. אחוץ דעם, האָט זיך מדינת ישראל געשאַפן אין בלוטיקן קאַמף קעגן די אַראַבער, וואָס זיינען איצט שוואַך, צוליב דער פעאָדאַלער אָרדענונג, וועלכע הערשט נאָך ביי זיי, און וואָס זיינען קעגנווערטיק צעריסן צווישן זיך צוליב דינאַסטי־שע און ענלעכע אינטערעסן, וואָס וועלן אָבער אין דער ניט ווייטער צו־קונפט אָן שום ספק אריינגעצויגן ווערן אין דעם מאָדערנעם קאַפּיטאַליס־טישן סדר, זיך באַפרייען פון זייערע פעאָדאַלע און דינאַסטישע פענטעס און אויסוואַקסן אין א ריזיקן אינטערנאַציאָנאַלן פאַקטאָר. מדינת ישראל איז בכן בשום אופן ניט קיין גאַראַנטיע קעגן א צו־קונפטיקער נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפע, נאָר פאַרקערט, געבויט אויף אַן אויסערסט געפערלעכן ווולקאַן, שטעלט זי דעם דאָרטיקן ישוב אין א שטענדיקער און באַזונדערס שטאַרקער געפאַר פון א נייעם חורבן.

אויב אפילו ניט פאַרבלענדעטע ציוניסטן האָבן שוין לאַנג אָנערקענט, אַז די קליינע פּאַלעסטינע קען ניט אריינגעמען אין זיך דאָס גאַנצע צע־שפּרייטע יידישע פאָלק אָדער אפילו די גרויסע מערהייט זיינע, איז דאָך וועגן קיבוץ גלויות אין דעם טייל פון פּאַלעסטינע, וואָס נעמט ארום מדינת ישראל, שוין ניטאָ וואָס צו רעדן, דערהויפּט ביי א פיינטלעכער האַלטונג מצד דעם ארומיקן אַראַבישן הינטערלאַנד. שוין איצט שטעלט די מאַסן־עליה אין מדינת ישראל אומגעהויערע שוועריקייטן פאַר דער מלוכה; נאָר ווען אפילו די 900 טויזנט יידן, וואָס געפינען זיך אין דער מדינה לויט דער אָפיציעלער יידישער פאָלקס־ציילונג, זאָלן אין משך פון יאָרן צוקומען, ווי עס האָפן די ציוניסטן, נאָך א מיליאָן אָדער אפילו אָנדערטהאַלבן מיליאָן, וועט דאָס אויך נאָר באַדייטן, אין מדינת ישראל א זעקסטל ביז א פינפטל פון יידישן פאָלק. פיר פינפטל בלייבן יעדנפאַלס אויסער מדינת ישראל, און אפילו דאָס איז נאָך א ווייטע, און ווייט ניט זיכערע, צוקונפט־מוזיק. איז דאָך קלאָר, אַז אויך ביי דער עקזיסטענץ פון מדינת ישראל, אויף דער פראַגע „דאָ און דאָרטן" — אַנט־קעגן די ציוניסטן, וואָס ווילן צושפּיצן אַלע יידישע כוחות נאָר אויף „דאָרטן" — דאַרפן מיר, א רגע ניט פאַרגעסנדיק דעם וויכטיקן ישוב אין מדינת ישראל, אין נאָמען פון די אינטערעסן פון די ברייטסטע יידישע

פֿאָלקס־מאסן אין דער גאָרער וועלט און אין נאָמען פֿון אונדזער נאציאָנאלן קיום בכלל, שטענדיק אין זינען האָבן, אז אלץ זאָל ניט צוגעשפּיצט ווערן צו מדינת ישראל, און ווידעראמאָל פּאַרטיידיקן דעם לאָזונג: דאָ און דאָרטן.

ב) די ציוניסטן, וואָס האלטן, אז דאָרטן און נאָר דאָרטן אין ארץ ישראל איז אונדזער צוקונפט, און וואָס דער גלות אינטערעסירט זיי בלויז אויף אזויפיל, אויף וויפיל ער קען מיט מענטשן־מאטעריאל און פינאנ־ציעלע מיטלען שטארקן מדינת ישראל, — וויבאלד די קליינטשינקע מדי־נת ישראל קען בשום אופן ניט ארייננעמען דעם גרעסטן טייל פון יידישן פֿאָלק, און ווער רעדט נאָך דאָס גאנצע פֿאָלק, — מוזן באמת שטיין פאר איינס פון די ביידע (אָדער פאר די ביידע צוזאמען): אָדער זיי זיינען גרייט אויף דעם, אז די גרויסע מערהייט פון יידישן פֿאָלק, וואָס וועט מוזן בלייבן אין גלות, זאָל א ו נ ט ע ר ג יי ן; אָדער זיי קוקן אויף די איצטיקע מדינת ישראל בלויז ווי אויף אן אָ נ ה ו י ב, מיט וועלכן דער כיבוש הארץ איז נאָך בשום אופן ניט פארענדיקט, נאָך וועלכן מען וועט גיין צו וויטערדיקער ע ק ס פּ א נ ס י ע אויפן חשבון פון די ארומיקע ארא‌בישע לענדער. אין ערשטן פאל זיינען עס נאציאָנאל־פיינט־לעכע עלעמענטן, וואָס מיר מוזן באקעמפן אין נאָמען פון די נאטירלעכע רעכט פון די ברייטע יידישע פֿאָלקס־מאסן און אין נאָמען פון אונדזער נאציאָנאלן קיום בכלל, וואָס טאָר בשום אופן ניט געשטעלט ווערן אין קאָן בלויז אויף דעם פּאלעסטינער ווולקאן. אין דעם צווייטן פאל, ווען דער לאָזונג „דאָרטן און נאָר דאָרטן" איז געבויט אויף דער פּערספּעקטיוו פון טעריטאָריאלער עקספּאנסיע, אזוי אז מדינת ישראל זאָל קענען אריינ־נעמען דעם ראשו ורובו פון יידישן פֿאָלק, און זאָל זיך בכן פארשפּרייטן אויף גאנץ מערב־פּאלעסטינע, אָדער אויך אויף עבר־הירדן, אָדער אפשר אויך אויף דמשק, אָדער גאָר אויך אויף נהרדעה און פומפּדיתא (וויבאלד „היסטאָרישע רעכט" איז דאָך אלץ מעגלעך, און ווי די פראנצויזן זאָגן, ביים עסן קומט דער אפּעטיט), — האָבן מיר שוין דאָ פאר זיך א בפירושן קעמפערישן נאציאָנאליזם, וואָס פירט צו א מיליטערישן אוואנטוריזם, און אנטקעגן וועלכן מיר מוזן זיך מיט אונדזער גאנצער ענערגיע אנטקעגנ־שטעלן ווי אין נאָמען פון אונדזערע אלגעמיינע פּרינציפּן פון אינטערנא־ציאָנאליזם און אנטי־מיליטאריזם, אזוי אויך צוליב דער ערגסטער געפאר, מיט וועלכער דאָס וואָלט זיין פארבונדן פאר דעם קיום פון פּאלעסטינער ישוב. צוליב אלעם דעם מוזן מיר ווידעראמאָל אנטקעגן דעם לאָזונג „נאָר דאָרטן אין מדינת ישראל" פּאַרטיידיקן דעם לאָזונג „דאָ און דאָרטן":

דער „דאָרטיקער" ישוב דאַרף און קען זיין אַ וויכטיקער טייל, אָבער נאָר אַ טייל פון יידישן פאָלק.

ג) דער ציוניזם פאָדערט פון יידישן פאָלק אין „גלות", גאַנץ באַזונדערס זייט עס איז אויפגעשטאַנען די מדינת ישראל, עס זאָל פאַר מדינת ישראל אָפּגעבן א ל ע זיינע כוחות און אויף די פאַרשידנסטע וועגן. אַזאַ פאָדערונג קען מען פאַרשטיין, אויב מ'איז זיכער, אַז דער „גלות" מוז סיי־ווי־סיי אונטערגיין, און ער גופא גייט אונדז אינגאַנצן ניט אָן. אַזאַ פאָדערונג פון „גלות" קען מען אויך פאַרשטיין, אויב מען גלויבט, אַז מדינת ישראל וועט דעם „גלות", אָדער לפּחות זיין וויט גרעסטע מערהייט, ארויפנעמען צו זיך; אָבער, ווי געזאָגט, אָן די געפערלעכסטע מיליטערישע אוואַנטורעס, גלויבט אין דעם קיינער ניט. אַזאַ פאָדערונג וואָלט מען נאָך אפשר קענען פאַרשטיין, אויב מען וואָלט געקענט זיך פאָרשטעלן, אַז די עקזיסטענץ פון מדינת ישראל פאַרזיכערט שוין אליין, אָן שום שווערן קאַמף פון זיין זייט, דעם מאַטעריעלן און גייסטיקן קיום און פרייע אַנטוויקלונג פון צעשפּרייטן יידישן פאָלק. צי דען דאַרף מען אָבער דערווייזן, אַז אַזוי האַלט עס בשום אופן ניט אין דער ווירקלעכקייט, דער־הויפּט איצט נאָכן חורבן, בעת עס זיינען פאַרשניטן געוואָרן אין אַזאַ שרעקלעך ברייטער מאָס אונדזערע שעפערישע כוחות, בעת מיר זיינען „דאָ" אַזוי שרעקלעך אָפּגעשוואַכט געוואָרן אי קוואַנטיטאַטיוו אי קוואַליטאַטיוו, בעת די מאַטעריעלע און די גייסטיקע נויטן פון די יידישע פאָלקס־מאַסן אין „גלות" זיינען אַזוי שרעקלעך אויסגעוואַקסן, בעת דער קיום פון אונדזער פאָלק אין „גלות" איז געשטעלט געוואָרן אין אַזאַ געפאַר וואָס הונדערטער יאָרן יידישע געשיכטע האָבן שוין אַזוינס ניט געזען? געוויס, וואָלט מדינת ישראל געקענט האָבן געוויסע פּאָזיטיווע רעזולטאַטן אויך פאַרן יידנטום אין „גלות". אָבער אונדזערע נויטן אין „גלות" פאָדערן דאָך אַ באַלדיקן ענטפער. ווי זעט איצט אויס די ווירקלעכקייט? ניטאָ ביי אונדז אַזאַ הומאַניטאַרע איינריכטונג וועלכע איז באַרופן צו לינדערן די נויט אָדער דעם געזונט פון ברייטע מאַסן; ניטאָ ביי אונדז אַזאַ עקאָנאָמישע איינ־ריכטונג, וועלכע דאַרף העלפן שטעלן יידישע האָרעפּאַשניקעס אויף אַ פעסטערן עקאָנאָמישן באָדן אָדער צוגרייטן פאַר אונדזער פאָלק אַ צוקונפט, געבויט אויף פּראָדוקטיווער ארבעט אין אַ וועלט פון ארבעט; ניטאָ ביי אונדז אַזאַ קולטורעלע איינריכטונג, אַזעלכע קולטורעלע שעפער, וועלכע קעמפן ביי די שווערסטע באַדינגונגען פאַר אונדזער גייסטיקער קולטור, פאַר אונדזער נאַציאָנאַלן קיום, — וואָס זייער מאַטעריעלע באַזע זאָל דירעקט און אומדירעקט ניט ווערן רואינירט דורך דעם פינאַנציעלן שטראָם,

וואָס פליסט און וועט נאָך לאַנג פליסן קיין מדינת ישראל. און גלייכצייטיק ווערן מיטן געזעלשאַפטלעכן שטראָם — און אויך דורך פּראָפּאַגאַנדע און מאַטעריעלן דרוק — אָוועקגעריסן פון „גלות" קיין מדינת ישראל מאַסן יונגע, פיזיש־אָפּגעקליבענע, נאַציאָנאַל־געשטימטע און נאַציאָנאַל־שעפערישע עלעמענטן, און אַזוי אַרום פאַרשטאַרקט זיך נאָך אין אַ געפערלעכער מאָס די פיזישע און גייסטיקע אַנעמיע פון צעשפּרייטן יידישן פאָלק נאָך דעם שרעקלעכן בלוט־פאַרלוסט פון דער היטלער־קאַטאַסטראָפע. אונדזער חוב איז צו געבן צו פאַרשטיין די ברייטסטע יידישע פאָלקס־מאַסן און דער פאָלקסטימלעכער אינטעליגענץ, אַז מיר טאָרן ניט אַלץ מקריב זיין פאַר „דאָרטן", אַז מיר מוזן אין זינען האָבן אויך דעם „דאָ".

3. אויך די שפּראַך־פראַגע שטייט איצט גאָר אַנדערש ווי אַמאָל. אין סוף פון זיבעציקער און אָנהויב אַכציקער יאָרן פון ניינצנטן יאָרהונדערט, ביים סאַמע בראשית פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג און חיבת־ציון, איז העברעאיש בלויז געווען אַ בוך־שפּראַך, אַ געשריבענע שפּראַך, און יידיש איז געווען בעצם נאָר אַ גערעדטער לשון, אַ פאָלקס־אידיאָם, אַ מין דיאַלעקט, מיט וועלכן עס האָבן זיך באַנוצט די ברייטע ניט־געבילדעטע שיכטן; העברעאיש איז געווען אַ לשון־קודש, אַ לשון פון הייליקייט, פון „הויכע ענינים", יידיש איז געווען אַ לשון־חול, אַ לשון פון טאָג־טעגלעכן לעבן. מיר האָבן געהאַלטן אַז עס איז אַן אוטאָפּיע צו פאַרוואַנדלען דאָס „טויטע" העברעאיש אין אַ לעבעדיקן, גערעדטן לשון; „זיי" האָבן יידיש געהאַלטן פאַר אַ נידעריקן „זשאַרגאָן", וואָס קען צופרידנשטעלן העכסטנס באַב־יידענעס אויפן מאַרק. וואָס אָבער איז געשען? אַ דאַנק די אינערלעכע מעגלעכקייטן פוןביידע לשונות און אַ דאַנק דעם האַרטנעקיקן קאָנסטרוקטיוון קאַמף פון צוויי דורות — פון די העברעאיסטן פון איין זייט, פון דער יידישער פאָלקסטימלעכער אינטעליגענץ און פון די אַרבעטער־מאַסן געפירטע דורכן „בונד", פון דער אַנדערער זייט, — איז העברעאיש אין ארץ ישראל געוואָרן אַ גערעדטע שפּראַך און יידיש אין די לענדער מיט יידישע פאָלקס־מאַסן איז געוואָרן אַ וווּנדערבאַר ניואַנסירטע און פיינע קולטור־שפּראַך מיט אַ רייכער ליטעראַטור, אַזוי אַז די ליטעראַרישע ווערק אין יידיש זיינען בשום אופן ניט פּרימיטיווער, און אָפטמאָל אַפילו אַ סך פיינער, אַ סך בילדלעכער, אויסדרוקסרייכער ווי די ווערק אין העברעאיש, בעת דאָס גערעדטע יידיש איז געוויס אַ סך זאַפטיקער ווי דאָס גערעדטע העברעאיש. איז ווער האָט געזיגט, ווער איז געווען גערעכט? איך מיין, אַז ביידע זיינען גערעכט און ביידע זיינען געווען אומגערעכט. לויט דעם גרויסן פילאָזאָף לייבניץ זיינען אַלע דאָקטרינעס גע־

רעכט אין זייער פאָזיטיוון טייל און אומגערעכט אין זייערע נעגירונגען. איך בין גאָרניט זיכער, אז דער כלל פון לייבניצן מוז שטענדיק זיין ריכטיק, אָבער אין דעם פאל מיט אונדזער שפּראַך־פראגע האָט ער זיך פולשטענדיק באשטעטיקט. עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז מיר זיינען געווען גערעכט בנוגע צו יידיש און „זיי" בנוגע העברעאיש; מיר זיינען געווען אומגערעכט בנוגע צו דער מעגלעכקייט פון אויפלעבונג פון העברעאיש, „זיי" בנוגע דער אנטוויקלונג און ראפינירונג פון יידיש. האָבן מיר אזוי אָט צוויי נאציאָנאלע שפּראכן: יידיש „דאָ" און העברעאיש, אָדער עברית „דאָרטן". אמת, די היטלערישע אויסראָטונגען האָבן געטראָפן גראד דעם טייל פון אונדזער פאָלק, וואָס זיין לשון איז געווען יידיש; אונדזערע מיליאָנען קדושים האָבן גערעדט יידיש. אָבער נאָך אלע אויסראָטונגען איז די צאָל פון די, וואָס רעדן יידיש, נאָך אָן ערך גרעסער ווי די וואָס זייער לעבעדיקער לשון איז עברית. און אז עס קומען זיך צוזאמען יידן פון פארשידענע לענדער אויף אַן אסיפה, אפילו אויף א ציוניסטישן קאָנגרעס, און זיי ווילן באמת זיך פארשטיין איינע די אנדערע, און אזוי ווי עס איז איצט פשוט ניט אָנשטענדיק צו רעדן „קאָנגרעס־דייטש" (וואָס איז באמת אויך פריער געווען די זעלביקע יידישע יענטע, נאָר דייטשמעריש פארשלייערט), מוזן זיי רעדן, און רעדן טאקע — יידיש. צי קען אָבער איצט יידיש פרעטענדירן צו זיין אונדזער איינציקע נאציאָנאלע שפּראך? לויט מיין מיינונג וואָלט דאָס געהייסן זיך פארבלענדן די אויגן אויף דעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען און וואָס עס קומט פאָר אין דער ווירקלעכקייט. אין פּאלעסטינע ווערט גערעדט בעיקר (הגם ניט אויסשליסלעך) עברית; דער יידישער ישוב אין ארץ־ישראל איז שטארק אויסגעוואקסן און האלט כסדר אין וואקסן; צוזאמען מיט דעם, ווי אין מזרח־אייראָפּע ווערט אויסגעשעפּט דער רעזערוואואר פאר איינוואנדערונג קיין פּאלעסטינע, וואקסט כסדר די פּראָפּאָרץ פון די עולים, וואָס קומען פון די נאָרד־אפריקאנישע און אזיאטישע לענדער, וואָס פאר זיי איז יידיש פרעמדער ווי טערקיש, און וואָס ווערן אין מדינת ישראל געוויס רעדן עברית. דאָס זיינען פאקטן און רעאלע טענדענצן, וואָס מען קען בשום אופן ניט זיך מאכן ניט־זעענדיק. געוויס, איז אויסערסט שעדלעך פארן קיום פון יידישן פאָלק און פארן פּאלעסטינער ישוב גופא, וואָס צווישן דעם דאָרטיקן ישוב און דעם גרויסן צעשפּרייטן יידישן פאָלק איז געשאפן געוואָרן א גייסטיקע מחיצה אין דער פאָרם פון א באזונדערער שפּראך. אָבער פארפאלן, דאָס איז איצט שוין אַן אָביעקטיווער פאקט, מיט וועלכן מיר מוזן זיך רעכענען. אויף וויפל מיר ווילן ניט אויסשטרייכן דעם פא־

לעסטינער ישוב פון יידישן פאָלק — און איך מיין, אז אזעלכע „ראַדיקאַלן" זיינען ביי אונדז ניט פאַראַן — מוזן מיר זיך רעכענען אויך מיט דער העברעאישער שפּראַך, וואָס הערשט אין ארץ־ישראל. „דאָ" און „דאָרטן" באַטייט פאַראייניגס אויך יידיש און העברעאיש. יידיש איז טאַקע אונדזער שפּראַך „דאָ"; מען דאַרף אָבער אין א געווויסער מאָס אויך לערנען העב־רעאיש, כדי ניט אינגאַנצן אָפּגעריסן צו ווערן פון דעם נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן לעבן „דאָרטן". העברעאיש איז טאַקע די הערשנדיקע שפּראַך „דאָרטן"; אָבער עס דאַרף דאָרטן געלערנט ווערן יידיש, און עס דאַרף געגעבן ווערן פרייע רעכט יידיש, כדי דער פּאַלעסטינער צווייג פון אונד־זער פאָלק זאָל ניט אָפּגעריסן ווערן פון זיין ברייטן יידישן שטאַם. די ביידע זאַכן זיינען נויטיק אויך, כדי, פון איין זייט, די יידישע שפּראַך, ליטעראַטור און קולטור זאָלן ניט אָפּגעריסן ווערן פון אונדזער קלאַסישער ליטעראַטור אין יידיש, וואָס איז אזוי רייך אין העברעאישע וואָקאַבלען, ווערטלעך, פּסוקים א. ד. גל., און פון דער אנדער זייט, די נייע פּאַלעס־טינער עברית גופא זאָל זיין אַן אמתער אויסדרוק פון אונדזער פאָלקס־פּסיכאָלאָגיע און ניט סתם א הילצערנע שפּראַך, אָן פאָלקסטימלעכן זאַפט, ווי א מין קינסטלעכע עספּעראַנטאָ.

נאָכן חורבן אין אייראָפּע האָבן זיך אין ארץ־ישראל באַוויזן געוויסע סימנים פון אביסל טאָלעראַנץ בנוגע יידיש. מען האָט באַשלאָסן צו גרינדן אין ירושלימער אוניווערסיטעט א קאַטעדרע פאַר יידיש. (מען האָט מיך גופא איינגעלאַדן אויף א לעקציע אין ירושלימער אוניווערסיטעט און דערלויבט זי צו האַלטן אין יידיש). עס האָבן אָנגעהויבן דערשיינען וועכנט־לעכע יידישע צייטונגען און דער דריי־מאָנאַטלעכער זשורנאַל „די גאָל־דענע קייט". אפשר איז דאָס דער רעזולטאַט פון פּיעטעט צו דעם אָנדענק פון די מיליאָנען קדושים, וואָס יידיש איז געווען זייער מאַמע־לשון; אפשר איז דאָס געשען גאָר צוליב דעם, ווייל מען האַלט, אז נאָך דער אויסראָטונג פון דעם מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום איז שוין יידיש מער ניט קיין סכנה פאַר העברעאיש, און אפשר פּשוט, ווייל די גוים, דערהויפּט אין אמעריקע, ניט נאָר טאָלערירן יידיש, נאָר האָבן אפילו אָנגעהויבן זי צו לערנען. יעדנפאַלס אָבער דערווייל האַלט עס נאָך בלויז ביי „סימנים"; צו אמתער טאָלעראַנץ, און אפילו נאָר צו איינפירן דעם לימוד פון יידיש אין די שולן — איז נאָך גאַנץ ווייט. בעת אין געוויסע אמעריקאַנער „גויי־שע" אוניווערסיטעטן עקזיסטירן באמת קאַטעדרעס פאַר יידיש, האַלט מען נאָך אין ירושלים בלויז ביים „באַשלוס". לויט דעם נומער „קיום" פון פעברואַר־מערץ 1949 דערשיינען אין מדינת ישראל 19 טאָגבלעטער, פון

זיי 15 אין העברעאיש, צוויי אין דייטש, איינס אין ענגליש און איינס אין אראביש. צוויי אין דייטש, איינס אין ענגליש, און קיין איינע ניט אין יידיש, איצט, ביי דער פארשטארקטער איינוואנדערונג פון די לאגערן, וואלט געוויס ניט געפעלט קיין לייענער אין יידיש; הייסט עס, מען דערלאזט דארטן ניט קיין טעגלעכע יידישע צייטונג. דער ציוניזם שטייט נאך אלץ אויפן שטאנדפונקט: נאר העברעאיש, עברית או גרמנית, עברית או אנגלית; אנטקעגן דעם מוזן מיר אקעגנשטעלן דעם לאזונג: יידיש און העברעאיש: יידיש, און אלס צוגאב העברעאיש — אין חוץ לארץ־ישראל; העברעאיש און יידיש — אין מדינת ישראל.

4. עס האט זיך זייער טיף געענדערט דער זאך־צושטאנד בנוגע דער סאציאלער באזע פון „בונד" און פון ציוניזם. היטלער האט אויסגעמארדעט דעם פילצאליקן יידישן פראלעטאריאט פון פוילן; און הגם אין דעם אומגעהויערן יידישן ארבעטער־קלאס פון צפון־אמעריקע לעבן טיפע סימפאטיעס צום „בונד", נאר צוליב די ספעציעלע אמעריקאנער באדינגונגען בלייבן ביז איצט דיברייטע יידישע ארבעטער־מאסן אין צפון־אמעריקע אויסער אונדזער באוועגונג; אין דעם רוב אנדערע לענדער איז ביי יידן דער קלאס געדונגענע ארבעטער בכלל קליין אין צאל. אין פארגלייך מיט אונדזער אמאל זיינען מיר אזוי ארום איצטער אן ארגאניזאציע פון יידישע הארעפאשניקעס און בלויז אין א פארהעלטנישמעסיק קליינער פראפארץ אן ארגאניזאציע פון פראלעטאריאט אין ענגן זין פוןווארט, אן ארגאניזאציע פון געדונגענע ארבעטער. פון דער אנדער זייט ווידער, צוזאמען מיט דער אנטוויקלונג פון דעם יידישן ישוב אין ארץ־ישראל, און אין זייער א גרויסער מאס אלס טרייבקראפט פון דער דאזיקער אנטוויקלונג, איז דארטן שטארק אויסגעוואקסן אויך א יידישער פראלעטאריאט, א קלאס פון געדונגענע ארבעטער און פון ארבעטער פריי פאראייניקט אין קיבוצים. די דאזיקע ארבעטער געהערן כמעט אלע צו דער ציוניסטישער באוועגונג. אזוי אז בנוגע דעם פראלעטארישן עלעמענט איז היינט צו טאג יענער תהום, וואס האט אמאל אפגעטיילט אונדזער סאציאלע באזע פון זייערער, כמעט אינגאנצן פארשוווגדן. דער אונטערשייד באשטייט איצט בלויז אין דעם, וואס די העכערע קלאסן זיינען ביי זיי א סך שטארקער פארגעשטעלט ווי ביי אונדז, אדער ריכטיקער געזאגט, מיר האבן זיי אינגאנצן ניט, בעת ביי זיי שפילן זיי א גאר וויכטיקע ראלע.

צוזאמען מיט דעם האט זיך טיף געענדערט אויך דער אמאליקער

פּ אָ ל י ט י ש ע ר און א י ד ע אָ ל אָ ג י ש ע ר תהום צווישן „בונד“ און ציוניזם. פאַר די יידישע האַרעפּאשניקעס, ווי פאַר די פּראָלע־טאַריער, איז פאַראַן איין תיקון, איין אויפריכטונג, איין אויסלייזונג אלס מענטשן, אלס אַרבעטער־מענטשן און אלס יידן, און דאָס איז אַ סאָציאַ־ליסטישע אָרדענונג, געבויט אויף פרייהייט און גלייכהייט; זיינען מיר טאַקע געבליבן סאָציאַל־דעמאָקראַטן. נאָר אפילו אין דעם פּרט דאַרף מען ניט פאַרגעסן, אז היינט, בעת די סאָציאַליסטן האָבן אין אַ גאַנצער רייע לענדער די פולע אָדער טיילווייזע פאַראַנטוואָרטלעכקייט ניט נאָר פאַר דער פּאָליטיק פון אַרבעטער־קלאַס, נאָר אויך פאַר דער רעגירונג פון זייערע מלוכות, איז דער באַגריף פון סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אַ רעכט ביסל אַן אַנדערער ווי מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק, בעת זיי האָבן אין ערגעץ ניט געהאַט קיין אָנטייל אין דער מלוכה־מאַכט און אין פאַרשידענע לענדער געווען אפילו פאַרפאָלגט; און אויך מיר האָבן די אַלגעמיינע עוואָלוציע פון סאָציאַליסטישן געדאַנק, ווילנדיק אָדער ניט, מיטגעמאַכט. נאָר דער עיקר איז דאָ, וואָס דער ציוניזם אין משך פון האַלבן יאָרהונדערט האָט זיך אידעאָלאָגיש און פּאָליטיש שטאַרק דיפערענצירט. ער האָט זיך צע־טיילט אויף פאַרשידענע פּאַרטייען, וואָס באַקעמפן זיך שטאַרק איינע די אַנדערע: ער האָט זיינע אַקטיווע פאַשיסטן און קאָמוניסטן און קאָמוניזירנ־דיקע; ער האָט זיינע קלעריקאַלן, קאַפּיטאַליסטישע „ליבעראַלן“ און קאָנ־סערוואַטאָרן, און ער האָט אויך זיינע סאָציאַליסטן. אויף די לעצטע ציוי־ניסטישע קאָנגרעסן האָבן גראַד די סאָציאַליסטן געשפּילט אַ פירנדיקע ראָלע, און ביי די ערשטע אַלגעמיינע וואַלן אין מדינת ישראל האָבן די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען (מפּא״י און מפּ״ם) באַקומען צוזאַמען אַ העלפט פון אַלע אָפּגעגעבענע שטימען.

איך ווייס, אז נאָך היינט, ווי בעת דער גרינדונג פון די פּראָלעטאַ־רישע פראַקציעס אין ציוניזם, באַציט מען זיך אין „בונד“ מיט גרויס ביטול צום סאָציאַליזם פון די ציוניסטישע סאָציאַליסטן. נאָך דעם גאַנצן קאַמף, וואָס מיר האָבן מיט זיי געפירט אין מינסק און אין ביאַליסטאָק, אין וואַרשע און אין לאָדזש, און נאָך די חטאים, וואָס זיי זיינען שפּע־טער באַגאַנגען און באַגייען נאָך איצט אין פּאַלעסטינע, איז פאַרשטענדלעך אַזאַ באַציאונג צו זייער סאָציאַליזם. אָבער פאַרשטענדלעך הייסט נאָך ניט באַרעכטיקט. לויט אַלע ידיעות, וואָס מיר פאַרמאָגן און לויט די איינדרוקן פון מיין אייגענעם קורצן באַזוך אין ארץ־ישראל, איז ביי מיר קיין ספק ניטאָ, אז אין דער אינערלעך־פּאָליטישער, סינדיקאַלער און קאָאָפּעראַטיווער טעטיקייט פון דער הסתדרות איז פאַראַן געוויס ניט ווייניקער סאָציאַליזם,

סאָציאַליסטישער גלויבן, סאָציאַליסטישע אויפטוען און סאָציאַליסטישער דראַנג, ווי, למשל, אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג פון האָלאַנד אָדער בעלגיע, פון פראַנקרייך אָדער שווייץ — כדי ניט צו פאַרגלייכן מיט די געאָגראַפיש צו אונדז נענטערע באַוועגונגען, אמאָל פון פּ. פּ. ס. אין פּוילן, מיט וועלכער מיר זיינען פונדעסטוועגן, און מיט רעכט, געשטאַנען אין פאַרבינדונג, און איצט מיט דער סאָציאַליסטישער „באַוועגונג" אין אַמע־ריקע, מיט וועלכער מיר זיינען אויך אַזוי אָדער אַנדערש פאַרבונדן. יעדנ־פאַלס קען שוין מער קיין רייד ניט זיין, אַז דעם סאָציאַליסטישן און רע־וואָלוציאָנערן „בונד" זאָל איצט נאָך אַנטקעגנשטיין דער ציוניזם ווי „איין איינהייטלעכע רעאַקציאָנערע מאַסע". און אוודאי און אוודאי קען נאָך אַלעם דעם, וואָס איז געשען די לעצטע צייט, קיינעם אין זינען מער ניט אַרויפקומען איצטער נאָך צו באַטראַכטן דעם ציוניזם ווי אַן אויסדרוק פון געטאָ־פּסיכאָלאָגיע, פון אונטערטעניקייט, פון בויגן זיך פאַר יעדן „בלאַנקן קנעפּל".

דאָס אַלץ הייסט נאַטירלעך ניט, אַז מיר דאַרפן ניט באַקעמפן די זינד, וואָס דער ציוניזם און ספּעציעל זיין סאָציאַליסטישער סעקטאָר באַ־גייט לויט אונדזער איבערצייגונג קעגן אונדזער פאָלק און קעגן סאָציאַ־ליזם, אָדער ניט אויפדעקן דעם מקור, פון וואַנען די זינד שטאַמען. דער עיקר מקור איז אַלץ דער זעלביקער. אויף וויפל דער ציוניזם און אפילו דער ציוניסטישער סאָציאַליזם שטייט אויפן שטאַנדפּונקט פון נאָר ארץ־ישראל, ווערט ער כסדר געשטופּט און וועט אויך ווייטער געשטופּט ווערן אויפן וועג פון מיליטאַריזם און עקספּאַנסיע כלפּי חוץ, פון נאַציאָנאַליזם און שאָוויניזם בנוגע צו דער אַראַבישער באַפעלקערונג אין מדינת ישראל, פון מקריב זיין די וויכטיקסטע אינטערעסן פון יידישן פאָלק אין חוץ־לארץ, פון צוימען און לאָמען די יידישע שפּראַך אין ארץ־ישראל און בכל תפוצות ישראל א. א. וו. שטייט מען אָבער אויפן שטאַנדפּונקט, אַז מען מוז ניט ווייניקער אין זינען האָבן די אינטערעסן פון צעשפּרייטן יידישן פאָלק, קענען דעמאָלט ניט נאָר ניט באַגאַנגען ווערן קיין עוולות — די־רעקטע אָדער אומדירעקטע — קעגן דער יידישער באַפעלקערונג אין „גלות", נאָר מען קען דעמאָלט אויך ניט אַוועקגיין אויף נאַציאָנאַליסטישע און שאָוויניסטישע דרכים ביי זיך אין לאַנד אָדער בנוגע צו די נאָענטסטע שכנים, מחמת אַזעלכע דרכים זיינען א טויט־געפאַר פאַר דעם צעשפּרייטן יידישן פאָלק, וואָס איז ווי א קליינע מינדערהייט, אומעטום אויסגע־שטעלט אויף פאַרשידענע רדיפות מצד דער אַרומיקער באַפעלקערונג, ווען מען זאָל נעמען גיין אויף נאַציאָנאַליסטישע וועגן.

דער אמאַליקער פּוילישער פרײדענקער און שפּעטערדיקער „פּראַגרע־סיווער אנטיסעמיט״, אנדזשעי ניעמאָיעווסקי, האָט אמאָל געזאָגט: יידן זיינען ניט קיין נאציע, נאָר אן אינטער־נאציע; די אינטערנאציאָנאלע באַוועגונגען זיינען דעריבער אין אמתן יידישע באוועגונגען. נעמט מען פון דער דאָזיקער פראזע אוועק דעם אנטיסעמיטישן ריח, מיט וועלכן זי איז דורכגעדרונגען, געפינט מען אין איר א קערן פון אמת: דאָס צעשפּרייטע יידישע פאָלק מוז זיין אינטערנאציאָנאליסטיש. און ווי לאנג מיר קירעווען זיך מיטן פּרינציפּ „דאָ און דאָרטן״, זיינען מיר פּאַרהיט קעגן אינערלעכן נאציאָנאליזם.

## 4. — אונדזער שטעלונג צו מדינת ישראל

פון דעם, וואָס איז אויבן געזאָגט געוואָרן, איז שוין קלאָר, וואָס פאַר א שטעלונג מיר דאַרפן פאַרנעמען צום פ א ק ט מדינת ישראל. אז מדינת ישראל איז היינט שוין טאַקע א פאַקט, לייקנט נאַטירלעך מער קיינער ניט. עס זיינען אָבער נאָך פאַראַן ניט וויניק חברים, וואָס זיינען געבליבן אנטשלאָסענע קעגנער פון אָט דער יידישער מלוכה, ניט פון דער אָדער יענער פּאָליטיק פון מדינת ישראל, נאָר קעגנער פון דער מדינת ישראל גופא. ווייל איך דעריבער מיט די דאָזיקע חברים חבריש זיך דורכשמועסן און קודם כל זיי א פרעג טאָן א קשיא:

— מה נשתנה המדינה הזאת מכל המדינות? מיט וואָס איז מדינת ישראל ערגער פון אלע אנדערע מלוכות? מיר זיינען דאָך ניט קיין אנאַרכיסטן; מיר זיינען דאָך ניט סתם קעגנער פון מלוכות בכלל. ניט פאַרמאַכנדיק די אויגן אויף די נעגאַטיווע זייטן פון דער מלוכה אין דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג, אָנערקענען מיר פונדעסטוועגן איר וויכטיקן רעלאַטיוון ווערט פאַר דער באַפרייאונג פון ארבעטער־קלאַס און פאַר דער מענטשלעכער ציוויליזאַציע בכלל. טאָ פאַרוואָס אזא אויסנאַם פאַר מדינת ישראל? צי איז, למשל, פּוילן צווישןביידע וועלט־מלחמות געווען דעמאָקראַטישער, אינטערנאַציאָנאַליסטישער, סאָציאַליסטישער אָדער אפשר יידן־פריינטלעכער ווי מדינת ישראל? און פונדעסטוועגן האָבן מיר געקעמפט בלויז קעגן דער פּאָליטיק פון דער פּוילישער מלוכה, קעגן דער אָדער יענער רעגירונג אירער, אָבער קיין קעגנער פון דער פּוילישער מלוכה זיינען מיר בשום אופן ניט געווען. פאַרוואָס־זשע זאָלן מיר זיין קעגנער פון מדינת ישראל?

אויף אָט־דער קשיא לאָזן זיך הערן גאַנצע פינף תירוצים:

1. אין מדינת ישראל פאַרפאָלגט מען יידיש.

2. מדינת ישראל איז געשאפן דורך מלחמה און אזוי ארום געבויט אויף שאָוויניזם און מיליטאריזם.

3. מדינת ישראל איז געבויט אויף א ווולקאן.

4. מדינת ישראל שאפט די אויסערסט שעדלעכע אילוזיע, אז דער־מיט ווערט בכלל געלייזט די פראגע פון אונדזער נאציאָנאלן קיום, אָפּ־ציענדיק אונדזערע באשרענקטע נאציאָנאלע כוחות פון דעם נויטיקן קאמף בכל תפוצות ישראל.

5. יידן זיינען ניט קיין פאָלק ווי אלע פעלקער.

לאָמיר זיך אָפּשטעלן אויף יעדן תירוץ באזונדער.

תירוץ נומער 1: די טענה בנוגע דער פארפאָלגונג פון יידיש איז טאקע א גערעכטע. די רעכטלאָזיקייט און אקטיווע אונטערדריקונג פון יידיש איז בפירוש אנטי־דעמאָקראטיש און, ווי איך האָב עס שוין אויבן געזאָגט, דורכאויס שעדלעך ווי פארן צעשפרייטן יידישן פאָלק, אזוי אויך פארן פאלעסטינער ישוב. דארפן מיר טאקע קעמפן קעגן אזא פּאָליטיק פון דער ישראל־רעגירונג און אנדערע מאכטהאָבער פון ישוב און קעמפן ווי אין מדינת ישראל גופא אזוי אויך אין חוץ־לארץ (נישקשה, די פּאָליטיק אין מדינת ישראל מוז זיך נאָך שטארק רעכענען מיט דער שטים פון אזוי־גערופענעם גלות). דאָס איז אָבער א פראגע פון אזא אָדער אן אנדער פּאָליטיק אין מדינת ישראל, אָבער בשום אופן ניט פון עצם גופא פון מדינת ישראל.

תירוץ נומער 2: אוודאי איז שלעכט, וואָס דער ציוניזם האָט די פאלעסטינער פראגע געלייזט (אויף וויפל זי איז טאקע געלייזט) אויף א וועג, וואָס האָט געמוזט פירן צו מלחמה מיט די אראבער. דערפאר טאקע, נעמענדיק אין באטראכט די אינטערעסן פון פאלעסטינער ישוב אזוי אויך די אינטערעסן פון דער יידישער באפעלקערונג אויסער פאלעס־טינע און ראשית טאקע די אראבישע לענדער, און האָבנדיק אין זינען ניט נאָר דעם איצטיקן מאָמענט נאָר אויך די ווייטערדיקע צוקונפט, האָט אונד־זער עקזעקוטיוו אין בריסעל און גענויער נאָך דער צווייטער וועלט־קאָנפע־רענץ אונדזערער פאָרמולירט, ווי מיר וואָלטן געוואָלט די פראגע זאָל גע־לייזט ווערן. דער „בונד" וואָלט געוואָלט, זי זאָל ווערן געלייזט אויפן וועג פון א פרידלעכער פארשטענדיקונג פון ביידע פאלעסטינער פעלקער־שאפטן אויפן גרונט פון א „בשותפותדיקער יידיש־אראבישער מלוכה, גע־בויט אויף די פרינציפּן פון דעמאָקראטישן פעדעראליזם". דערמיט האָבן מיר פון זיך אראָפּגעוואָרפן די פאראנטוואָרטלעכקייט פאר דער מלחמה

און אַלע אירע נאָענטע און ווייטע קאָנסעקווענצן. ידינו לא שפכו את הדם הזה. האָט מען אונדז אָבער ניט געהערט, דאָס בלוט איז פאַרגאָסן געוואָרן, מדינת ישראל איז געשאַפן געוואָרן אַזוי ווי זי איז; באַדייטנדיקע טיילן פון יידישן פאָלק זיינען באַרוישט פון נצחון; פינף ביז זיבן הונדערט טויזנט אַראַבישע פּליטים, אַרויסגעטריבענע אָדער סתם אַנטלאָפענע פון זייערע שטעט און דערפער, וואַלגערן זיך אין די געגנטן אַרום מדינת ישראל, און זייער אַנוועזנהייט גופא אין די אַראַבישע לענדער רופט ניט אַרויס קיין ליבשאַפט צו יידן און צו דער יידישער מדינה. איז וואָס, דערפאַר וואָס מיר זיינען דערין ניט שולדיק, דאַרפן מיר זאָגן, אַז עס איז ניט אונדזער באַוועס דאגה, מיט וועלכע דרכים עס וועט ווייטער גיין מדינת ישראל, און וואָס עס וועט שפּעטער געשען מיט דעם גרויסן דאָרטיקן יידישן ישוב? איז ניט, פאַרקערט, אונדזער דירעקטער חוב, אַ חוב פון אמתדיקע אינטער־נאַציאָנאַליסטן, און אַ חוב פון יידן, וואָס האָבן אין אויג די אינטערעסן פון די יידישע ישובים סיי דאָרטן און סיי דאָ, צו קעמפן דערפאַר, אַז די עוולות, וואָס זיינען פון פאַרשידענע זייטן באַגאַנגען געוואָרן אין היץ פון דער מלחמה, זאָלן ווי ווייט מעגלעך צורעכט געמאַכט ווערן, אַז די נאַ־ציאָנאַליסטישע ליידנשאַפטן זאָלן זיך באַרואיקן און אַז צווישן מדינת ישראל פון איין זייט און דער אַראַבישער באַפעלקערונג אין לאַנד און די אַרומיקע אַראַבישע מלוכות, פון דער אַנדערער, זאָלן איינגעשטעלט ווערן פרידלעכע און פריינטלעכע באַציאונגען, געבויטע אויף קעגנזייטיקער פאַר־שטענדעניש? און אַחוץ דעם, ס'איז טאַקע ריכטיק, אַז אַלס יידישע סאָ־ציאַליסטן און אינטערנאַציאָנאַליסטן האָבן מיר געדאַרפט קעמפן דערפאַר, אַז אַ יידישער ישוב זאָל זיין מלוכה־לעבן לכתחילה בויען אויף שלום און פאַרשטענדיקונג מיט די נאָענטסטע שכנים, און אַ יידישע מלוכה זאָל ניט, ווי כמעט אַלע ביז־איצטיקע מלוכות, געגרינדעט ווערן אין מלחמה און דורך מלחמה. נו, און אַז ניט די ציוניסטן און ניט די אַראַבער האָבן ניט געוואָלט גיין מיט אונדזער וועג, און מדינת ישראל איז געבויט געוואָרן, ווי כמעט אַלע ביז־איצטיקע מלוכות, אויף מלחמה און בלוט, איז פאַרוואָס זאָל די באַציאונג אונדזערע צו מדינת ישראל זיין אַן אַנדערע, ווי די באַ־ציאונג פון סאָציאַליסטן בכלל צו אַלע אַנדערע מלוכות? מה נשתנה?

ת י ר ו ץ נ ו מ ע ר 3: אַז מדינת ישראל איז געבויט אויף אַ וו ו ל ק אַ ן, איז ביי מיר קיין שום ספק ניט. מיר דאַרף מען עס געוויס ניט דערציילן. נאָר וועלכע מדינה שטייט איצט ניט אויף אַ ווולקאַן? די גאַנצע פּלאַנעט איז איצט איין ווולקאַן. די גרעסטע מלוכות שטייען אויף אַ ווולקאַן דערפאַר טאַקע, וואָס זיי זיינען די גרעסטע; די גרויסע,

אָבער ניט גרעסטע, מלוכות שטייען אויף א ווולקאַן, ווייל זיי זיינען גרויסע מלוכות און דאָך ניט די גרעסטע; פונקט ווי די קליינע פישעלעך אין וואסער, וואָס קענען יעדע רגע איינגעשלונגען ווערן דורך די „קאַרפּן־קעפּ", שטייען די קליינע מלוכהלעך אויף א ווולקאַן גראַד דערפאַר, ווייל זיי זיינען קליינע. האָט א מלוכה נאַפט, און איצט אויך אוראַניום און נאָך אזעלכע גוטע זאכן, שטייט זי אויף א ווולקאַן, ווייל זי פאַרמאָגט עס; פאַר־מאָגט זי אזעלכע קאַמפּס־מיטלען ניט, שטייט זי אויף א ווולקאַן טאַקע, ווייל זי פאַרמאָגט עס ניט. און ווו געפינען זיך יידן ניט אויף דעם שרעק־לעכסטן ווולקאַן, אויב עס זאָל טאַקע אויסברעכן א נייע וועלט־מלחמה? וועט מען אין מערב ניט זען אין די יידן קיין סימפּאַטיקער פון ראַטן־פאַר־באַנד? און ראַטן־פאַרבאַנד וועט דען ניט זען אין די יידן קיין לייבלעכע שוועסטער־קינדער פון ניו־יאָרקער יידישע באַנקירן? אין פאַל פון א מפּלה פון ראַטן־פאַרבאַנד, וואָס וואָלט זיין דער גורל פון דער יידישער באַפעל־קערונג אין רוסלאַנד, אין פּוילן, אין רומעניע און אונגאַרן? וואָס וואָלט געוואָרן פון אַמעריקאַנער יידישן ישוב אין פאַל פון א מפּלה פון די מערב־לענדער? א. א. וו. ווי אין דער לעצטער מלחמה, אזוי אויך אין א צוקונפ־טיקער, ווער עס זאָל ניט געווינען דעם קריג, מיר וועלן אים אָבער געוויס פאַרלירן. שטייען מיר דאָך אומעטום אויף א ווולקאַן. אמת, דער פּאַלעס־טינער ווולקאַן קען גיכער און עפטער אָנהויבן שפּייען מיט פייער ווי אַנ־דערע; והא ראיה, אָט האָט ער דאָך טאַקע אויסגעבראָכן אויך אָן א וועלט־מלחמה. איז פון דעם געדרונגען בלויז איין זאַך: מיר טאָרן אונדזער גאַנצן נאַציאָנאַלן קיום ניט פאַרבינדן בלויז מיט איין אָרט, און געוויס ניט נאָר מיט פּאַלעסטינע אליין. איז דערפון געדרונגען, הייסט עס ווידער, אז מיר דאַרפן אַרויסטרעטן קעגן דער ציוניסטישער פּאָליטיק פון קאָנצענטרירן אלע אונדזערע כוחות דאָרטן, אז מיר דאַרפן שטענדיק פאַרטיידיקן אויך אונדזער קיום דאָ, אומעטום ווו עס לעבן יידישע פאָלקס־מאַסן; אָבער נאָכ־דעם ווי עס איז אויסגעוואַקסן דער גרויסער יידישער קיבוץ „דאָרטן", און ווי עס איז אויפגעשטאַנען דאָרטן מדינת ישראל טאָרן מיר בשום אופן ניט גרינגשעצן זיי און אוודאי און אוודאי ניט אַרויסטרעטן ק ע ג ן זיי. איך זאָג זיי — דעם קיבוץ און דער מדינה — און ניט בלויז אים, דעם קיבוץ אליין, מחמת עס איז דאָך קלאָר, אז א י צ ט, נאָכדעם ווי די מדינה איז שוין געשאַפן געוואָרן, איז דאָך דער גורל פונעם דאָרטיקן קיבוץ לחלוטין פאַרבונדן מיטן גורל פון דער מדינה.

ת י ר ו ץ נ ו מ ע ר 4: די אילוזיע, אז מדינת ישראל אליין פאַרזיכערט שוין אונדזער נאַציאָנאַלן קיום, איז באמת אויסערסט געפער־

לעך פאַר אונדז; דערביי איז זי זייער פאַרשפּרייט ביי יידן. ווי שוין איבן געזאָגט, איז אמת אויך, אַז פון אומעטום ווו עס לעבן יידן, שטראָמען איצט מאַטעריעלע און גייסטיקע כוחות, געלט און מארך און האַרץ, קיין מדינת ישראל, און ס'ווערן אומעטום אָפּגעשוואַכט אונדזערע אזוי אויך שרעקלעך פאַרקלענערטע נאַציאָנאַלע קרעפטן אין איצטיקן גורלדיקן מאָמענט פון אונדזער וועלט־געשיכטע; און אזוי ווי די הצטרכותן פון מדינת ישראל אין קאַפּיטאַלן און שעפערישע כוחות וועלן אַ לענגערע צייט נאָך דער מלחמה ווערן ניט קלענער, נאָר אַ סך גרעסער, איז ממילא פאַראַן אַ געפאַר, אַז דאָס דאָזיקע אויסשעפּן דעם גלות וועט אין דער נאָענטער צוקונפט ווערן נאָך שטאַרקער. דאָס אַלץ איז אמת; פון דעם איז אָבער ווידער און ווידער אַמאָל געדרונגען ניט דאָס, אַז אין איצטיקן באמת גורלדיקן מאָמענט פון אונדזער נאַציאָנאַלן קיום זאָלן מיר מעגן מוותר זיין אויף אַזאַ וויכטיקער פּאָזיציע אין קאַמף פאַרן קיום פון אַ פאָלק ווי אַן אייגענע מלוכה, ווי קליין און אויסגעשטעלט אויף געפאַרן זי זאָל ניט זיין, — נאָר דאָס, אַז דער ציוניסטישער אילוזיע פון נאָר דאָרטן, דאַרפן מיר אַנטקעגנשטעלן די רעאַלע וויכטיקייט און רעאַלע באַדערפענישן פון דאָ און דאָרטן. מיר מוזן אין די מוחות און הערצער פון אונדזער פאָלק אריינברענגען דעם פעסטן באַוווסטזיין, אַז סיי דאָ סיי דאָרטן לעבן מיר איצט איבער טאַקע אַ גורלדיקן מאָמענט פון אונדזער געשיכטע, אַז ניט דעם „דאָ" און ניט דעם „דאָרטן" טאָרן מיר בשום אופן ניט מקריב זיין איינעם פאַר דעם אַנדערן, און אַז מיר מוזן אָנשטרענגען אַלע אונדזערע כוחות צו פאַרטיידיקן אונדזער קיום אי דאָ אי דאָרטן און אַז סוף־כל־סוף, אָן דעם „דאָ" וועט אויך דער „דאָרטיקער" פּראָנט אָנווערן זיין באַזע און אַז אָן דעם „דאָרטן" וועלן מיר אָנווערן אַ וויכטיקן שטיץ־פּונקט פאַר אונדזער קיום „דאָ".

**ת י ר ו ץ נ ו מ ע ר 5**: מדינת ישראל איז טאַקע אַ מדינה ווי אַלע מדינות, אָבער מיר זיינען ניט קיין פאָלק ווי אַלע פעלקער: בעת אַלע פעלקער זיינען אין זייער מדינה, זיינען מיר אַ פאָלק, אַ צעשפּרייטס. — אויך דאָס איז ריכטיק. און דעריבער טאַקע, אזוי לאַנג ווי אַלע באַדייטנדיקע יידישע ישובים זיינען געווען „דאָ", אויסער פּאַלעסטינע, און אין פּאַלעסטינע גופא איז כמעט קיין יידישער ישוב ניט געווען, האָבן מיר זיך אָריענטירט אויף דאָ און נאָר דאָ. איצט אָבער, בשעת די גרויסע מזרח־אייראָפּעאישע ישובים זיינען אין דער קאַטאַסטראָפע אומגעקומען, און אין מדינת ישראל איז אויסגעוואַקסן אַ גרויסער יידישער ישוב — פאַר אונדז דער צווייט־גרעסטער, ראַטן־פאַרבאַנד געפינט זיך דאָך אויסער אונדזער טע־

טיקייט־ספערע — מוזן מיר ווידער און ווידער אמאָל זיך רעכענען מיט דעם פאקט, וואָס אויך אין מדינת ישראל איז פאראן אונדזער פאָלק, וואָס אויך „דאָרטן" זיינען מיר דאָ.

איך בין איבערצייגט, אז אונדזערע חברים פארשטייען דאָס אליין אויסגעצייכנט, וואָרעם עס איז גאָר ניט אזוי שווער דאָס צו פארשטיין. די אמתע סיבות פון זייער קעגנערישער האלטונג צום פאקט מדינת ישראל צי זיי גיבן זיך דערין אָפּ א חשבון אָדער ניט — זיינען, לויט מיין מיינונג, גאָר פון אן אנדער קאטעגאָריע. דאָס זיינען סיבות בעיקר פסי־כאָלאָגישע:

דער אמתער אונטערשייד צווישן מדינת ישראל און כל המדינות איז אן אונטערשייד אין צייט. מדינת ישראל עקזיסטירט בלויז איבער א יאָר צייט. לעבט מען נאָך מיט פסיכאָלאָגישע קאטעגאָריעס פון יאָרן צוריק, בעת אזא מדינה איז נאָך אויף דער וועלט ניט געווען. עס וועלן אָבער אריבערגיין העכסטנס א פאָר יאָר, וועט מען זיך צום פאקט מדינת ישראל צוגעווינען, ווי צום פאקט פון עקזיסטענץ פון אנדערע מדינות, און מענ־טשן, וואָס זעען ניט, אָדער ווילן ניט זען, אָדער וואָס ווילן קעמפן קעגן דעם פאקט מדינת ישראל, וועלן ממילא פארשווינדן. ווער קען מסופק זיין, אז דאָס איז נאָר א פראגע פון צייט? פון דער אנדערער זייט ווידער קען מען זיכער זיין, אז עס וועלן דורכגיין יאָרן, און אפשר גאָר ניט קיין סך יאָרן, וועלן די ברייטסטע יידישע קרייזן, וואָס זיינען איצט כחולמים, ווי פארצויבערטע דורך דעם פאקט מדינת ישראל, דערזען באשיימפערלעך, אז מיט דער יידישער מלוכהלע אין א טייל מערב־ ארץ־ישראל איז פאר די צען־צוועלף מיליאָן יידן אין דער וועלט נאָך ניט געקומען די ישועה, און זיי וועלן אויך אָנהויבן באגרייפן, אז, אחוץ דעם דאָרטן, מוז מען נאָך אויך זאָרגן און קעמפן פארן „דאָ". מיר וועלן דעמאָלט ניט זיין מער איזאָלירט אין דער יידישער גאס; און ארום אונדז, אויב מיר וועלן שוין איצט אָנט־שלאָסן זיך שטעלן אויף אָט דעם וועג, אָדער אָן אונדז, אויב מיר וועלן עס ניט טאָן, וועלן אויפן שטאנדפונקט „דאָ און דאָרטן" דעמאָלט שטיין אלע שעפערישע כוחות אין יידישן פאָלק.

ס'איז פאראן נאָך אן אנדערע, אפשר די וויכטיקסטע, פסיכאָלאָגישע סיבה פון דער ביטולדיקער אָדער קעגנערישער באציאונג צו דער עקזיס־טירנדיקער מדינת ישראל. דאָס איז דער פאקט, וואָס די דאָזיקע מדינה איז געשאפן געוואָרן דורך אונדזערע פאָליטישע ק ע ג נ ע ר און קעגן אונדזערע פאָליטישע פראָגנאָזן, לויט וועלכע אזא מלוכה האָט געזאָלט זיין א פולשטענדיקע א ו ט אָ פּ י ע. אמת, די דאָזיקע אוטאָפּיע איז

געוואָרן א ווירקלעכקייט א דאנק א רייע אויסערגעוויינלעכע היסטאָרישע געשעענישן, וואָס ניט מיר, ניט זיי האָבן ניט פאָראויסגעזען; אָבער א פאקט בלייבט א פאקט, אז געשאפן די יידישע מלוכה האָבן זיי, ניט מיר; איז דעריבער פארשטענדלעך, וואָס עס באקומט זיך ביי געטרייע פארטיי־חברים א חשק צו מאכן צו נישט די מלוכה (פארשטייט זיך, בלויז אין ווערטער) אָבער דורך דעם, וואָס דער שטרויס באהאלט זיין קאָפּ אונטער זיינע אייגענע פעדערן, ראטעוועט ער זיך בשום אופן ניט פון דעם יעגער; און דאָס לעבן ענדערט זיך בשום אופן ניט לטובת אונדז דורכדעם, וואָס מיר פארמאכן די אויגן און ווילן עס ניט אָנקוקן.

איך מיין, אז צו דער דערמאָנטער פסיכאָלאָגישער סיבה קומט צו נאָך עפּעס: דער בלוטיקער מבול פון דער היטלער־קאטאסטראָפע האָט אוועקגעריסן דעם מעכטיקסטן יסוד און דעם גרעסטן טייל פון אונדזער היסטאָרישן בנין, בעת „זיי" איז גראד געלונגען צו פארווירקלעכן זייער אידעאל. פילן זיך געוויסע אונדזערע חברים אונדזערע ווי פאָליטישע יורדים לגבי דעם ציוניזם, וואָס איז געוואָרן אן עולה לגדולה. עס שאפט זיך דעריבער ביי זיי א מין מינדערווערטיקייט־קאָמפּלעקס, און אָט דאָס געפיל שטופּט זיי צו ניט־בארעכטיקטע אויספירן. צי איז אָבער אונדזער גאנצער בנין חרוב און זייער אידעאל פארווירקלעכט?

צי האָט דען ניט אומעטום דער נצחון פון די דעמאָקראטישע כוחות געבראכט מיט זיך אויך די בירגערלעכע און פּאָליטישע עמאנציפּאציע פון דער יידישער באפעלקערונג? צי האָט זיך טאקע ארויסגעוויזן, אז דער „גלות", די צעשפּרייטקייט, מוזן פירן אונדזער פאָלק צו דעגענעראציע און אונטערגאנג? צי האָט די געשיכטע פון לעצטן יאָרהונדערט, לויט מיין מיינונג, דער גרעסטער יאָרהונדערט אין אונדזער טויזנטער־יאָריקער גע־שיכטע, פארקערט ניט דערוויזן, וואָס פאר אן אומגעהויערע שעפערישקייט אונדזער פאָלק אין „גלות" קען אנטוויקלען ביי א מינימום פון פרייהייט און דעמאָקראטיע? אפילו ארץ־ישראל איז דאָך אויך געבויט געוואָרן דורכן „גלות", דורך די מענער, אויפגעהאָדעוועטע אין גלות און דורך די מאטע־ריעלע מיטלען געשאפענע אין גלות. און אויב דאָס יידישע פאָלק, ניט געקוקט אויף דער שרעקלעכסטער קאטאסטראָפע אין אייראָפּע, איז אין אונדזערע טעג ניצול געוואָרן פון פיזישן אונטערגאנג, איז דאָס דען ניט א דאנק דער צעשפּרייטקייט זיינער, א דאנק דעם וואָס מיליאָנען יידן האָבן זיך שוין פריער אריבערגעקליבן אויף יענער זייט אָקעאַן? און צי איז די קליינטשינקע מדינת־ישראל אוועלכע ניט איז גאראנטיע קעגן קאטאסטראָ־פעס, ווי די היטלעריסטישע? און צי איז פאראן אן אנדער גאראנטיע פאר

דער פיזישער עקזיסטענץ פון אונדזער פאָלק ווי דאָס איז — די וועלט זאָל זיין געבויט אויף יסודות פון דעמאָקראַטיע און סאָציאַלן יושר? און צי איז שוין טאַקע פאַרווירקלעכט געוואָרן דער ציוניסטישער אידעאַל פון קיבוץ־גלויות? צי וועט דער וויכטיקער אָבער קליינער טייל פון אונדזער פאָלק, וואָס איז קאָנצענטרירט אין מדינת ישראל, ניט דאַרפן ווייטער פירן א הארטן, כסדרדיקן קאַמף פאַר זיין קיום?

אמת איז, אז עס איז אויפגעשטאַנען העברעאיש, און עס האָט זיך וווּנדערבאַר אַנטוויקלט יידיש. עס איז אויפגעשטאַנען מדינת ישראל, און עס איז פון די מיטלאַלטערישע קייטן באַפרייט געוואָרן דאָס יידישע פאָלק אין גלות, נאָך אלע אויסראָטונגען זיך פאַרדרייפאַכט אין צאָל און אויסגע־וואַקסן עקאָנאָמיש, פּאָליטיש און אין גייסטיקער שעפערישקייט. מיר זיינען פאַראומגליקטע, אוודאי, אָבער בשום אופן ניט קיין באַזיגטע. סיי „דאָ", סיי „דאָרטן" קומט אונדז אויס, צוזאַמען מיט אונדזער פאָלק, צו פירן ווייטער א הארטנעקיקן, שווערן, אָבער בשום אופן ניט קיין האָפענונגסלאָזן קאַמף פאַר דער הערשאַפט פון פרייהייט און סאָציאַלן יושר אויף דער וועלט און פאַרן קיום פון אונדזער פאָלק אין א וועלט פון פרייהייט און סאָציאַלן יושר. אונדזער דערפאָלג דאָ דאַרף פאַרפעסטיקן די לאַגע דאָרטן, און די דערפאָלגן דאָרטן דאַרפן שטיצן אויך אונדזער קאַמף דאָ.

מיר זיינען דעריבער ניט, און טאָרן בשום אופן ניט זיין, קיין שונא־אים פון מדינת ישראל; מיר זיינען פאַראינטערעסירט, אז די מדינה זאָל האָבן וואָס פעסטערע יסודות, זאָל זיין וואָס גליקלעכער, וואָס פרייער, וואָס יושרדיקער, וואָס סאָציאַליסטישער. פירנדיק בעיקר דעם קאַמף דאָ, דאַרפן מיר אין דער יידישער מדינה זען א פאַרבינדעטן, וואָס מיר דאַרפן קריטיקירן, אָבער קריטיקירן ווי פריינט. אונדזערע חברים דאָרטן און מיר דאָ דאַרפן זיין ניט קיין קעגנער, נאָר א ל אָ י א ל ע „אָ פּ אָ ז י ־צ י ע פ ו ן א י ר מ א י ע ס ט ע ט" מ ד י נ ת י ש ר א ל.

## 5. — דער תמצית

וואָס איז „פון דער לאַנגער רעדע דער קורצער זין", ווי געטע האָט אמאָל געזאָגט?

אין וואָס באַשטייט דער עיקרדיקער אונטערשייד צווישן אונדז און די ציוניסטן?

ביי זיי איז דער עיקר כל העיקרים דאָס ל א נ ד, דאָס איז

ז יי ע ר פּאַטאָס, זייער ליבע. אחד העם האָט עס געזאָגט וועגן פּאָליטישן ציוניזם שוין מיט א האַלבן יאָרהונדערט צוריק.

ביי אונדז איז דער עיקר כל העיקרים דאָס פ אָ ל ק; דאָס איז א ו נ ד ז ע ר פּאַטאָס, אונדזער ליבע.

ביי זיי איז דער עיקר ארץ־ישראל; ביי אונדז — דאָס פאָלק ישראל. דעריבער האָבן זיי אין זינען נאָר דאָרטן, און פאַרן יידישן פאָלק דאָ האָבן זיי אַן אינטערעס בלויז אויף אַזוי פיל, אויף וויפל דאָס קען אויפריכטן דאָס לאַנד דאָרטן. אפילו די גאולה ביי זיי איז בעצם אויך די גאולת הארץ. דעריבער איז פאַר זיי אויך יידיש, די שפּראַך פון יידישן פאָלק דאָ, אין גרונט א נעגאַטיווע דערשיינונג, וואָס מ׳דאַרף בעצם באַקעמפן. ד אָ ר ט ן א ו ן נ אָ ר ד אָ ר ט ן.

ביי אונדז איז אַלץ פאַרבונדן מיט אונדזער פאָלק. ז יי ן שפּראַך איז אונדזער שפּראַך. ז יי ן ווירקלעך לאַנד איז אונדזער לאַנד, פּונקט ווי ז יי ן חורבן איז אונדזער חורבן. ווי לאַנג דאָס יידישע פאָלק איז געווען בעיקר נאָר ד אָ, איז פאַר אונדז אַלץ געווען דאָ. אַזוי ווי דאָס יידישע פאָלק איז איצט אויך דאָרטן, דאַרף אונדזער לאָזונג זיין ד אָ א ו ן ד אָ ר ט ן.

„אונדזער צייט״, אויגוסט־אָקטאָבער 1949.

# מדינת ישראל און תפוצות ישראל

## שטאנדפּונקט פון קיום האומה

אויף דער אַנגעוויזענער טעמע איז מיר שוין אויסגעקומען ניט איינ־מאָל צו רעדן און צו שרייבן. איך האָב געשריבן וועגן דעם אין „אונדזער צייט" און אין „צוקונפט", איך האָב גערעדט אין ראַדיאָ אין ירושלים, אויפן אלעוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס אין ניו־יאָרק און אין אנדערע ערטער. וועל איך שוין איצט מסתמא וועגן דעם קיין נייע אמעריקע ניט אנטדעקן — אויב אפילו איך האָב עס פריער יאָ אנטדעקט. האָב איך אפילו ניט געטראַכט ווידער צו נעמען א וואָרט וועגן דעם זעלביקן ענין, הגם דאָס איז גראָד אַן ענין, וואָס פאַר אונדז איז ער ברומו של עולם. קומט אָבער מיין זייער חשובער פריינט נ. ב. מינקאָוו און זעצט מיך אוועק ביים סימפּאָזיום־טיש און זאָגט: מכבד מיט א פסוק אתה הראת. איז ווי קען איך זיך אָפּזאָגן? — דער לייענער וועט מיר דעריבער מוחל זיין, אויב קיין גרויסע נייעסן וועט ער אין מיין „פסוק" ניט געפינען. פון מיין זייט וועל איך זען געוויסע טעזן ארויסצוברענגען אזוי בולט, ווי עס איז מיר נאָר מעגלעך.

אין די מיטל־אלטערישע טעאָלאָגישע דיספּוטן, כדי צו דערווייזן גע־וויסע רעליגיעזע „אמתן", פלעגט מען אָפּטמאָל לאָזן ארויסטרעטן איינעם, וואָס פלעגט דארפן נעמען אויף זיך די ראָלע פון „אדוואָקאַט פון טייוול". וועל איך טאקע אויך אָנהויבן מיט דעם, וואָס איך וועל פּרובירן פּאַרטיי־דיקן דעם צ י ו נ י ס ט י ש ן צוגאנג צו דער פראַגע, אזוי זאָגנדיק:

די גאנצע געשיכטע פון ציוניזם איז באַשטאַנען פון אַנגיין מיט דער ליניע פון גרעסטן ווידערשטאַנד — און אויף דעם וועג האָט ער גע־זיגט. דער גאַנצער מאָדערנער פּראָגרעס האָט געשיינט צו פירן צו אסימי־לאַציע, האָט דער ציוניזם געוועקט ביי יידן נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין. דאָס יידישע פאָלק איז געווען צעשפּרייט און אונטערדריקט אין פאַרשידענע גלות־לענדער; אנדערע ריכטונגען האָבן געפּרעדיקט, יידן זאָלן קעמפן פאַר רעכט צוזאַמען מיט די איבעריקע אונטערדריקטע עלעמענטן פון די לענ־

דער, ווו יידן לעבן; דער ציוניזם האָט גערופן אינגאנצן צו פארלאָזן די גלות־לענדער, צו פארלאָזן די שטעט און אָנהויבן ערשט בויען פון גרונט אָן א נייע לאנד אויפן יסוד פון אייגענער לאנד־ארבעט, אין דעם ווייטן ארץ־ישראל. שווער און כמעט אויסזיכסטלאָז איז געווען די קאָלאָניזאציע אין וויסטן ארץ־ישראל אונטער דער דעספּאָטישער הערשאפט פון דעם טערקישן סולטאן, און דאָ האָט טעאָדאָר הערצל, וועלכער איז אייגנטלעך געווען א ייד אן אסימילירטער, אויסגעפּועלט ביי ענגלאנד א פּריווילעגירטן אָפּמאך (א „טשארטער") וועגן פרייער יידישער מאסן־קאָלאָניזאציע אויף אויטאָנאָמע יסודות אין דער רייכער מיט אירע אומשאצבארע נאטירלעכע אוצרות א ו ג א נ ד א; דער ציוניזם האָט דאָס אָבער אָפּגעוואָרפן און געבליבן געטריי דווקא דעם וויסטן און פארשקלאפטן לאנד פון די אָבות. יידן האָבן גערעדט א פרעמד־שפּראכיקן „זשארגאָן"; אנדערע ריכטונגען האָבן געפּרעדיקט זיך אויסצולעבן אין אָט דעם לשון און אנטוויקלען אים; דער ציוניזם האָט גערופן צו דער אוראלטער העברעאישער שפּראך, וואָס מען האָט געהאלטן זייט טויזנטער יאָרן פאר טויט, און זי פארוואנדלט אין א לעבעדיקן לשון פון קינדער אין די וויגן, פון אלטעגלעכן לעבן. אין דער העכסטער תקופה פון קאפּיטאליזם און אינדוסטריאליזאציע, בעת אין דער גאנצער וועלט גייט כסדר אָן אויסוואנדערונג פון דאָרף אין שטאָט, האָט דער ציוניזם אין ארץ־ישראל געשאפן צענדליקער און צענדליקער לאנדווירטשאפטלעכע קיבוצים אויף אמתע פרייהייטלעך־סאָציאליסטישע יסודות. שפּעטער, נאָך לאנגע יאָרן פון בריטישן מאנדאט, זיינען געווען אזעלכע, וואָס האָבן געפּרעדיקט א פארשטענדיקונג מיט די אראבער און דער מאנדאטן־מאכט און די די פארוואנדלונג פון א"י אין א מין ביי־נאַציאָנאלע בריטישע דאָמיניע; דער ציוניזם האָט זיך אָבער ניט אָפּגעשראָקן פארן קאמף קעגן ענגלאנד און מלחמה מיט אלע אראבישע מלוכות, ער האָט פארטריבן די ענגלענדער, פאריאָגט די אראבער און באשאפן צום ערשטן מאָל נאָך טויזנטער יאָרן גלות — די זעלבסטשטענדיקע מדינת ישראל. איצט האָט דער ציוניזם זיך געשטעלט די אויפגאבע פון קיבוץ־גלויות; דאָס איז אפשר די שווערסטע אויפגאבע; עס קומט טאקע אויס אונטערצוהונגערן, ניטאָ גענוג דירות ווו צו שלאָפן ביינאכט און ארבעטן בייטאָג, עס שטארבן קליינע קינדער. דאָס זיינען אָבער חבלי־גאולה, וואָס האָבן זיך ניט היינט אָנגעהויבן, וואָס ציען זיך זייט דער ערשטער חובבי־ציון האָט אָנגעהויבן אָפּרוימען די שטיינער און טריקענען די בלאָטעס פון דער הייליקער ערד, און וואָס וועלן נאָך דויערן ניט וויניק צייט אין דער צוקונפט. דער גאנצער וועג פון ציוניזם איז געגאנגען מיט דער ליניע פון

גרעסטן ווידערשטאנד, דאָס איז געווען א וועג א רעוואָלוציאָנערער, פול מיט קרבנות, אָבער, ווי די געשיכטע האָט געוויזן, איז דאָס דער וועג פון דער אמתער ווירקזאמקייט. און אויך איצטער קען און וועט אנדערש ניט זיין. אויף וויפל דער קיבוץ־גלויות וועט פאַרווירקלעכט ווערן, אויף אזויפיל וועט צושטאנדקומען די גאולה פון יידישן פאָלק, געשטארקט ווערן די יידישע מדינה, געפעסטיקט און געזיכערט ווערן דער קיום אומתנו. אויף קיבוץ־גלויות, אויף אָנזאמלען אין מדינת ישראל וואָס מער יידישע מענ־טשן, יידישע גייסטיקע און מאטעריעלע כוחות פון די גלות־לענדער, דארפן קאָנצענטרירט ווערן אלע כוחות פון יידישן פאָלק. געוויס וועט דורכדעם דער גלות אָנווערן א גרויסן טייל פון זיין מענטשן־מאטעריאל, אָנווערן זיינע בעסטע נאציאָנאל־שעפערישע עלעמענטן. די צוקונפט פון יידישן פאָלק, דער קיום האומה, ליגט אָבער אין דער זעלבסטשטענדיקער מדינת ישראל און ניט ערגעץ אנדערשוו. די גלות־יידן וועלן געבויגענע, געשלאָ־גענע, פיזיש און גייסטיק פארקריפלטע, ווי ניט איז זייער וועלטל באַ־שטיין. און אויב ניט, איז דאָך אוודאי קלאָר, אז די ישועה ליגט טאקע נאָר אין קיבוץ־גלויות.

עד כאן די רייד פון „אדוואָקאט פון טייוול”.

האָב איך אים אזוי אָט געלאָזט רעדן, ביז ער האָט זיך דעררעדט צו דעם, וואָס ער טראכט וועגן דעם עצם ענין. איך וועל אים אָבער איב־גאנצן ניט נאָכגיין אויף זיינע דרכים און זיך דאָ ניט אריינלאָזן אין וויכוחים איבער דער ציוניסטישער געשיכטע־פילאָזאָפיע. איך גיי באלד צו צום אויספיר זיינעם, טאקע דערפאר ווייל ער איז שוין נוגע דעם תוך פון אונדזער פראגע. וואָרעם דאָס איז דאָך דער קערן פון דער פראגע, וואָס שטייט דאָ פאר אונדז: צי איז מדינת ישראל אליין די זיכערסטע גאראנטיע אָדער אפילו נאָר א גענוגנדיקע גאראנטיע פארן קיום פון אונד־זער פאָלק? לויט אים קומט אויס, אז יאָ; און איך ענטפער דערויף: לא מיט אן אלף.

פון קלאָרקייט וועגן וויל איך באלד מעלדן, אז אויב דער ווייל פון מיליאָנען לעבעדיקע יידישע מענטשן און זייער קאָלעקטיוו נאציאָנאל־קולטורעל לעבן און שאפן, מיט איין וואָרט, אויב דער קיום פון אונדזער פאָלק האָט פאר מיר אן אבסאָלוטן ווערט; אויב אפילו אויך דאָס לאנד, מיט וועלכן עס זיינען פארבונדן אזויפיל גרויסע קולטור־היסטאָרישע רע־מיניסענצן פון אונדזער פאָלק, איז נאָענט צו מיין הארצן, — האָט אָבער א יידישע מ ל ו כ ה א ווערט אין מיינע אויגן בלויז אויף אזויפיל,

אויף וויפיל זי זיכערט דעם קיום און די אנטוויקלונג פון יידישן פאָלק אין באַדינגונגען פון פרייהייט און גערעכטיקייט. א י י ד י ש ע מ ל ו כ ה נ אָ ר ל ש ם מ ל ו כ ה, אַן ארמיי לשם ארמיי, א פּאָליציי לשם פּאָליציי, מיניסטאָרן און דיפּלאָמאטן לשם מיניסטאָרן און דיפּלאָמאטן, ה אָ ב ן פ א ר מ י ר ק י י ן ש ו ם ו ו ע ר ט נ י ט. איז דע־ריבער די פראגע פון אלע פראגעס: צי גאראנטירט טאקע מדינת ישראל א ל י י ן דעם קיום פון אונדזער פאָלק, אזוי אז מיר זאָלן דארפן אויף איר ווייטערדיקן אויסבוי קאָנצענטרירן א ל ע אונדזערע נאציאָנאלע כוחות? צי אין די צען מאָל גרעסערע אין צאָל, צעשפּרייטע איבער דער וועלט יידישע קיבוצים איז קיין שום גאראנטיע ניט פאראַן פאר אונדזער ווייטערדיקן נאציאָנאלן קיום, אזוי אז מען דארף זיי בלויז אויסנוצן פארן פונאנדערבוי פון דער יידישער מדינה און דאָס איבעריקע לאָזן אויף הפקר?

דערויף ענטפער איך:

א) געוויס האָט אפילו א פארהעלטנישמעסיק זעלבסטשטענדיקע מלוכה א גרויסן באַטייט אין קאמף פון א פאָלק פאר א פרייעם לעבן און שאפן. נאָר אויך דאָ, באזונדערס פאר א קליינעם פאָלק, איז וויכטיק בעיקר די א י נ ע ר ל ע כ ע א ו י ט אָ נ אָ מ י ע, ספּעציעל אויפן געביט פון נאציאָנאלער קולטור, און ניט די אויסערלעכע, אינטערנאציאָנאלע זעלבסטשטענדיקייט, וואָס איז אין דער איצטיקער היסטאָרי־שער תקופה, און ספּעציעל פאר קליינע מדינות, בלויז א קוים פארשלייער־טע פיקציע.

ב) אויף וויפיל מדינת ישראל איז אָריענטירט אויף קיבוץ־גליות, איז זי ממילא אָריענטירט אויף ט ע ר י ט אָ ר י ע ל ע ע ק ס פּ א נ־ ס י ע, צי מען פּראָקלאמירט עס הילכיק פאר דער גאנצער וועלט, ווי דאָס טוען די חרותיסטן, אָדער מען מאכט וועגן דעם א דיפּלאָמאטישן שווייג, ווי דאָס טוען די „פאראנטוואָרטלעכע" פירער פון דער מדינה. און טעריטאָריעלע עקספּאנסיע באַטייט אומפארמיידלעך א מיליטערישן קאמף מיט די אראבישע שכנים און ווארשיינלעך ניט נאָר מיט זיי. אַן אָריענ־טירטע אויף קיבוץ־גליות מדינת ישראל מוז דעריבער גיין אויפן וועג פון וואַקסנדיקן מיליטאריזם, פון וואקסנדיקע באוואָפענונגען, מיליטערישע און גייסטיקע, און אויף אזא אופן האמעווען די פרייע עקאָנאָמישע אנטוויק־לונג פון דער מדינה און פארקריפּלען די גייסטיקע שעפערישע כוחות פון אונדזער פאָלק. ווי איך האָב עס שוין געזאָגט אויפן קולטור־קאָנגרעס, אַנשטאָט דער געפאר פון א י נ ד י ו ו י ד ו ע ל ע ר אסימילאציע,

וואָס איז פאַראַן אין גלות, האָבן מיר דאָ פאַר זיך די געפאַר פון קאָ־לעקטיווער אַסימילאַציע פון אונדזער פאָלק, וואָס וואָלט פאַרלאָזן די יסודות גופא פון זיין טויזנט־יאָריקער נאַציאָנאַלער טראַדיציע, אין וועלכע עס באַשטייט זיין מהות און זיין גרויסקייט, און וואָלט זיך אָפּגעבן דער עבודה־זרה פון דעם מאָדערנעם מולך. גערעדט וואָלט עס עברית, אפילו בהברה ספרדית, אָבער דער אינהאַלט פון דעם גערעדטן וואָלט געווען וואָס איר ווילט, נאָר ניט יידיש.

ג) קעגן פיזישע אויסראָטונגען קען אונדז גאַ־ראַנטירן נאָר אַ וועלט, אין וועלכער עס וועלן הערשן סאָציאַלער יושר און אינטערנאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט, צי מיר לעבן אין מדינת ישראל צי צעשפּרייט אין אַנדערע לענדער. אַזוי לאַנג ווי אין דער וועלט הערשט ברוטאַלער פיזישער כּוח, איז די קאָנצענטרירונג פון גרעסערע טיילן פון אַ קליין פאָלק אין אַ מדינה מיט אַ קליינער טעריטאָריע קעגן פיזישער אויסראָטונג, קעגן די שווערסטע נאַציאָנאַלע קאַטאַסטראָפעס בשום אופן קיין גאַראַנטיע ניט. פאַרקערט, אויב די מדינה זאָל דערצו נאָך וועלן שפּילן אַן אַקטיווע, ווער רעדט שוין עקספּאַנסיאָניסטישע, אינטערנאַציאָ־נאַלע ראָלע און ממילא שוין אַריינגעצויגן ווערן אין נעץ פון אינטערנאַציאָ־נאַלע אינטריגעס, קען אַזאַ קאָנצענטרירונג גופא שטעלן דירעקט אין גע־פאַר דעם פיזישן און נאַציאָנאַלן קיום פון פאָלק. אונדזער אייגענע געשיכטע, די געשיכטע פון ערשטן און צווייטן חורבן, איז אַ גענוגנדיקער באַווייז, ווי ווייניק אַן אָנזאַמלונג פון אונדזער פאָלק אין אַ יידישער מדינה אין ארץ־ישראל קען אונדז פאַרהיטן פון די גרעסטע נאַציאָנאַלע קאַטאַסטראָ־פעס.

ד) כּל זמן אין דער וועלט הערשט דער ברוטאַלער פיזישער כּוח, ליגט די גאַראַנטיע קעגן פיזישער אויסראָטונג פון אונדזער קליינעם פאָלק גראָד אין זיין צעשפּרייטונג. דאָס האָט גוט פאַרשטאַנען שוין יעקב אָבינו: בעת עס איז געווען די סכּנה, אַז דער פעטער עשו אונדזערער וועט קומען און אויסהרגענען אים און זיין גאַנץ הויז־געזינד, האָט ער זיינע מענטשן און זיין האָב־און־גוטס צעטיילט אין צוויי מחנות: אויב דער רשע וועט חרוב מאַכן איין מחנה, זאָל די צווייטע געראַטעוועט ווערן. און טאַקע אַזוי איז געשען דער גרעסטער, כּסדרדיקער ווונדער פון דער יידישער געשיכטע: בעת אַזויפיל גרעסערע אין צאָל און מעכטיקערע פעלקער זיינען אומגעקומען, איז דאָס קליינע יידישע פאָלק טויזנטער יאָרן געבליבן לעבן און וועט געוויס אויך ווייטער לעבן; געיאָגטע און געפּלאָגטע, געברענטע און געמאָרדעוועטע אין אַיין

לאַנד, האָבן יידן געפירט ווייטער זייער נאַציאָנאַלן המשך אין אַן א נ־ ד ע ר לאַנד. און אויב דאָס יידישע פאָלק איז פיזיש ניט אונטערגעגאַנ־ גען נאָך די שרעקלעכע אויסראָטונגען בעתן חורבן בית שני און הריסת ביתר, איז דאָס געשען טאַקע א דאַנק דעם, וואָס צו יענער צייט האָט שוין דער גרעסטער טייל פון יידישן פאָלק געוווינט אויסער ארץ־ישראל: אין מצרים, אין בבל און פאַרשידענע אַנדערע לענדער פון פּערסיע ביז שפּאַניע, מהודו ועד כוש. און אויב אפילו די גרעסטע אויסראָטונג אין דער יידישער געשיכטע, וועלכע איז געשען אין אונדזערע טעג אונטער היטלערן, האָט פונדעסטוועגן ניט אומגעבראַכט אונדזער פאָלק, איז עס ווידער געשען א דאַנק דעם גרעסטן נס פון אונדזער צייט, וואָס אין משך פון פריערדיקן האַלבן יאָרהונדערט האָבן זיך מיליאָנען יידן פון מזרח־ און צענטראַל־אייראָפּע געהאַט אריבערגעפּעקלט אויף יענער זייט אָקעאַן: אין צפון־אַמעריקע, אין אַרגענטינע, אין דרום־אַפריקע, אין אויסטראַליע און טאַקע אויך אין ארץ־ישראל (וווהין היטלער איז צום גליק ניט דער־ גאַנגען). און ווי קען איך דאָ ווידעראַמאָל ניט ציטירן די גמרא אין פּסחים, וואָס זאָגט: צדקה עשה הקב"ה עם ישראל שפּזרם בין הגויים. תפוצת ישראל, די צעשפּרייטקייט די יידישע, איז געווען דער אַבסאָלוט נויטיקער באַדינג, אַז דאָס יידישע פאָלק זאָל אין די פינצטערע צייטן ניט אויסגע־ ראָטן ווערן, און די זעלביקע צעשפּרייטקייט אונדזערע בלייבט די אולטימאַ ראַציאָ, די זיכערסטע גאַראַנטיע, אַז אויך אויף להבא וועט דאָס יידישע פאָלק ניט אונטערגיין דורך פיזישער אויסראָטונג. — תפוצת ישראל איז אַזוי ניט סתם אַן אומפאַרמיידלעכע בייז, נאָר איינע פון די וויכטיקסטע באַדינגונגען פון קיום פון אונדזער פאָלק אין א וועלט פון רשעות און ברוטאַלער מאַכט.

ה) איך גיי נאָך ווייטער און זאָג, אַז ניט נאָר פאַרן פיזישן, נאָר אויך פאַרן ג ײ ס ט י ק ן ק י ו ם פון יידישן פאָלק האָט די צע־ שפּרייטקייט אונדזערע אין עיקרדיקע פּרטים געשפּילט א וויכטיקע פּאָזי־ טיווע ראָלע אין אונדזער געשיכטע, און קען און דאַרף אויך שפּילן אין דער צוקונפט. עס איז גאָרניט קיין צופאַל, וואָס איינע פון די מאָנומענטאַלסטע, איך וואָלט געזאָגט פון די געטלעכע, ווערק פון מענטשלעכן גייסט, די עשרת הדברות, פאַרבינדט די יידישע טראַדיציע מיט דער וואַנדער־צייט אין מדבר אַרום באַרג סיני, איידער עס איז אויפגעשטאַנען א יידישע מלוכה אין ארץ־ישראל. עס איז אויך ניט קיין צופאַל, וואָס צו אירע העכסטע, אוניווערסאַלסטע וויזיעס — וואָס באַגייסטערן נאָך היינט און וועלן נאָך לאַנג באַגייסטערן, די פיינסטע געוויסנס, די דערהויבנסטע

וועג־ווייזערס פון דער מענטשהייט — האָט די נבואה ביי יידן דער־לאַנגט גראַד אין דער צייט פון דער דעקאַדענץ פון דער יידישער מלוכה און אָנהויב פון גלות. און עס איז אוודאי קיין צופאַל ניט, וואָס ביז גלות בבל איז די גאַנצע מאָנאָטעאיסטיש־אוניווערסאַליסטישע וועלט־אַנשויאונג ביי יידן געווען באַגרענעצט מיט אַ גאָר ענגן קרייז פון גייסטיקע יחידי סגולה, און דאָס גאַנצע פאָלק פון אונטן ביז אויבן איז געבליבן פאַרזונקען אין די גרעבסטע געצנדינערישע זאַבאַבאָנעס און גרויזאַמקייטן, און וואָס ערשט פון גלות בבל איז דאָס יידישע פאָלק ארויס איינמאָל אויף אַלעמאָל אויסגעלויטערט פון אָט די בלאָנדזשענישן זיינע, ביי וועלכע עס וואָלט בלי ספק גאָר אינגיכן פאַרשוווּנדן פון דער אויבערפלאַך פון דער ערד. געשען איז דאָס אַ דאַנק דעם, וואָס מלוכה איז קודם כל געבויט אויף פיזישער מאַכט, אויף אַרמיי און פּאָליציי, און דאָס איז בשום אופן ניט קיין גינסטיקע אַטמאָספער פאַר אַ וועלט־באַנעם, וואָס זיין לעבעדיקער גייסט איז: לא בחיל ולא בכוח כי ברוח, אָמר יה'. אָבער שפּעטער, זייט גלות בבל, בעת קיין פיזישע מאַכט האָבן יידן שוין ניט געהאַט, האָבן געקענט בלייבן און געבליבן ביי זייער יידישקייט נאָר יענע עלעמענטן פון יידישן פאָלק, וואָס האָבן באַגריפן, אַז אחוץ פיזישער קראַפט איז אויף דער וועלט פאַראַן נאָך עפּעס, איז פאַראַן גייסט, און וואָס האָבן דערביי געגלויבט, אַז דאָס איז גייסט פון יושר און גערעכטיקייט, און אַז אָט דער גייסט וועט פריער אָדער שפּעטער באַפרייען די וועלט און דאָס יידישע פאָלק פון אַלע אומרעכטן, וואָס ווערן באַגאַנגען דורך דער ברוטאַלער פיזישער מאַכט; און טאַקע פון יענע עלעמענטן איז אַרויסגעוואַקסן דאָס שפּעטערדיקע יידישע פאָלק. — און דאָס זעלביקע איז ריכטיק אויך בנוגע דער צוקונפט: מיליטאַריזם און שאָוויניזם, „כנעניזם", קען באַהערשן מדינת ישראל, אָבער די תפוצות ישראל, די צעשפּרייטע יידישע פאָלקס־מאַסן, טאַקע ווייל זיי זיינען מינדערהייטן צווישן פעלקער אַ סך שטאַרקערע ווי זיי, וועלן מוזן בלייבן געטריי די אידעאַלן פון יושר, פון גערעכטיקייט און אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט, וואָס אָן זיי קענען יידן טאַקע זיין כנענים, אָבער יידן אוודאי ניט.

ז) נאָך אַלע גראַנדיעזע, באמת ווונדערלעכע זאַכן, וואָס די צעשפּרייטע יידישע קיבוצים האָבן אויפגעטאָן בלויז אין לעצטן יאָרהונדערט אויף אַלע געביטן פון יידישן נאַציאָנאַלן לעבן און פון דער אַלוועלטלעכער קולטור, קען מען דען בכלל רעדן מיט ביטול וועגן די תפוצות ישראל און זייער נאַציאָנאַל־שעפערישן ווערט? סוף־כל־סוף האָבן דאָך דעם ווונדערבאַרן ישוב אין ארץ־ישראל גופא אויך געשאַפן די תפוצות ישראל מיט

די הענט, מיט די הערצער, מיט די מוחות פון זייערע אין גלות געבוירענע און אויפגעהאָדעוועטע קינדער, מיט די מאַטעריעלע און גייסטיקע מיטלען פון די אין גלות אויפגעוואַקסענע און אין גלות טעטיקע אָדער טעטיק־געוועזענע מענער און פרויען.

נאַטירלעך מיין איך דערמיט ניט צו זאָגן, אַז די צעשפּרייטקייט אונדזערע האָט פאַרן קיום פון אונדזער פאָלק נ אָ ר פּאָזיטיווע רע־זולטאַטן. געוויס הענגט דער גורל פון די תפוצות ישראל אַ סך ווייניקער אָפּ פון די יידן גופא, ווי דער גורל פון דעם יידישן ישוב אין מדינת ישראל. געוויס אין די אַמאָליקע צייטן, בעת כמעט די גאַנצע אויסער־לעכע וועלט איז אונדז געווען פיינטלעך געשטימט, האָט דער גלות אונדז פיזיש און גייסטיק פאַרשפּאַרט אין די ד׳ אמות פון געטאָ, פּאַראַליזירט אונדזערע שעפערישע כוחות און פאַרמשפּט צו „לעבן״ מיט עולם הבא און צו „שאַפן״ אַ וועלט פון מיסטישע חלומות. געוויס זייט דעם סוף פון אכצנטן יאָרהונדערט לויערט אויף די תפוצות ישראל די גרויסע געפאַר פון אסימילאַציע. דאָס אַלץ איז אמת. אָבער דאָס אַלץ פאַרמינערט אויף אַ האָר ניט דעם אומגעהויערן פּ אָ ז י ט י וו ן ווערט פון די צעשפּריי־טע יידישע קיבוצים פאַר דעם קיום פון אונדזער פאָלק. די געפאַרן, וואָס באַדראָען היינט צו טאָג די יידישע מדינה, זיינען געוויס ניט קלענער ווי די, וואָס שטייען פאַר דעם יידישן קיום אין די תפוצות. די צעשפּרייטע יידישע קיבוצים זיינען דעריבער היינט, און וועלן געוויס נאָך לאַנג בלייבן, אַ מער זיכערער יסוד פאַר דעם קיום פון אונדזער פאָלק ווי די מדינת ישראל. ביי אַזעלכע באַדינגונגען דאַרף די באַציאונג צו די תפוצות באַשטיין אין גרינגשעצונג? דאַרף מען שטרעבן זיי אויסצולייזיקן? און אויב די צעשפּרייטע יידישע קיבוצים זיינען באַדראָט דורך דער אסימי־לאַציע, דאַרף מען ביי זיי אוועקנעמען זייערע נאַציאָנאַל־באַוווּסטזיניקערע עלעמענטן און נאַציאָנאַל־שעפערישע כוחות? דאַרף מען ביי זיי אָפּנעמען די מאַטעריעלע מיטלען, וואָס זיינען נויטווענדיק, כדי זיי זאָלן קענען באַפרידיקן זייערע נאַציאָנאַל־קולטורעלע באַדערפענישן?

און לסוף אַ וואָרט וועגן דעם, מיט וואָס איך האָב אָנגעהויבן. גיין מיט דער ליניע פון גרעסטן ווידערשטאַנד איז גוט, ווען זי פירט צום ציל, ווען זי פירט צום בעסטן צום ציל. אָבער אָפּשוואַכן די צעשפּרייטע יידי־שע קיבוצים און אונטערגראָבן איינעם פון די וויכטיקסטע יסודות, אין היינטיקער צייט דעם וויכטיקסטן יסוד, וואָס אויף אים האַלט זיך דער באַדראָעטער קיום פון אונדזער פאָלק; דאָס איז קעגן די אינטערעסן פון פאָלק ישראל און אפילו קעגן די אינטערעסן פון מדינת ישראל גופא. די

צעשפרייטע יידישע קיבוצים דארפן טאקע שטיצן מדינת ישראל. אָבער מדינת ישראל מוז שטרעבן ניט אויסצולייִדיקן די תפוצות ישראל, נאָר פאַרקערט, לויט אירע כוחות זיי צו פאַרפעסטיקן.

און נאָך איין וואָרט. מדינת ישראל קען ווערן א וויכטיקער שטיץ־פונקט אין קאַמף פון די צעשפרייטע קיבוצים פאר זייער נאַציאָנאַלן קיום, און די תפוצות קענען מיטהעלפן, אז מדינת ישראל זאָל באמת זיין א המשך פון דער יידישער אוניווערסאַל־נאַציאָנאַלער טראַדיציע. אָבער דאָס קען אין א פולער מאָס פאַרווירקלעכט ווערן נאָר דעמאָלט, ווען עס וועט אָפּגעשוואַכט ווערן די שפּראַכלעכע מחיצה צווישן מדינת ישראל און תפוצות ישראל. און דאָס ווידער קען געשען נאָר אויף דעם אופן, אז יידיש זאָל אויפהערן צו זיין רעכטלאָז אין ישראל און אין די צעשפרייטע קיבוצים זאָל מען לערנען אויך עברית. דאָס איז פאַר מיר קלאָר ווי דער טאָג. פאַקטיש לערנט מען עברית אין די גלות־לענדער; ווען אָבער וועט לסוף אויפהערן די רעכטלאָזיקייט פון יידיש אין ישראל?

„צוקונפט", נאָוועמבער 1950.

# דער גלות־ייד פארן געריכט

## פון דער געשיכטע

(רעפּאָרטאַזש פון געריכט־זאַל)

לכו נא ונוכחה

ישעיה.

אל תראוני שאני שחרחורת

שיר השירים.

א זאַל גרויס ווי די גאַנצע וועלט. א משפט וואָס ציט זיך אזוי לאַנג ווי דער יידישער גלות.

אויפן ריכטער־שטול זיצט די ג ע ש י כ ט ע, אַן אייביק־יונגע דאַמע, וואָס שמט צו זיין א צדקנית, אַן נשיאת־פנים און אַן ליידנשאַפטן, וואָס איז אָבער באמת די ליידנשאַפטלעכסטע פון אלע פרויען, און וואָס קעגן איר כאַטש שריי צו גאָט. א באשולדיקונגס־אקט, וואָס האָט גאָר קיין סוף ניט, אָנגעפּיקעוועט מיט פאַקטן און נאָך מער מיט חשד און בייזוויליקע השערות.

עס ווערן אויסגעהערט ע ד ו ת אָן א שיעור, יידן און גויים, יידן אסימילירטע און ציוניסטן, רבנים און להבדיל גלחים, געלערנטע און פּשוטע מענטשן, רייכע און אָרעמע, גלוביקע און אפיקורסים, מלוכה־לייט און פּויערים, א. א. וו., א. א. וו.; איינער האָט דאָס געזען, און א צווייטער האָט י ע נ ץ געהערט; איינער באַשטעטיקט דעם אנדערן, איינער לייקנט אָפּ דעם אנדערן; א טייל עדות איז מלמד זכות אויפן באשולדיקטן, די ווייט גרעסטע מערהייט רעדט קעגן אים.

עס ווערן אויסגעהערט אויך געלערנטע ע ק ס פּ ע ר ט ן: טעאָ־לאָגן און סאָציאָלאָגן, ארכעאָלאָגן און אנטראָפּאָלאָגן, פּסיכאָלאָגן און היסטאָריקער, קרימינאָלאָגן און סטאַטיסטיקער, יוריסטן און עקאָנאָמיסטן.

עס רעדט דער פּ ר אָ ק ו ר אָ ר; ער באַשולדיקט דעם אָנגעקלאָגטן

אין די ערגסטע עוונות ופשעים וחטאים און פאַדערט פאַר אים די האַרבסטע שטראָף: מאָראַלישן טויט און היסטאָרישן אונטערגאַנג.

עס רעדן פאַרשידענע צ י ו י ל־מ אַ נ ע ר, יידישע און ניט־יידישע, רעאַקציאָנערע און פּראָגרעסיווע; אַלע האָבן זיי צום אָנגעקלאָגטן אומצייליקע טענות ותביעות, אַלע האַלטן זיי אונטער דעם אָדער יענעם טייל פון דער באַשולדיקונג און אַלע — מאָנען.

עס רעדן אויך אַ ריי ע פ אַ ר ט יי ד י ק ע ר, יידישע און ניט־יידישע, יעדער לויט זיין אַלגעמיינער איינשטעלונג און לויט זיין טעמ־פּעראַמענט; טייל פון זיי באַגנוגענען זיך מיט אַנוויזן פאַרשידענע מיל־דערנדיקע אומשטענדן; אַנדערע גייען אַ סך ווייטער: וואָס ביים פּראָקו־ראָר איז שוואַרץ, קומט ביי זיי גראָד אויס ווייס; פאַראַן אויך אַזעלכע, וואָס באַשולדיקן גאָר די באַשולדיקער, ווייזן אויף די האַב־גיריקייט פון די פאַרשידענע ציוויל־מאָנער און פאָדערן פאַרן אָנגעקלאָגטן, ווי סאָקראַ־טעס בשעתו, אַן ערן־פּלאַץ אין פּרינטאַנעאום פון די פעלקער.

אויפן באַשולדיקונגס־באַנק זיצט דער ג ל ו ת־יי ד, הערט זיך צו צום באַשולדיקונגס־אַקט, צו די גביעות־עדות, צו די עקספּערטן, צום פּראָקוראָר, צו די ציוויל־מאָנער, צו זיינע פאַרטיידיקער — און שווייגט.

והיד כותבת. איך זיץ אין אַ ווינקל פון געריכט־זאַל, צווישן אַ סך אַנדערע קאָרעספּאָנדענטן, און פאַרצייכן פאַרשידענע געהערטע זאַכן. אָט זיינען עטלעכע אויסצוגן פון מיינע נאָטיצן.

***

ד י ג ע ש י כ ט ע:

דאָס וואָרט האָט איצט דער ערשטער יידישער ציוויל־מאָנער, פאַר־טרעטער פון די אינטערעסן פון די ברייטע קרייזן אין מדינת־ישראל.

ד ע ר ע ר ש ט ע ר יי ד י ש ע ר צ י ו י ל־מ אָ נ ע ר:

...איך באַשולדיק דעם גלות־יידן — אין נ אַ צ י אָ נ אַ ל ן פ אַ ר ר אַ ט.

איך גיב זיך אָפּ אַ פולן דין וחשבון אין דער גרויזאַמקייט פון אַזאַ באַשולדיקונג. און מען מעג מיר גלויבן, אַז עס קומט מיר ניט לייכט אָן אַזאַ באַשולדיקונג אויף אים צו וואַרפן. בין איך דען ניט בלוט פון זיין בלוט און פלייש פון זיין פלייש? אָבער טאַקע ווייל ער איז בלוט און פלייש פון אונדזער גרויסן פאָלק, איז זיין פאַרברעכן נאָך שרעקלעכער. און אונדזער פאָלק וועט ניט צוריק געזונט ווערן, ביז עס וועט ניט קלאָר

אָנערקענען דעם פאַרראַט, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אין זיין לייב און נשמה דער גלות־ייד און ווערט די בגידה פון זיך ניט ארויסשניידן.

...איך באשולדיק אים אין נאציאָנאלן פארראט קודם כל דערפאר, וואָס ער האָט פאַרוואָרפן די הייליקע ש פ ר א ך פון אונדזער פאָלק, די שפראך פון אונדזערע אָבות, די שפראך פון די נביאים, די שפראך פון אונדזער פרייהייט, און איבערגענומען פרעמדע שפראכן, די לשונות פון די לענדער ווו ער האָט זיך באזעצט, אזוי אז מספר ארצותיך היו לשוניך ישראל. אָט אזוי איז צעריסן געוואָרן ביי אונדזער פאָלק דער אָרגאַנישער באנד פון דורות, דער באנד צווישן דעם עבר אונדזערן און אונדזער קעגנוואַרט, און עס ווערט אלץ מער צעשטערט די גייסטיקע איינהייט אונדזערע אין פארשידענע לענדער. דאָס איז געווען דער ערגסטער אטענטאט אויף דער גאנצקייט אונדזערער אין צייט און אין שטח. און אזוי ווי איינגאנצן ארויסרייסן פון הארצן פון אונדזער פאָלק די הייליקע קלאנגען פון אונדזער נאציאָנאלער שפראך איז אים ניט געלונגען, האָט ער ארייננגעמישט די קדושה אין דער טומאה, אונדזער לשון־קודש אין די גוישע שפראכן, זיי פארדרייט און פארקריפּלט, און אויף די אויסטערלישע זשארגאָנען, וואָס האָבן זיך אזוי אָט געשאפן, האָט ער, ווי אמאָל אהרון הכוהן ביי דער גאָלדענער קאלב, פראָקלאמירט: אלה לשוניך ישראל, דאָס זיינען אונדזערע נאציאָנאלע שפראכן.

אם שארפסטן איז דאָס געקומען צום אויסדרוק אין די לעצטע יאָר־הונדערטער מיט דעם גלות־דייטשן זשארגאָן, וואָס מען האָט א נאָמען געגעבן „יי ד י ש", און וואָס מען האָט מיט אים אָפיציעל געזוכט צו פארבייטן די אמתע און איינציקע שפראך אונדזערע: עברית! דאָס יידישע פאָלק איז אזוי אָט פארוואנדלט געוואָרן אין א מין שומרונים, גויים, וואָס שלמנאסר מלך אשור האָט באזעצט אין ישראל, נאָכדעם ווי ער האָט פארטריבן אין גלות די עשרת השבטים, און וואָס וועגן זיי זאָגט דער פסוק, אז פאר יהוהן האָבן זיי מורא געהאט און זייערע געצן האָבן זיי געדינט. בעת אָבער פאר די אמאָליקע שומרונים איז דאָס געווען א דערנענטערונג פון דער גוישער געצנדינערײ צום יידישן גאָט, איז דער שפראך־געמיש ביים גלות־יידן געווען א דערווייטערונג פון אונדזער אור־אלטן נאציאָנאלן מקור צו פרעמדע גייסטיקע קוואלן. און אָט דעם פאר־קערטן שומרוניזם האָט ער עס א נאָמען געגעבן יי ד י ש י ז ם. איז דאָס ניט דער ערגסטער מין נאציאָנאלער פארראט?

...איך באשולדיק ווייטער דעם אָנגעקלאָגטן אין נאציאָנאלן פאר־ראט דערפאר, וואָס ער איז באגאנגען אן אמתן ח י ל ו ל ה ש ם, ער

האָט דערגרײכט דעם נאָמען ייד אין דער וועלט. און דערגרײכט האָט ער עס ראשית דערמיט, וואָס ער האָט פון זיין נשמה מיטן וואָרצל ארויסגעריסן יעדן גייסט פון ק א מ ף, מיט וועלכן עס האָבן געאָטעמט זיינע גרויסע אָבות. ווו איז דער גייסט פון יענע שטאָלצע קעמפער, די יידישע מורדים, וואָס אין אוממענטשלעכן הונגער און די שרעקלעכסטע עפּידעמיעס האָבן זיי מיט געווער אין האנט, צו פאַרטיידיקן זייערע נאַציאָנאַלע רעכט און זייער נאַציאָנאַלע ווירדע, געקעמפט קעגן די מעכטיקע אימפּעריעס פון אשור, פון בבל, קעגן דער סירישער מלוכה, קעגן דער רוימישער וועלט־מאכט? קיין פונק פון דעם האָט ער ביי זיך אין הארצן ניט איבערגעלאָזן. נאָך מער, אפילו דעם זכר פון דער העלדישער פארגאנגענהייט האָט ער פארוואָרפן מיט שטיינער, דעם אמאָליקן פלאם פארשאָטן מיט אַש: בר־כוכבא איז פאר אים געוואָרן בר־כוזיבא; די קנאים פון דעם גרויסן אויפשטאנד קעגן רוים זיינען אין זיינע אויגן געוואָרן בריונים; אפילו פון דעם ז י ג ר יי כ ן אויפשטאנד פון די חשמונאים האָט ער געמאכט א מעשה מיט א נס פון אן אייל־לעמפּל; דאָס אייל־לעמפּל איז ביי אים געוואָרן דער עיקר יום־טוב, דעם נאַציאָנאַלן באפרייאונגס־קאמף האָט ער ווי ניט דערזען. — און אז מען האָט דעם גלות־יידן געיאָגט און געפּלאָגט, געברענט און געבראָטן, געמאָרדעוועט און געטריבן, ראבירט זיין האָב־און־גוטס און פארגוואלטיקט זיין פרוי און טעכטער, דארף מען אין דער כמעט צוויי־טויזנט־יאָריקער געשיכטע פון אונטערדריקונג און פּיין זוכן מיט א מיקראָסקאָפּ ערגעץ־ווו א שיין פון ווידערשטאנד, פון רעוואָלט. פאר וועלכן רשע האָט ער זיך ניט געבויגן? וועלכע האנט, וואָס האָט אים געשלאָגן, האָט ער ניט געקושט? וועלכע באליידיקונגען האָט ער ניט אראָפּגעשלונגען מיט דעם באקוועמען תירוץ, באהאלטן ביי זיך אין בוזעם, אז ער שטייט הימל־העכער פאר די אלע רשעים און באליידיקער? האָט דאָס טאקע צוגעגעבן מוט אלע רשעים און באליידיקער, און די גאנצע וועלט האָט אין אים איינגעזען אן אומאויסהיילבארן פּחדן, דעם סימבאָל פון א מענטשן אָן ווירדע, פערזענלעכער און נאַציאָנאַלער, וואָס קען בלויז ציטערן און טרייסלען זיך און בעטלען רעכט צו לעבן און אָטעמען. און אזוי איז אין אונדזערע טעג מעגלעך געוואָרן ביי אונדז עפּעס אזוינס, וואָס איז ניט געהערט געוואָרן זייט די וועלט איז א וועלט ביי קיין אנדער אומה ולשון: זעקס מיליאָן מענטשן זיינען סיסטעמאטיש, קאלטבלוטיק, אין משך פון יאָרן אויסגעשאָכטן געוואָרן, און כמעט ביז דער צוועלפטער שעה האָט קיין ווידערשטאנד ניט אויסגעבראָכן. אָט אזוי מיט זיין ארויסטרייבן פון זיך דעם גייסט פון קאַמף און מיט דעם, וואָס

ער האָט מעגלעך געמאַכט די פאַרשטעלונג וועגן יידן ווי וועגן א נידער־ריקערן מין מענטש, האָט דער גלות־ייד אויף זיך גענומען אויך א ח ל ק פון דער שולד פאַר דער לעצטער, בלוטיקסטער טראַגעדיע פון אונדזער פאָלק.

... און ניט בלויז די אויסערלעכע וועלט איז געוווינט געוואָרן צו קוקן אויף אונדז פון אויבן אראָפּ, נאָר אין די לעצטע דורות, ווי נאָר פאַרן גלות־יידן האָבן זיך געעפנט די טויערן פון געטאָ, אין וועלכן ער איז יאָרהונדערטער־לאַנג געווען פאַרשפּאַרט, ווי נאָר ער האָט באַקומען א צוטריט צום עולם־הזה פון מאָדערנעם לעבן און צום גלאַנץ פון דער מאָדערנער קולטור, האָט ער אליין אָנגעהויבן קוקן אויף זיך מיט א געפיל פון מ י נ ד ע ר ו ע ר ט י ק י י ט, אָנגעהויבן קוקן מיט פאַראַכטונג אויפן גאַנצן יידישן עבר ביז היינטיקן טאָג, אָנגעהויבן ז י ך ש ע מ ע ן מיט זיין יידישער אָפּשטאַמונג, געזוכט זי צו באַהאַלטן, זי פאַרלייקענען, ווי וויט מעגלעך צו פאַרהיטן פון אירע נאָכוויייענישן די אייגענע קינדער, די צוקונפטיקע דורות, דורך געמישטע חתונות, דורך אויסערלעכער, פיזי־שער, קולטורעלער און רעליגיעזער א ס י מ י ל א צ י ע צום ניט־יידישן ארום. און אזוי, קוקנדיק אויף זיין אייגן פאָלק ווי אויף נידעריקערע ברואים, באַגייט דער גלות־ייד איצט א נייעם פאַרראַט קעגן אונדזער יידישן פאָלק.

... צו דער אסימילאַציע פירט נאָך אן אנדער היסטאָרישע זינד פון דעם גלות־יידן. אונדזער פאָלק פאַרמאָגט אין זיך פון אייביק אָן אומגע־הויערע אוצרות פון אינטעלעקטועלע קרעפטן. אָבער אָנשטאָט זיי אָנצו־ווענדן אויף פאָרשן די נאַטור און דעם מענטשן, האָט דער גלות־ייד אין משך פון טויזנטער יאָרן איינגעצאַמט די דאָזיקע כוחות אין ד׳ אמות של הלכה; און ניט אזוי של הלכה, ווי אין ד׳ אמות של פירושים אויף פירושי פירושים של הלכה; ער האָט דערביי פאַרקירעוועט די גייסטיקע כוחות פון אונדזער פאָלק ניט בלויז אין הלכה נאָר ניט ווייניקער אפשר אין אגדה און מדרשים, אין פאַרעלטערטע ראַציאָנאַליסטישע פילאָזאָפיע, אין מיסטיק און קבלה עיונית און די ווילדסטע מאגישע זאַבאַבאָנעס פון קבלה מעשיות, אבי נאָר ניט פאָרשן די „חכמות חצוניות״. ער האָט אויף אזא אופן אין משך פון טויזנטער יאָרן פאַרשווענדעט אונדזערע גייסטיקע אוצ־רות אויף בויען כימערישע עולמות עליונים. ער האָט פון זיך אָפּגעטרייסלט די אנדערע דענקענדיקע, די אלישע־בן־אבויהס און די שפּינאָזאס און ניט געלאָזט אויפשטיין קיין איינשטיינס און קיין ערליכס. ווי וואָלט אונדזער פאָלק אויסגעזען, ווי וואָלט די אלוועלטלעכע וויסנשאַפט אויסגעזען, ווען

אונדזערע אומצייליקע גאונים וואָלטן אין משך פון טויזנטער יאָרן געקענט פריי אַנטוויקלען זייערע ווונדערבאַרע אינטעלעקטועלע כּוחות. און לאָ די וואָס די אַלע גייסטיקע אוצרות זיינען געגאַנגען אין ניוועץ, איז נאָך אונדזער פּרוכטבאַרער אינטעלעקטועלער באָדן פאַרוואַקסן געוואָרן מיט ווילדקרויט: דער גראַדער שׂכל איז פאַרקרימט געוואָרן דורך אַ ווילדער פּילפּוליסטיק, אַזוי אַז עס איז נאָך היינט שווער פון דעם זיך צו באַפרייען, און עס איז אויסגעוואַקסן אַזאַ מאָוימדיקער איינפלוס פון ק ל ע ר ווי ביי קיין אומה ולשון, אַזוי אַז נאָך אַלע השׂכּלות און עמאַנציפּאַציעס שטיקט ער אונדז נאָך היינט אַפילו אין מדינת ישׂראל. און אַז שפּעטער, טאַקע אונטער די קלעפּ פון דער השׂכּלה און דער עמאַנציפּאַציע, איז דער אַמאָליקער כּוח פון קלעריקאַליזם אויף דער יידישער גאַס, בעיקר אין מערב, געבראָכן געוואָרן, איז וואָס איז דער ווונדער, וואָס אונדזערע בעסטע אינטעלעקטועלע כּוחות האָבן פון יידישקייט ניט געוווּסט און ניט געוואָלט וויסן, און זיינען אינגאַנצן אַוועק באַפרוכפּערן פרעמדע פעלדער? און אַזוי, ווילנדיק אָדער ניט, האָבן אויך אָט־אָ די גרויסע גלות־יידן אונדזער פאָלק פאַרראַטן.

...און צי באַרעכטיקט דען ניט דער גלות־ייד אין אַ ברייטער מאָס פאַרשידענע טענות פון די אַ נ ט י ס ע מ י ט ן? איז דען ניט אמת, אַז ער מיידט אויס פּראָדוקטיווע פיזישע אַרבעט, אַז מען זעט אים ניט ביי לאַנד־אַרבעט, אַז ווי אַ פיש אין וואַסער פילט ער זיך אין כּל־המינים ל ו פ ט ־ פּ ר נ ס ו ת? און לופט־פּרנסות פירן אים אויך צו טונקעלע געשעפטן. און ניט בלויז די אַנטיסעמיטישע עדות, נאָר אָט האָבן דאָך אויך ווויסנשאַפטלעכע עקספּערטן פעסטגעשטעלט, אַז ניט־געזעצלעכע שפּעקולאַציע, שוואַרצער מאַרק, אָפּנאַרעריי, פאַלשע וועקסלען און ענלעכע פ אַ ר ב ר ע כ נ ס זיינען ביי אים אָן אָפּטערע דערשיינונג ווי ביי זיינע ניט־יידישע מיטבירגער. און ווידער אַזוי פאַרשוואַרצט ער דעם יידישן פּנים.

...צי איז ווייטער אינגאַנצן פאַלש די טענה, אַז ווען ער אַסימילירט זיך, איז ער אָפט אַ צ ע ש ט ע ר נ ד י ק ע ר ע ל ע מ ע נ ט אין דעם נאַציאָנאַלן קערפּער פון די פעלקער, אין וועלכע ער דרינגט אַריין? ניט האָבנדיק קיין נאַטירלעכן נאַציאָנאַלן געפיל, קיין נאַטירלעכע נאַציאָנאַלע טראַדיציע און קיין נאַטירלעך פאָטערלאַנד, פּרעדיקט ער אינטערנאַציאָנאַליזם און קאָסמאָפּאָליטיזם, און מאַכט חוזק פון נאַציאָנאַלן געפיל און פון טראַדיציע בכלל; אָדער פאַרקערט, אויס פּחד אַז זיין אינערלעכע נאַציאָנאַלע פוסטקייט זאָל ניט אַרויפשווימען אין זיין אייגענעם באַוווּסט־

זיין און זיך ניט ארויסווייזן פאר די ניט־יידישע מיטבירגער, שטייגט ער זיי נאָך אריבער מיט זיין געמאכטן פאטריאָטיזם; אין ביידע פאלן זייט ער שנאה צו יידן ביי די פעלקער, צווישן וועלכע ער לעבט און וועמעס מאסקע ער ציט ארויף אויף זיין פארקרימטן יידישן פנים.

...אויב אמאָל האָט נאָך דער גלות־ייד געקענט פרובירן זיך צו פאר־ענטפערן מיט דער טענה, אז ער האָט קיין ברירה ניט, אז ער קען נעבעך אנדערש ניט האנדלען, איז איצטער, זייט עס איז אויסגעוואקסן דער קרעפ־טיקער ישוב אין ארץ־ישראל, און ווער רעדט שוין זייט עס איז אויפגעג־קומען די זעלבסטשטענדיקע מדינת ישראל, האָט ער שוין אפילו אָט־אָ דעם תירוץ אויך ניט. ווער לאָזט אים איצט ניט ווערן א שטאָלצער בירגער פון דער פרייער יידישער מדינה? ער איז אָבער א גלות־ייד און בלייבט א גלות־ייד. ער טראָגט דעריבער די פולע פאראנטוואָרטלעכקייט פאר זיינע מעשים.

...אויפן סמך פון אלעם דעם, וואָס איך האָב דאָ אָנגעוויזן, און וואָס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן דורך א גאנצער רייע עדות און אויטאָ־ריטאטיווע עקספערטן, פאָדער איך:

דער אָנגעקלאָגטער זאָל פארלאָזן דעם גלות און אויפהערן זיין א גלות־ייד;

ביז דאָס וועט אין פולער מאָס פארווירקלעכט ווערן, זאָל ער אויף קיבוץ־גלויות קאָנצענטרירן אלע זיינע מאטעריעלע און גייסטיקע כוחות;

ער זאָל דער יידישער מדינה אָפּגעבן זיינע קינדער;

ער זאָל איר אָפּגעבן אלע זיינע נאציאָנאל־באוווסטזיניקע און נאציאָ־נאל־שעפערישע עלעמענטן, ווען דורך דעם זאָל אפילו אָפּגעדארט ווערן דאָס יידישע לעבן אין גלות;

אלע פינאנציעלע מיטלען, וואָס זיינען ביי אים פאראן אויף נאציאָ־נאלע, קולטורעלע און פילאנטראָפּישע צוועקן, זאָל ער אָפּגעבן דער יידי־שער מדינה, ווען עס זאָלן אפילו ליידן דערפון די קולטורעלע און פיזישע נויטן פון דער יידישער באפעלקערונג אין די גלות־לענדער;

ער זאָל זיך איינמאָל פאר אלעמאָל אָפּטרייסלען פון די פארשידענע זשארגאָנען, וואָס האָבן זיך ביי אים איינגעוואָרצלט, און קודם כל פון דעם גלות־דייטש, און זאָל וואָס גיכער איבערגיין צו אונדזער איינציקער נאציאָנאלער שפּראך — עברית;

אלע יענע, וואָס ווילן זיך אָט־אָ די פאָדערונגען ניט אונטערוואַרפן,

זאָלן פאַרמשפּט ווערן צו פולשטענדיקער אַסימילאַציע און גייסטיקן אונ־טערגאַנג.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

ד י   ג ע ש י כ ט ע:

דאָס וואָרט האָט דער ערשטער יידישער פּאַרטיידיקער.

ד ע ר   ע ר ש ט ע ר   יי ד י ש ע ר   פּ אַ ר ט יי ד י ק ע ר:

...איך זע דאָ פאַר זיך אַ פאַרקערטע וועלט. אַלע באַשולדיקן דעם גלות־יידן, אַזוי ווי ער וואָלט אַליין אויף זיך אַרויפגעצויגן דעם גלות. באמת זיינען דאָך אין יידישן גלות שולדיק די גויים, און טאַקע אויך די יידישע מלוכות, ווי פון דער צייט פון בית ראשון אַזוי אויך פון בית שני, וואָס מיט זייער אינערלעכער און אויסערלעכער פּאָליטיק האָבן זיי דער־פירט צום גלות. פאַרקערט, ווער האָט עס געשאַפן דעם קעגנוואַרטיקן גרויסן ישוב אין ארץ־ישראל און אויפגעבויט און שטיצט כסדר די איצ־טיקע מדינת ישראל, אויב ניט דער גלות־ייד, מיט די הענט און מיט די הערצער פון זיינע קינדער, מיט די מוחות און מיט די מאַטעריעלע מיטלען פון די מענער און פרויען אויסגעוואַקסענע אין גלות און אָפּט אויך נאָך היינט טעטיקע אין גלות? און דאָס זאָל האָבן געטאָן דער מענטש אָן נאַ־ציאָנאַלן געפיל, אָן נאַציאָנאַלער ווירדע, אָן מענטשלעכער ווירדע, אָן כוח צום לעבן און אָן מוט צו שטאַרבן, וואָס שעמט זיך מיט זיין פאַרגאַנגענ־הייט און זעט ניט פאַר זיך קיין צוקונפט? עפּעס איז דאָך דאָ ניט גלאַטיק; דאָ מוז ערגעץ שטעקן אַ ביטערע מיספאַרשטענדעניש.

...און נאָך אַ סך זאַכן זיינען ניט גלאַטיק אין די באַשולדיקונגען, וואָס מען וואַרפט אויף אים פון אַלע זייטן מיט אַזאַ ברייטער האַנט.

אָן אַנדער פאָלק, ווען עס וואָלט אָנגעוואָרן זיין מלוכהשאַפט, ווען עס זאָל ווערן אַרויסגעשליידערט פון זיין נאַציאָנאַלער טעריטאָריע און ווערן צעזייט און צעשפּרייט צווישן פרעמדע, ווען עס זאָל אַזוי אָט זיין געצוווּנגען אָנצוהויבן רעדן די שפּראַכן פון דער אַרומיקער באַפעלקערונג, וואָלט עס געוויס נאָך אַ צוויי־דריי דורות פון אַזאַ גלות־לעבן פאַרשוווּנדן פון דער אויבערפלאַך פון דער ערד. און אָטאָ דער אָנגעקלאָגטער אונדזע־רער, דער באַדנלאָזער קאָסמאָפּאָליט, דער נאַציאָנאַלער פאַררעטער, איז אָן אַ מלוכה, ווייט פון זיין נאַציאָנאַלער טעריטאָריע, צעזייט און צעשפּרייט איבער דער וועלט, אין משך פון טויזנטער יאָרן, דאָך געבליבן ייד, און ניט ווייניקער ווי ווען עס איז פריער איז ער גרייט ווייטער צו פירן זיין נאַציאָנאַלן קיום און ווייטער שאַפן גרויסע קולטורעלע ווערטן אין גייסט

פון זיין טויזנט־יאָריקער נאַציאָנאַלער טראַדיציע. און ווי שיקט זיך עס, וואָס דער פּחדן אונדזערער, וואָס זאָל האָבן אויסגעהויכט דעם גייסט פון ווידערשטאַנד, וואָס קען נאָר ציטערן און בויגן זיך, האָט אויסגעשמידט פאַר זיך דעם אייזערנעם געבאָט: יהרג ולא יעבור, ליבער געהרגט ווערן און ניט עובר זיין אויף זיינע הייליקייטן, און אין פייער פון דורות עס מקיים געווען מיט קרבנות אָן א שיעור, אָן א צאָל, ווי קיין אנדער פאָלק אויף דער וועלט? ווי קומט עס, וואָס ער, וועלכער זאָל מיט א לייכטן גער־מיט האָבן פארשוועכט דעם יידישן נאָמען, האָט ווי קיין אומה ולשון זיך געלאָזט ברענען און בראָטן על קידוש השם?

...ניין, ניט פון קאַמף פאַר זיינע הייליקייטן, ניט פון ווידערשטאַנד קעגן די שונאים האָט ער זיך זייט טויזנטער יאָרן אָפּגעזאָגט, ער, וואָס זיין גאַנצער קיום איז איין ביטערער קאַמף. אמת איז, אַז ער האָט זיך אָפּגעזאָגט נאָר פון געוויסע מעטאָדן פון קאַמף, פון געוויסע פאָר־מען פון ווידערשטאַנד. די געשיכטע פון ערשטן און פון צווייטן חורבן און פון הריסת ביתר, נאָך וועלכע עס האָט זיך געקענט דוכטן, אַז עס איז געקומען א סוף צום יידישן פאָלק, האָבן אים געבראַכט צו דער איי־בערצייגונג, אַז אין באוואָפנטן קאַמף, אין א וועלט ווו ער איז שטענדיק דער שוואַכערער צד, וואַרט אויף דעם יידישן פאָלק אָן אומ־פאַרמיידלעכער אונטערגאַנג. איז ער פון דעם, וואָס מען רופט אַקטיווער ווידערשטאַנד, אַריבערגעגאַנגען צו דעם אַזוי־גערופענעם פּאַסיוון ווידערשטאַנד.

אַז דער „פּאַסיווער" ווידערשטאַנד איז אָן אויסערסט ווירקזאַמער מיטל אין קאַמף פון א פאָלק פאַר זיין קיום און זיין באַפרייאונג, האָט אין אונדזערע טעג אויך באַוויזן דער ביישפּיל פון דער הונדערטער־מיליאָנענ־דיקער אינדיע, וואָס האָט זיך דערשלאָגן צו זעלבסטשטענדיקייט ניט דורך מלחמה, ניט דורך באַוואָפנטן אויפשטאַנד, נאָר טאַקע דורך איר פּאַסיוון ווידערשטאַנד דער מעכטיקער בריטישער אימפּעריע. אַז אויך אין דעם באַפרייאונגס־קאַמף פון אונטערדריקטע שיכטן פון א פאָלק איז דער פּאַסיווער ווידערשטאַנד פון די אונטערדריקטע אָן אויסערסט ווירקזאַמער, מסתמא דער ווירקזאַמסטער קאַמפּס־מיטל, — באַווייזט אונדז די געשיכטע פון דער מאָדערנער אַרבעטער־באַוועגונג. וואָס איז דען א שטרייק, אפילו א גענעראַל־שטרייק, צענדליקער יאָרן אָרגאַניזאַציע, אויפקלערונג א. א. וו., אויב ניט פּאַסיווער ווידערשטאַנד? און די געשיכטע האָט די מעטאָדן פון פּאַסיוון ווידערשטאַנד פון אַרבעטער־קלאַס פולשטענ־

דיק באַרעכטיקט. ניט די באַזיגטע פּאַריזער קאָמונע און ניט אַפילו די זיגרייכע אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָבן באַפרייט און מאַטעריעל און גייס־טיק אויפגעהויבן דעם אַרבעטער, נאָר זיינע סינדיקאַלע, פּאָליטישע, קאָאָפּעראַטיווע און קולטורעלע אָרגאַניזאַציעס.

מיט אַכצן יאָרהונדערטער פאַר גאַנדין און פאַר דער מאָדערנער אַר־בעטער־באַוועגונג איז דער גלות־ייד אַרויף אויפן וועג פון פּאַסיוון ווי־דערשטאַנד, און די געשיכטע האָט אויך ביי אים אַט־אָ דעם קאָמפּאַס־מעטאָד באַרעכטיקט. וואָס וואָלט געוואָרן פון יידישן פאָלק, ווען נאָך הריסת ביתר וואָלט ער זיך גאָרניט אויסגעלערנט פון זיין ביטערער דערפאַרונג און וואָלט זיך ווייטער געהאַלטן ביי באַוואָפנטע אויפשטאַנדן קעגן דער גרעס־טער וועלט־מאַכט פון יענער צייט? ער האָט צום גליק טאַקע פאַרוואָרפן דעם ווייטערדיקן באַוואָפנטן קאַמף; ער האָט אָבער אויך ניט קאַפּיטולירט; ער איז איבערגעגאַנגען צום פּאַסיוון ווידערשטאַנד, און דאָס האָט אים געראַטעוועט און אים דערלויבט, נאָך לאַנגע יאָרהונדערטער פון אומ־מענטשלעכער פּיין, צו דערלעבן צו בעסערע צייטן.

אָ, דאָס איז געווען אַ שרעקלעך לאַנגער און ווייטיקדיקער דערנער־וועג, וואָס האָט געפאָדערט אַן אומענדלעכן העראָאיזם. דער פּאַסיווער ווידערשטאַנד פאָדערט כסדרדיקע פעסטקייט, כסדרדיקע געטרייקייט די איבערצייגונגען, טאָג־טעגלעכע קרבנות, און ווייט ניט אַלע, וואָס זיינען פעאיק זיך מקריב צו זיין אין אַ מ אָ מ ע נ ט פון שלאַכט, פאַרמאָגן אין זיך די כסדרדיקע, אומאויפהערלעכע גייסטיקע גבורה, וואָס פאָדערט דער פּאַסיווער ווידערשטאַנד אין משך פון גאַנצן לעבן. אַט־אָ די גבורה האָט אין דער העכסטער מאָס אַרויסגעוויזן דער גלות־ייד.

...און אויך דער קעגנוואַרטיקער מדינת ישראל וואָלט מיין קליינ־קייט געראַטן ניט צו פאַרגעסן אונדזער לאַנגע געשיכטע און זיך ווייניקער אָריענטירן אויף מלחמות, אַפילו צייטווייליק זיגרייכע, און אויף אינטער־נאַציאָנאַלע קאָמבינאַציעס מיט מלחמה־פאַרבונדענע, און אין קאַמף קעגן פאַרשידענע שונאים ווי ווייט נאָר מעגלעך זיך צו שטיצן אויף פּאַסיוון ווידערשטאַנד. נאָר לאָמיר איצט וועגן מדינת ישראל ניט רעדן; זי זיצט דאָך ניט אויפן באַשולדיקונגס־באַנק; פאַרקערט, זי פיגורירט דאָך גאָר צווישן די באַשולדיקער און די מאָנער.

...מען וואַרפט פאָר דעם גלות־יידן, אַז ער האָט אין די היטלער־געטאָס כמעט ביז צום סוף ניט געטראַכט וועגן קאַמף און זיך געלאָזט אויסשעכטן ווי אַ סטאַדע שעפּסן. ניט אמת, טויזנט מאָל ניט אמת. ער

האָט לאַנג און ביטער געקעמפט. הערט זיך נאָר צו צו דעם, וואָס עס דערציילן די עדות פון די געטאָס: געטריי זיין טויזנטער־יאָריקער טראַדיציע און היסטאָרישער דערפאַרונג, וואָס איז אַזוי צו זאָגן געוואָרן זיין פלייש און בלוט, האָט דער גלות־ייד אויך אין די היטלער־געטאָס זיך גענומען מיט אַ ווונדערלעכער גבורה צו די אַלטע אויסגעפּרובירטע קאַמפּס־מיטלען פון פּאַסיוון ווידערשטאַנד: ער האָט מיט מסירת־נפש געקעמפט קעגן עפּידעמיעס, קעגן שמוץ, קעגן הונגער, קעגן קולטורלאָזיקייט, קעגן פאַרצווייפלונג און אַנדערע מלאכי חבלה, וואָס די היטלער־געטאָס האָבן אויף אים אָנגעשיקט, און ער האָט געהאָפט, אַז אַזוי אַט וועט ער איבערקומען די צייט פון דער מלחמה און היטלערן גופא. אָבער כדי פּאַסיווער ווידערשטאַנד זאָל פירן צו נצחון, פאָדערט זיך, אַז דער שונא זאָל ביי אַלע זיינע רשעות פאַרמאָגן אין זיך אַ מינימום פון מענטשלעכקייט. היטלער האָט אָבער אַ פּונק מענטשלעכקייט אין זיך אויך ניט געהאַט. און ווען גאַנדי, למשל, וואָלט געהאַט צו טאָן ניט מיט די ענגלענדער, נאָר מיט היטלערן און זיין גלייכן, וואָלטן באַטירלעך אַלע זיינע תעניתים געהאָלפן ווי אַ טויטן באַנקעס; פאַרקערט, מיט אַ פּאָר קוילן אָדער מיט אַ גאַז־קאַמער וואָלט מען אים פון זיינע תעניתים באַפרייט. דער שרעקלעכער טעות פון דעם געטאָ־יידן איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט לאַנג זיך ניט געקענט פאָרשטעלן, אַז אין דעם היטלער און זיינע באַנדעס לעבן בלוטדורשטיקע בריאות, וואָס די וועלט האָט נאָך אַזוינס ניט געזען. און אַז שפּעטער — צו שפּעט — האָט ער עס איינגעזען, האָט ער זיך טאַקע גענומען צום געווער — און איז געפאַלן מיט ווירדע, ניט ערגער ווי זיינע אָבות ביים חורבן ירושלים און הריסת ביתר.

... ער זאָל דאָס זיין אַ פּחדן איינער אין דער וועלט? איז דאָס ניט אַ בלוטיקער שפּאַס? איך וויל דאָ דערמאָנען נאָר איין קלייניקייט, איין טראָפּן פון אַ ים הערטאיזם. אין משך פון לאַנגע, שרעקלעך לאַנגע יאָרהונדערטער האָט ער געלעבט אין אַן אַטמאָספער פון אייביקן פּאָגראָם, ווו יעדע איינצלנע מינוט האָט ער געקענט דערוואַרטן, אַז אַ ווילדער, פאַנאַטיזירטער און האָב־גיריקער המון זאָל זיך ארייננרייסן ביי אים אין שטוב און ראַבירן, צעשטערן, ממיתן, געוואַלטעווען, האָט ער געזוכט די יידישקייט פון זיין הויז צו באַהאַלטן, פאַרמאַסקירן? וואָס האָט ער באמת געטאָן? ביים אריינגאַנג פון יעדן יידישן הויז האָט ער געהאַלטן אויפגעהאַנגען — אַ מ ז ו ז ה, וואָס האָט יעדן איינציקן, אייגענע און פרעמדע, פריינט און שונאים, אָן ווערטער געזאָגט: דאָ וווינט אַ ייד. אַ באַ־

שיידענע, א צניעותדיקע יידישע פאַן, ווי אלץ איז ביי אים געווען באַ־
שיידן, צניעותדיק.

...איבערמענטשלעך שווער איז אלעמאָל געווען צו זיין א ייד אין גלות; דאָס האָט אָבער דעם יידן ניט אָפּגעשראָקן, און ער איז אויך אין גלות געבליבן א ייד.

...און שפעטער, ווען עס איז אויפגעקומען א נייע וועלט, ווען די שטילע ארבעט אין די וויסנשאַפטלעכע לאַבאָראַטאָריעס האָט מיט גערויש און געפּילדער געבראַכט אין באַוועגונג פארשידענע מאַשינעס פון פארשי־דענע פאַבריקן, און דער גלות־ייד איז ארויס פון די פיר ווענט פון געטאָ, איז ער פון דאָרטן ארויס א פּחדן, א געבויגענער, אָן ערן־געפיל, אָן מענטשלעכער ווירדע? און ווו איז די וואונדערבארע יידישע ארבעטער־באַ־וועגונג? ווו איז דער גרויסער היסטאָרישער דועל צווישן דעם אלגע־מיינעם יידישן ארבעטער־בונד און דעם אל־וועלטלעכן זשאַנדאַרם, דעם צאר פון דער גרויסער רוסי־שער אימפעריע, א דועל וואָס האָט ארויסגערופן באַוואונדערונג אין דער גאַנצער פרייהייטלעכער מענטשהייט, און וואָס האָט באמת דערהויבן אין דער וועלט דעם יידישן נאָמען? ווער קען ציילן די העלדן, ארבעטער און אינטעליגענטן, וואָס האָבן זיך פרייוויליק געוואָרפן אין גראַנגל אויף לעבן און טויט קעגן דער פינצטערסטער רעאַקציע, און די פון זיי, וואָס זיינען אין קאַמף קעגן צאַריזם און אין זעלבסט־שוץ קעגן פּאָגראָמשטשיקעס אומגעקומען? און ווו איז דער אָנטייל פון גלות־יידן אין די ארבעטער־ און פרייהייטלעכע באַוועגונגען פון אזוי פיל אנדערע פעלקער, אין דייטשלאַנד, אין פוילן, אין רוסלאַנד, אין אמעריקע?

...טענהט מען פאַרקערט, אז דער גלות־ייד איז א צעשטערנדיקער עלעמענט. אזוי טענהן באמת פאַרשטייער פון דער אָפּשטאַרבנדיקער וועלט. צי קען אָבער אויספאַלן דער משפט פון דער געשיכטע, אז היינע און בערנע, מארקס און לאַסאַל, מאַרטאָוו און גרשוני זאָלן באמת האָבן געווען צעשטערנדיקע עלעמענטן? ניין, ניט קיין צעשטערנדיקער עלעמענט איז דער גלות־ייד, גראַד פאַרקערט: טאַקע א דאַנק דעם, וואָס ער איז א גלות־ייד, וואָס אין א וועלט פון רשעות איז ער אומעטום דער שוואַכערער צד, וואָס אים איז אזוי לאַנג אויסגעקומען און וואָס אים קומט נאָך כסדר אויס צו ליידן פון ברוטאַלער קראַפט, איז ער דער שטענדיקער מאָנער פון מענטשלעכקייט און גערעכטיקייט, דער אייביקער פּרעדיקער פון די העכ־סטע אידעאַלן פון די יידישע נביאים, אידעאַלן פון לא בכוח ולא בחיל כי

ברוח, אידעאלן פון צדק ומשפט, אידעאלן פון לא ישא גוי על גוי חרב, און טאקע דערפאר זעט אין אים די וועלט פון רשעות א צעשטערנדיקן עלעמענט. און הלוואי זאָל דער ייד אין מדינת ישראל טריי בלייבן אָט די אידעאלן פון אונדזערע נביאים, וואָס זיינען אגב דורך זיי פאָרמולירט געוואָרן גראד דעמאָלט, ווען די יידישע מלוכהשאפט האָט געהאלטן ביים אונטערגיין, א דאנק אינערלעכע אומרעכטן, דורך אויסערלעכער ברוטאלער מאכט.

...זאָגט מען ווידער, אז דער גלות־ייד איז א לופט־מענטש, א פּאַראזיט, וואָס לעבט אויפן חשבון פון דער ארומיקער געזעלשאפט. קומען אָבער די עקספּערטן און דערציילן אונדז, אז אין פארשידענע לענדער, ווו עס זיינען פאראן יידישע ישובים, אויףביידע זייטן פון אטלאנטישן אָקעאן, האָט אין דעם אויפבוי פון פארשידענע צווייגן פון דער מאָדערנער ווירטשאפט דער גלות־ייד גראד גענומען א ניט־פּראָפּאָרציאָנעלן גרויסן חלק. און קיינמאָל אפשר האָט מען אזויפיל ניט גערעדט און געשריבן וועגן דעם פּאראזיטישן כאראקטער פון דעם גלות־יידן, ווי זייט אויף ביידע זייטן אָקעאן זיינען אין די הונדערטער טויזנטער, אין מיליאָנען אויפגעקומען יידישע ארבעטער־מאסן.

מען טייטלט מיט די פינגער אויף שפּעקולאנטן, אָפּנארער א. ד. גל. צווישן די גלות־יידן. אוודאי איז דער גלות־ייד ניט כולו זכאי. נאָר ווער אויף דער וועלט איז כולו זכאי? און אז ער וואָלט טאקע געווען כולו זכאי, וואָלט דאָך שוין לאנג געווען משיח געקומען, ד. ה. אז אַנשטאָט צו לעבן אין אונדזער זינדיקער וועלט, וואָלט שוין באדארפט זיין פארווירקלעכט דער געטלעכער חלום פון אונדזערע נביאים „מלאה כל הארץ דעת ה׳ כמים לים מכסים", די גאנצע וועלט וואָלט באדארפט זיין דורכגעדרונגען מיט געטלעכער געוויסנהאפטיקייט ווי דער ים איז אָנגעפילט מיט וואסער, — איז אָבער דער גלות־ייד אין פּרט פון פארברעכערישקייט ערגער פאר אנדערע? אָט האָבן אונדז די עקספּערטן געוויזן, אז בכלל איז ביים גלות־יידן די פארברעכערישקייט גראד באדייטנדיק קלענער ווי ביי זיינע ניט־יידישע שכנים; אז ביי אים זיינען א סך זעלטענער ווי ביי זיי דווקא די שווערע פארברעכנס, און וואָס שווערער א פארברעכן אלץ זעלטענער איז ער; אז ביי דעם גלות־יידן איז, למשל, א סך ווייניקער פארשפּרייט גנבה; אז אין ווארשע, למשל, זיינען פארברעכנס קעגן מענטשלעכן קערפּער און געזונט ביי יידן געווען צען מאָל זעלטענער ווי ביי ניט־יידן; אז פארגוואלטיקונגען און ניט־נאטירלעכע סעקסועלע באציאונגען זיינען ביים גלות־יידן כמעט אינגאנצן ניט בנמצא;

אז אין פוילן איז אויף טויזנט יידן דורכשניטלעך אויסגעפאלן א בייזווי־ליקער מאָרד איין מאָל אין פיר־פינף הונדערט יאָר, אָדער פינף און צוואנ־ציק מאָל זעלטענער ווי ביי דער ניט־יידישער באפעלקערונג. אויב מען דארף שוין יאָ אויסקלויבן צווישן שפעקולאנטן און אַפנארער, פון איין זייט, און גזלנים, רויבער, בייזוויליקע מערדער און פארגוואלטיקער, פון דער אנדערער, מיין איך אז די ערשטע שטעלן מיט זיך פאָר א קלענערן בייז, דערצו נאָך ווען אויך אָט די פארברעכנס זיינען ביים גלות־יידן ווייניקער פארשפרייט ווי ביי זיין שטאָטישן ניט־יידישן שכן.

ניט ערגער פאר אנדערע אומות איז דער גלות־ייד, נאָר בעסער; און טאקע דערפאר ווערט ער אזוי גערודפט.

...נאָר דער שווערסטער חטא, וואָס פון דער יידישער זייט ווארפט מען פאָר דעם גלות־יידן, אין וואָס מען זעט איין אן אמתן נאציאָנאלן פארראט, איז זיין פארלאָזן און פארגעסן די העברעאישע שפראך, זיין איבערגאנג צו פרעמדע לשונות, וואָס ער האָט נאָך דערצו פארקריפלט, געמאכט פון זיי פארדרייטע זשארגאָנען, ספעציעל זיין איבערגאנג צו א דייטשן זשארגאָן, וואָס ער האָט געקרוינט מיטן פאלשן נאָמען יידיש, און פאר וועלכן ער פאָדערט רעכט פון א יידישער נאציאָנאלער שפראך.

שווער איז די באשולדיקונג, און אויף איר מוז איך זיך אָפשטעלן גענויער.

נאָר קודם א היסטאָרישע באמערקונג. די עקספערטן האָבן דאָ פעסט־געשטעלט, אז פון העברעאיש צו א פרעמדער שפראך, צו אראמיש, איז דאָס יידישע פאָלק איבערגעגאנגען מיט יאָרהונדערטער פריער, איידער עס האָט זיך אָנגעהויבן דער לאנגער יידישער גלות. אראמיש האָט דאָס פאָלק גערעדט אין דער גאנצער צייט פון בית שני, בעת עס האָט נאָך געלעבט ביי זיך אין לאנד און איז בשום אופן ניט געווען געצוווּנגען צו עמעצן זיך צוצופאסן — ווי שפעטער אין גלות — און צו רעדן א פרעמדן לשון. אפילו אונטער דער פערסישער איבערהערשאפט איז אין א״י, ווי אין אלע פערסישע מדינות, געווען גילטיק די פרייהייט „להיות כל איש מדבר כלשון עמו״. אויב דער איבערגאנג צו אן אנדער שפראך איז געווען א נאציאָנא־לער פארראט, האָט עס דעריבער, ביי באזונדער באלאסטנדיקע באדינגונ־גען, באגאנגען שוין מיט מער ווי צוויי טויזנט יאָר צוריק גראד דער ישראל־ייד.

לעבנדיק א סך דורות לאנג אין א פרעמדער נאציאָנאלער סביבה, צווישן מענטשן וואָס האָבן גערעדט אן אנדער שפראך, איז דער גלות־ייד

אין זיין טאָג־טעגלעכן לעבן געווען געצוווּנגען צו רעדן א ניט־יידישן לשון. צי האָט ער אָבער פאַרלאָזן די שפּראַך פון זיינע אָבות? צי האָט ער זי פאַרגעסן? מיט מענטשן פון אַן אַנדער פאָלק איז טאַקע שטענדיק אַזוי געשען. אויך ביי יידן איז עס פאָרגעקומען מיט א גרעסערער אָדער קלע־נערער צאָל יחידים. אָבער דער גלות־ייד בכלל האָט די העברעאישע שפּראַך ניט פאַרגעסן און זי ניט פאַרלאָזן. זייענדיק געצוווּנגען אין זיין וואָכעדיקן האַנדלען און וואַנדלען צו רעדן א פרעמדן לשון, האָט ער פון העברעאיש געמאַכט די שפּראַך פון זיינע הייליקייטן, זיין לשון־קודש. אין העברעאיש האָט ער זיך געווענדעט צו גאָט מיט זיינע תפילות; אין העב־רעאיש האָט ער אין משך פון טויזנטער יאָרן, לויט זיינע מעגלעכקייטן, געלייענט און געלערנט די אוראַלטע הייליקע ספרים, וואָס ער האָט אויפ־געהיט מיט בוכשטעבלעכער מסירת־נפש; אין העברעאיש, אויף די דאָזיקע ספרים, האָט ער זיינע קינדער געלערנט לייענען און, ווי ווייט מעגלעך, אויך שרייבן. און אויב גערעדט האָט ער טאַקע א פרעמדע שפּראַך, האָט אָבער די גייסטיקע עליטע פון פאָלק ביים שרייבן — און שפּעטער ביים דרוקן — אין משך פון לאַנגע, לאַנגע דורות געברויכט בעיקר דווקא העב־רעאיש. ביים גלות־ייד האָט העברעאיש ניט געקענט מער זיין קיין תורה שבעל פה; האָט ער זי אויף אַזא אופן אָפּגעהיט ווי א תורה שבכתב. און דאָס, און קודם כל דאָס, האָט מעגלעך געמאַכט די שפּעטערדיקע רענעסאַנס פון העברעאיש — וואָס איז אַגב געשען אויך א דאַנק דער עקשנות פון א פּאָר דורות יידישע ליטעראַטן אין גלות.

... נאָר די אותיות די העברעאישע האָט דער גלות־ייד שטענ־דיק אָפּגעהיט, אפילו דעמאָלט ווען ער האָט געשריבן אין פרעמדע שפּראַכן צו זיינע ברידער און פאַר זיינע ברידער, וואָס האָבן אָט די אותיות גע־קענט. און ניט נאָר די אותיות האָט ער אָפּגעהיט און ניט נאָר ביים שרייבן. רעדנדיק און שרייבנדיק א פרעמדע שפּראַך, האָט ער אין איר אריינגעפלאָכטן א סך העברעאישע וואָקאַבלען, און דעם זאַץ געבויט לויט דעם אופן רעדן און טראַכטן אין העברעאיש.

... און וואָס איז אייגנטלעך א שפּראַך? דאָס איז ניט סתם א גע־וויסער סכום קלאַנגען אָדער געשריבענע צייכנס. א שפּראַך איז א סכום באַגריפן, וואָס ווערן סימבאָליזירט דורך קלאַנגען און געשריבענע צייכנס. געוויס זיינען די סימבאָלן אויך זייער וויכטיק, אָבער דער עיקר זיינען די באַגריפן און ניט זייערע סימבאָלן. אָט זאָגן אונדז די עקספּערטן, און עדות זיינען די העברעאישע אויפשריפטן אויף אַלטע מטבעות וואָס ווייזן, אַז העברעאיש גופא האָט אירע געשריבענע סימבאָלן, דעם אלף־בית, מיט

דער צייט געביטן, און דורך דעם אויף א האָר ניט אויפגעהערט צו זיין העברעאיש. אויך די קלאַנגען זיינען ניט ביי אלע יידישע שבטים און ניט אומעטום אין העברעאיש געווען די זעלביקע. און צוזאמען מיט די העברעאישע פסוקים און שפּריכווערטער, צוזאמען אָפּט מיט דעם העברעאישן בוי פון זאץ, האָט דער גלות־ייד א י ן ד י פ ר ע מ ד ע ק ל א נ ג ע ן א ר יי נ ג ע ל יי ג ט יי ד י ש ע ב אַ ג ר י פ ן, און אזוי אָט ניט בלויז אויסערלעך, נאָר טאקע אינערלעך, פארוואנדלט זיי אין יי ד י ש ע דיאלעקטן. און ווילאנג ער האָט גערעדט, געשריבן און געלייענט די דאָזיקע יידישע דיאלעקטן און ניט פארביטן זיי אויף אנדערע, ניט־יידישע דיאלעקטן אפילו פון דעם זעלביקן פאָנעטישן מקור, האָט ער אָפּגעהיט, אויפגעהאלטן און ווייטער געפירט דעם יידישן המשך, און זיך ניט אסימילירט; ער איז אזוי אָט געבליבן אין קרייז פון יידישן פילן און דענקען. דערין איז באשטאנען בכלל דער גרויסער נאציאָנאלער אויפטו פון די דיאלעקטן, וואָס יידן האָבן גערעדט אין גלות; און דאָס דערלויבט אונדז אויך ריכטיק צוצוגיין צו דער שפּראך פון אשכנזישן צווייג פון יידישן פאָלק, צו יי ד י ש.

... ניט קיין גלות־דייטשער זשארגאָן איז יידיש; דאָס איז אן עכט יידישע שפּראך, וואָס באנוצט זיך אין זייער א גרויסער מאָס מיט קלאנגען פון גערמאנישן אָפּשטאם, אויף א ספּעציעלן אופן אומגעענדערטע, וועלכע סימבאָליזירן אָבער טיף־יידישע באגריפן. און זאָל עמעצער זאָגן, אז די ב א ג ר י פ ן אין יידיש שטאמען ניט פון אוראלטע יידישע קוואלן, פון תורת משה, פון די אייביק באגייסטערנדיקע נביאישע וויזיעס, פון די תלמודישע לעגענדעס און מדרשים, רבנישע חריפות, חסידישע דבקות און מתנגדישן מוסר, לומדישער גמרא און ווייבערשע תחינות, ביז דער מאָדערנער יידישער פּאָעזיע און קינסטלערישער פּראָזע, פּראָלעטארישן באפרייאונגס־קאמף און ציוניסטישער בענקשאפט נאָך א״י. דער גאנצער יידישער וועלט־באנעם, די באלעבטסטע מיט בטחון יידישע האָפענונגען, די בויגעוודיקע יידישע עקשנות, דער יידישער חן, די יידישע צניעות, דער יידישער יושר, די יידישע רחמים, דער יידישער הומאָר, די אומשטארבלעכקייט די יידישע, אלץ וואָס מאכט דעם מהות פון אונדזער פאָלק, איז אויפגעהיט אין יידיש, אויסגעדריקט דורך יידיש — און דאָס זאָל זיין א פרעמדע שפּראך, א דייטשער זשארגאָן? דאָס איז ניט קיין אמתער יידישער המשך? אָדער איז די מאָדערנע עברית, מיט אירע העברעאישע סימבאָלן, מער יידישער המשך? פארטראכט זיך איבער דעם, און טראָגט ארויס א גערעכטן ענטפער.

... עס זיינען דאָ ביי אונדז אַזעלכע חכמים, וואָס זאָגן, אַז יידיש איז בכלל נישט קיין שפּראַך, ווייל זי באַשטייט פון ווערטער צוזאַמענגעשלעפּטע פון פאַרשידענע שפּראַכן. אויף דעם סמך וואָלט מען געקענט פּסלענען למשל, אויך ענגליש, וואָס באַשטייט אויך פון אַ כלומרשטיקן שפּראַכלעכן מיש־מאַש, אַ געמיש פון פאַרדרייטע גערמאַנישע און פראַנצויזישע וואָקאַבלען. איז טאַקע ענגליש צוליב דעם קיין שפּראַך ניט? פאַרקערט, ענגליש איז גראַד אַ דאַנק דעם אַ באַזונדער רייכע שפּראַך, מחמת דורכדעם וואָס זי האָט פאַר ענלעכע באַגריפן אי גערמאַנישע אי ראָמאַנישע ווערטער, האָט זי די מעגלעכקייט אויסצודריקן די ניואַנסן פון פאַרשידענע באַגריפן פּרעציזער ווי אַ סך אַנדערע שפּראַכן. און דאָס איז נאָך אין אַ גרעסערער מאָס ריכטיק בנוגע צו יידיש. דורך אירע גערמאַנישע, העברעאישע און סלאַווישע וואָקאַבלען, דורך דעם שאַפן צוזאַמענגעזעצטע ווערטער, וואָס האָבן אַ טאָפּלטן אָדער אַפילו אַ דרייפאַכן שפּראַכלעכן אָפּשטאַם (ווי למשל, יוצא־זיין, פּטור־ווערן, שמד־שטיק א. ד. גל.), דורך דעם איבערנעמען באַשטימטע גערמאַנישע און סלאַווישע סופיקסן און צוגעבן זיי צו ווערטער פון אַנדער־שפּראַכיקן אָפּשטאַם (ווי למשל, אַ טלימטרל, אַ שיקסעלע, אַ באַלעבעסל, אַ נקבהטשקע, גוטינקער א. א. וו.), דורך דעם פאַרשידענעם זאַץ־בוי, וואָס איז גענומען פון פאַרשידענע לשונות, פאַרמאָגט יידיש אַזאַ שפע פון מעגלעכקייטן צו ניואַנסירן געפילן, געדאַנקען, באַגריפן, ווי זעלטן וועלכע רייכע שפּראַך.

פּרובירט למשל אויסדריקן אין אַנדערע שפּראַכן, אין דייטש, פראַנצויזיש אָדער טאַקע אין עברית די באַגריפן, וואָס ווערן אין יידיש אויסגעדריקט דורך די ווערטער: דאגה און זאָרג; צער, פאַרדרוס און עגמת־נפש; צרות, פּיין און ענויים קשים; רשעות, שלעכטקייט און בייז; בטחון, צוטרוי און זיכערקייט; אָדער אַפילו אַזעלכע פּשוטע זאַכן ווי אַ ספר, אַ בוך, אַ ביכל און אַ ביכעלע; אַ הויז, אַ הייזל, אַ הייזעלע און אַ הייזקע. גיט איבער אין עברית די באַגריפן, וואָס יידיש לייגט אַריין אַפילו אין אירע העברעאישע ווערטער ווי למשל: אַ מזיק, אַ דבר־אחר, אַ יש, בטחון, אָדער אַזעלכע צוזאַמענגעזעצטע ווערטער ווי למשל: ווייסע־חברה־הניקעס, שלימזלניק, בריהשקייט, פּטרן, א. א. וו. א. א. וו. — אויב עברית איז באַשערט צו זיין פאָלקסטימלעך, אויב זי וועט וועלן אויסדריקן דעם פילפאַרביקן, רייך־ניואַנסירטן יידישן אופן פון פילן און דענקען, וועט זי אַליין מוזן זיין אַ המשך פון יידיש. צי האָט אָבער עברית אין דער הינזיכט באמת גרויסע מעגלעכקייטן? און אויב זי האָט עס ניט, צי וואָלט אַ פולשטענדיקער איבערגאַנג צו עברית ניט באַטייט אַ פאַראָרעמונג, אַן איינ־

שרומפונג פון פסיכישן לעבן און פון די פסיכישע כוחות פון אונדזער פאָלק? צי וואָלט בכלל מעגלעך געווען אַן איבערגאַנג פון יידיש צו עברית?

...נאָר וואָס עס זאָל ניט זיין מיט עברית, איז אָבער א פאַקט, אַז דער גלות־ייד האָט אַזוי אָט געשאַפן אַן אויסערגעוויינלעך רייכע יידישע שפּראַך, א וואונדערבאַרן אינסטרומענט מיט אומבאַגרענעצטע מעגלעכקייטן איבערצוגעבן די פיינסטע שאַטירונגען פון יידישן און אַלמענטשלעכן פילן און דענקען. און טאַקע אָט דעם וואונדערבאַרן אינסטרומענט האָבן מיר קודם כל צו פאַרדאַנקען, וואָס אין משך פון צוויי דורות, ממש אויף אונדזערע אויגן, אָן שום שטיצעס פון א מלוכה, ביי דעם ביטול פון קורצזיכטיקע חכמים און ביי דער פיינטשאַפט פון די העכערע קלאַסן, האָט אין יידיש געקענט אויפקומען, אויסוואַקסן און אַנטוויקלען זיך אַזאַ רייכע, אויף אַזאַ הויכן ניוואָ שטייענדיקע ליטעראַטור, אַזאַ אמתע „יפיפותו של יפת באהלי שם״, און דערביי אַזאַ פאָלקסטימלעכע, אַזאַ דעמאָקראַטישע, אַזאַ מאָדערנע, אַזאַ וועלטלעכע און אַזוי טיף מיטן נביאישן גייסט דורכגעדרונגענע, אַזוי שטאַרק מיטן יידישן גורל פאַרבונדענע, מיט איין וואָרט אַזאַ באמת יידישע ליטעראַטור.

און ווידער אַמאָל: אויב די ליטעראַטור אין עברית וועט וועלן ווערן אַן אמתע פאָלקסטימלעכע, וועט זי מוזן אָנקניפּן אָן דער ליטעראַטור אין יידיש, זיין המשך אירער, אַזוי ווי די ליטעראַטור אין יידיש איז אין דערווירקלעכקייט א המשך פון אונדזערע פריערדיקע ליטעראַטורן אין העברעאיש, יידיש־אַראַמיש און יידיש־אַראַביש.

...און ווען עס זאָל אפילו מקוים ווערן די שוואַרצע נבואה פון די פאַלשע נביאים, וואָס זאָגן פאָר דעם אונטערגאַנג פון יידיש דורך דער אויסראָטונג פון יידישן פאָלק אין מזרח־אייראָפּע (וואָס זאָגן עס פאָר מיט דער כוונה, כדי מיט אַזעלכע נביאות גופא לייכטער אונדזער יידיש צו באַגראָבן, און צו באַרעכטיקן דאָס באַגראָבן זי לעבעדיקערהייט), אפילו אין אַזאַ פאַל, א דאַנק די נאַציאָנאַלע אוצרות, וואָס זיינען אין יידיש שוין געשאַפן געוואָרן, א דאַנק דעם היסטאָרישן קאַמף, וואָס האָט אין יידיש געפירט אין משך פון א האַלבן יאָרהונדערט דער יידישער אַרבעטער, א דאַנק אויך טאַקע דעם, וואָס מיט יידיש אין מויל און יידיש אין האַרצן איז אומגעקומען דער וויכטיקסטער צווייג פון אונדזער פאָלק אין דער איצטיקער תקופה, — וועט שוין יידיש און יידישע ליטעראַטור קיינמאָל ניט אויפהערן צו זיין א רייכער קוואַל, פון וועלכן עס וועלן שעפּן קומענדיקע דורות, פּונקט ווי מיר שעפּן פון די אוראַלטע יידישע קוואַלן אין העברעאיש, אַראַמיש אָדער אַראַביש. אויב עברית זאָל טאַקע ווערן

די אומגאנג־שפראך, דער לשון חול פון יידישן פאָלק, וואָס זאָל ווערן קאָנצענטרירט אין ארץ־ישראל, וועט דעמאָלט יידיש ווערן זיין לשון קודש.

...נאָר דאָס יידישע פאָלק ווערט גאָרניט אויפגעזאמלט אין ארץ־ישראל, דער גלות־ייד קלויבט זיך ניט צו שטארבן; דער מזרח־אייראָפּעאישער יידישער שטאם, אויסגעהאקט און אויסגעוואָרצלט אין מזרח־אייראָפּע, וואָרצלט זיך איין אויף יענער זייט אָקעאן און אין ישראל, און צוזאמען מיט דעם קלייבט זיך יידיש גאָרניט צו שטארבן, ווי דאָס ווילט זיך אירע באגרעבער. זי לעבט, זי האָט נאָך אלץ פעסטע אָרגאנישע און גייסטיקע וואָרצלען אין אונדזער פאָלק, און וועט אויך ווייטער לעבן און וואקסן.

...נאָך איין וואָרט, און דערמיט פאַרענדיק איך.

מען האלט געוויינלעך, אז דער גלות, די צעשפרייטקייט זיינע איז פארן יידישן פאָלק געווען נאָר איין גרויסער אומגליק. געוויס וואָלט פאר יידן א סך בעסער געווען, ווען זיי וואָלטן געקענט רואיק לעבן אין זייער לאנד, איש תחת גפנו ותחת תאנתו ואין מחריד, ווי די נביאים ישעיהו און מיכה האָבן זיך פאָרגעשטעלט דאָס לעבן פון אלע פעלקער באחרית הימים. אָבער ווי לאנג מיר לעבן אין א וועלט פון רשעות, איז אזא איידיליע נאָר א פרעכטיקער חלום אויף באחרית הימים. ווי לאנג מיר לעבן אין א וועלט, וווּ עס הערשט דער ברוטאלער כוח, איז די קאָנצענטרירטקייט פון א פאָלק אין אן אייגענער מלוכה, און בפרט נאָך פון א קליין פאָלק אין א קליינטשינקער מלוכה, בשום אופן קיין גאראנטיע ניט אפילו קעגן פשוטער פיזישער אויסראָטונג. אונדזערע ביידע גרויסע חורבנות אין ארץ־ישראל האָבן עס אונדז אויך געוויזן. אויב דאָס יידישע פאָלק איז געבליבן לעבן, בעת אזויפיל אנדערע א סך מעכטיקערע פעלקער זיינען פארשוואונדן פון דער וועלט, האָט דאָס געקענט געשען נאָר א דאנק זיין צ ע ש פּ ר יי ט ק יי ט. האָט מען אים גערודפט און געמאָרדעט אין איין לאנד, האָט ער ווידער געצויגן זיין היסטאָרישן המשך אין אן אנדער מדינה. און אויב אויך אין אונדזערע טעג האָבן די גרויזאמע היטלערישע מערדערייען פונדעסטוועגן ניט געקענט א סוף מאכן צו אונדזער פאָלק, איז דאָס אויך געשען א דאנק דעם, וואָס אין משך פון פריערדיקן האלבן יאָרהונדערט האָבן מיליאָנען יידן געהאט אויסגעוואנדערט עבר לים, ווו היטלערס לאפע האָט זיי ניט דערגרייכט. די צעשפרייטקייט די יידישע איז אין אונדזער רשעותדיקער וועלט די איינציקע רעאלע גאראנטיע קעגן דער פיזישער אויסראָטונג פון אונדזער פאָלק. דער גלות־ייד, טאקע דערמיט וואָס ער איז א גלות־ייד, א צעזייטער און צעשפרייטער און דאָך

אַ ייד, דערפֿילט דעריבער אַפֿילו ביי דער עקזיסטענץ פֿון מדינת ישראל אַן אויסערסט וויכטיקע היסטאָרישע מיסיע, ניט בלויז פֿאַר מדינת ישראל, נאָר בכלל פֿאַרן קיום פֿון אונדזער פֿאָלק, פֿאַרן נצח ישראל. זאָלן דאָס געדענקען די, וואָס רעדן מיט אַזאַ לייכט געמיט וועגן אונטערגאַנג פֿון גלות־יידן. caveant consules ווי די רוימער פֿלעגן זאָגן.

...איך פֿאָדער דעריבער פֿון דעם געריכט פֿון דער געשיכטע:

די פֿולשטענדיקע רעהאַביליטאַציע פֿון דעם גלות־יידן ווי אַ פֿולווערטיקן מיטגליד פֿון יידישן פֿאָלק;

די פֿולשטענדיקע רעהאַביליטאַציע פֿון זיין לשון אַלס אַ יידישע נאַציאָנאַלע שפּראַך;

שוין באַלד זאָל אין מדינת ישראל ביי די יידן, וואָס אין יידיש טראַכט זייער מוח און אין יידיש פֿילט זייער האַרץ, ניט אָוועקגערויבט ווערן זייער עלעמענטאַרסטע מענטשן־רעכט זיך פֿריי צו באַנוצן מיט זייער שפּראַך, לפּחות אין דער מאָס, וואָס זיי האָבן עס געהאַט אין האַלב־פֿאַשיסטישן און אַנטיסעמיטישן פּוילן.

— — — — — — — — — — — —

די געשיכטע:

דאָס געריכט האָט באַשלאָסן:

צו דערגענצן די געריכטלעכע אויספֿאָרשונג וועגן דעם גלות־יידן מיט אַ חקירה ודרישה איבער די נייע פֿאַקטן, וואָס זיינען אַרויפֿגעשוווּמען בעתן פּראָצעס;

דעם אורטייל אָפּליגן אויף שפּעטערדיקע דורות;

ביז דעמאָלט זאָל דער גלות־ייד בלייבן אויף דער פֿריי און מיט מעשים דערווייזן וואָס ער קען נאָך שאַפֿן.

***

וועגן אַנדערע דראַמאַטישע מאָמענטן אויף דעם דאָזיקן היסטאָרישן פּראָצעס וועלן געוויס דערציילן נאָך אַנדערע קאָרעספּאָנדענטן.

„צוקונפֿט“, מאַי־יוני 1951.

# אין ליכט פֿון ציפֿערן

# דער באַפעלקערונגס־פּראָבלעם ביי יידן

## נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה (*)

מיין פריינד דעם 81יעריקן און שטענדיק יונגן ד"ר ב. טשלענאָוון

1. מיט דער דעמאָגראַפּיע איז ווי מיטן געזונט. כּל זמן דער מענטש פילט זיך מיט אלעמען טראכט ער גאָר זעלטן וועגן זיין געזונט. וואָרעם מען טראכט דען וועגן דער לופט וואָס מען אָטעמט? בלויז ווען די לופט הייבט אָן צוליב וועלכער עס איז סיבה אויסצופעלן הייבט מען אָן צו פילן א שטיקעניש. בלויז ווען אן אבר, אפילו דער קלענסטער, אין דעם אָרגאניזם ווערט אָפּגעשוואכט אָדער אמפּוטירט, הייבט מען אָן צו טראכטן און מען קאָן גאָרניט פארגעסן וועגן אים. נאָך דער מאסן־אויסראָטונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין אייראָפּע, נאָך דעם ווי דאָס יידישע פאָלק האָט אין די לעצטע יאָרן פארלוירן זיין בעסט בלוט אין א מאָס, וואָס איז אומגלייבלעך און לאָזט זיך כּמעט ניט פאָרשטעלן, איז ווייטער ניט פאראנען צווישן אונדז קיין איינציקער, וואָס זאָל ניט שטעלן כּמעט אין פארצווייפלונג די פראגע: צי קאָן אונדזער פאָלק איבערטראָגן דעם דאָזיקן שוידערלעכן בלוטפארלוסט? צי קאָן עס צו זיך קומען, אויב ניט צו דער פולער פיזישער און גייסטיקער קראַפט פון די פארמלחמה־יאָרן, איז לכל הפחות צי קאָנען זיינע וווּנדן נעמען היילן מיט אן אויסקוק אויף א בעסערער צוקונפט?

---

(*) איבערזעצונג פון פראנצויזישן אָריגינאַל, געמאַכט אין ייוואָ און דערשינען אין ייוואָ־בלעטער, באַנד 26; דער פראַנצויזישער אָריגינאַל איז דערשינען אין זאַמלבוך צום 80יאָריקן יובליי פון דר. ב. טשלענאָוו, וואָס איז ארויסגעגעבן געוואָרן דורכן פארבאנד „אָזע" אין זשענעוו, און ווי א באַזונדערע בראָשור אונטערן טיטל:
Le probléme démographique juif aprés la seconde guerre mondiale (Union OSE, Genéve, 1947).

נאָך א שטאַרקן בלוטפאַרלוסט טאַפּט געוויינטלעך דער רופא דעם חולהס דופּק און הערט אויס זיין הארץ. נאָך דער אויסראַטונג פון אזוי פיל מיליאָנען יידן קערן די איבערגעבליבענע זייער בליק צו דער דעמאָגראַפיע מיט דער פראגע: צי איז דאָס יידישע פאָלק בכוח צו־ריקצוגעווינען די פארלוירענע ביאָלאָגישע כוחות? און אין וואָסער מאָס?

ווי א דעמאָגראַף און ווי א ייד געפין איך זיך אין דער טרויערי־קער לאגע פון א רופא, וועלכער הערט אויס איינעם פון זיינע נאָענט־סטע און טייערסטע און שטעלט פעסט די מסוכנע לאגע פון דעם חולה. אונטער די אומרואיקע בליקן פון די וואָס רינגלען אים ארום באמיט ער זיך צו געפינען א רפואה און איז לחלוטין ניט זיכער וועגן דער פעולה פון זיינע מיטלען. פונדעסטוועגן מוז ער פרוון א רפואה: די נאטור איז רייך אין אומגעריכטע מעגלעכקייטן, עס געשעען אָפט ניסים, דער עיקר אויב דער גלויבן און דער רצון פון דעם חולה קומען אים צו הילף. דער דעמאָגראַפישער מצב פון אונדזער פאָלק וועקט אויף אין מיר ווי אין א דעמאָגראַף נאָך א סך מער דאגות ווי אין דעם דורכשניטלעכן מענטש פון א גאנץ יאָר. ווארעם בעת די קאטאסטראָ־פע איז געקומען אויף אונדזער פאָלק האָט שוין אונדזער „נאָרמאַלע" דעמאָגראַפיע ארויסגעוויזן זייער באַאומרואיקנדיקע סימפּטאָמען.

2. די דאָזיקע פעסטשטעלונג וועט ארויסרופן א חידוש ביי מער ווי איין לייענער. קיינמאָל איז דער נאַטירלעכער צוּוואוּקס ביי יידן ניט געווען אזוי שטארק ווי אין די לעצטע הונדערט יאָר. און קיינמאָל האָט די צאָל יידן אין דער וועלט ווייט ניט געהאט דערגרייכט די צאָל פון ערב דער איצטיקער מלחמה.

אין די בלי־עפּאָכעס פון זיין נעשיכטע האָט דאָס יידישע פאָלק מער ניט געציילט ווי וואָסערע פיר מיליאָן נפשות. דאָס איז געווען בערך די צאָל יידן אין אָנהייב פון דער קריסטלעכער תקופה. ערב דער איצטיקער מלחמה האָט זיך די דאָזיקע צאָל פארפירפאכט: זעכצן און א האלבן מיליאָן. די דאָזיקע הויכע צאָל איז געווען דער פועל־יוצא פון דער דעמאָגראַפישער באוועגונג פון די לעצטע הונדערט יאָר. פון דריי און א האלב מיליאָן יידן ארום 1830, איז זייער צאָל געשטיגן ביז זיבן און א האלבן מיליאָן בערך אין 1880 און ביז זעכצן און א האלב מיליאָן אין 1937. אויפן סמך פון די דאָזיקע צאָלן וואָלט פון דעם דעמאָגראַפישן שטאַנדפּונקט די יידישע מערכה אויסגעקוקט גאנץ

זיכער און מען וואָלט געקאָנט מיינען, אַז פון דעם צד איז פאַר אונד־זער צוקונפט קיין שום סכנה ניט געווען.

אָבער ניט געקוקט דערויף, האָבן נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה אויפמערקזאַמע אָבסערוואַטאָרן אָנגעוויזן אויף געפערלעכע סימפּטאָמען אין דער דעמאָגראַפישער באַוועגונג פון יידן אין געוויסע לענדער. נאָך אין 1911 האָט פעליקס טיילהאבער פאַרעפנטלעכט זיין בוך מיט דעם בייז־בשורהדיקן טיטל

*Der Untergang der deutschen Juden.*

די פאַקטן וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו די דייטשע יידן האָבן זיך באַלד געלאָזט מערקן אויך אין שייכות מיט די יידישע באַפעל־קערונגען פון די אַנדערע מערב־מדינות: אין ביימען, מערן, איטאַליע, אונגאַרן און אַנדערע. יידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן זיינען אויך געוואָרן אַלץ ענלעכער צו יידן אין מערב־אייראָפּע. אָבער דער גוואַל־דיקער נאַטירלעכער צוווּקס פון דער יידישער באַפעלקערונג אין מזרח־אייראָפּע איז גענוג געווען צו הייבן גאָר שנעל די צאָל פון דער יידי־שער באַפעלקערונג איבער גאַנץ אייראָפּע און אין דער גאָרער וועלט. און די עמיגראַציע פון מיליאָנען מזרח־ און צענטראַל־אייראָפּעישע יידן איבערן ים און קיין מערב־אייראָפּע האָט אין אַ געוויסער מאָס ממלא געווען דעם אָנווער וואָס איז געווען דער פועל־יוצא פון דער נאַטירלעכער באַוועגונג פון דער היימישער יידישער באַפעלקערונג אין יענע מקומות. די אויסראָטונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין מזרח־ און צענטראַל־אייראָפּע מיינט על־כן ניט בלויז דעם אָנווער פון כך וכך מיליאָנען מענטשן, נאָר אויך דאָס אויסשעפּן דעם רייכסטן קוואַל פון דעם נאַטירלעכן צוווּקס, פון דער נאַטירלעכער רעגענעראַ־ציע פון דעם יידישן פאָלק.

3. אין דעם פּרט, ווי אין אַ סך אַנדערע, האָט אונדז די טשע־כאָסלאָוואַקישע רעפּובליק געגעבן אַ בילד בזעיר־אַנפּין פון דער יידי־שער וועלט בכלל. אין טשעכאָסלאָוואַקיי האָבן מיזרח און מערב זיך געטראָפן, אָבער ניט פאַראייניקט. די יידישע באַפעלקערונגען פון קאַרפּאַטן־רוסלאַנד און סלאָוואַקיי האָבן פאַרמאָגט דעם טיפּישן כאַ־ראַקטער פון מיזרח־אייראָפּעישע יידן; די יידן פון קאַרפּאַטן־רוסלאַנד האָבן אפילו געקאָנט פאַררעכנט ווערן ווי די „מיזרחדיקסטע" צווישן אַלע מיזרח־אייראָפּעישע יידן. דערקעגן די יידן פון ביימען און מערן האָבן געהאַט סימנים פון מערב־אייראָפּעישן יידנטום. פאַר דעם היט־

לער־אַנפאַל אויף דער מדינה האָט די נאַטירלעכע באַוועגונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אויסגעזען אַזוי:

### טאַבעלע 1

די נאַטירלעכע באַוועגונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין דער רעפּובליק טשעכאָסלאָוואַקיי אין 1930 און 1933 לויט פּראָווינצן (+ באַטייט אַן עודף פון געבורטן לגבי טויטפאַלן; — באַטייט אַן עודף פון טויטפאַלן לגבי געבורטן) *)

| פּראָווינצן | יידן לויט דער פאָלקסציילונג | אבסאָלוטע צאָל | | | אויף 1000 ייד. איינוווינער | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | | געבורטן | טויטפאַלן | עודף | געבורטן | טויטפאַלן | עודף |
| **1930** | | | | | | | |
| בייִמען | 76,301 | 625 | 1,157 | —532 | 8.2 | 15.2 | —7.0 |
| מערן | 41,250 | 317 | 576 | —259 | 7.7 | 14.9 | —7.2 |
| סלאָוואַקיי | 136,737 | 2,525 | 1,656 | +869 | 18.5 | 12.1 | +6.4 |
| קאַרפּאַטן־רוסלאַנד | 102,542 | 3,608 | 1,189 | +2,419 | 35.2 | 11.6 | +23.6 |
| טשעכאָ־סלאָוואַקיי | 356,830 | 7.075 | 4,578 | +2,497 | 19.8 | 12.8 | +7.0 |
| **1933** | | | | | | | |
| בייִמען | — | 399 | 1,055 | —656 | 5.2 | 13.9 | —8.7 |
| מערן | — | 261 | 622 | —361 | 6.3 | 15.0 | —8.7 |
| סלאָוואַקיי | — | 2,140 | 1,584 | +556 | 15.7 | 11.6 | +4.1 |
| קאַרפּאַטן־רוסלאַנד | — | 3,152 | 1,304 | +1,848 | 30.7 | 12.7 | +18.0 |
| טשעכאָ־סלאָוואַקיי | — | 5,952 | 4,565 | +1,387 | 16.7 | 12.8 | +3.9 |

די טאַבעלע פאַרדינט אונדזער אויפמערקזאַמקייט אין מער ווי איין פּרט, לעת־עתה לאָמיר בלויז פאַרצייכענען דעם אַלגעמיינעם פאַקט, אַז אויב אין די באַטראַכטע צייטן פאַרמאָגן נאָך די טשעכאָסלאָוואַקישע יידן אַן אָנזעעוודיקן נאַטירלעכן צוּוואוּקס (קרוב 2,500 אין 1930, און 1,400 אין 1933, אָדער 7 פּער טויזנט יידישע באַפעלקערונג אין 1930 און 3.9 אין 1933), איז דאָס אינגאַנצן אַ דאַנק דער נאַטירלעכ־

*) די טאַבעלעס וואָס האָבן אַ שייכות צו טשעכאָסלאָוואַקיי (אַחוץ טאַבעלע 4) זיינען געבויט אויף די אָפיציעלע דאַטעס פון דער טשעכאָסלאָוואַקישער סטאַטיסטיק. „יידן" באַטייט דאָ מענטשן פון יידישער רעליגיע.

בער באוועגונג פון דער יידישער באפעלקערונג אין קארפאטן־רוסלאנד און סלאוואקיי; די נאטירלעכע באוועגונג פון די ביימישע און מערישע יידן אין דער זעלבער צייט ווייזט שוין א שטארקן אנווער, און דאס נעמענדיק אין באטראכט די נאטירלעכע באוועגונג און אויסלאנדיש פון חשבון די פאלן פון שמד וואס האבן זיך שטארק געמערט אין מערב־אייראפע.

דאס וואס מיר האבן נאר־וואס פעסטגעשטעלט וועגן טשע־כאסלאוואקיי האט זיך איבערגעחזרט אויף א גרעסערן פארנעם איבער דער גאנצער יידישער וועלט.

4. ווען מען שטעלט זיך די פראגע, פון וואנען נעמט זיך דער אנווער אין דער נאטירלעכער באוועגונג פון די מערב־יידן, מוז מען פעסטשטעלן, אז קודם קומט עס פון דעם אויסערגעוויינטלעכן פאלן פון זייער געבורטיקייט.

צוועלף ביז פופצן טויטפאלן אויף יעדער טויזנט באפעלקערונג, אזוי ווי מיר געפינען עס אין דורכשניט ביי די טשעכאסלאוואקישע יידן, איז זייער א נידעריקע שטארביקייט און טרעפט זיך נאר ביי פראגרעסיווע פעלקער פון אייראפע און פון דער וועלט. כדי אבער די דאזיקע באפעלקערונג זאל קענען וואקסן איז נייטיק, אז זייער געבור־טיקייט זאל איבערשטייגן צוועלף־פופצן פער טויזנט. אזוינס איז גע־ווען נאר ביי די מיזרח־אייראפעישע יידן. למשל, ביי יידן פון קאר־פאטן־רוסלאנד איז די געבורטיקייט געווען צוויי אדער דריי מאל אזוי הויך ווי די שטארביקייט (35 אין 1930 און 31 אין 1933 לגבי 12 טויטפאלן פער טויזנט). ביי די מערב־יידן איז די געבורטיקייט אפט געווען נידעריקער ווי די שטארביקייט. אין ביימען און מערן, ווי אונד־זער טאבעלע באווייזט, איז די צאל געבורטן געווען אין 1930 בלויז א העלפט און אין 1933 כמעט א דריטל פון די טויטפאלן.

דאס פאלן פון דער געבורטיקייט איז פארשטייט זיך ניט קיין ספעציפיש יידישע דערשיינונג; להיפוך, עס איז כאראקטעריסטיש פאר דער גאנצער באפעלקערונג פון דער מערבדיקער ציוויליזאציע. פונדעסטוועגן, אין אלע מדינות און כמעט אין אלע שטעט, פאר וועלכע מיר האבן סטאטיסטישע דאטעס, געפינען מיר, אז דאס פאלן איז א סך שטארקער ביי יידן ווי ביי דער ארומיקער באפעלקערונג. מיר קאנען

זיך ניט אָפּשטעלן לענגער אויף דער דאָזיקער דערשיינונג.(*) מיר וועלן בלויז ציטירן נאָך איין פאַקט וואָס האָט ניט קיין קליינעם באַטייט: אין אַן אויספאָרשונג(**) האָבן מיר באַוויזן, אַז דער קאַנטאָן זשענעווע, מיט זיין געבורטיקייט פון 9.2 פּער טויזנט אין 1939—1936 איז געווען איינער פון די עקרהדיקסטע געגנטן אין דער וועלט. היינט וואָס־זשע זאָלן מיר שוין זאָגן וועגן די יידישע באַפעלקערונגען פון מערן און ביימען, וועלכע האָבן נאָך אין 1933 געהאַט אַ געבורטיקייט פון בלויז 6.3 און 5.2?

בלויז אַ דאַנק דער דריי מאָל העכערער געבורטיקייט פון סלאָוואַקיי און דער פינף מאָל העכערער געבורטיקייט פון קאַרפּאַטן־רוסלאַנד איז די יידישע באַפעלקערונג אין טשעכאָסלאָוואַקיי געוואַקסן.

5. מער ווי איין ערנסטער לייענער וועלכער איז אָבער ניט אײַבעריק באַהאַוונט אין דעמאָגראַפיע האָט זיך מסתמא שטאַרק געחידושט ביים אויסגעפינען אין אונדזער טאַבעלע (רובריק 7), אַז די ראַטע פון טויטפאַלן ביי יידן אין ביימען און מערן איז געווען היפּש העכער ווי אין סלאָוואַקיי אָדער אין קאַרפּאַטן־רוסלאַנד. יידן אין די ערשטע צוויי פּראָווינצן זיינען דאָך געווען אין אַ בעסערער מאַטעריעלער און קולטורעלער לאַגע ווי יידן אין די לעצטע צוויי פּראָווינצן, בעיקר אין קאַרפּאַטן־רוסלאַנד, ווו יידן זיינען געווען פון די אָרעמסטע אין אייראָפּע.

מיר רירן דאָ אָן זייער אַן אַנגעווייטיקטן פּונקט אין דער דעמאָגראַפיע פון מערב־יידנטום: זיין אויסערגעוויינטלעכע פאַרעלטערונג. ווי אַ פּועל־יוצא פון דער לאַנג־דויערנדיקן און אויסערגעוויינטלעך שטאַרקן פאַלן פון דער געבורטיקייט איז דער אונטערוואַקסנדיקער עלעמענט און די יונגע דערוואַקסענע אַראָפּגעזונקען צו אַזאַ פּראָפּאָרציע, וואָס מיר געפינען ניט איר גלייכן ביי קיין שום אַנדער אייראָפּעישער באַפעלקערונג. דאָס פאַלן פון דער געבורטן־ראַטע איז, ווי מיר האָבן אָנגעוויזן, קאָמפּענסירט געוואָרן טיילווייז דורך אַ נידעריקער ראַטע פון טויטפאַלן. אָבער די דאָזיקע נידעריקע ראַטע גופא (און דאָס פאַרלענ־

*) וועגן גענויערע פּרטים זע מיין „יידישע דעמאָגראַפיע” אין דער אַלגעמיינער ענציקלאָפּעדיע (יידן א'), בעיקר זז' 351—357.

**) *Que vadis, Genova?* Genéve, 1941.

נערן דעם דורכשניטלעכן לעבנס־דויער, וואָס איז אַ פּועל־יוצא דערפון) האָבן געפירט צו פאַרגרעסערן די פּראָפּאָרציע פון עלטערע מענטשן, וואָס זי איז שוין אויך געווען גאַנץ הויך דורך דער פאַרקלענערונג פון דער צאָל קינדער און יוגנטלעכע בכלל. דער רעזולטאַט איז אַן אמת אויסטערלישער צונויפשטעל פון דער באַפעלקערונג לויטן עלטער: די „עלטער־פּיראַמידע" אַנשטאָט צו זיין ברייט אין דער באַזע (וואָס רעפּרעזענטירט קינדער אין די ערשטע לעבנס־יאָרן) און צו פאַרשמעלערן זיך מיטן שטייגן אין עלטער, איז פאַקטיש געווען זייער דין אין דער באַזע און פאַרברייטערט זיך אין די העכערע שטאַפּלען; און מיטן גאַנג פון דער צייט זיינען די אויבערשטע טיילן געוואָרן אַלץ ברייטער.

די דאָזיקע דערשיינונג, די פאַרעלטערונג פון דער באַפעלקערונג, לאָזט זיך אָנזען מער־וויינקער ביי אַלע מערב־אייראָפּעישע פעלקער צוליב דער קנאַפּער צאָל געבורטן און טויטפאַלן. אָבער ביי קיין שום באַפעלקערונג האָט ניט די „איבערגעקערטע פּיראַמידע" געהאַט אַזוינע פּראָפּאָרציעס ווי ביי די מערב־יידן. אָט האָבן מיר עטלעכע דאַטעס ווי אַן אילוסטראַציע:

דער פּראָצענט קינדער אונטער 15 יאָר אין דער באַפעלקערונג אין אייראָפּע אַרום 1930 איז געווען: 25.4 אין דער שווייץ (1930), 23.8 אין ענגלאַנד (1931), 23.0 אין פּרייסן (1933), 22.9 אין פראַנקרייך (1931), 22.8 אין ביימען (1930), 26.3 אין מערן (1930). ביי מערב־יידן האָבן מיר בלויז 15.8 אין פּרייסן (1933), 13.7 אין שווייץ (1930), 14.3 אין מערן (1930), 13.1 אין ביימען (1930) און אַזוי ווייטער. דערקעגן דער פּראָצענט פון ניט־יידן עלטערע ווי 60 יאָר איז געווען: 11.5 אין ענגלאַנד, 12.8 אין פּרייסן, 13.9 אין פראַנקרייך, 10.9 אין ביימען און 10.2 אין מערן. ביי יידן איז דער דאָזיקער פּראָצענט פון עלטערע איבער 60 יאָר געווען: 15.7 אין פּרייסן, 15.6 אין מערן, 16.4 אין ביימען. די מערב־יידן זיינען על־כן אַ מער „פאַרעלטערטע" באַפעלקערונג איידער אפילו פראַנצויזן.

דער חילוק אין דעם פּרט צווישן די מערב־יידן און די מיזרח־יידן איז געווען צום בולטסטן ערב דער איצטיקער מלחמה. דאָס ווערט

קלאָר, ווען מיר פאַרגלייכן צווישן זיך אויף ס'ניי די פאַרשיידענע פּראָווינצן פון טשעכאָסלאָוואַקיי:

טאַבעלע 2

די יידישע באַפעלקערונג פון טשעכאָסלאָוואַקיי אין 1930 אין פּראָצענטער לויט עלטער און פּראָווינצן

| פּראָווינץ | א<br>0 ביז 15 יאָר | ב<br>15 ביז 60 יאָר | ג<br>60 יאָר און מער | סך־הכל | ג/א ×100 |
|---|---|---|---|---|---|
| ביימען | 13.1 | 70.5 | 16.4 | 100 | 125 |
| מערן | 14.3 | 70.1 | 15.6 | 100 | 109 |
| סלאָוואַקיי | 23.9 | 65.1 | 11.0 | 100 | 46 |
| קאַרפּאַטן־רוסלאַנד | 36.6 | 55.8 | 7.6 | 100 | 21 |
| טשעכאָ־סלאָוואַקיי | 24.1 | 64.2 | 11.7 | 100 | 49 |

בעת ביי יידן אין קאַרפּאַטן־רוסלאַנד איז דער פּראָצענט מענטשן איבער 60 יאָר געווען בלויז 7.6, איז עס געווען 15.6 ביי די מערישע יידן און 16.4 ביי די ביימישע. אין קאַרפּאַטן־רוסלאַנד האָט די צאָל יידן איבער 60 יאָר באַטראָפן בלויז אַ פינפטל פון די קינדער ביז 15 יאָר, און אין ביימען און מערן להיפך זיינען געווען ביי יידן מער איבער 60יאָריקע ווי קינדער ביז 15 יאָר.

די מיזרחדיקע יידן זיינען בכן געווען ניט בלויז אַ מער פּרוכפּערדיקע, נאָר אויך אַ ייִנגערע גרופּע, ד. ה. אַזעלכע וואָס האָט געהאַט אַ גרעסערע צאָל יוגנטלעכע איידער די מערבדיקע יידן.

אויף אַזאַ אופן האָט די יידישע באַפעלקערונג פון סלאָוואַקיי און קאַרפּאַטן־רוסלאַנד געהאַט אַ היפּש נידעריקערע דורכשניט־ראַטע פון טויטפאַלן איידער די „פאַרעלטערטע" יידישע באַפעלקערונג פון ביימען און מערן, הגם זייער פּראָצענט טויטפאַלן יאָר פאַר יאָר איז געווען אַ סך העכער ווי ביי די ביימישע און מערישע יידן פון גלייכן עלטער.

6. דורך דער פאַרעלטערונג פון דער באַפעלקערונג, דער פאַר־קלענערטער פּראָפּאָרציע פון ייִנגערע און דער פאַרגרעסערטער פּראָ־פּאָרציע פון זקנים לאָזט זיך אויך דערקלערן אַן אַנדער ערנסטער שטריך פון דער מערבדיקער דעמאָגראַפיע: בעת צווישן די ביידע

**מלחמות אין די געבורטיקייט ביי יידן כסדר געפאַלן, אפילו נידעריקער איידער די שטאַרביקייט, האָט די לעצטע אויפגעהערט צו פאַלן און להיפך אָנגעהויבן שטייגן, ווי מיר זעען דאָס אין טאַבעלע 3.**

טאַבעלע 3

די דורכשניטלעכע יערלעכע צאָל טויטפאַלן פער 1,000 יידן אין געוויסע לענדער און שטעט

| אָרט | יאָרן | טויטפאַלן | אָרט | יאָרן | טויטפאַלן |
|---|---|---|---|---|---|
| פרייסן | 25-1921 | 13.3 | אונגאַרן | 30-1926 | 13.6 |
| " | 27-1926 | 13.9 | " | 35-1931 | 14.2 |
| בערלין | 23-1921 | 11.5 | בודאַפּעשט | 11-1910 | 13.4 |
| " | 1025 | 13.9 | " | 31-1930 | 14.5 |
| פראַנקפורט־מיין | 1900 | 11.8 | " | 34-1931 | 15.3 |
| " | 27-1926 | 13.2 | טשעכאָ־ | | |
| האַמבורג | 1910 | 11.4 | סלאָוואַקיי | 25-1921 | 12.9 |
| " | 25-1921 | 15.4 | " | 33-1931 | 13.1 |

די פאַרעלטערונג פון דער באַפעלקערונג האָט עס גורם געווען דערצו, אז ס'האָט זיך אויפגעהויבן די דורכשניטלעכע ראַטע פון טויטפאַלן ביי דער יידישער באַפעלקערונג פון די מערבדיקע מדינות.

7. מיר רירן דאָ אָן איינע פון די עיקרדיקע סיבות, צוליב וועלכע דער עודף פון געבורטן לגבי די טויטפאַלן (הגם ער ווייזט צי די צאָל פון יחידים האָט זיך פאַרגרעסערט אָדער פאַרקלענערט, און אויף וויפל) גיט ניט קיין פולן בילד וועגן דער אנטוויקלונג פון דער וויטאַליטעט ביי א פאָלק. טאַקע אַזוי: אויב למשל די געבורטיקייט און די שטאַרביקייט פאַלן גלייכצייטיק, וועט דער עודף פון געבורטן איבער טויטפאַלן בלייבן ניט געביטן, אָבער עס פאַרקלענערט זיך די פּראָפּאָרציע פון יונגע און ס'פאַרגרעסערט זיך די פּראָפּאָרציע פון עלטערע; סוף־כל־סוף וועט דעריבער, אויב אַלע אנדערע פאַקטאָרן בלייבן די זעלביקע, זיך פאַרגרעסערן די שטאַרביקייט און ס'וועט זיך סוף־כל־סוף פאַרקלענערן די צאָל צוקונפטיקע מולידים. מיט אנדערע ווערטער, אין דער צוקונפט מוז דאָס ברענגען צו א פאַרקלענערונג פון געבורטן, ווען אפילו די פרוכפּערדיקייט גופא פון דער געבערנדיקער באַפעלקערונג

פאַרקלענערט זיך ניט. אַט דאָס איז געשען נאָך פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה דורך דער פאַרעלטערונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין מערב, און דאָס האָט זיך נאָך געהאַלטן אין פאַרשאַרפן מיט דעם כסדרדיקן פאַלן פון דער צאָל קינדער.

היינט עס, כדי צו באַקומען אַ בילד פון דער ווייטערדיקער אַנט־וויקלונג וואָס איז געדרונגען פון אַ געגעבענער דעמאָגראַפישער סיטואַ־ציע, דאַרף מען פאַרגלייכן די צאָל געבורטן ניט מיט דער צאָל טויט־פאַלן, נאָר מיט דער צאָל באַפעלקערונג אין די געבערנדיקע יאָרן, נע־מענדיק אין באַטראַכט די ראַטעס פון פרוכפּערדיקייט און טויטפאַלן אין די פאַרשיידענע עלטערס. אויף אַזאַ אופן קאָן מען אויסרעכענען אין וואָס פאַר אַ מאָס די געבערנדיקע באַפעלקערונג רעפּראָדוצירט איר איצטיקן ממשדיקן שטאַנד. מען רעכנט אויס, קאָנקרעטער גערעדט, די צאָל מיידלעך וואָס וועלן דערגרייכן די יאָרן פון פרוכפּערדיקייט אויף טויזנט פרויען פון 15 ביז 50 יאָר לויט דער פרוכפּערדיקייט און שטאַר־ביקייט פון דער געגעבענער ראַטע (דער קוטשינסקי־מעטאָד): אויב די צאָל איז 1,000, האָט די באַפעלקערונג די טענדענץ צו בלייבן אין דער זעלבער צאָל; אויב העכער ווי טויזנט, האָט די באַפעלקערונג אַ טענ־דענץ זיך צו הייבן; אויב נידעריקער ווי טויזנט, רעפּראָדוצירט ניט די געבערנדיקע באַפעלקערונג איר ממשדיקן שטאַנד, דער קומענדיקער גע־בערנדיקער דור וועט זיין קלענער פאַר דעם איצטיקן, און אפילו אָן אַ ווייטערדיקן פאַלן אין דער פרוכפּערדיקייט פון דער פרוי וועט ער מוליד זיין אַ קלענערן געבערנדיקן דור, און אַזוי וועט עס שוין גיין פון דור צו דור. אין דעם לעצטן פאַל האָט די באַפעלקערונג די טענדענץ צו פאַלן, הגם די צאָל געבורטן איז נאָך אַלץ גרעסער ווי די צאָל טויט־פאַלן.

כדי אַריינצונעמען אין חשבון די פאַרשיידענע וויטאַליטעט פון יחידים פון פאַרשיידענעם עלטער, כדי אַריינצונעמען אין חשבון די שינויים וואָס קומען פאָר אין דעם פּרט צוליב דער „פאַרעלטערונג" פון דער באַפעלקערונג (און בכלל כדי אַריינצונעמען אין חשבון דעם עלטער־צונויפשטעל פון פאַרשיידענע באַפעלקערונגען), האָב איך אַליין פאַרגעלייגט דעם מעטאָד פון לעבנס־פּאָטענציאַל, וואָס ער שטודירט די דעמאָגראַפישע דערשיינונגען נעמענדיק אין באַטראַכט ניט בלויז

די צאָל יחידים, נאָר אויך די דורכשניטלעכע צאָל יאָרן וואָס עס האָבן נאָך צו לעבן די מענטשן פון פאַרשיידענעם עלטער לויט דער "שטאַר־ביקייט־טאַבעלע פון דער שייכדיקער באַפעלקערונג (*). דער דאָזיקער מעטאָד וואָלט באַזונדער בולט אַרויסגעבראַכט דעם קאַטאַסטראָ־פאַלן צוריקגאַנג אין דער וויטאַליטעט פון דער מערבדיקער יידישער באַפעלקערונג, וואָס איז דער פועל־יוצא פון זייער אויסערגעוויינטלע־כער "פאַרעלטערונג".

8. צום באַדויערן האָבן מיר ניט פאַר קיין שום לאַנד קיין שטאַר־ביקייט־טאַבעלע פון דער יידישער באַפעלקערונג אָדער דאַטעס וועגן דער פרוכפּערדיקייט פון יידישע פרויען לויט דעם עלטער. מיר האָבן בכן ניט קיין סטאַטיסטישע עלעמענטן וואָס זיינען נייטיק פאַר אַן עקזאַקטן חשבון הן פון דער "נעטאָ־ראַטע פון רעפּראָדוקציע" פון דער יידישער באַפעלקערונג לויט דעם קוטשינסקי־מעטאָד, הן פון דעם "לעבנס־פּאָטענציאַל" לויט מיין אייגענעם מעטאָד. פון דער אַנדערער זייט, צוליב דעם גרויסן חילוק צווישן דער פרוכפּערדיקייט און שטאַר־ביקייט ביי יידן און ניט־יידן פון איין מדינה, קאָנען מיר ניט נעמען די ראַטעס פון פרוכפּערדיקייט און די טאַבעלעס פון לעבנס־אויסקוק ביי דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג אין די שייכדיקע מדינות און זיי סתם אָנווענדן אויף יידן.

פונדעסטוועגן קאָן מען פאַר געוויסע מדינות אויסרעכענען אַ בערכדיקע טאַבעלע פון דער רעפּראָדוקציע ביי דער יידישער באַפעל־קערונג. אין מיין אויבן דערמאָנטער אַרבעט, "יידישע דעמאָגראַפיע" **), האָב איך אויסגערעכנט אַזאַ רעפּראָדוציר־ראַטע פאַר דער יידישער באַ־

*) L. Hersch, *De la démographie actuelle à la démographie potentielle*, Genève, 1944.

"De quelques potentiels-vie et de certaines varietés de vie moyenne";

און:

"La méthode des potentiels-vie appliquée à l'étude du mouvement naturel de la population" *Revue de l'Institut International de Statistique*, 1940-1942.

**) דאָרט, זז' 381—386.

פעלקערונג אין געוויסע מדינות (*). אַט וואָס איך האָב אויסגעפונען וועגן די פאַרשיידענע פּראָווינצן פון טשעכאָסלאָוואַקיי:

טאַבעלע 4

די בערכדיקע רעפּראָדוציר־ראַטע פון דער יידישער באַפעלקערונג אין טשעכאָסלאָוואַקיי אין 1933 לויט פּראָווינצן

| פּראָווינץ | ראַטע |
|---|---|
| קאַרפּאַטן־רוסלאַנד — — — | 1.58 |
| סלאָוואַקיי — — — — — — | 0.72 |
| מערן — — — — — — — — | 0.28 |
| ביימען — — — — — — — | 0.23 |
| טשעכאָסלאָוואַקיי — — — — — | 0.83 |

דאָס הייסט, אז נאָך ביז דער מלחמה האָט די יידישע געבערנדיקע באַפעלקערונג פון ביימען און מערן מער ניט רעפּראָדוצירט ווי בערך א פערטל פון דעם געהעריקן ממשדיקן שטאַנד. מיט אַנדערע ווערטער ביי דער געבורטיקייט (און שטאַרביקייט) פון פאַר דער מלחמה, און אָן אימיגראַציע פון דרויסן, וואָלט די דערוואַקסענע און יונגע יידישע באַפעלקערונג אין די דאָזיקע מקומות, געפאַלן ביז א פערטל פון איר ממשדיקן שטאַנד צום סוף פון איין דור, ביז א זעכצנטל צום סוף פון צוויי דורות, און אזוי ווייטער לויט א פאַלנדיקער געאָמעטרישער פּראָגרעסיע, אפילו ווען די פּרוכפּערדיקייט פון דער יידישער באַפעלקערונג וואָלט מיטאמאָל אויפגעהערט פאַלן און זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם אזוי אויסערגעוויינטלעך נידעריקן ניוואָ פון 1933.

די יידן פון די אַנדערע מערב־מדינות האָבן פאַרמאָגט אן ענלעכע דעמאָגראַפישע סיטואַציע, הגם אין פאַרשיידענע גראַדן. און נאָכאַמאָל וויל איך באַטאָנען, אז איך האָב בלויז גענומען אין באַטראַכט די נאַטירלעכע באַוועגונג פון דער באַפעלקערונג און אויסגעלאָזט פון חשבון די זייער אָפטע פאַלן פון שמד ביי מערבדיקע יידן.

הייסט עס, אַן היטלעריסטישע רדיפות און אויסראָטונגען האָט

(*) די ציפער 1 באַטייט אַ רעפּראָדוקציע וואָס איז נוטה צו אַ סטאַביליזאַציע פון דער באַפעלקערונג; העכער ווי 1, אַ וואַקסנדיקע רעפּראָדוקציע פון דער געבערנדיקער באַפעלקערונג; קלענער ווי 1, א דעפיציטיקע רעפּראָדוקציע. וועגן מער פּרטים זע מיין אויבן דערמאָנטע אַרבעט „יידישע דעמאָגראַפיע".

דאָס מערבדיקע יידנטום געהאַלטן אין בטול ווערן במשך פון געציילטע דורות ווי א פועל־יוצא פון זיין דעמאָגראַפישער באַוועגונג.

9. אָבער אַפילו די דעמאָגראַפישע לאַגע פון דעם כולל פון דער יידישער באַפעלקערונג ערב דער לעצטער מלחמה איז געווען א סך ווייניקער גינציק ווי זי האָט אויסגעזען בלויז אויפן סמך פון דעם צו־וווּקס אין דער צאָל יחידים. אויב די מזרח־יידן, און ווי א פועל־יוצא דערפון דאָס גאַנצע יידישע פאָלק, האָבן געהאַט זינט דעם מיטן 19טן י״ה א צוּוווּקס אין צאָלן ווי קיינמאָל פריער אין זייער געשיכטע, איז דאָס געווען א דאַנק דעם גיכן פאַלן פון דער שטאַרביקייט און ניט צו־ליבן צוּוווּקס אין געבורטיקייט. דאָס פאַלן פון דער שטאַרביקייט האָט אָבער זיינע נאַטירלעכע גרענעצן; קיינער לעבט ניט אייביק. אין א סטאַבילער באַפעלקערונג, למשל, ווו די צאָל געבורטן איז גלייך צו דער צאָל טויטפאַלן און ווו קיינער שטאַרבט ניט אַנדערש ווי אין על־טער פון הונדערט יאָר, וואָלט די יערלעכע ראַטע פון טויטפאַלן געווען איינס פער 75 נפשות אָדער 13.3 פער 1,000 נפשות. אין דעם גראַד דאַזיקער היפּאָטעטישער באַפעלקערונג וואָלט יעדערער געשטאָרבן צו 75 יאָר, וואָלט די דורכשניטלעכע יערלעכע ראַטע פון טויטפאַלן געווען איינס פער 75 נפשות אָדער 13.3 פער 1,000 נפשות. אין דעם גראַד וואָס מיר דערנענטערן זיך צו די דאָזיקע מינימאַלע ראַטעס, פאַרקלע־נערט זיך אַלץ — אָדער הערט לגמרי אויף — דאָס פאַלן פון דער שטאַרביקייט. מיר האָבן בכן געזען (טאַבעלע 1), אַז די יערלעכע ראַטע טויטפאַלן ביי מיזרח־יידן אין שוין געהאַט געפאַלן אין 1930 ביז 12.1 פער טויזנט אין סלאָוואַקיי און 11.6 אין קאַרפּאַטן־רוסלאַנד; 11.3 אין רומעניע אין 1925—1927; 11.2 אין לעטלאַנד אין 1926—1927; 10.2 אין ליטע אין 1936—1937 און אין בולגאַריע אין 1933—1936 (*).

פון דער אַנדערער זייט, הייבט זיך אָן זינט דעם אָנהייב פון אונד־זער יאָרהונדערט, און בעיקר נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, די גע־

---

*) די דאָזיקע נידעריקע דורכשניטלעכע ראַטעס פון טויטפאַלן ביי די מיזרח־יידן זיינען צו פאַרשרייבן אויפן חשבון פון דער אויסערגעוויינטלעך הויכער צאָל יונגע מענטשן צווישן די דערוואַקסענע וואָס איז אַ פועל־יוצא פון דער הויכער געבורטיקייט וואָסערע צענדלינג יאָר פריער אין איינעם מיט דעם פאַלן פון די טויטפאַלן, בעיקר פון קינדער, זינט דעם אָנהייב פון דעם יאָרהונדערט. אַזאַ סטרוקטור לויט עלטער איז בלויז אַ פאַרבייגייענדיקע דערשיינונג.

בורטיקייט אויך ביי די מזרח־יידן צו פאלן, ראשית אין די גרעסערע שטעט, און נאָך דעם אין אלע אנדערע מקומות, און דערנענטערט זיך אלץ מער און מער צו דער שטארביקייט. אזוי א שטייגער אין גאליציע, ווו די געבורטיקייט האָט דערגרייכט דעם אויסערגעוויינטלעכן הויכן ניוואָ פון 40.4 פער 1,000 סוף לעצטן יאָרהונדערט, פאלט זי ביז 34.3 אין 1907—1910, און ווייטער ביז 19.3 אין 1931—1935 פאר דער גאנצער פוילישער רעפובליק. אין בולגאריע פאלט זי פון 30.8 אין 1909—1912 ביז 16.9 אין 1933—1936. אין ליטע, ווו זי איז שוין געפאלן אין 1925—1927 ביז 16.5, פאלט זי ווייטער ביז דעם אויסער־געוויינטלעך נידעריקן ניוואָ פון 12.0 אין 1931—35. אפילו קארפאטן־רוסלאנד, וואָס איר יידישע באפעלקערונג איז געווען איינע פון די צום מערסטן „הינטערשטעליקע" און פרוכפערדיקסטע אין אייראָפּע, האָט אין די יאָרן פאר דער לעצטער מלחמה אָנגעהויבן צוריקצוגיין אין דעם פּרט, ווי מיר זעען עס אין אונדזער טאבעלע 1, און איז פון 35.2 אין 1930 גע־פאלן ביז 30.7 אין 1933. אין דער זעלבער צייט איז אויך די געבורטי־קייט פון יידן אין סלאָוואקיי געפאלן פון 18.5 ביז 15.7.

דאָס פאלן פון דער געבורטיקייט איז געווען בעיקר שטארק אין די גרויסע שטעט. אין לעמבערג, ווו די געבורטן־ראטע ביי יידן אין 1901—1902 איז 38.2, איז זי געפאלן ביז 28.8 אין 1910—1911 און ביז 23.4 אין 1924. אין ווארשע איז זי געפאלן פון 28.6 אין 1900—1903 ביז 23.9 אין 1909—1913, 15.4 אין 1925—1929 און 13.1 אין 1930—1936. אין בודאפעשט, ווו די יידישע באפעלקערונג האָט פארנומען אין א געוויסער מאָס א צווישנפונקט צווישן דער מזרחדי־קער און מערבדיקער, איז די געבורטן־ראטע געפאלן פון 30.0 אין 1896—1900 ביז 18.9 אין 1911—1914, ביז 12.3 אין 1921—1925 און 7.8 אין 1931—1934.

דער אָפּשטאנד צווישן דער געבורט־ראטע, וואָס זי פאלט מיט אלץ א גרעסערער געשווינדקייט, און דער דורכשניטלעכער ראטע פון טויטפאלן, וועלכע ווערט אלץ מער סטאביל, ד. ה. דער עודף פון גע־בורטן איבער טויטפאלן, ווערט אויף אזא אופן אלץ קלענער. דער דורכ־שניטלעכער יערלעכער צוווקס פון יידן אין דער גאַרער וועלט, וועלכער איז געווען געשאצט אויף וואָסערע 200,000 תחילת 20סטן י. ה., איז שוין ניט געווען מער ווי 150,000 צו מאַרגנס נאָך דער ערשטער וועלט־

מלחמה, אן ערך 120,000 ארום 1930 און ווינציקער ווי 100,000 ערב דער צווייטער מלחמה.

10. אמת, די געבורטן־ראטע און דער עודף פון געבורטן איבער טויטפאלן איז טאקע געבליבן העכער ביי מיזרחדיקע יידן ווי ביי די מערבדיקע. אָבער איינמאָל אריין אין דעם ציקל פון פאַלן פון געבורטיקייט און שטאַרביקייט, האָבן שוין די מזרח־יידן ניט געקאָנט מער פארמיידן די קאָנסעקווענצן פון אזא עוואָלוציע: דאָס כסדרדיקע פאַלן פון דעם חלק קינדער און דערוואקסלינגען און שפּעטער יונגע דערוואקסענע, און דעם צוווּקס פון דעם חלק עלטערע מענטשן, ד. ה. די בהדרגהדיקע פארעלטערונג פון דער באפעלקערונג. און די לעצטע דערשיינונג, ווי מיר האָבן שוין געזען, מיינט פון איין זייט, א העכערונג, שוין אָדער אביסל שפּעטער, פון דער דורכשניטלעכער ראטע פון שטארביקייט, און פון דער אנדערער זייט, פארדעקט עס אָפּט אונטער אן עודף פון געבורטן איבער טויטפאַלן א דעפיציטיקע רעפּראָדוקציע פון דער באפעלקערונג. וואָסער מדרגה אין דער עוואָלוציע האָבן מיזרחדיקע יידן געהאט דערגרייכט אין דעם פּרט ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה?

לאָמיר אויף ס'ניי צוריקגיין צו אונדזער יידישן עולם קטן, יידן אין טשעכאָסלאָוואקיי, און באטראכטן בעיקר די טאבעלעס 1 און 4. ווי מיר זעען אין טאבעלע 1, ווייזן נאָך אין 1933 די צוויי „מזרחדיקע" פּראָווינצן, און בעיקר קארפּאטן־רוסלאנד, א היפּשן עודף פון געבורטן איבער טויטפאלן, וואָס דאָס פּירט אויך צו אן עודף פון געבורטן איבער טויטפאלן אין דער גאנצער רעפּובליק. טאבעלע 4 אָבער ווייזט, אז צו דער זעלביקער צייט האָט בלויז די יידישע באפעלקערונג אין קארפּאטן־רוסלאנד געהאלטן אין וואקסן. מיט א געבורטן־ראטע פון 30.7 פּער 1,000 האָט זי נאָך פארמאָגט א ראטע פון נעטאָ־רעפּראָדוקציע א סך העכער ווי 1 (1.58). דערקעגן די יידן פון סלאָוואקיי (מיט א געבורטיקייט פון 15.7) און פון דער גאנצער רעפּובליק (מיט א געבורטיקייט פון 16.7) האָבן שוין צו דער זעלבער צייט געהאט א בערכדיקע רעפּראָדוציר־ראטע פון היפּש נידעריקער ווי 1 (0.72 און 0.83, אין דעם סדר), ד. ה. זיי האָבן פארמאָגט א נעטאָ־געבורטיקייט וואָס איז ניט גענוג אויף צו רעפּראָדוצירן דעם דערוואקסענעם יונגן עלעמענט, דעם רעפּראָדוצירנדיקן עלעמענט. ביי דער געבורטיקייט (און שטארביקייט) פון 1933 וואָלט צום סוף פון איין דור די יידישע באַ־

פעלקערונג פון סלאָוואַקיי געהאַט בלויז דריי פערטל (0.72) פון ממש־דיקן שטאַנד, און ערך אַ העלפט ($0.72^2=0.52$) צום סוף פון צוויי דורות, וויניקער ווי 40 פּראָצענט ($0.72^3=0.37$) צום סוף פון דריי דורות, און אַזוי ווייטער.

אין מיין ארבעט „יידישע דעמאָגראַפיע" (*) האָב איך אָנגעוויזן, אַז די בערכדיקע ראַטע פון נעטאָ־רעפּראָדוקציע ביי יידן אין דער פּוי־לישער רעפּובליק אין 1931—1935 איז געווען 1, ד. ה. דער יונגער יידישער עלעמענט האָט רעפּראָדוצירט כמעט גענוי זיין ממשדיקן שטאַנד. די יונגע דערוואַקסענע יידישע באַפעלקערונג אין בולגאַריע האָט רעפּראָדוצירט אין 1933—1936 קוים דריי פערטל פון איר ממש־דיקן שטאַנד (0.71); אין אונגאַרן וויניקער ווי אַ העלפט (0.44); די יונגע דערוואַקסענע יידישע באַפעלקערונג אין וואַרשע האָט רעפּראָדו־צירט אין 1930—1936 אַ קנאַפּע העלפט (0.47) פון איר ממשדיקן שטאַנד; און אין בודאַפּעשט (1931—1934) בלויז אַ דריטל (0.33).

מיר קומען אויף דעם אופן צום אויספיר, אַז פון דעם דעמאָגראַ־פישן שטאַנדפּונקט איז דער חילוק צווישן די מזרח־ און די מערב־יידן אין גרונט בלויז אַ חילוק אין צייט און אין דער גראַד עוואָלוציע. די מערבדיקע יידישע באַפעלקערונג איז אַריינגעטראָטן אין דעם ציקל פון נידעריקער געבורטיקייט און שטאַרביקייט פריער; נאָך לאַנג פאַר דער לעצטער מלחמה האָט זי שוין דערגרייכט די סטאַדיע, ווו די געבורטן האָבן ניט מער געדעקט די טויטפאַלן, און בעיקר ווו די געבערנדיקע באַפעלקערונג האָט שוין מער ניט רעפּראָדוצירט איר ממשדיקן שטאַנד. די מזרחדיקע יידישע באַפעלקערונג איז אַריינגעטראָטן אין דעם ציקל שפּעטער. ערב דער לעצטער מלחמה האָט זי נאָך פאַרמאָגט אַן עודף פון געבורטן איבער טויטפאַלן, און בדרך כלל האָבן די געבערנדיקע עלעמענטן רעפּראָדוצירט פונקט זייער ממשדיקן שטאַנד, אַזוי אַז דער נאַטירלעכער צווואוקס פון דער באַפעלקערונג איז שוין ביי זיי געווען באַגלייט מיט אַ פאַרעלטערונג פון דער באַפעלקערונג. אין געוויסע מקומות אין מזרח, בעיקר אין די גרעסערע שטעט, האָט שוין די נעטאָ־רעפּראָדוקציע פון דער יידישער באַפלקעערונג ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה געוויזן אַן אָנווער.

11. פּנים אל פּנים מיט די דאָזיקע פאַקטן, אין אַ מאָמענט

---

*) דאָרט.

(תחילת 1939) ווען מען האָט נאָך, פארשטייט זיך, ניט געקאָנט פאָר־אויסזאָגן די מוראדיקע אויסראָטונגען וואָס זיינען פאָרגעקומען בעת דער מלחמה, האָב איך געפונען פאר נייטיק אויסצורופן:

מען מוז קאָנסטאטירן דעם פאקט, אז פאר דער עקזיסטענץ פון יידישן פאָלק האָט די נייסטע דעמאָגראפישע אנטוויקלונג געשאפן אזא דירעקטע און אזא אומגעהייערע סכנה, וואָס אין פארגלייך צו דעם זיינען אלע אנדערע סכנות (אסימילאציע, רדיפות) נישטיק קליין. אמת, די דאָזיקע סכנה דריקט זיך ניט אויס אין שטורעמדיקע געשעענישן; זי איז א שטילע, א טאָג־טעגלעכע; מען באמערקט זי גאָרניט. נאָר גראָד דערפאר איז זי נאָך גרעסער. די נייעסטע דעמאָגראפישע עוואָלוציע האָט פארן יידישן פאָלק געשאפן די סכנה ניט אויסגעמישט צו ווערן צווישן די פעלקער, נאָר פשוט אויסצוגיין; אויסצוגיין ווי א ליכט וואָס האָט געברענט און געשיינט און געלויכטן.

ווי פאר דער גאנצער מערבדיקער ציוויליזירטער וועלט, ווי פאר די גרעסטע און קולטורעלסטע מאָדערנע פעלקער, אבער אין א באזונדער שארפער פאָרעם, האָט די דעמאָגראפישע אנטוויק־לונג אוועקגעשטעלט פארן יידישן פאָלק די גורלדיקע פראגע: לאָן אתה הולך? (*).

12. אזא איז געווען די לאגע וואָס האָט זיך געשאפן דורך דער דעמאָגראפישער רעוואָלוציע פון דער יידישער באפעלקערונג, ווען עס האָט זיך אונטערגערוקט די לעצטע מלחמה און מיט איר די מאסן־אויסראָטונגען. געניי וויפל יידן עס זיינען אומגעקומען וועלן מיר ערשט קאָנען וויסן נאָכדעם ווי עס וועלן דורכגעפירט ווערן ציילונגען אין די פארשיידענע מדינות אין אייראָפע. לעת עתה, ווען מען פארגלייכט די צאָל אייראָפעישע יידן ערב דער מלחמה מיט דער צאָל פון די וואָס זיינען איבערגעבליבן, ווייזט אויס די צאָל אומגעקומענע צו זיין ארום 6 מיליאָן.

פון א פאָלק פון 16.5 מיליאָן איבער דער גאנצער וועלט פאר דער מלחמה זיינען מיר אראָפגעפאלן ביז וואָסערע 10 מיליאָן. פון א בעצם אייראָפעיש פאָלק וואָס מיר זיינען געווען פאר דעם לעצטן האלבן יאָר־הונדערט און נאָך אפילו ערב דער איצטיקער מלחמה, זיינען מיר היינט געבליבן בעיקר אן אמעריקאניש פאָלק.

---

*) דאָרט.

די גוואלדיקע עמיגראציע־באוועגונג ביי יידן, בעיקר אין משך פון איין דור (1880—1914), די דאזיקע רעוואלוציע אין דעם לעבן פון דעם יידישן פאלק, האט באוויזן דעם נס וואס איז שפעטער געקומען ראטעווען דאס יידנטום פון א זיכערן אונטערגאנג. וואס וואלט געשען, ווען יידן וואס האבן זיך באזעצט מעבר לים וואלטן אויך געווען גע־פאלן א קרבן פון דעם היטלעריזם? וואס וואלט געשען מיט דער קליי־נער שארית הפליטה אן דער הילף פון יידן אין אמעריקע און אין אנ־דערע לענדער מעבר לים? אין דעם פאל גילט טאקע דאס יידישע ווערטל: דער אויבערשטער שיקט די רפואה פאר דער מכה.

די „רפואה", די מאסן־עמיגראציע, איז אבסאלוט נייטיק געווען פאר דער הצלה פון יידנטום! אבער צי איז זי גענוג?

לויט דער תורה זיינען די זיבעציק נפשות פון יעקבס הויזגעזינד וואס האבן אראפגענידערט קיין מצרים מיט וואסערע פיר הונדערט יאר שפעטער, בעת יציאת מצרים, געווארן איבער זעקס הונדערט טויזנט מענער, אחוץ פרויען און קינדער, וואס דאס וואלט געגעבן א באפעל־קערונג פון א צוויי מיליאן נפשות. מיר האבן אויך געזען, אז פון פיר מיליאן יידן ארום 1840 זיינען מיר געווארן 16 מיליאן מיט א הונדערט יאר שפעטער. מיר קאנען על־כן פארויס ניט אויסשליסן די מעגלעכ־קייט, אז אין דער צוקונפט וועלן די צען מיליאן יידן פון היינט ווערן ווייטער זעכצן מיליאן אדער אפילו אז די פיר מיליאן געבליבענע אין אייראפע וועלן ווערן צען מיליאן ווי פאר דער איצטיקער מלחמה. אבער וואס זיינען די אביעקטיווע שאנסן, אז אונטער די היסטארישע באדינגונגען פון אונדזער יארהונדערט זאל די דאזיקע מעגלעכקייט ווערן א רעאליטעט?

אויף דער דאזיקער פראגע קענען מיר ענטפערן אן טענות ומענות, אז אויפן סמך פון דער יידישער דעמאגראפיע פון פאר דער מלחמה איז לחלוטין אוממעגלעך ניט נאר אז דאס יידישע פאלק זאל צוריק דער־גרייכן זיין צאל פון פאר דער מלחמה, נאר אפילו עס זאל קאנען אנ־האלטן זיין איצטיקע צאל.

13. די הויפט־סיבות פון דעם דאזיקן דיאגנאז זיינען:

ראשית, די אויסראטונגען זיינען געקומען אין א צייט ווען, ווי מיר האבן דאס שוין געזען, די בוללדיקע רעפראדוקציע פון דעם יידישן פאלק איז שוין געווען א דעפיציטיקע.

שנית, דער פּרוכפּערדיקער צווייג פון דעם יידישן פאָלק, וואָס ער האָט כמעט דער איינציקער פאַרמאָגט אַן עודף פון געבורטן איבער טויטפאַלן, דער מזרח־יידישער צווייג, איז ראשו ורבו אויסגעראָטן געוואָרן.

די דאָזיקע פאַקטן פאַר זיך זיינען גענוג צו פירן צו דער מסקנא, אַז אָן אַן אימיגראַציע פון אַנדערע קאָנטינענטן, וואָס לייגט זיך גאַנץ קנאַפּ אויפן שכל, מוזן יידן אין אייראָפּע מיט זייער פאַרמלחמהדיקער דעמאָגראַפיע פאַרלירן אין דער צוקונפט אפילו פון זייער איצטיקער צאָל.

וואָס שייך די מדינות מעבר לים, איז דער אויספיר ווייניקער קאַטעגאָריש, היות ווי מיר האָבן זייער ווייניק גענויע דאַטעס וועגן דער דעמאָגראַפיע פון די יידן אין די דאָזיקע מדינות. וועגן דער דעמאָגראַפישער באַוועגונג ביי יידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וואָס זיי באַטרעפן היינט צו טאָג קרוב א העלפט פון דעם גאַנצן יידישן פאָלק, האָבן מיר כמעט גאָר קיין סטאַטיסטישע דאַטעס ניט. עס איז אָבער קיין ספק ניט, אַז דער יידישער דעמאָגראַפישער מצב אין די פאַראייניקטע שטאַטן שטעלט ווייניק צופרידן. אמת, אַמעריקאַנער יידן זיינען אין זייער מכריעדיקער מערהייט פון מזרחדיק־אייראָפּעישן אָפּשטאַם און וואָלטן באַדאַרפט אין פלוג פאַרמאָגן א העכערע פּרוכפּערדיקייט ווי די מערבדיקע יידן. אָבער ווי מיר האָבן שוין געזען, איז די פּרוכפּערדיקייט פון די מזרח־דיקע יידן ניט געווען קיין באַזונדערער „ראַסנדיקער" שטריך פון דער דאָזיקער באַפעלקערונג, נאָר האָט פאַרגעשטעלט א היסטאָרישע דערשיינונג וועלכע האָט אין אייראָפּע גופא געהאַלטן ביים פאַרשווינדן, בעיקר אין די שטעט. די דאָזיקע אַנטוויקלונג איז בלי ספק אָנגעגאַנגען גיכער אין ניו־יאָרק, שיקאַגאָ, פילאַדעלפיע, וואָס זיי האַלטן אין זיך איבער דריי פערטל פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן, איידער אין די שטעט און שטעטלעך פון פוילן, ליטע און רומעניע. עס איז שווער משער צו זיין, אַז די פּרוכפּערדיקייט פון יידן אין ניו־יאָרק היינט צו טאָג איז העכער ווי די פון וואַרשעווער יידן פאַר דער מלחמה. און מיר האָבן שוין געזען, אַז די יונגע דערוואַקסענע יידישע באַפעלקערונג אין וואַרשע האָט רעפּראָדוצירט אין 1930—1936 א העלפט פון איר ממשדיקן שטאַנד.

דער מצב אין דעם פּרט זעט אויס צו זיין אַביסל בעסער אין ארץ־ישראל, וווּ די יידן, אויך געקומענע בעיקר פון מיזרח־אייראָפּע,

פארמאגן א הויכע דורכשניטלעכע ראטע פון געבורטיקייט (בלויז אביסל נידעריקער ווי ביי יידן אין קארפאטן־רוסלאנד); 34.3 פער 1,000 נפשות אין 1926—1930 און 30.3 אין 1931—1935. אבער מיר דארפן ניט איבערשאצן די חשיבות פון דעם דאזיקן פאקט. ראשית, זיינען יידן אין ארץ־ישראל שוין אפילו נאך די אויסראטונגען אין אייראפע, בלויז 5—6 פראצענט פון יידישן פאלק; שנית, ווי מיר זעען, האלט די געבורטיקייט אין ארץ־ישראל גופא גיך אין פאלן; דריטנס, די הויכע דורכשניטלעכע געבורטיקייט פון דער יידישער באפעלקערונג אין ארץ־ישראל איז אין א גרויסער מאס צו פארדאנקען דעם פאקט, וואס ווי אן אימיגראנטן־באפעלקערונג האלט זי אין זיך גאר א הויכן פראצענט יונגע דערוואקסענע. אין אזא פאל באטייט א הויכע געבורטיקייט ניט דווקא א הויכע פרוכפערדיקייט אדער א הויכע רעפראדוציר־ראטע ביי דער געבערנדיקער באפעלקערונג (*).

14. מען דארף ווייטער נעמען אין באטראכט דעם פאקט, אז די נאצישע אויסראטונגען זיינען געקומען ניט נאר אין א צייט ווען די כולל־דיקע יידישע געבורטיקייט איז ניט נאר ניט געווען גענוג אנצוהאלטן דעם ממשדיקן שטאנד, נאר ווען די דאזיקע געבורטיקייט האט שוין פאר־מאגט א שטארקע נטיה צו פאלן. זי איז געפאלן אין מערב ניט גע־קוקט אויף דעם נידעריקן ניווא, אויף וועלכן זי איז געשטאנען אין די דאזיקע מקומות פריער אויך. זי איז גיך געפאלן אין די מזרח־שטעט וועלכע האבן זיך געפלייסט צוצוקומען צום ניווא פון די מערב־מדינות. זי איז געפאלן אין מזרח אין אלע מדינות מיט דעם אויסוואנדערן פון יידן פון די קליינע שטעטלעך און דערפער און זייער קאנצענטראציע אין די מעטראפאליעס און גרעסערע שטעט, אדער מיטן אויסוואנדערן מעבר לים. זי איז אויך געפאלן אין די מיטעלע שטעט וועלכע זיינען נעגאנגען פאמעלעך אבער זיכער אין די פוסטריט פון די גרעסערע שטעט. זי איז געפאלן ביים מיטלקלאס, און בעיקר ביי דער „אינטע־ליגענץ" וועלכע האט געזען אין נעא־מאלטוזיאניזם א מיטל פאר גע־

*) די געבורטן־ראטע פון דער מוסולמענישער באפעלקערונג אין ארץ־ישראל איז איינע פון די העכסטע אין דער וועלט: 53.2 פער 1,000 נפשות אין 1926—1930 און 50.2 אין 1931—1935 (לגבי 34.3 און 30.3 ביי יידן). נעמענדיק אין באטראכט די דאזיקע דאטעס פון דער אפי־ציעלער סטאטיסטיק, האבן מיר זיך אפילו געפרעגט, צי שטייגט באמת די ארץ־ישראלדיקע אראבישע באפעלקערונג ניט היפש אריבער די אפיציעלע צאלן וואס ווערן אנגעגעבן.

זעלשאפטלעכן אויפשטייג און א סימן פון קולטורעלן פּראָגרעס. אָנ־האלטנדיק די דעמאָגראפישע אנטוויקלונג פון פאר דער מלחמה, קאָן די יידישע באפעלקערונג ניט אנדערש ווי כסדר פארגרעסערן דעם בלויז וואָס איז אויפגעריסן געוואָרן אין איר קערפּער דורך די נאצישע אויסראָטונגען.

15. דער יידישער דעמאָגראפישער מצב ווערט א סך שווערער צוליב דער אויסראָטונג פון די קינדער. זייער צאָל איז שוין פריער אויך, צוליב דעם פאלן פון דער געבורטיקייט, ניט גענוג געווען אויף צו רע־פּראָדוצירן די באפעלקערונג. קעגן די קינדער האָבן די נאציס אויך באזונדער געווילדעוועט, און מער ווי אנדערע זיינען זיי אומגעקומען פון די אומדערטערעגלעכע באדינגונגען אין די געטאָס. מיר האָבן נאָך ניט קיין גענויע דאטעס וועגן דער צאָל קינדער וואָס האָבן איבערגעלעבט די שחיטה. אָבער דאָס ביסל פאקטן וואָס מיר האָבן באווייזט זייער בולט, אז זייער צאָל איז מוראדיק קליין. אין דעם פּרט איז דער מצב אין מזרח נאָך א סך קאטאסטראָפאלער ווי אין מערב, וווּ די ניט־יידישע באפעלקערונג האָט ארויסגעוויזן מער חשק אויסצובאהאלטן יידישע קינדער. אָבער ניט אלע וואָס זיינען אויסבאהאלטן געוואָרן זיינען אזוי ארום ניצול געוואָרן פאר דעם יידישן פאָלק. א צאָל פון די וואָס זיינען אריינגענומען געוואָרן אין קריסטלעכע פאמיליעס אָדער אינסטיטוציעס, קאטוילישע אָדער פּראָטעסטאנטישע, האָבן זיך אזוי איינגעלעבט אָדער צוגעוווינט צו זייערע מצילים, אז זיי ווילן זיך פון זיי ניט שיידן. פאר דעם יידישן פאָלק זיינען די דאָזיקע פארלוירן, בעיקר אויב זייערע עלטערן זיינען אומגעקומען אין דער שחיטה. היוצא מדברינו: **די יידישע קינדער פון היינט זיינען דאָס יידישע פאָלק פון מאָרגן**; און ווען מיר זעען, ווי קליין עס איז די צאָל איבערגעבליבענע קינדער אונדזערע, האָבן מיר ניט פון וואָס אָנגעפילט צו ווערן מיט אָפּטימיזם וועגן דער צוקונפט פון אונדזער פאָלק.

16. אחוץ דעם דארף מען נאָך נעמען אין באטראכט די דעמאָ־גראפישע שוועריקייטן און סכנות וואָס זיינען א פועל־יוצא פון דער זייער קליינער צאָל איבערגעבליבענע אין די פארשיידענע מדינות פון אייראָפּע.

די אסימילירנדיקע השפעה פון דער ניט־יידישער סביבה, בעיקר די שוועריקייטן פון אויפהאָדעווען קינדער אין א יידישער קולטורעלער

טראַדיציע, ווערט א סך גרעסער אין דער מאָס וואָס די יידישע קיבוץ־צים זיינען קלענער, וויניקער קאָמפּאַקט און קנאַפּער אין צאָל. דער דאָזיקער פאַקט פאַר זיך פירט שוין צו א פאַרגרעסערונג פון די שמד־פאַלן, געמישטע חתונות א. א. וו. געמישטע חתונות מיינען נאָך ניט לחלוטין אן ארויסטריט פון יידנטום, אָבער דאָס איז געריכט נאָר אין א גרויסן און שטאַרקן יידישן קיבוץ וועלכער לעבט אן אינטענסיוו יידיש לעבן. אָבער ביי יידן וואָס וווינען צעשפּרייט אין קליינע צאָלן באַטייטן די געמישטע חתונות א זיכערן אָנווער פאַרן יידישן כלל.

דאָס זעלבע איז אויך מיט דעם קולטור־לעבן: שולן, ליטעראַטור, טעאַטער, פּרעסע. וואָס קלענער די צאָל יידן, אַלץ שווערער אן אייגן נאַציאָנאַל לעבן, און אפילו דאָרט ווו אזא לעבן קומט צום אויסדרוק איז עס אָרעם און איינגעשרומפּן; עס פירט צו א באַטייליקונג פון יידן אין דעם קולטור־לעבן פון דער סביבה און זייער דערווייטערן זיך לגמרי פון דעם יידנטום.

אפילו ווען מען זאָל ארויסלאָזן פון קאָן די אסימילירנדיקע השפּעה פון דער ניט־יידישער סביבה, וועמענס כוחות ס'איז אין א פּאַרקערטער פּראָפּאָרציע צו דער צאָל יידן, און זיך בלויז באַגרענעצן צום ריין דע־מאָגראַפישן אַספּעקט פון דעם פּראָבלעם, איז אויך די זייער קליינע צאָל א סכנה פאַר דעם קיום פון א פאָלק ווי דאָס יידישע. מיר וועלן באַלד זען די סיבות.

17. דער איטאַליענישער קאָמיטעט צו שטודירן באַפעלקערונג־פּראָבלעמען, געשאַפן און אָנגעפירט דורך פּראָפ. קאָראַדאָ דזשיני, האָט אראַנזשירט א ריי אויספאָרשונגען אויפן אָרט, וועגן אַנטראָפּאָ־לאָגישע, דעמאָגראַפישע און סאָציאַלע פּראָגעס, ביי די ענדאָגאַמישע באַפעלקערונגען אין צפון־אַפריקע, מעקסיקע און אַנדערע ערטער. בעיקר צוויי פון די דאָזיקע אויספאָרשונגען דאַרפן אינטערעסירן דעם יידישן לייענער: איינע וועגן די שומרונים אין ארץ־ישראל און די צווייטע וועגן די קראָים אין פּוילן און ליטע (העליטש, לויצק, טראָק, ווילנע און פּאָניעוועזש). די אויספאָרשונג וועגן די קראָים האָט ארומגענומען כמעט דריי פערטל פון דער דאָזיקער באַפעלקערונג אין די דערמאָנטע צוויי מדינות. א דאַנק דער מאָראַלישער שטיצע פון דעם קאַראַימער חכם שריה שאַפּשאַל האָבן די אויספאָרשערס געהאַט א מעגלעכקייט צו קו־מען אין אינטימען קאָנטאַקט מיט דער אויסגעפאָרשטער באַפעלקערונג.

זיי האָבן אזוי ארום געקאָנט מאכן אנטראָפּאָלאָגישע מעסטונגען און פאָטאָגראפירן צוויי מאָל כמעט אלע אויסגעפאָרשטע, פעסטשטעלן זייער מאטעריעלע און סאָציאלע לאגע און אפילו ארייגדרינגען אין זייער אינטימען פאמיליע־לעבן און שטודירן זייער דעמאָגראפיע, זייער רעליגיעז און נאציאָנאל לעבן (*). דער מחבר פון די דאָזיקע שורות האָט גענומען אן אקטיוון אָנטייל אין דער דאָזיקער אויספאָרש־ארבעט. א דאנק זיין פריערדיקער צוגרייטונג און זיינע שפּראך־ידיעות האָט ער געהאט די מעגלעכקייט צו קומען דירעקט אין קאָנטאקט מיט די קראָים און געווינען זייער צוטרוי, ניט געקוקט אויף זייערע פאָראור־טיילן לגבי יידן. א טייל פון די אָבסערוואציעס במשך פון דער אויס־פאָרשונג זיינען דירעקט נוגע אונדזער פּראָבלעם. אָט זיינען זיי.

די קראָים פון פוילן און ליטע באשטייען דאָס רוב פון אָרעמע מענטשן, האָרעפּאשנע, ערלעכע, פון מיטלמעסיקער בילדונג, פשוטע און סימפּאטיש אין זייער פשטות. זיי זיינען פאר איינס אי א רעליגיע־זער אי א נאציאָנאלער קיבוץ, זיי רעדן צווישן זיך א לשון וואָס שטאמט פון טורקיש־טאָטערישן אָפּשטאם. זיי זיינען שטרענג ענדאָגאם, האָבן ניט חתונה ניט מיט קריסטן ניט מיט יידן. די פון זיי וואָס האָבן חתונה מיט ניט־קראָים ווערן באטראכט ווי משומדים. די גאנצע צאָל קראָים אין די צוויי לענדער האָט דערגרייכט אין דער צייט פון דער אויס־פאָרשונג (אין 1934) קארגע 900 מענטשן.

**די דאָזיקע באפעלקערונג האָט געהאלטן אין אויסגיין, און די הויפּט־סיבה דערפאר איז געווען איר קליינע צאָל.**

ניט אָפּשטעלנדיק זיך אויף דער אסימילירנדיקער השפעה פון דער סביבה און דער איינגעשרומפּנקייט פון דער נאציאָנאלער קולטור ביי די קראָים, דערשיינונגען וועלכע האָבן א דאנק דער זייער קליינער צאָל קראָים דערגרייכט אן עקסטרעמע מדרגה (זיי זיינען ניט געווען בכוח אפילו איבערצודרוקן זייערע סידורים און האָבן זיי געמוזט איבער־שרייבן מיט דער האנט), וועלן מיר בלויז פארצייכענען די ריין דעמאָ־גראפישע פעולה פון זייער קליינער צאָל.

נאָרמאלערהייט איז די צאָל מאנסבילן און פרויען פון חתונה־

---

*) Corrado Gini, “I Caraimi di Polonia di Lituania”, *Genus*, II (1936), pp. 1-56;

L. Hersch, “Les langues des inscriptions funéraires au Cimetiére de Troki, *Ibidem*, pp. 259-294.

עלטער כמעט גלייך. אָבער דאָס איז בלויז געשעעדט ווען די באַפעלקע־רונג איז געוועג גרויס; די דאָזיקע פּראָפּאָרציע איז ניט שייך אין קליי־נע גרופּעס, וווּ דאָס געזעץ פון גרויסע צאָלן איז ניט חל. דאָ איז על־פּי צופאַל טיילמאָל פאַראַנען מער מאַנסבילן און טיילמאָל מער פרויען. אין די קליינע קאַראַימער קהילות אין פּוילן און ליטע, וועלכע האָבן געציילט א פּאָר צענדליק, זעלטן ווען הונדערט אָדער צוויי הונדערט מענטשן, האָט זיך זייער אָפט געטראָפן, אַז במשך א ריי יאָרן זיינען געבוירן געוואָרן דער עיקר יינגלעך, און אין אַן אַנדערער ריי יאָרן דער עיקר מיידלעך. דאָס האָט געפירט צו א גרויסער אומגלייכוואָג פון די מינים אין חתונה־עלטער, שוין ניט צו רעדן וועגן דעם, אַז דער אויסקלייב ביים חתונה־האָבן איז געווען רעדוצירט ביז א מינימום, און אַז אָפט איז נייטיק געווען צו פאָרן אין מרחקים (פון לויצק אָדער העל־ליטש קיין טראָק, א שטיינער) כדי צו געפינען א זיווג אָדער א מער פּאַסיקן זיווג. ווי א פּועל־יוצא פון דעם מצב איז די צאָל אַלטע בחורים און בתולות געווען זייער הויך צווישן די קראָים און די צאָל חתונה־געהאַטע זייער קליין. דער דורכשניטלעכער עלטער פון חתונה האָבן איז זייער הויך, און מיר ווייסן, אַז וואָס עלטער עס איז א ניי פּאָרפאָלק, אַלץ ווייניקער פּרוכפּערדיק איז עס. חתונות צווישן אַלטע בחורים און יונגע מיידלעך אָדער אַלטע בתולות און יונגע בחורים, וועלכע זיינען נאַטירלעך ווייניק פּרוכפּערדיק, זיינען פאָרגעקומען זייער אָפט. און חתונות צווישן נאָענטע קרובים, וועלכע, ווען זיי חזרן זיך איבער פון דור צו דור, בלייבן עקרהדיק, זיינען געווען אָפטע דערשיינונגען. און צום סוף, היות ווי דאָס לעבן איז שטאַרקער אפילו ווי די שטאַרקסטע טראַ־דיציעס, זיינען די געמישטע חתונות געוואָרן אַן אַלץ עפטערע דערשיי־נונג, און דאָס האָט געפירט דערצו, אַז א טייל פון דער אַזוי אויך קליי־נער יוגנט איז אַוועק פון דעם קאַראַימער קיבוץ.

18. עס איז קלאָר, אַז אין פאַל פון די קראָים האָבן די קאַטאַס־טראָפאַלע רעזולטאַטן פון זייער קליינער צאָל דערגרייכט דעם העכסטן פּונקט. די אייראָפּעישע יידן, אפילו נאָך די נאַצי־שחיטות, שטייען נאָך ווייט אַריבער אין צאָל די קראָים. אָבער דער דאָזיקער באַגרענעצטער פאַל מאַכט, אין געוויסע פּרטים, ניט ווייניקער בולט די סכנות פון א קליינער צאָל וועלכע לאָקערן אויף א געשלאָסענעם עטנישן און רעלי־גיעזן קיבוץ, ווען ער איז צעשפּרייט צווישן פאַרשיידענע פעלקער וועל־כע זיינען א סך גרעסער.

נאָך פאר דער מלחמה איז די פּראָפּאָרציע פון חתונה־געהאטע גע־ווען בכלל היפּש קלענער ביי יידן ווי ביי ניט־יידן פון דער זעלבער מדינה. נאָך די אומגעהייערע אויסראָטונגען פון דער יידישער באפעל־קערונג, ווען די שטאָטישע צענטערס וועלכע האָבן געציילט אין די הונדערטער טויזנטער יידן האָבן ניט מער ווי א פּאָר צענדליק טויזנט אָדער גאָר א פּאָר טויזנט, ווען קיבוצים וואָס האָבן געציילט צענדליקער טויזנטער מענטשן האָבן ניט מער ווי א פּאָר טויזנט אָדער א פּאָר הונדערט, צי איז פאראן וועלכער עס איז ספק, אז די שוועריקייטן חתונה צו האָבן צווישן זיך וועלן זיך א סך פארגרעסערן לגבי די פריער־דיקע יאָרן, און ווי א פּועל־יוצא דערפון וועט די פּראָפּאָרציע חתונה־געהאטע אראָפּפאלן, דער דורכשניטלעכער חתונה־עלטער וועט שטייגן, חתונות צווישן פּאָרלעך פון א גרויסן עלטער־ אונטערשייד וועלן ווערן אָלץ אָפטער, אויך חתונות צווישן נאָענטע קרובים, און אז די פּראָפּאָר־ציע געמישטע חתונות וועט זיך פארגרעסערן?

נאָך פאר דער מלחמה האָט די קליינע צאָל מענטשן אין חתונה־עלטער זיך שטארק געלאָזט פילן אין די קליינע יידישע קהילות פון מערב און איז געווען איינע פון די הויפּט־סיבות פון דעם אויסער־געוויינטלעכן פאלן אין דער געבורטן־ראטע פון דער יידישער באפעל־קערונג אין יענע מקומות. די נאַצי־שחיטות האָבן אין דעם פּרט בלויז איבער געמאכט כמעט די גאנצע יידישע באפעלקערונג פון אייראָפּע אויף „מערב־יידן”.

19. דער לייענער וועט אפשר א טראכט טאָן: דיה לצרה בשעתה. לאָמיר איבערלאָזן פאר דעם מאָרגן די אויפגאבע פון היילן די וווּנדן וואָס וועלן זיך ערשט באווייזן מאָרגן.

אָבער פאר אונדזער פּראָבלעם איז אזא צוגאנג, דוכט זיך, לחלוטין פאלש טעאָרעטיש און זייער געפערלעך אין דער פּראַקטיק. ווייל דאָס יידישע פאָלק טראָגט שוין בפּועל אין זיך די שלאַפקייט וועלכע לאָקערט אויף אים. נאָך פאר דער מלחמה איז די צאָל יידישע קינדער ניט גע־ווען גענוג צו רעפּראָדוצירן דעם דערוואקסענעם ממשדיקן שטאנד. נאָך דער אויסראָטונג פון אונדזערע קינדער איז פון זיי געבליבן גאָר ווייניק. און אויב דער דערוואקסענער דור פון היינט רעאגירט ניט, אויב מען וועט איבערלאָזן די אויפגאבע פון ממלא זיין דעם אָנווער אויף יענער צייט, ווען די קינדער און דערוואקסלינגען, וואָס זיי זיינען שוין

אזוי ווייניק אין צאָל היינט, וועלן אויפוואקסן, וועט דער ציל ווערן לחלוטין אומדערגרייכלעך. די דערוואקסענע און יונגע יידישע באַפעלקערונג אין אייראָפּע וועט ווערן נאָך קלענער ווי זי איז איצטער, און ווי אַ פּועל־יוצא דערפון וועט זיין כמעט אוממעגלעך צו הייבן די צאָל געבורטן. להיפך, בלי ספק וועלן מיר זען ווייטערן פאלן אין דער געבורטיקייט און נאָך אַ גרעסערן דעפּיציט אין דער רעפּראָדוקציע פון דער געבעהנדיקער באַפעלקערונג. אויב מען קען זיך קיין עצה ניט געבן איצט, וועט אין אַ צען יאָר ארום בלי שום ספק זיין שפּעט. פאַר דעם אייראָפּעישן יידנטום שטייט באמת די פראגע: זיין אָדער ניט זיין?

20. צי איז אָבער בכלל פאַראן אַ מעגלעכקייט צו רעאגירן מיט אַ געוויסער מאָס הצלחה? און וואָס וואָלט געווען נייטיק צו טאָן?

אויף דער ערשטער פראגע לאָמיר ענטפערן: עס איז גאָר קיין פראגע ניט, אז גאָרניט טאָן, פּאסיווע רעזיגנאציע, „לאָזן אויף גאָטס באַראָט" איז די ערגסטע פאַרענטפערונג און וועט זיך אויסלאָזן מיט דעם אומפאַרמיידלעכן אונטערגאנג פון דעם אייראָפּעישן יידנטום במשך פון אַ פּאָר דורות. אוודאי מוז געמאכט ווערן אַ גוואַלדיקע און פאַרשיידנפאָרמיקע אָנשטרענגונג צו פאַרריכטן אַ מצב וואָס האָט זיך געשאפן דורך אַ לאַנגער דעמאָגראַפישער אנטוויקלונג, דורך אַן עלטערגלידערונג ווו די יוגנט איז אָפּט געווען זייער שוואך רעפּרעזענטירט, און דורך דער מאסן־אויסראָטונג וואָס איז איינציק אין דער מאָדערנער געשיכטע. קיין שום אילוזיע מכוח דער גרייס פון דער אָנשטרענגונג וואָס דארף געמאכט ווערן טאָר ניט צוגעלאָזט ווערן, וואָרעם יעדע אילוזיע וועט בלויז גורם זיין צו אַן אָנווער פון טייערער צייט און וועט אָפּלייגן אַ ווירקעוודיקע פאַרענטפערונג וואָס איז שוין אזוי אויך געווען שווער. וואָס־זשע זאָל מען טאָן?

21. עס קאָן דאָ ניט זיין קיין פראגע פון אויסארבעטן אַ דעטאַלירטע פּראָגראם פון אַן אקציע. מיר באַגרענעצן זיך בלויז מיט אָנצייכענען פירנדיקע ליניעס.

מען דארף פּראָוויזען אַן אקציע אויף צוויי פאַרשיידענע פלאכן אין איין און דער זעלבער צייט: אויפן אַלגעמיינעם פלאך און דעם ספּעציפיש יידישן פלאך.

לאָמיר קודם באַטראַכטן די אקציע אויפן אַלגעמיינעם פלאך. בעצם שטייט די דעמאָגראַפישע פּראָבלעם פון אונדזער צייט ניט בלויז

פאר יידן. נאָך לאנג ביז דער לעצטער מלחמה האָט שוין די רעפּראָדוקציע פון דער באפעלקערונג אין פראַנקרייך געהאלטן ביי א דעפיציט, דאָס גלייכן אין כמעט אלע צענטראלע און צפון־אייראָפּעישע מדינות און אין א טייל מדינות מעבר לים וואָס געהערן צו דער מערבדיקער ציוויליזאציע, בעיקר אין דעם גרעסטן טייל פון די פאראייניקטע שטאטן. די געבורטיקייט האָט געהאלטן אין איין פאלן אין אלע מדינות פון דער מערבדיקער ציוויליזאציע און עס איז געווען קלאָר פאר יעדן אויפמערקזאמען אָבסערוואטאָר, אז אויב אין געוויסע מדינות וואָס זיינען שפּעט אריינגעטראָטן אין דעם ציקל פון פאלנדיקער געבורטיקייט איז נאָך דער נאטירלעכער צוווּקס גאנץ היפש (א דאנק דעם שטארקן פאלן פון דער שטארביקייט), וועט די דאָזיקע דעמאָגראפישע שפּעט באלד פארשווינדן מיט דעם כסדרדיקן פאלן פון דער געבורטיקייט, פונקט ווי זי איז פארשוואונדן אין די מדינות וואָס זיינען פריער אריינגעטראָטן אין דעם ציקל. די איצטיקע מלחמה האָט געשטעלט פאר אלעמענס אויגן די חשיבות פון דער דעמאָגראפישער אנטוויקלונג פאר דער נאציאָנאלער זיכערקייט פון געוויסע מדינות. אונטער די דאָזיקע באדינגונגען האָבן די בלויזן וואָס די מלחמה האָט געשאפן אין די רייען פון די באפעלקערונגען פון געוויסע לענדער צוגעגעבן דעם פּראָבלעם פון א דעפיציטיקער רעפּראָדוקציע דעם כאראקטער פון א ברענענדיקער אקטואליטעט. אין פארשיידענע לענדער ווערט געמאכט אן אָנשטרענגונג צו פארריכטן דעם דאָזיקן מצב אין דער פאָרעם פון קינדערשוץ, פארזיכערונגען פאר מוטערס, צוגאב־צאָלונגען פאר פאמיליעס א. א. (*).

**דארף מען זען, אז די יידישע באפעלקערונג זאָל געניסן פון דעם סיסטעם פון דעמאָגראפישער שוץ צו גלייך מיט די אנדערע איינוווינערס פון לאנד. און אין דעם פּרט דארף מען זיך ניט באגרענעצן בלויז מיט בירגערס (וואָס דאָס איז קלאָר פון זיך אליין), נאָר מען דארף פרווון אויסברייטערן די דאָזיקע שוץ פאר אלע וואָס וווינען אין דער מדינה: אימיגראנטן, פּליטים, מלוכהלאָזע א. א., וועמענס צאָל ס'איז היינט צו טאָג גאנץ היפש.**

---

*) וועגן אַנדערע מיטלען צו באַקעמפן דאָס פאַלן פון דער געבורטיקייט זען מיין אַרטיקל:

"Remédes et faux remédes contre la dénatalité", *Revue Universitaire Suisse*, Juillet, 1942.

22. כדי צו וויסן, ווו מיר האלטן און ווו אהין מיר גייען, און אויך כדי מיר זאָלן קאָנען אָנפירן אונדזער אקציע מיט מער הצלחה, דארפן מיר האָבן וואָס מער פינקטלעכע און פרטימדיקע סטאטיסטיק וועגן יידישער דעמאָגראפיע. אין דעם פרט דארף אונדזער אקציע אויך אָנגיין דער עיקר אויפן אלגעמיינעם פלאך. עס איז נייטיק, אז די דעמאָגראפישע סטאטיסטיק פון די פארשיידענע מדינות זאָל כולל זיין איינטיילונגען לויט דער רעליגיע און דער עטנישער (נאציאָנאלער) צוגעהעריקייט פון דער באפעלקערונג. אויב עס איז שווער צו באקומען די דאָזיקע טאָפּעלע איינטיילונג, אויב עס איז נייטיק אויסצוקלייבן צווישן רעליגיע און עטנישער צוגעהעריקייט, איז בעסער אין אונדזער פאל צונעמען רעליגיע. וואָרום די צאָל יידן אין די פארשיידענע מדינות, בעיקר אין די מערב־לענדער, וואָס אין פרט פון עטנישער צוגעהעריקייט, ד. ה. נאציאָנאלער קולטור, באטראכטן זיי זיך ווי א טייל פון דער ארומיקער באפעלקערונג, איז גאנץ גרויס. אזוי למשל האָבן מיר אין דעם טשעכישן צענזוס פון 1930, צוריקגייענדיק נאָכאמאָל צו דעם ביישפּיל, באקומען אזא בילד פון דער רעליגיעזער און עטנישער (נאציאָנאלער) צוגעהעריקייט פון די דאָרטיקע יידן:

טאַבעלע 5

יידן לויט רעליגיע און לויט נאַציאָנאַליטעט אין טשעכאָסלאָוואַקיי אין 1930 לויט פראָווינצן

| פראָווינץ | א<br>יידן לויט רעליגיע | ב<br>יידן לויט נאַציאָנאַליטעט | פראָצענט פון ב לגבי א |
|---|---|---|---|
| קאַרפּאַטן־רוסלאַנד | 102,542 | 95,008 | 92.7 |
| סלאָוואַקיי — — | 136,737 | 72,678 | 53.2 |
| מערן — — — | 41,250 | 21,396 | 51.9 |
| ביימען — — — | 76,301 | 15,697 | 20.6 |
| טשעכאָסלאָוואַקיי | 356,830 | 204,779 | 57.4 |

מיר זעען על־כן, אז קוים 57% פון די טשעכאָסלאָוואקישע יידן האָבן אָנגעגעבן זייער נאציאָנאלע צוגעהעריקייט צום יידישן פאָלק; 93 % פון די קארפאטא־רוסישע יידן און בלויז א פינפטל פון די ביימישע יידן (*). ס'איז קלאָר, אז יידן וואָס זיינען אויפגעצויגן געוואָרן

*) עס איז כדאי צו באמערקן דעם פאראלעליזם צווישן די פארשיידענע צאָבעלעס וואָס זיינען שייך צום טשעכאָסלאָוואקישן יידנטום.

אין דער נאציאָנאַלער קולטור פון זייער ניט־יידישער סביבה געהערן צוליב דעם ניט ווייניקער צו דער יידישער וועלט פון וועלכער זיי שטאַמען און וועמענס גורל זיי טיילן ווילנדיק צי ניט ווילנדיק.

פאַר דער מלחמה האָבן געוויסע מדינות אריינגעשטעלט אי רע־ליגיע אי עטנישע (נאַציאָנאַלע) צוגעהעריקייט (אָדער מוטערשפּראַך) הן אין דעם צענזוס הן אין די רעגיסטערס פון דער נאַטירלעכער באַוועגונג (חתונות, געבורטן, טויטפאַלן) פון דער באַפעלקערונג. דאָס איז געווען דער פאַל בעיקר אין טשעכאָסלאָוואַקיי און אין פּוילן. האָבן מיר על־כן אָפיציעלע סטאַטיסטיקעס פון דער צאָל, סטרוקטור און נאַטירלע־כער באַוועגונג פון דער יידישער באַפעלקערונג פון יענע מדינות. דער־קעגן אנדערע מדינות האָבן לחלוטין איגנאָרירט די דאָזיקע קאַטעגאָ־ריעס. דאָס איז געווען דער פאַל בעיקר אין פראַנקרייך און אין ענגלאַנד. אנדערע ווידער האָבן אריינגעשטעלט די דאָזיקע קאַטעגאָריעס אין דעם צענזוס פון דער באַפעלקערונג און זיי אויסגעלאָזן פון דער נאַטירלעכער באַוועגונג פון דער באַפעלקערונג, אַזוי אַז מיר האָבן פאַר די דאָזיקע מדינות אָפיציעלע דאַטעס וועגן דער צאָל און סטרוקטור פון דער יידי־שער באַפעלקערונג, אָבער ניט וועגן דער דעמאָגראַפישער באַוועגונג. דאָס איז דער פאַל אין שווייץ (רעליגיע און מוטערשפּראַך), אין פסס״ר (נאַציאָנאַליטעט און מוטערשפּראַך), און צום טייל אויך אין די פאַר־אייניקטע שטאַטן (מוטערשפּראַך). ווי ווייט מעגלעך איז נייטיק, אַז לכל הפחות רעליגיע זאָל אומעטום אריינגענומען ווערן אין די אָפיציעלע דעמאָגראַפישע סטאַטיסטיקעס.

23. היות על פי רוב איז די רעליגיע פון דער באַפעלקערונג ניט אריינגענומען אין דער אָפיציעלער סטאַטיסטיק, איז נייטיק, אַז אויב מען קען דאָס ניט פועלן ביי דער מלוכה, זאָל זיך די יידישע געזעל־שאַפט פון די פאַרשיידענע מדינות אַליין אָפּגעבן מיט סטאַטיסטיק פון דער יידישער באַפעלקערונג. די גרעסערע יידישע קהילות, די יידישע צדקה־אָרגאַניזאַציעס אָדער ספּעציעלע אָרגאַניזאַציעס פאַר סטאַטיסטיק און דעמאָגראַפיע דאַרפן פון צייט צו צייט דורכפירן פאָרשונגען וועגן דער צאָל און דער סטרוקטור פון דער יידישער באַפעלקערונג, וועגן דער נאַטירלעכער באַוועגונג, אימיגראַציע און אויך וועגן דעם אריבער־גיין צו אנדערע רעליגיעס. דאָרט ווו די אָפיציעלע סטאַטיסטישע ביור־ראָען נאָטירן יאָ די רעליגיע, נאָר זי פיגורירט ניט אין די פּרטימדיקע באַארבעטונגען פון זייער סטאַטיסטיק, דאַרפן די יידישע אָרגאַניזאַציעס

באקומען די געלעגנהייט צו אונטערזוכן, קלאסיפיצירן און פובליקירן די דאטעס וואס ליגן פארפאקט אין די שופלאדן פון די סטאטיסטישע ביוראען. די עקאנאמיש־סטאטיסטישע סעקציע פון ייווא וואלט אויף אזא אופן געהאט אן אינטערעסאנטע אויפגאבע אין צוזאמענהאנג מיט דעם אלעם וואס האט א שייכות צו א סטאטיסטישער אויספארשונג פון דער יידישער דעמאגראפיע און דעם וויסנשאפטלעכן אנאליז פון די סטאטיסטישע דאטעס וואס זיינען שוין בנמצא.

24. וויסן איז אלעמאל אינטערעסאנט, אבער דא האנדלט זיך, בעיקר, וועגן וויסן כדי עפעס צו טאן. אין אמתן דערלויבן ניט די שטארק אומגינציקע דעמאגראפישע אנטוויקלונגען ביי יידן פאר דער מלחמה און די נאצי־שחיטות, אז מיר זאלן זיך באגנוגענען מיט די אלגעמיינע מיטלען וואס עס וועלן אננעמען געוויסע מדינות כדי אנצוויאגן דעם דעפיציט אין זייער דעמאגראפישן מצב. יידן מוזן אליין אויך אונטער־נעמען אן אייגענע גרויסע אקציע. לאמיר דא אנצייכענען די ריכטלי־ניעס פון דער דאזיקער אקציע.

די פארשיידענע פריוואטע אינפארמאציעס וואס זיינען געקומען פון די אקופירטע מדינות און וואס קומען נאך איצט פון די באפרייטע לענדער דערציילן וועגן א שטארקער פארגרעסערונג פון שטארביקייט. זי ווייזט אויס צו זיין ספעציעל הויך צווישן די נאר־וואס גראטעוועטע פון די קאנצענטראציע־לאגערן און די געטאס, ווו זיי זיינען געווען אויסגעשטעלט אויף ספעציעל שווערע באדינגונגען פון באשפייזונג, היי־גיענע, ארבעט. עס פאדערט זיך על־כן אן אקציע אויף צו **רעדוצירן די שטארביקייט און קרענקעוודיקייט ביי די דאזיקע יידן.**

אין דעם פרט דארף אונדזער אויפמערקזאמקייט בעיקר זיין גע־ווענדט צו **ראטעווען די קינדער.** זיי זיינען די צוקונפט פון אונדזער פאלק. צו ראטעווען דאס ביסל וואס איז אונדז געבליבן, צו ראטעווען די קינדער, וועמענס עלטערן ס'זיינען דעפארטירט און אומגעבראכט געווארן, אדער וואס זיינען פשוט פארלוירן געווארן פון זייערע עלטערן אין דעם שטורעם וואס האט פארניכטעט אדער צעשפרייט אזוי פיל פאמיליעס, צו ראטעווען די קינדער, וועמענס עלטערן עס זיינען אריינ־געשליידערט געווארן אין א מוראדיקער עקאנאמישער לאגע, וואס איז מסוכן בעיקר פאר קינדער, איז אין אונדזערע איצטיקע באדינגונגען ניט בלויז א הומאניטארע אונטערנעמונג, נאר א נאציאנאלע אקציע פון

דער גרעסטער וויכטיקייט. די אקציע וואָס דער „אָזע"־פאַרבאַנד האָט אַנטוויקלט נאָך מיט יאָרן צוריק באַקומט אַ ספּעציעלן אינטערעס אין אונדזערע טעג און דאַרף ווערן אויסגעברייטערט און פאַרטיפערט.

25. אָבער לאָמיר עס זאָגן גאַנץ אָפן: לויט דעם וואָס מיר האָבן אויבן געזען איז באַשיימפּערלעך קלאָר, אַז דער קאַמף קעגן דעם עודף אין דער שטאַרביקייט אַליין פאַר זיך קלעקט ניט אויף אַרויסצוברענגען דאָס יידישע פאָלק פון דעם געפערלעכן קריזיס, אין וועלכן עס געפינט זיך היינט צו טאָג. כדי דאָס יידישע פאָלק זאָל בלייבן לעבן, כדי עס זאָל קאָנען ווייטער ממשיך זיין זיין קיום, איז דער **תנאי ראשון אַן אויפשטייג אין זיין געבורטיקייט.**

מיר איז פולקאָם קלאָר, אַז דער דאָזיקער אַרויסזאָג איז אַזוי ווינ־ציק פּאָפּולער ווי נאָר מעגלעך, בעיקר צווישן דער אינטעליגענץ, וועל־כע — ווי אַלע דעמאָגראַפן ווייסן, פּראַקטיצירט דעם נעאָ־מאַלטוזיאַ־ניזם מער ווי וועלכער עס איז אַנדערער סאָציאַלער שיכט. אָבער ווי אַ דעמאָגראַף און ווי אַ ייד, ליגט אויף מיר אויף אַזוי פיל מער דער חוב זיך אָפּצושטעלן אויף דעם דאָזיקן פונקט. **עס איז נייטיק, אַז דער יונגער דערוואַקסענער דור וועלכער איז אַרויס בשלום פון דער נאַצישער שחיטה זאָל אין דעם פּרט טאָן זיין חוב.** איבערלאָזן דעם דאָזיקן חוב פאַר דעם קומענדיקן דור, פאַר די ווינציקע קינדער פון היינט ווען זיי וועלן קומען אין דעם עלטער פון דערוואַקסענע, מיינט אָפּלייגן די פאַר־ענטפערונג פון דעם פּראָבלעם אויף אַ צייט ווען עס וועט שוין זיין צו שפּעט. אונדזערע יונגע דערוואַקסענע פון היינט דאַרפן זיין פולקאָם באַוווּסטזיניק, אַז עס גייט וועגן קיום האומה.

עס איז אָבער אויך דער חוב פונעם גאַנצן יידישן פאָלק אַרויסצו־העלפן ווי ווייט מעגלעך דעם יונגן דור אין דערפילן זיין חוב אונטער די שווערע באַדינגונגען פון נאָך דער מלחמה. אַ גרויס פעלד פאַר אַן אקציע פון פאָלקס־ערבות און קעגנזייטיקער הילף עפנט זיך אַזוי אַרום פאַר דעם גאַנצן יידישן פאָלק, בעיקר אין יענע מדינות, וווּ די עפנט־לעכע מאכט איז ניט גענוג פאַראינטערעסירט צו הייבן די געבורטי־קייט פון דער יידישער באַפעלקערונג.

26. לסוף איז נייטיק ווי ווייט מעגלעך זען שאַפן אַזעלכע מאַ־טעריעלע און מאָראַלע באַדינגונגען וואָס זאָלן **אָפּשטעלן דאָס אוועקגיין פון יידישקייט.**

צו ראטעווען דאָס לעבן און דאָס געזונט פון די קינדער, בפרט די עלטערנלאָזע קינדער, איז אַן אויסגעצייכנטע ארבעט, אָבער עס איז אויך נייטיק זיי צו ראטעווען פארן יידישן כלל. א היפּשע צאָל יידישע קינדער וואָס זיינען אָפּגעראטעוועט געוואָרן פון די נאצישע נעגל דורך קריסטלעכע אינסטיטוציעס און יחידים, ווי מיר האָבן אויבן געזען (פּאראגראף 15), זיינען אין סכנה פון פארלוירן ווערן פאר דעם יידישן פאָלק. די סכנה איז ניט קיין סך קלענער פאר א היפּשער צאָל אנדערע קינדער. עס פאָדערט זיך א גרויסע דערציאונגס־ארבעט. א שווערע ארבעט אויך, וואָרעם מען דארף אין איין און דער זעלבער צייט האָבן אין אויג די רעאלע אינטערעסן פון דעם קינד, אויסמיידן יעדן אוטאָ־פּישן פּרוּוו פון אָפּרייסן דאָס קינד פונעם אלגעמיינעם לעבן און פאר איינס דערוועקן און קולטיווירן אין דעם קינד א צוגעבונדנקייט צום יידישן פאָלק, צו זיין געשיכטע, זיין קולטור, זיינע ליידן, קאמפן, האָ־פענונגען, און דורכפירן דאָס אלץ אין א צייט ווען יידן בילדן שוין אין ערגעץ ניט אין אייראָפּע קיין גרויסע קיבוצים ווי דאָס איז געווען פאר דער מלחמה.

מיר האָבן שוין אויבן געזען (פּאראגראף 16—18) די אלגעמיינע דעמאָגראפישע סכנה פון דער צעברעקלונג פון דעם יידישן פאָלק. כדי צו פארמיידן דאָס איינשרומפּן פון דעם נאציאָנאלן לעבן, צו פארמיידן דעם דעמאָגראפישן גזר־דין וואָס אזא מין צעברעקלונג קען ברענגען, צו פארקלענערן די פרעקווענץ פון געמישטע חתונות און אָפּצוהאלטן די דענאציאָנאליזאציע וואָס זיי ברענגען מיט זיך, איז נייטיק, אז די יידישע אויפבוי־פּראָיעקטן נאָך דער מלחמה זאָלן ניט נוטה זיין צו צעשפּרייטן די שארית הפליטה, נאָר להיפוך זיי קאָנצענטרירן אין מער קאָנפּאקטע קיבוצים. האנדלען פארקערט וואָלט געווען פון די זי־כערסטע מיטלען צו א שנעלן דעמאָגראפישן און פאר איינס גייסטיקן אונטערגאנג פון דעם יידישן פאָלק.

27. עס דארף געשאפן ווערן א גרויסע געזעלשאפט פאר צוריק אויפבויען די יידישע באפעלקערונג, וואָס זי זאָל דינען ווי אן אגענטור צו פארבינדן און קאָאָרדינירן די פארשיידענע טעטיקייטן וואָס מיר האָבן אָקאָרשט דערמאָנט. זי וועט אויך האָבן די אויפגאבע צו אינפאָר־מירן די עפנטלעכע יידישע מיינונג וועגן דעם פּראָגרעס פון דעם קאמף קעגן דער דעמאָגראפישער ירידה, וועגן די פארשיידענע מיטלען וואָס

ווערן אָנגעווענדט אין די פאַרשיידענע מדינות, זייער דערפאָלג אָדער דורכפאַל, און צו האַלטן די דאָזיקע מיינונג כסדר וואַך צו דער ערנסט־קייט פון דעם פּראָבלעם.

עס איז שווער צו זיין א ייד. עס וועט זיין בעיקר שווער פאַר דעם יידישן פאָלק צו עקזיסטירן אין אייראָפּע נאָך דער איצטיקער בלוטבאָד. עס וועט זיין נייטיק א קאָלעקטיווער רצון, א מאַטעריעלע און מאָראַלע אָנשטרענגונג וואָס זאָל זיך דערהייבן צו דער הייך פון דער לאָקערנדי־קער סכנה.

דער דאָזיקער רצון, דער גייסט, — צי באַזיצן מיר זיי? די אָנ־שטרענגונג, — צי זיינען מיר בכוח זי אַרויסצוּווייזן?

זשענעוו, אַפּריל, 1945.

# יידישע און ניט־יידישע פארברעכערישקייט אין פוילן

## 1937 — 1932

צום סך־הכל פון א היסטארישער תקופה.

## 1. — די פראגע

די מלחמה האט ביד חזקה א סוף געמאכט צו א וויכטיקן קאפיטל פון דער פוילישער היסטאריע, און דערמיט גופא א סוף געמאכט אויך צו אן אייגנארטיקער תקופה פון דער יידישער געשיכטע אין פוילן. און ניט נאר ביי יידן. אין ספר הזכרונות פון דער מענטשלעכער געשיכטע האט זיך ווידער איבערגעקערט א בלאט, און ווי שטענדיק — און אפשר נאכמער ווי ביז אהער — האט זיך דערמיט איבערגעקערט א בלאט אויך אין דער יידישער געשיכטע, א בלאט, וואס דערציילט וועגן איבערמענטש־לעכע צרות און גרויסע שטרעבונגען, וועגן שרעקלעכע מפלות און אומ־שטערבלעכע אויפטועז. ניט איינמאל וועט נאך אויסקומען זיך אומצוקערן צו אט דעם פעריאד צווישן דיביידע גרויסע מלחמות, פעסטצושטעלן די פאקטן, זיי צו אנאליזירן, אפצושאצן זייער פאזיטיוון אדער נעגאטיוון ווערט, צו מאכן סך־הכלען און אויך צו משפטן פערזענלעכקייטן און מאסן, געזעלשאפטלעכע שטרעמונגען און סאציאל־פאליטישע רעזשימען, מדינות און פעלקער.

אין געוויסע פרטים וועט די אונטערשטע שורה פונעם פארענדיקטן פעריאד קענען אונטערגעפירט ווערן ערשט אין דער צוקונפט; אין געוויסע אנדערע פרטים קען ווייניקסטנס די פאקטישע זייט, שוין איצט פעסט־געשטעלט ווערן, לכל הפחות אויף אזויפיל, אז שפעטערדיקע ידיעות, זאלן קיין וויכטיקע שינויים אין די איצט באקאנטע פאקטן שוין מער ניט ארייננטראגן. צו אזעלכע פרטים בנוגע דעם פארגאנגענעם פעריאד געהערן אויך די גרויס און דער כאראקטער פון דער יידישער פ א ר ב ר ע כ ע־

ר י ש ק יי ט אין פוילן אין פאַרגלייך מיט דער ניט־יידישער. ווי עס ווייזט אויס, זיינען דאָ שוין קיין סיורפּריזן מער ניט מעגלעך. קיין אַנדערע מאַטעריאַלן וועגן דעם פאַרגאַנגענעם פּעריאָד ווי די וואָס זיינען ביז איצט פאַרעפנטלעכט געוואָרן, וועלן בלי ספק שוין ניט זיין, און דאָס בילד, וואָס עס גיבן די פאַראַנענע מאַטעריאַלן וועט שוין וועגן אָט דער תקופה בלייבן אַן ע נ ד ג י ל ט י ק ס.

דער וויכטיקסטער מאַטעריאַל, סיי לויט זיין ברייטן פאַרנעם און סיי לויט זיין אויספירלעכקייט, וועגן דער יידישער פאַרברעכערישקייט אין דער פוילישער רעפּובליק פון נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, בלייבט שוין אויף שטענדיק די גרויסע צווייבענדיקע אָפיציעלע פוילישע „ק ר י־מ י נ אַ ל־ס ט אַ ט י ס ט י ק" בנוגע די יאָרן 1924 און 1925 *). דערצו קומען נאָך צו די פריער פאַרעפנטלעכטע און אַ סך ווייניקער פּרטימ־דיקע אָפיציעלע פּוילישע ידיעות פאַר די יאָרן 1923 און 1926—1928. די אַלע מאַטעריאַלן האָט דער מחבר פונעם איצטיקן אַרטיקל באַריכות אַנאַליזירט אין ספּעציעלע אַרבעטן, וואָס זיינען אַרויס אי אין יידיש (אויסגאַבעס פון ייוואָ), אי אין ענגליש, פראַנצויזיש, פּויליש און אוקראַ־איניש **).

לויט אָט די אָפיציעלע מאַטעריאַלן האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז ניט געקוקט אויף דעם, וואָס יידן זיינען בראשם ורובם אַ שטאָטישע באַ־פעלקערונג, בעת ניט־יידן אין פוילן זיינען בעיקר אַ דאָרפישע, און וואָס די שטאָט האָט אין פוילן אַ ווייט־גרעסערע קרימינאַליטעט ווי דער דאָרף, איז פונדעסטוועגן די יידישע פאַרברעכערישקייט אַ סך קלענער, אַ סך גרינגער און ווייניקער ברוטאַל ווי די ניט־יידישע. דערביי האָט זיך די יידישע קרימינאַליטעט לגבי דער ניט־יידישער אַרויסגעוויזן באַזונדערס קליין גראַד אין דער הויפּטשטאָט וואַרשע, אין דעם איינציקן אָרט, ווו מען האָט געקענט פאַרגלייכן אַ שטאָטישע יידישע באַפעלקערונג מיט אַ ניט־יידישער באַפעלקערונג אויך אַ שטאָטישער.

עס האָבן זיך אויף אַזאַ אופן באַקומען אויספירן, וואָס אין אונדזערע טעג פון אַלוועלטלעכן מבול רכילות אויף דער „פאַרברעכערישער יידישער ראַסע" האָבן זיי — בעיקר טאַקע אין פוילן גופא, — געמאַכט דעם איינ־

*) Statystyka Kryminalna, 1930 (אַרויס אין פּויליש און פראַנצויזיש).

**) הערש ל.: עקאָנאָמישע שריפטן „ייוואָ" ז"ז 174—200.

הערש ל.: פאַרברעכערישקייט פון יידן און ניט־יידן אין פוילן, ווילנע 1937, ז" 49.

דרוק פון א סענסאציע*). די פעסטקייט פון די דאָזיקע אויספירן איז אנערקענט געוואָרן פון אזעלכע גרויסע ספעציאליסטן קרימינאלאָגן ווי פּראָפ. באָנגער פון אמסטערדאם, אָדער פּראָפ. שעלדן גליק פון האַרוואַרד־אוניווערסיטעט. אפילו דער נאציאָנאליסטישער קריטיקער פונעם פויזענער דריי־מאָנאטלעכן זשורנאל:
RUCH PRAWNICZY EKONOMICZNY, SOCIOLOGICZNY
(דריטער קווארטל 1939) וואָס האָבן ווי א שטן מקטרג מיט גראָבער קונצן־מאכעריי געזוכט צו דערווייזן דעם היפוך, האָט פונדעסט־וועגן געמוזט בעל־כרחו זאָגן אָמן און צוגעבן, אז פאר די יאָרן 1923—1928, וואָס זיינען גענומען געוואָרן אין באטראכט אין אונדזערע ארבעטן, זיינען אונדזערע אויספירן „בכלל גענומען ריכטיקע", און בכן, אז „די קלענערע פארברעכערישקייט ביי יידן איז דאָקומענטאל פאַסטגעשטעלט דורך די ציפער פון דער (פוילישער) „קרימינאל־סטאטיס־טיק".

דער דאָזיקער קריטיקער, ווי אויך געוויסע אנדערע, האָבן אָבער אונ־טערגעהאלטן די מיינונג, אז די לעצטע יאָרן באווייזט די פוילישע סטאַ־טיסטיק גראַד פאַרקערט, אז ביי יידן איז די פארברעכערישקייט גרעסער ווי ביי ניט־יידן, דערביי גלויבן זיי צו קענען זיך שטיצן אויף די סומאַ־רישע ציפערן, וואָס געפינען זיך אינעם פוילישן קליינעם סטאַ־טיסטישן יאָרבוך MALY ROCZNIK STATYSTYCZNY פאר די לעצטע יאָרן.

וואָלט די זאַך אין אמתן אזוי געווען, וואָלט די יידישע פארברע־כערישקייט אין פוילן די לעצטע יאָרן טאַקע געוואָרן גרעסער אפילו ווי די ניט־יידישע, וואָלט דאָס על־כל־פנים אָבער ניט געביטן דעם פאקט, אז פריער איז די יידישע קרימינאליטעט געווען א סך קלענער ווי די ניט־יידישע. און פון דעם וואָלט מען געמוזט דרינגען, אז די גרעסערע יידישע קרימינאליטעט פון די לעצטע יאָרן ליגט ניט אין דער טבע פון יידן, אין זייער „ראַסע", נאָר זי איז ארויסגערופן געוואָרן דורך דעם געביטענעם מצב פון דער יידישער באפעלקערונג אין פוילן אין דער לעצטער צייט. די גרעסערע קרימינאליטעט וואָלט בכן געקענט זיין אן ארגומענט ניט קעגן יידן, נאָר קעגן דער פּאָליטיק פון פארשארפטן בויקאָט, פּאָגראָמען און כלערליי אנדערע נגישות, וואָס האָבן די לעצטע יאָרן אזוי פארפינצ־טערט דאָס יידישע לעבן אין פוילן.

*) זע למשל דאָס וויכטיקסטע פוילישע וואָכנבלאַט „וויאדאמאָשטשי לי־טעראצקיע" פון 29־טן מאי 1938.

צי האָט אָבער אין די לעצטע יאָרן ביז דער מלחמה די יידישע קרי־מינאַליטעט באמת אריבערגעשטיגן די ניט־יידישע? די פראגע איז אינ־טערעסאַנט אויפצוקלערן אומאָפּהענגיק פון די אָדער אַנדערע פּאָליטישע אויספירן, וואָס מען וועט שפּעטער דאַרפן מאַכן. עס איז נאָך באַזונדערס אינטערעסאַנט דאָס אויפקלערן צוליב דעם, וואָס מיט די לעצטע יאָרן — ווי מיר האָבן עס אויבן אונטערגעשטראָכן — האָט זיך פאַרענדיקט אַ קאַפּיטל געשיכטע. עס גייט וועגן דעם גייסטיקן פּנים פון דער יידישער באַפעלקערונג אין אַ געוויסן היסטאָרישן פּעריאָד: צי האָט זיך אָט דער פּנים אין אַ געוויסן מאָמענט פון דעם באַצייכנטן פּעריאָד, אונטער דער השפעה פון געוויסע אומשטענדן, מיטאַמאָל ראַדיקאַל געביטן, אָדער בנוגע דער פאַרברעכערישקייט האָט די יידישע באַפעלקערונג פון פּוילן בעיקר איינגעהאַלטן די אייגנאַרטיקייט וואָס מיר האָבן ביי איר פריער פעסטגעשטעלט?

אָט דאָס טאַקע ווילן מיר אויפקלערן אין אונדזער איצטיקן אַרטיקל.

## 2. — אַ קרומער שפּיגל

קודם כל, וואָס פאַר אַ ס ט אַ ט י ס ט י ש ע ר מ אַ ט ע ר י אַ ל איז פאַראַן וועגן דער יידישער פאַרברעכערישקייט אין פּוילן פאַר די שפּע־טערדיקע יאָרן ווי די, וואָס מיר האָבן פריער באַאַרבעט?

פאַר די יאָרן 1929 — 1931 זיינען קיין שום ידיעות וועגן דער פאַר־ברעכערישקייט אין פּוילן ניט פאַרעפנטלעכט געוואָרן. פאַר די יאָרן 1932—1933 איז בנוגע יידן (ווי בכלל וועגן דער רעליגיע פון די פאַרברעכערס) פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „קליינעם סטאַטיסטישן יאָרבוך" (פון 1934 און 1935) בלויז די ס ך־ה כ ל ד י ק ע צאָל פאַרמשפּטע אין די דריי הויפּט־ראַיאָנען פון פּוילן, אָן אַ וועלכער ניט איז ידיעה וועגן דער נאַטור פון די פאַרברעכנס. אין די יאָרביכער פון 1936—1938 געפינט מען שוין אַ האַלב זייטעלע וועגן געוויסע מינים פאַרברעכנס ביי די פאַרמשפּטע פון פאַרשידענע רעליגיעס אין די יאָרן 1934—1936. בלויז פאַרן יאָר 1937 גיט דאָס „קליינע סטאַטיסטישע יאָרבוך" (פונעם לעצטן יאָר 1939 ז"ז 365—366) אַביסל פּרטימדיקע ידיעות וועגן דער פאַרברעכערישקייט אין פּוילן לויט מינים פאַרברעכנס און די רעליגיעס פון די פאַרמשפּטע. אָט דאָס איז אַ ל ץ, וואָס מיר פאַרמאָגן וועגן דער פאַרברעכערישקייט ביי יידן און ביי אַנדערע אמונות אין פּוילן און וואָס איז פאַרעפנטלעכט גע־וואָרן נאָכן אַרויסגיין פון דער דערמאָנטער אויספירלעכער Statystyka

Kryminalna. מען מוז נאָך באַזונדערס אונטערשטרייכן, אַז דער פּאַר־ב ע ם פון די חטאים, וואָס די פּוילישע סטאַטיסטיק האָט גענומען אין באַטראַכט, איז די לעצטע יאָרן געווען גאָר אַן אַנדערער ווי פריער. ווי עס וואָרנט בפירוש דאָס „קליינע סטיטסטישע יאָרבוך" (1934, ז' 194, און אַנדערע יאָרגענג), זיינען די נייע סטאַטיסטישע ידיעות „גאָרניט צו פאַרגלייכן מיט די פריער פאַרעפנטלעכטע", מחמת די פריערדיקע זיינען געווען שייך צו פאַרמשפּטע פאַר פּ אַ ר ב ר ע כ נ ס ממש, בשעת ווען אין די נייע ציפער זיינען אַריינגערעכנט געוואָרן אַלע, וואָס זיינען דורך געריכטן צוגעמשפּט געוואָרן צו אַ וועלכער ניט איז שטראָף, ד. ה. אויך געמשפּטע פאַר עובר זיין (איבערשפּרייזן) פאַרשידענע אַדמיניסטראַטיווע פאַראָרדענונגען. דערביי דאַרף מען וויסן, אַז אַזעלכע פּשוטע א י ב ע ר־ש פּ ר יי ז ן *) זיינען אָן אַן ערך גרעסער אין צאָל ווי פאַרברעכנס ממש. ציילט מען צוזאַמען פּ אַ ר ב ר ע כ נ ס מ י ט א י ב ע ר ש פּ ר יי ז ן, באַקומט מען דעמאָלט אויסטערליש פונאַנדערגעבלאָזענע ציפערן, וואָס שטעלן פאָר די פאַרברעכערישקייט ווי אין אַ קרומען שפּיגל, אויב אין איין אָרט (אָדער ביי איין גרופּע באַפעלקערונג) זיינען פאַראַן למשל צוויי מאָל וויניקער פאַרברעכנס ממש, אָבער טאָפּלט אַזויפיל פּשוטע איבערשפּרייזן ווי אין אַן אַנדער אָרט (אָדער ביי אַן אַנדער גרופּע באַפעלקערונג), וועט אויסזען, אַז אין ערשטן פאַל איז די פאַרברעכערישקייט אַ סך אַ גרעסערע ווי אין צווייטן. אַנדערש וואָלט באַטירלעך געווען, ווען מען וואָלט געהאַט ציפערדיקע ידיעות באַזונדער וועגן די פאַרברעכנס ממש און באַזונדער מכוח די איבערשפּרייזן; אין די סומאַרישע ידיעות פונעם „קליינעם סטאַ־טיסטישן יאָרבוך" וועגן דער פאַרברעכערישקייט אין די לעצטע יאָרן זיי־נען אָבער ביידע אַריינגעוואָרפן אין איין זאַק און געציילט געוואָרן צוזאַמען.

ווי ווייט די פאַרברעכנס ממש ווערן דערביי פאַרשווונדן אין דער מאַסע „איבערשפּרייזן", קען מען למשל זען פון פאַרגלייכן די צאָל פאַר־משפּטע אין די צענטראַלע און מזרחדיקע וואָיעוואָדשאַפטן (ד. ה. אין די פּראָווינצן פון אַמאָליקן רוסיש. פּוילן) לויט דער סטאַטיסטיק פון די יאָרן 1923—1928 און לויט דער סטאַטיסטיק פון 1932: לויט דער ערשטער (בעת מען האָט גענומען אין באַטראַכט טאַקע נאָר די פאַרברעכנס ממש) האָט דאָרט די צאָל פאַרמשפּטע (ניט־יידן און יידן צוזאַמען) זיך געוואַקלט צווישן 49 און 60 טויזנט אַ יאָר און אין דורכשניט אויף אַ יאָר באַטראָפן 54 טויזנט; אין 1932, ווען מען האָט אַריינגערעכנט אויך די איבערשפּרייזן,

*) דער אָפיציעלער פּוילישער טערמין איז Przekroczenie.

האָט זיך מיטאמאָל באקומען די צאָל 473 טויזנט, ד. ה. נ יי ן מאָל א גרעסערע ווי פריער. אזא שפרונג פון דער פארברעכערישקייט איז אין דער ווירקלעכקייט, פארשטייט זיך, ניט אין פוילן און ניט ערגעץ אנדערש ניט פאָרגעקומען. מען האָט דאָ פשוט צו טאָן מיט ניט־פארגלייכלעכע צאָלן. אין דער צאָל פון 1932 איז די פארברעכערישקייט ממש בטל־בששים צווישן די איבערשפרייזן.

וואָס פאר א באמת פארקריפלט בילד פון דער פוילישער באפעלקערונג עס גיט דער קרומער שפיגל פון אזעלכע פונאנדערגעבלאָזענע ציפערן קען מען זען נאָך אויף אזא אופן: לויט דער פאָלקסציילונג פון סעפטעמבער 1931 זיינען אין די וואָיעוואָדשאפטן פון אמאָליקן רוסיש־פוילן געווען בסך־הכל 14 מיליאָן 82 טויזנט איינוווינער אין עלטער פון 10 יאָר און מער; אין 1932, ווי געזאָגט, זיינען דאָרט געווען 473 טויזנט פארמשפטע, ד. ה. אין איין יאָר 336 פארמשפטע אויף 10.000 איינוווינער אין געגעבענעם עלטער. לויט דער פוילישער שטארביקייט־טאבעלע פון 1931־32 קען מען אויסרעכענען, אז דער דורכשניטלעכער ווייטערדיקער לעבנס־געדויער פון דער באפעלקערונג אין עלטער פון 10 יאָר און מער באטרעפט דאָרטן א 34 מיט א פערטל יאָר. עס באקומט זיך אויף אזא אופן, אז לויט דער קרימינאליטעט פון 1932 וואָלטן אין משך פון זייער ווייטערדיקן לעבן יעדע 10.000 איינוווינער אין עלטער פון 10 יאָר און מער צוגעשטעלט 11.500 פארמשפטע ($= 34\frac{1}{4} \times 336$), ד. ה. די גאנצע באפעלקערונג וואָלט באשטאנען פון פריערדיקע אָדער שפּעטערדיקע „פארברעכערס”, און דערביי וואָלטן נאָך 15 פראָצענט דעדארפט זיין רעצידיוויסטן!

ווי עס ווייזט אויס, האָט זיך דער פוילישער סטאטיסטישער הויפּט־אמט (אָדער דאָס יוסטיץ־מיניסטעריום) אליין געכאפּט, וואָס פאר אן אומזין עס איז צוצורעכענען אזעלכע קאָלאָסאלע צאָלן קליינע איבערשפרייזן צו דער פארברעכערישקייט ממש. פאר די ווייטערדיקע יאָרן זיינען טאקע די אָנגעגעבענע צאָלן כסדר אלץ קלענער, בלי־ספק דורך ארויסלאָזן די גאָר קליינטשינקע איבערשפרייזן. דאָס „קליינע סטאטיסטישע יאָרבוך” ווייזט טאקע בפירוש אָן (1939, ז' 363), אז אפילו צווישן זיך זיינען די ציפערן פאר די איינצלנע יאָרן 1932 — 1937 ניט אינגאנצן פארגלייכלעך.

די פוילישע סטאטיסטיק פון די פארמשפטע אין די לעצטע יאָרן (1932 — 1937) גיט בכן ניט קיין זיכערע פאָרשטעלונג ניט וועגן דעם צושטאנד פון דער פארברעכערישקייט אין די איינצלנע יאָרן, ניט וועגן

די שינויים וואָס זיינען פאָרגעקומען לגבי די יאָרן 1923 — 1928, און ניט וועגן דער אנטוויקלונג אין משך פון די לעצטע יאָרן גופא.

דאָס הייסט פונדעסטוועגן ניט, אז די צאָלן בנוגע די לעצטע יאָרן האָבן קיין שום ווערט ניט. דאָס ווייזט אָבער, ווי לייכט עס איז צו קומען און ספּעציעל בנוגע דעם לעצטן יאָר (1937, פארעפנטלעכט אין 1939) צו פאלשע אויספירן אויפן סמך פון די דאָזיקע צאָלן, דערהויפּט ווען מען פארגעסט, אז נאָכמער ווי פארברעכנס ממש נעמען זיי ארום פשוטע איי־בערשפּרייזן.

ספּעציעל בנוגע דער יידישער פארברעכערישקייט שטעלט זיך דאָ אזא פראגע: וואָס פאר א ווירקונג מוז האָבן דאָס ארייַנרעכענען די אומגעהויערע צאָל „איבערשפּרייזן" אויף דער מכלומרשטיקער הויך פון דער יידישער קרימינאַליטעט אין פארגלייך מיט דער ניט־יידישער?

אויפן סמך פון די פּרטימדיקע ידיעות פון דער פּוילישער „קרימינאַל־סטאַטיסטיק", וואָס מיר האָבן אנאַליזירט אין אונדזערע פריערדיקע אר־בעטן, זיינען מיר צווישן אנדערע פעסטשטעלונגען געקומען אויך צום אויספיר, אז בדרך־כלל וואָס הארבער עס איז א מין אָדער א סאָרט פאר־ברעכן, אלץ קלענער איז די יידישע קרימינאַליטעט אין פארגלייך מיט דער ניט־יידישער; באזונדערס קליין איז די יידישע קרימינאַליטעט אין פארגלייך מיט דער ניט־יידישער בנוגע די שווערע פארברעכנס, און פאר־קערט ביי גרינגערע חטאים דערנענטערט זיך די יידישע פארברעכעריש־קייט צו דער ניט־יידישער און שטייגט זי אָפּטמאָל אפילו נאָך אריבער. פון דעם קען מען אויף פאראויס דריגגען, אז צווישן די פארמשפּטע פאר א פשוטן איבערשפּרייזן דארפן יידן באטרעפן א גרעסערן פּראָצענט ווי צווישן פארמשפּטע פאר פארברעכנס ממש. קומט שוין ממילא אויס, אז ארייַנרעכענענדיק אומגעהויערע צאָלן פארמשפּטע פאר איבערשפּרייזן, דארף מען באקומען ציפערן, ביי וועלכע די יידישע קרימינאַליטעט זעט אויס אין פארגלייך מיט דער ניט־יידישער העכער, ווי בעת מען נעמט אין באטראַכט נאָר די פארברעכנס ממש. וואָס מער (און וואָס קלענערע) איי־בערשפּרייזן עס ווערן ארייַנגערעכנט אין די סטאַטיסטישע סך־הכלען, אלץ גרעסער דארף אויסזען די יידישע פארברעכערישקייט לגבי דער ניט־יידי־שער; פארקערט, וואָס מער די קרימינאַל־סטאַטיסטיק באגרענעצט זיך מיט פארברעכנס ממש, אלץ קלענער דארף זיך ארויסווייזן די יידישע קרימי־נאַליטעט לגבי דער ניט־יידישער. אפילו אָן שום שינויים אין דער פארברעכערישקייט האָט מען דעריבער געדארפט

ל כ ת ח י ל ה פאַראויסזען, אז ביי דעם נייעם אופן ציילן פאַרמשפטע וועט די יידישע קרימינאַליטעט אין פאַרגלייך מיט דער ניט־יידישער א ו י ס ז ע ן א סך העכער ווי אין די פריערדיקע יאָרן.

ווי ס'זעט טאַקע אויס די יידישע פאַרברעכערישקייט לויט דער פוילישער סטאַטיסטיק פון די לעצטע יאָרן וועלן מיר באַלד זען.

## 3. — די סך־הכלדיקע קרימינאַליטעט

די סך־הכלדיקע צאָל פאַרמשפטע פאַר פאַרברעכנס און איבערשפּרייזן ביי יידן און ביי ניט־יידן אין דער פוילישער רעפּובליק אין יעטוועדער יאָר פון די יאָרן 1932 — 1937 איז געבראַכט אין טאַבעלע 1. פון אָריענטירונג־וועגן איז דערביי אָנגעוויזן אויך די דורכשניטלעכע יאָריקע צאָל פאַרמשפטע פאַר פאַרברעכנס ממש במשך פון די יאָרן 1923 — 1928. לאָמיר נאָך צוגעבן, אז צווישן דער באַפעלקערונג פון דער פוילישער רעפּובליק האָבן יידן באַטראָפן 10,5 פּראָצענט לויט דער פאָלקסציילונג פון 1921 און 9,8 פּראָצענט לויט דער ציילונג פון 1931 יאָר.

### ט אַ ב ע ל ע 1

בסך־הכל פאַרמישפּטע אַ יאָר אין דער פוילישער רעפּובליק אין די יאָרן 1932—1937

| | אַבסאָלוטע צאָלן: יידן | אַבסאָלוטע צאָלן: ניט יידן | אַבסאָלוטע צאָלן: צוזאַמען | % יידן צווישן די פאַרמישפּטע | פאַרמישפּטע אויף 10.000 איינוו. (קרימינאַליטעט): ביי יידן | פאַרמישפּטע אויף 10.000 איינוו. (קרימינאַליטעט): ביי ניט יידן | יידישע קרימינאַליטעט אין % פון יער ניט־יידישער |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 1928 - 1923 (פאַרברעכנס ממש) | 8,981 | 171,056 | 180,037 | 5.0 | 31.6 | 70.3 | 45.0 |
| פאַרברעכנס און איבערשפּרייזן | | | | | | | |
| 1932 | 95,578 | 654,708 | 750,286 | 12.7 | 306.9 | 227.3 | 135.0 |
| 1933 | 65,515 | 577,176 | 642,691 | 10.2 | 210.4 | 200.4 | 105.0 |
| 1934 | 63,266 | 605,051 | 668,317 | 9.5 | 203.2 | 210.1 | 96.7 |
| 1935 | 56,557 | 565,494 | 622,051 | 9.1 | 181.6 | 196.3 | 92.5 |
| 1936 | 42,473 | 483,603 | 526,076 | 8.1 | 136.4 | 167.9 | 81.2 |
| 1937 | 23,131 | 334,905 | 358,036 | 6.5 | 74.3 | 116.3 | 63.9 |

ווי געזאָגט, דאַרף מען פון דער טאַבעלע ניט דרינגען, אַז די פאַרברע־כערישקייט, אין פּוילן בכלל און ביי יידן בפרט, זאָל אין 1932 האָבן מיט איינמאָל אומגעהויער געשטיגן און אַז זי זאָל פון דעמאָלט אָן האָבן כסדר געפאַלן. די ציפערן זיינען פשוט צווישן זיך ניט פאַרגלייכלעך צוליב דער פאַרשידענער צאָל איבערשפּרייזן וואָס מען האָט אין פאַרשידענע יאָרן גענומען אין חשבון, מיר קענען אָבער פעסטשטעלן (ספּעציעל לויט דער לעצטער רובריק):

1) אין די יאָרן 1932 — 1937, ווען די פאַרברעכנס ממש זיינען אַזוי צו זאָגן צעשוווּמען געוואָרן אין דער מאַסע איבערשפּרייזן, האָט די יידישע (פאַרוואַסערטע) קרימינאַליטעט לגבי דער ניט־יידישער טאַקע אויסגעזען גרעסער ווי אין די פריערדיקע יאָרן (1923 — 1928), בעת מען האָט געהאַט גענומען אין באַטראַכט נאָר די פאַרברעכנס ממש.

2) וואָס מער פונאַנדערגעבלאָזן עס איז געווען די צאָל פאַרמשפּטע דורך אַריינרעכענען איבערשפּרייזן (למשל, אין 1932), אַלץ גרעסער האָט די יידישע קרימינאַליטעט אויסגעזען לגבי דער ניט־יידישער; וואָס וויי־קער זי איז געווען פונאַנדערגעבלאָזן, וואָס מער די אָנגעגעבענע צאָל פאַר־משפּטע איז געווען שייך צו פאַרברעכנס ממש (למשל, אין 1936 און 1937), אַלץ קלענער האָט זיך די יידישע פאַרברעכערישקייט אַרויסגעוויזן אין פאַרגלייך מיט דער ניט־יידישער. די ציפערן פאַר די יאָרן 1932 — 1937 באַשטעטיקן אויף אַזאַ אופן דאָס, וואָס מען האָט געקענט בדרך־כלל פאַראויסזען אויפן סמך פון די פעסטגעשטעלטע פאַקטן פאַר די פריער־דיקע יאָרן.

3) אינעם לעצטן יאָר, פאַר וועלכן עס זיינען פאַראַן אָפיציעלע פּוי־לישע סטאַטיסטישע ידיעות (1937), ווען מען האָט נאָך גענומען אין באַ־טראַכט כמעט אַ צוויי מאָל גרעסערע צאָל פאַרמשפּטע ווי אין דורכשניט פון די יאָרן 1923 — 1928, אַריינרעכענענדיק אויף אַזאַ אופן פון 160 ביז 180 טויזנט (יידן און ניט־יידן) פאַרמשפּטע פאַר פשוטע איבערשפּרייזן, האָט זיך נאָך אַלץ די סך־הכלדיקע יידישע קרימינאַליטעט אַרויסגעוויזן אויף אַ דריטל קלענער ווי די ניט־יידישע (64 פּראָצענט פון דער ניט־יידי־שער אויף אַ גלייכער צאָל איינוווינער).

פאַר דעם זעלביקן יאָר, האָט דאָס לעצטע „קליינע סטאַטיסטישע יאָר־בוך" (1939, ז' 365) אַליין אויסגערעכנט די סך־הכלדיקע קרימינאַליטעט (פאַרמשפּטע אויף 10.000 איינוווינער) ביי די פאַרשידענע אומות אין פּוילן און האָט דערביי געפונען: 113 ביי די רוימיש־קאַטאָליקן, 127 ביי

די גריכיש־קאטאליקן און בלויז 72 ביי יידן. און דאס איז, ווי געזאגט, שוין נאכדעם ווי מען האט צוגערעכנט אזא גרויסע צאל איבערשפרייזן.

## 4. — די דריי קרימינעלע הויפט־קאטעגאריעס

ווי מיר האבן שוין באמערקט, האט דאס לעצטע „קליינע סטאטיסטישע יארבוך" געגעבן אביסל מער באריכותדיקע ידיעות וועגן דער פארברעכערישקייט אין פוילן לויט דער רעליגיע פון די פארמשפטע (אין 1937). האבן מיר הייסט עס די מעגלעכקייט אביסל נענטער זיך צו באקענען מיט דער יידישער פארברעכערישקייט אויך צום סוף פון דער איצט שוין פארענדיקטער תקופה. מיר וועלן זיך דעריבער אין אט די ציפערן אביסל איינקוקן. דערביי וועלן מיר זיך האלטן, ווי ווייט מעגלעך ביי דער זעלביקער איינטיילונג פונעם מאטעריאל, וואס מיר האבן דורכגעפירט אין אונדזערע פריערדיקע ארבעטן. מיר וועלן קודם כל אונטערשיידן דריי קרימינעלע הויפט־קאטעגאריעס: ערשטנס, פארברעכנס קעגן מלוכה און געזעלשאפט (פאליטישע פארברעכנס, אויסנוצן לרעה די מאכט, שוחד, פעלשונגען און אנדערע); צווייטנס, פארברעכנס קעגן דער מענטשלעכער פערזאן (קעגן לעבן, קעגן געזונט, קעגן פערזענלעכער פרייהייט, קעגן פאמיליע און געשלעכט־מאראל); דריטנס, פארברעכנס קעגן אייגנס (גנבה, האנדל מיט געגנבטע חפצים, אפנארעריי, רויבעריי א. ד. גל.) — בפרטיות דעם אינהאלט פון די דריי קרימינעלע קאטעגאריעס וועלן מיר זען אביסל ווייטער, ווען עס וועט קומען די רייד וועגן יעדערער פון זיי באזונדער.

אין טאבעלע 2, רובריק 8, געפינט מען ביי יידן אביסל אגרעסערע קרימינאליטעט ווי ביי ניט־יידן (אויף 14 פראצענט) בלויז קעגן מלוכה און געזעלשאפט, א קאטעגאריע חטאים וואס, (ווי מיר האבן עס שוין געזען אין אונדזערע פריערדיקע ארבעטן) איז גאנץ באזונדערס פארשפרייט אין שטאט און זייער ווייניק אין דארף; פארקערט, קעגן פערזאן און קעגן אייגנס איז די קרימינאליטעט ביי יידן געבליבן א סך קלענער ווי ביי דער ניט־יידישער באפעלקערונג: קעגן אייגנס איז די יידישע קרימינאליטעט געבליבן צוויי מאל קלענער און קעגן דער מענטשלעכער פערזאן אפילו דריי מאל קלענער ווי די ניט־יידישע (אויף א גלייכער צאל איינוווינער, נאטירלעך). בעת יידן האבן אין פוילן באטראפן געגנויע 10 פראצענט פון דער באפעלקערונג, זיינען זיי געווען 11 פראצענט פון די פארמשפטע פאר פארברעכנס און

# טאַבעלע 2

## די פאַרמישפּטע אין 1937 לויט די דריי קרימינעלע הויפּט־קאַטעגאָריעס

| פאַרברעכנס און איבערשפּריזן | אַבסאָלוטע צאָלן | | | פאַרמישפּטע ייִדן אין % | פאַרמישפּטע אויף 10.000 איינוו. (קרימינאַליטעט) | | ייִדישע קרימינאַליטעט אין % פון דער נישט־ייִדישער | פון 100 פאַרמישפּטע האָבן געהערט צו יעדער קאַטעגאָריע | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | ייִדן | נישט ייִדן | צוזאַמען | | ביי ייִדן | ביי נישט ייִדן | | ביי ייִדן | ביי נישט ייִדן |
| 1 | 2 | 3 | 4 | 5 | 6 | 7 | 8 | 9 | 10 |
| קעגן מלוכה און געזעלש. | 10,099 | 81,605 | 91,704 | 11.0 | 32.4 | 28.3 | 114 | 43.6 | 24.4 |
| קעגן פּערזאָן | 1,705 | 47,975 | 49,680 | 3.4 | 5.5 | 16.7 | 33 | 7.4 | 14.3 |
| קעגן אייגנס | 11,327 | 205,325 | 216,652 | 5.2 | 36.4 | 71.3 | 51 | 49.0 | 61.3 |
| בסך־הכל | 23,131 | 334,905 | 358,036 | 6.5 | 74.3 | 116.3 | 64 | 100.0 | 100.0 |

איבערשפרייזן קעגן מלוכה און געזעלשאפט, אָבער בלויז 5 פּראָצענט פון די פאַרמשפּטע פאַר חטאים קעגן אייגנס און נאָר 3 פּראָצענט פון די פאַרמשפּטע פאַר פאַרברעכנס און עוולות קעגן פּערזאָן (רובריק 5).

דער צוזאַמענשטעל פון דער פאַרמשפּטער מאַסע, איז בכן, ביי יידן ווייט ניט דער זעלביקער ווי ביי ניט־יידן. אמת, ביי יידן ווי ביי ניט־יידן פאַלט אויס דער גרעסטער פּראָצענט אויף פאַרמשפּטע פאַר חטאים קעגן אייגנס; ניט אומזיסט לעבן מיר דאָך אין דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג. דערנאָך גייען ביי יידן די פאַרמשפּטע פאַר עברות קעגן מלוכה און געזעלשאַפט, און דאָ ווידער זעט מען די ווירקונג פון דעם אַזוי קאַטאַסטראָפאַל פאַרשווונדענעם פּוילישן מלוכה־רעזשים און פון דער זעלביקער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג. דעם קלענסטן פּראָצענט האָבן ביי יידן באַטראָפן די פאַרמשפּטע פאַר זינדיקן קעגן דער מענטשלעכער פּערזאָן. פונדעסטוועגן האָט מען געקענט קאָנסטאַטירן (לויט די רובריקעס 9 און 10), אַז ביי יידן האָבן די פאַרמשפּטע פאַר עברות קעגן מלוכה און געזעלשאפט באַטראָפן כמעט אַ העלפט (44 פּראָצענט) פון אַלע פאַרמשפּטע, בעת ביי ניט־יידן האָבן זיי אויסגעמאַכט בלויז אַ פערטל; פאַרקערט, בעת ווען ביי ניט־יידן איז אויף חטאים קעגן אייגנס אויסגעקומען שיעור ניט צוויי דריטל (61 פּראָצענט) פון אַלע פאַרמשפּטע, איז ביי יידן אויף זייער חלק אויסגעפאַלן אַ קנאַפּע העלפט (49 פּראָצענט); ביי ניט־יידן איז יעדער זיבעטער פאַרמשפּטער (14 פּראָצענט) באַגאַנגען אַ פאַרברעכן אָדער אַן עוולה קעגן פּערזאָן, ביי יידן בלויז יעדער פערצנטער (7 פּראָצענט).

זינט די יאָרן 1923—1928 האָט זיך די אַבסאָלוטע און רעלאַטיווע צאָלן פון די פאַרמשפּטע געביטן אי ביי יידן אי ביי ניט־יידן. ניט געקוקט אָבער אויף דעם, און ניט געקוקט אויך אויף דער אומגעהויערער צאָל אַרייַנגערעכנטע איבערשפּרייזן, געפינט מען פונדעסטוועגן אינעם אָנטייל פון די יידישע און פון די ניט־יידישע פאַרמשפּטע לויט די דריי קרימינעלע הויפּט־קאַטעגאָריעס בעיקר די זעלביקע ענלעכקייטן און די זעלביקע אייגנאַרטיקייטן ווי אין די פריערדיקע יאָרן.

## 5. — פאַרשידענע מינים פאַרברעכנס

יעדערע פון די דריי קרימינעלע הויפּט־קאַטעגאָריעס נעמט אָבער אַרום חטאים פון גאַנץ פאַרשידענע מינים. אויף וויפל דער פאַראַנענער סטאַטיסטישער מאַטעריאַל דערלויבט, וועלן מיר זיך צוקוקן צו זיי נעענטער.

אמת, אזוי ווי אביסל א פרטימדיקערע סטאטיסטיק איז פאראן בלויז פאר איין יאָר (1937), ווועלן מיר זיך ניט קענען אָפּשטעלן אויף איינציקע סאָרטן פארברעכנס און איבערשפרייזן, וואָס נעמען ארום בלויז א קליינע צאָל פארמשפּטע אָדער וואָס שיידן זיך ווייניק אונטער פון אנדערע סאָרטן חטאים פונעם זעלביקן מין.

די וויכטיקערע מינים קענען מיר פונדעסטוועגן יאָ באטראכטן באַזונדער. לאָמיר אָנהויבן מיט יענער קאטעגאָריע חטאים, ווו די יידישע קרימינאליטעט איז לויט דער אָפיציעלער סטאטיסטיק געווען גרעסער ווי די ניט־יידישע:

## א. פארברעכערישקייט קעגן מלוכה און געזעלשאפט.

די ידיעות פונעם „קליינעם סטאטיסטישן יאָרבוך 1939" גיבן אונדז די מעגלעכקייט אונטערצושיידן די וויטערדיקע וויכטיקערע מינים פארברעכנס און איבערשפרייזן קעגן מלוכה און געזעלשאפט: פּאָליטי־ש ע חטאים (מלוכה־פאררעט, חטאים קעגן עפנטלעכע קערפערשאפטן, קעגן רעליגיעזע געפילן, אָנטייל אין אומאָרדענונגען אין אומלעגאלע פארזאמלונגען, קעגנשטעל קעגן דער מאכט, באליידיקן די מאכט און מלוכה־באאמטע, אנדערע חטאים קעגן דער מלוכה און די מאכט־אָרגאנען). פארברעכעריש אויסנוצן די מלוכה־מאכט (פארברעכנס פון באאמטע, נעמען אָדער געבן כאבאר, אליין זיך נעמען מאכט, פאלשע עדות־זאָגן, פאלש באשולדיקן און אנדערע חטאים אויפן געביט פון געריכט, פעלשן (דאָקומענטן, געלט, ווערט־פאפירן, וואָג), חטאים קעגן וואליוטע פאראָרדענונגען, פארברעכנס געפערלעכע פארן כלל (אונטערצינדן, אויפרייסן, א.ד. גל.), און אנדערע פּינקטלעכער ניט באצייכנטע חטאים „קעגן דער עפנטלעכער אָרדענונג".

די פארברעכערישקייט פון די אלע מינים אינעם לעצטן יאָר איז אָנגעגעבן אין דער טאבעלע 3.

די לעצטע, פּינקטלעכער ניט באצייכנטע גרופּע פארברעכנס און איבערשפרייזן „קעגן דער עפנטלעכער אָרדענונג" איז אן אמתער מישמאש פון די פארשידנסטע מינים חטאים. אהער גייען אריין: עובר זיין אויף פרעסע־געזעצן — און שנאָרעריי; וויינען אָן פּערזענלעכע דאָקומענטן — און איינאָרדענען פארבאָטענע שפּילן; קאָנטראבאנדע און האנדל מיט גאָלד און זילבער אָן פּראָבעס, און א גאנצע רייע פארשידענע אנדערע פארברעכנס און

# טאַבעלע 3

## די פאַרמישפּטע אין 1937 פאַר פאַרברעכנס און איבערשפּרייזן קעגן מלוכה און געזעלשאַפט לויט די וויכטיקערע מינים פאַרשולדיקונגען

| פאַרברעכנס און איבערשפּרייזן | אַבסאָלוטע צאָלן: ייִדן | אַבסאָלוטע צאָלן: ניט־ייִדן | אַבסאָלוטע צאָלן: צוזאַמען | ייִדן % צווישן די פאַרמישפּטע | פאַרמישפּטע אויף 100,000 איינוו. (קרימינאַליטעט): ביי ייִדן | פאַרמישפּטע אויף 100,000 איינוו. (קרימינאַליטעט): ביי ניט ייִדן | ייִדישע קרימינאַליטעט אין % פון דער נישט־ייִדישער |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 1 | 2 | 3 | 4 | 5 | 6 | 7 | 8 |
| פּאָליטישע פאַרשולדיקונגען — | 3,130 | 37,556 | 40,686 | 7.7 | 100 | 130 | 77 |
| פאַרברעכעריש אויסנוצן די מלוכה־מאַכט — — — | 682 | 8,808 | 9,490 | 7.2 | 22 | 31 | 71 |
| פעלשן דאָקומענטן, געלט, ווערטפּאַפּירן, וואָג — — | 1,042 | 6,759 | 7,801 | 13.4 | 33 | 23 | 143 |
| פאַרשולדיקונגען קעגן וואַלוטע־פאַראָרדענונגען — | 1,395 | 3,112 | 4,507 | 31.0 | 45 | 11 | 409 |
| פאַרברעכנס געפערלעכע פאַרן כלל — — — — — — | 46 | 4,812 | 4,858 | 0.9 | 1.5 | 17 | 9 |
| אַנד' פאַרשולדיקונגען קעגן דער עפנטלעכער אָרדענונג | 3,804 | 20,558 | 24,362 | 15.6 | 122 | 71 | 172 |
| צוזאַמען — | 10.099 | 81,605 | 91,704 | 11.0 | 324 | 283 | 114 |

איבערשפרייזן; וועגן דער דאָזיקער גרופּע לאָזט זיך דעריבער קיין שום באַשטימטע זאַך ניט זאָגן. די איבעריקע צוויי גרופּעס, ווו די יידישע קרי־מינאַליטעט איז גרעסער (און טאַקע אַ סך גרעסער) ווי די ניט־יידישע — פ ע ל ש ן דאָקומענטן, געלט, ווערט־פּאַפּירן און עובר זיין אויף וואַליוטע תקנות — שטעלן זיך צונויף גראַד פון חטאים, וואָס ווערן בעיקר באַגאַנ־גען דורך באַשעפטיקטע מיט ה א נ ד ל. אַזוי ווי דער פּראָצענט באַ־שעפטיקטע מיט האַנדל איז לויט דער לעצטער פאָלקסציילונג (1931) אין פּוילן ביי יידן געווען ד ר יי צ ן מ אָ ל א ג ר ע ס ע ר ע ווי ביי ניט־יידן (2,8 פּראָצענט ביי דער ניט־יידישער באַפעלקערונג און 36,6 ביי דער יידישער) הייסט עס, אַז נעמענדיק אין באַטראַכט די צאָל באַשעפ־טיקטע אין האַנדל, געפינט מען אפילו אָט די חטאים ביי יידן בערך זעל־טענער ווי ביי ניט־יידן. און באמת טאַקע, הגם לויט דער לעצטער פאָלקס־ציילונג האָבן יידן באַטראָפן כמעט דריי פינפטל (59 פּראָצענט) פון דער גאַנצער האַנדלס־באַפעלקערונג פון פּוילן האָבן זיי באַטראָפן ווייניקער ווי אַ דריטל (31 פּראָצענט) פון די פאַרמשפּטע פאַר עובר זיין אויף וואַליוטע־תקנות און ווייניקער ווי אַ זיבעטל (13,4 פּראָצענט) פון די פאַרמשפּטע פאַר פעלשן געלט, ווערט־פּאַפּירן, דאָקומענטן, וואָג א. ד. גל.

די איבעריקע מינים חטאים קעגן מלוכה און געזעלשאַפט, וואָס זיינען אויסגערעכנט אין אונדזער טאַבעלע 3, זיינען בכלל ביי יידן ווייניקער פאַרשפּרייט ווי ביי ניט־יידן. באַזונדערס וואַרפט זיך דאָ אין די אויגן דער אומגעהויערער אונטערשייד צווישן דער יידישער און ניט־יידישער באַפעלקערונג, בנוגע די פ א ר ב ר ע כ נ ס ג ע פ ע ר ל ע כ ע פ א ר ן כ ל ל (אונטערצינדן, אויפרייסן, א. ד. גל.); אָט דער מין פאַר־ברעכן איז צווישן יידן געווען ע ל ף מ אָ ל ז ע ל ט ע נ ע ר ווי צווישן ניט־יידן; צווישן די פאַרמשפּטע פאַר דעם מין פאַרברעכן אין פּוילן האָבן יידן באַטראָפן ווייניקער ווי א יי ן פּראָצענט.

עס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז אין דעם לעצטן יאָר (ווי מיר האָבן עס קאָנסטאַטירט פאַר די פריערדיקע יאָרן אויך), האָט זיך די פ אָ ל י ט י ש ע קרימינאַליטעט ווידער אַמאָל אַרויסגעוויזן ביי יידן היפּש קלענער ווי ביי ניט־יידן (אויף 23 פּראָצענט). און ווי אין די פריער־דיקע יאָרן, האָט מען אויך דאָסמאָל געקענט קאָנסטאַטירן אַ וויכטיקן אויסנאַם: אינעם פּרט פון מלוכה־פאַרראַט, די וואָס עס איז אין פּוילן פאַר־רעכנט געוואָרן די צוגעהעריקייט צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, איז ביי יידן די קרימינאַליטעט היפּש גרעסער ווי ביי ניט־יידן (בעיקר דאָרפישע איינוווינער): ביי ניט־יידן 9 און ביי יידן 15 פאַרמשפּטע אויף 10.000

איינוווינער. פאַרקערט, פאַר קעגנשטעלן קעגן דער מלוכה־מאַכט זיינען פאַר־משפט געוואָרן אויף 100.000 איינוווינער ביי ניט־יידן 36 און ביי יידן בלויז 27; פאַר באַליידיקן די מלוכה־מאַכט און אירע פאָרשטייערס 45 ביי ניט־יידן און 23 ביי יידן; פאַר אָנטיילנעמען אין אומאָרדענונגען 6 ביי ניט־יידן און בלויז 1 ביי יידן.

ביי געביטענע ציפערן, געפינען מיר אויף אזא אופן אינעם לעצטן יאָר אויך בנוגע די פאַרשידענע מינים חטאים קעגן מלוכה און געזעלשאַפט די זעלביקע אייגנאַרטיקייטן פון דער יידישער קרימינאַליטעט ווי די, וואָס מיר האָבן געהאַט פעסטגעשטעלט אויפן סמך פון דער קרימינאַל־סטאַטיס־טיק פאַר די פריערדיקע יאָרן.

## ב. פאַרברעכערישקייט קעגן אייגנס.

ווי מיר האָבן געזען אין דער טאַבעלע 2, איז די פאַרברעכערישקייט קעגן אייגנס בכלל גענומען ביי יידן געווען צוויי מאָל קלענער ווי ביי ניט־יידן. עס זיינען פונדעסטוועגן פאַראַן געוויסע מינים פאַרברעכנס פון אָט דער קאַטעגאָריע, וואָס מען האָט גראַד ביי יידן געפונען אָפטער. א באַגריף וועגן דעם גיט אונדז די טאַבעלע 4.

אָפטער ווי ביי ניט־יידן געפינט מען ביי יידן בלויז שולדיקע אין פאַרברעכנס אויפן פעלד פון ה א נ ד ל א ו ן ק ר ע ד י ט און אין א ו י ס נ א ר ע ר ײ. אזוי ווי די דאָזיקע חטאים זיינען בעיקר נוגע מענטשן וואָס זיינען באַשעפטיקט מיט האַנדל, איז קלאָר, אז די דאָזיקע גרעסערע פאַרברעכערישקייט צווישן יידן נעמט זיך פון דעם ווייט גרעסערן פּראָצענט הענדלערס ביי יידן און ניט פון דעם, אז דער יידישער הענדלער זאָל זיין מער נוטה צו פאַרברעכן ווי דער ניט־יידישער. פאַרקערט, אויב מיר דערמאָנען זיך דאָ נאָכאַמאָל, וואָס מיר האָבן אויבן געזאָגט (בנוגע פעלשן ווערט־פּאַפּירן און וואַליוטע־חטאים) וועגן דעם פּראָצענט יידן צווישן די הענדלער און צווישן די פאַרמשפּטע, קאָנסטאַטירן מיר, אז בעת ווען צווישן די הענדלער אין פוילן זיינען יידן כמעט 60 פּראָצענט, באַטרעפן זיי צווישן די פאַרמשפּטע פאַר די דערמאָנטע צוויי בעיקר הענדלערישע פאַרברעכנס בלויז 13 פּראָצענט (רובריק 5). עס קומט בכן אויס, אז דער יידישער הענדלער איז היפּש ו ײ נ י ק ע ר פאַרברעכעריש ווי דער ניט־יידישער. — אין דעם פּרט איז באַזונדערס אינטערעסאַנט, אז אָן אַנ־דער חטא וואָס איז נוגע כמעט נאָר הענדלער, דער ה א נ ד ל מ י ט ג ע ג נ ב ע ט ע ח פ צ י ם, איז ביי יידן געווען בכלל זעלטענער ווי

# טאַבעלע 4

## די פאַרמישפטע אין 1937 פאַר פאַרברעכנס און איבערשפּרייזן קעגן אייגנס לויט די וויכטיקערע מינים פאַרשולדיקונגען

| פאַרברעכנס און איבערשפּרייזן | אַבסאָלוטע צאָלן: יידן | אַבסאָלוטע צאָלן: ניט־יידן | אַבסאָלוטע צאָלן: צוזאַמען | % יידן צווישן די פאַרמישפטע | פאַרמישפטע אויף 100,000 איינוו. (קרימינאַליטעט): ביי יידן | פאַרמישפטע אויף 100,000 איינוו. (קרימינאַליטעט): ביי ניט יידן | יידישע קרימינאַליטעט אין % פון דער ניט־יידישער |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 1 | 2 | 3 | 4 | 5 | 6 | 7 | 8 |
| אין האַנדל און קרעדיט באַציונגען — | 1.747 | 11.394 | 13.141 | 13.3 | 56 | 40 | 140 |
| אויסנאַרעריי — — | 3.811 | 25.590 | 29.401 | 13.0 | 122 | 89 | 137 |
| אויסנוצן לרעה צוטרוי — — — — | 626 | 6.164 | 6.790 | 9.2 | 20 | 21 | 95 |
| האַנדל מיט געגנבעטע חפצים — — — | 1.746 | 19.552 | 21.298 | 8.2 | 56 | 68 | 82 |
| פאַרכאַפּן פרעמד אייגנס — — — | 174 | 2.580 | 2.754 | 6.3 | 6 | 9 | 67 |
| גנבה — — — — | 2.719 | 124.852 | 127.571 | 2.1 | 87 | 433 | 20 |
| רויבעריי — — — | 25 | 1.459 | 1.484 | 1.7 | 0.8 | 5.1 | 16 |
| אנדערע חטאים קעגן אייגנס — — — | 479 | 13.734 | 14.213 | 3.4 | 15 | 48 | 31 |
| צוזאַמען — | 11.327 | 205.325 | 216.652 | 5.2 | 364 | 713 | 51 |

ביי ניט־יידן, ניט געקוקט דערויף וואָס ביי יידן אין פּוילן איז געווען צומאָל מער הענדלער ווי ביי ניט־יידן.

אויך איז כדאי צו באַמערקן, אַז בעת ביי ניט־יידן פאַרנעמט גנבה דעם ווייט ברייטסטן פּלאַץ (העכער 60 פּראָצענט) צווישן די פאַרמשפּטע פאַר חטאים קעגן אייגנס און אויף אויסנאַרעריי פאַלט שוין א 4—5 מאָל קלענער צאָל פאַרמשפּטע, פאַרנעמען ביי יידן פאַרקערט די אויסנאַרערס דעם ערשטן פּלאַץ, און די גנבים קומען ערשט דערנאָך. לויט די ציפערן פאַר די פריערדיקע יאָרן האָט מען אַזא גרויסן אונטערשייד ניט געקענט קאָנסטאַטירן, הגם אויך דעמאָלט האָט מען ביי יידן געפונען מער אויסנאַרערס און א סך ווייניקער גנבים ווי ביי ניט־יידן. דורך דעם צורעכענען די קלענערע איבערשפּרייזן האָט זיך שטאַרק אויפגעהויבן ביי יידן די צאָל אריינגערעכנטע פאַרמשפּטע פאַר קליינע אויסנאַרערייען און ביי ניט־יידן די צאָל פאַרמשפּטע פאַר קליינע גנבות. דער אונטערשייד צווישן יידן און ניט־יידן בנוגע גנבה איז דעריבער לויט די ציפערן פונעם לעצטן יאָר נאָך אביסל גרעסער ווי פריער; פאַרמשפּטע פאַר גנבה זיינען צווישן יידן געווען פינף מאָל זעלטענער ווי צווישן ניט־יידן.

גאָר א יקר־המציאות איז דער באַרימטער „יידישער גזלן": דעם ברוטאַלסטן מין פאַרברעכן קעגן אייגנס, רויבעריי, וואָס איז אָפט פאַרבונדן מיט גוואַלד־מעשים קעגן דער מענטשלעכער פּערזאָן, האָט מען נאַטירלעך ביי ניט־יידן אויך געפונען לפי־ערך זעלטן (80 מאָל זעלטענער ווי גנבה), צווישן יידן אָבער נאָך זעקס מאָל ווייניקער ווי צווישן ניט־יידן (100 מאָל זעלטענער ווי גנבה ביי יידן).

## ג. פאַרברעכערישקייט קעגן פּערזאָן.

די פאַרברעכערישקייט קעגן דער מענטשלעכער פּערזאָן איז געווען און געבליבן ביי יידן א סך קלענער ווי ביי ניט־יידן. דאָס איז ריכטיק בכלל, דאָס איז ריכטיק אויך בנוגע די איינציקע וויכטיקערע מינים פאַרברעכנס פון אָט דער קאַטעגאָריע, ווי דאָס איז צו זען פון דער טאַבעלע 5.

דער אונטערשייד צווישן דער יידישער און ניט־יידישער קרימינאַליטעט איז אין לעצטן יאָר געווען צום קלענסטן בנוגע חטאים קעגן סעקסועלער מאָראַל און פאַמיליע־געזעצן; אין דעם פּרט האָט די יידישע פאַרברעכערישקייט כמעט דערגרייכט צו דער זעלביקער הויך ווי די ניט־יידישע. לויט די ציפערן פאַר די פריערדיקע יאָרן איז די דאָזיקע פאַרברעכערישקייט ביי יידן געווען א סך קלענער ווי ביי ניט־

יידן (צוויי מאָל קלענער אין גאַליציע און כמעט פיר מאָל קלענער אין אמאָליקן רוסיש־פוילן). און הגם די צאָלן פאַרן לעצטן יאָר, ווי מיר האָבן שוין אויבן געזען, זיינען טאַקע ניט פאַרגלייכלעך מיט די פריערדיקע, איז פונדעסטוועגן שווער אָנצונעמען, אַזאַ גרויסער שינוי אין דער יידישער קרימינאַליטעט לגבי דער ניט־יידישער זאָל שטאַמען בלויז פונעם צורעכענען די איבערשפּרייזן. עס איז דעריבער זייער מעגלעך, אַז די פאַרברעכערישקייט אויפן סעקסועלן און פאַמיליע־געביט האָט זיך די לעצטע צייט ביי יידן אין אַ געוויסער מאָס טאַקע אויפגעהויבן און זיך דערנעענטערט צו דער ניט־יידישער. — פון די איינצלנע סאָרטן חטאים אויף דעם פעלד ביי יידן איז אין לעצטן יאָר, ווי פריער, לפּי־ערך צום מערסטן פאַרשפּרייט דער וואָס איז פאַרבונדן מיט האַנדל, און צום ווייניקסטן דער וואָס איז פאַרבונדן מיט גוואַלד מעשים: פאַר האַנדל מיט פּראָסטיטוציע (סוטענעריי און פאַרמיטלעריי) זיינען אין יאָר 1937 ביי יידן פאַרמשפּט געוואָרן 25 אויף אַ מיליאָן איינוווינער, פיר מאָל מער ווי ביי אַ גלייכער צאָל ניט־יידן. פאַר מאַנסזיין זיינען ביי יידן געוואָרן פאַרמשפּט בלויז 4 פון אַ מיליאָן איינוווינער, אָדער כמעט פיר מאָל ווייניקער ווי ביי אַ גלייכער צאָל ניט־יידן.

## טאַבעלע 5

### די פאַרמישפּטע אין 1937 פאַר פאַרברעכנס און איבערשפּרייזן קעגן דער מענטשלעכער פּערזאָן לויט די וויכטיקערע מינים פאַרשולדיקונגען

| פאַרברעכנס און איבערשפּרייזן | אַבסאָלוטע צאָלן | | | % יידן צווישן די פאַרמישפּטע | פאַרמישפּטע אויף 100,000 איינוו. (קרימינאַליטעט) | | יידישע קרימי־נאַליטעט אין % פון דער ניט־יידישער |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | יידן | ניט־יידן | צוזאַמען | | ביי יידן | ביי ניט יידן | |
| מערדעריי — — — — | 22 | 1.308 | 1.330 | 1.7 | 0.7 | 4.5 | 16 |
| אנד. פאַרשולדיק. קעגן לעבן און געזונט — | 454 | 26.479 | 26.933 | 1.7 | 15 | 92 | 16 |
| פאַרשולדיקונגען קעגן פּערזענלעכ. פרייהייט | 988 | 17.768 | 18.756 | 5.3 | 32 | 62 | 52 |
| פאַרשולדיק. קעגן מאָראַל און פאַמ. געזעצן | 241 | 2.420 | 2.661 | 9.1 | 7.7 | 8.4 | 92 |
| צוזאַמען — | 1.705 | 47.975 | 49.680 | 3.4 | 55 | 167 | 33 |

ווי אין די פריערדיקע יאָרן, איז דער אונטערשייד צווישן דער יידי־שער און ניט־יידישער קרימינאַליטעט געבליבן צום שטאַרקסטן בנוגע פאַרברעכנס קעגן לעבן און געזונט: פון זעקס ביז זיבן מאָל קלענער ביי יידן ווי ביי ניט־יידן. דערביי איז מערדערײַ געבליבן ביי יידן אַ פאַרברעכן אַ זעלטענער ביז גאָר: 7 פאַלן אויף אַ מיליאָן איינוווינער (ביי אַ גלייכער צאָל ניט־יידן — 45).

זייער זעלטן זיינען ביי יידן געווען און געבליבן אויך די פאַרמשפּטע פאַר זייער שווערע קערפּער שעדיקונגען: 8 אויף אַ מיליאָן יידישע איינוווינער און 25 אויף אַ גלייכער צאָל ניט־יידן. פאַר שווערע קערפּער שעדיקונגען זיינען פאַרמשפּט געוואָרן ביי יידן 44 און ביי ניט־יידן — 213 אויף אַ מיליאָן איינוווינער.

## 6. — פרויען, יוגנטלעכע און רעצידיוויסטן צווישן די פאַרמשפּטע

פרויען האָבן בכלל אַ סך אַ קלענערע און גרינגערע קרימינאַ־ליטעט ווי מאַנסלייט. ביי דער יידישער פרוי אין פּוילן האָט מען לויט דער פּרטימדיקער פריערדיקער „קרימינאַל־סטאַטיסטיק" געפונען אַ סך אַ קלענערע קרימינאַליטעט (ווייניקער ווי אַ העלפט) ווי ביי דער ניט־יידישער. אויב ביי די יידישע פרויען איז דערביי באַזונדערס קליין די צאָל שווערע פאַרברעכנס און לפי־ערך אָפט זיינען גראַד גרינגע חטאים, וואָלט מען זיך געדאַרפט ריכטן, אַז מיטן אַריינרעכענען די פאַרמשפּטע פאַר פּשוטע איבערשפּריין ווערט זיך דער פּראָצענט יידישע פרויען צווישן די פאַר־משפּטע אויפהויבן, ד. ה. די יידישע ווייבלעכע קרימינאַליטעט וועט אין פאַרגלייך מיט דער ניט־יידישער דעמאָלט אויסזען גרעסער ווי פריער. אַזוי איז טאַקע געשען.

דאָס „קליינע סטאַטיסטישע יאָרבוך" פאַר 1939 גיט צום ערשטן מאָל פאַר דער לעצטער צייט ווידער ידיעות וועגן געשלעכט פון די פאַרמשפּטע. בסך־הכל זיינען אין 1937 פאַרמשפּט געוואָרן אין דער פּוילישער רעפּוב־ליק פאַר פאַרברעכנס און איבערשפּרייזן 59.671 פרויען, פון זיי 4.936 יידישע און 54.735 ניט־יידישע. די יידישע האָבן בכן באַטראָפן 8,3 פּראָ־צענט פון אַלע פאַרמשפּטע פרויען. אויף 10.000 יידישע איינוווינער באַ־טייט דאָס 30 פאַרמשפּטע, אויף אַ גלייכער צאָל ניט־יידישע איינוווינער — 37. די יידישע ווייבלעכע קרימינאַליטעט האָט אויף אַזאַ אופן באַטראָפן פינף זעקסטל פון דער ניט־יידישער, ד. ה. טאַקע היפּש מער ווי פריער,

בעת מען האָט די איבערשפּרייזן ניט אריינגערעכנט; אָבער אפילו מיט די איבערשפּרייזן האָט זי אלץ נאָך באַטראָפן אויף א זעקסטל ווייניקער ווי די ניט־יידישע ווייבלעכע קרימינאַליטעט.

בנוגע די פרויען, ווי אויך בנוגע די יוגנטלעכע, גיט צום באַדויערן דאָס „קליינע סטאַטיסטישע יאָרבוך" קיין שום ידיעות ניט וועגן די פאַרשידענע קאַטעגאָריעס און מינים פאַרברעכנס. מיר מוזן דעריבער זיך באַגנוגענען מיט אָט דעם פאַרגלייך צווישן דער ס ך ־ ה כ ל ד י ק ע ר קרימינאַליטעט פון די יידישע און ניט־יידישע פרויען.

די ידיעות וועגן דער י ו ג נ ט ל ע כ ע ר פאַרברעכערישקייט לויט די אמונות, וואָס מען געפינט אינעם לעצטן „קליינעם סטאַטיסטישן יאָרבוך", זיינען בכלל א נייעס אין דער פּוילישער (און ניט נאָר פּוילישער) קרימינאַל־סטאַטיסטיק. לויט אָט די ידיעות זיינען אין 1937 יוגנטלעכע פון ביידע געשלעכטער (ביזן עלטער פון פאַרענדיקטע 17 יאָר) בסך־הכל פאַרמשפּט געוואָרן 8.380. פון זיי 462 יידישע און 7.918 ניט־יידישע. די פאַרמשפּטע יידישע יוגנטלעכע האָבן בכן באַטראָפן בלויז 5 ½ פּראָצענט פון די פאַרמשפּטע (אנטקעגן 10 ½ צווישן דער באַפעלקערונג). אויף 100.000 יוגנטלעכע איינוווינער האָבן די פאַרמשפּטע באַטראָפן ביי ניט־יידן 44 און ביי יידן בלויז 22. ד י י י ד י ש ע י ו ג נ ט ל ע כ ע ק ר י מ י נ א ל י ט ע ט א י ז א ו י ף א ז א א ו פ ן ג ע ו ו ע ן צ ו ו י י מ אָ ל ק ל ע נ ע ר ו ו י ד י נ י ט ־ י י ד י ש ע. — דערביי איז נאָך כדאי צו פאַרצייכענען, אז ביי יידן ווי ביי ניט־יידן איז די מיידלשע יוגנטלעכע קרימינאַליטעט געווען אן ערך צען מאָל קלענער ווי די ייִנגלשע (ביי יידן: 4,4 פאַרמשפּטע ביי מיידלעך אנטקעגן 42 ביי די ייִנגלעך אויף 100.000 יוגנטלעכע איינוווינער פון זעלביקן געשלעכט).

א נייעס זיינען אויך אינעם לעצטן „קליינעם סטאַטיסטישן יאָרבוך" די קורצע ידיעות מכוח דער צאָל דערוואַקסענע ר ע צ י ד י ו ו י ס ט ן צווישן די פאַרמשפּטע לויט זייער אמונה. פאַרגלייכן מיר די דאָזיקע צאָלן מיט די צאָלן פון די פאַרמשפּטע און פון דער באַפעלקערונג, באַקומען מיר די טאַבעלע 6.

מיר קומען אויף אזא אופן צו די ווייטערדיקע אויספירן:

1) ביי יידן ווי ביי ניט־יידן איז רעצידיוויזם ביי פרויען א סך א זעלטענערע דערשיינונג ווי ביי מאַנסלייט.

2) ר ע צ י ד י ו ו י ס ט ן צ ו ו י ש ן ד י פ אַ ר מ ש פּ ט ע ז יי נ ע ן ב יי יי ד ן ה י פּ ש ז ע ל ט ע נ ע ר ו ו י ב יי נ י ט ־

# טאַבעלע 6

## רעצידיוויסטן צווישן די דערוואַקסענע פאַרמישפּטע אין 1937 *)

| דערוואַקסענע רעצידיוויסטן | אבסאָלוטע צאָלן | | | רעצידיוויסטן צווישן די יידן % | רעצידיוויסטן אויף 100 דערוואַקסענע פאַרמישפּטע (רעצידיוויזם ביי די פאַרמישפּטע) | | בײ ניט-יידן אין % פונם פון די פאַראורטײלטע ייד. רעצידיוויסטן | רעצידיוויסטן אויף 10.000 דערוואַקסענע איינוו. (רעצידיוויזם ביי דער באַפעלקערונג) | | בײם ניט-יידן אין % פון פון דער באַפעלקערונג רעצידיוויסטן |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | יידן | ניט־יידן | צוזאַמען | | ביי יידן | ביי ניט יידן | | ביי יידן | ביי ניט יידן | |
| פריער בלויז 1 מאָל פאַרמישפּטע — | 2.398 | 45.676 | 48.074 | 5.0 | 10.6 | 14.0 | 76 | 23.5 | 42.8 | 55 |
| פריער שוין 2 אָדער מער מאָל פאַרמישפּטע — | 2.306 | 57.898 | 60.204 | 3.8 | 10.2 | 17.7 | 58 | 22.6 | 54.3 | 42 |
| צוזאַמען — | 4.704 | 103.574 | 108.278 | 4.3 | 20.8 | 31.7 | 66 | 46.2 | 97.0 | 48 |
| דערונטער פרויען: פריער 1 מאָל פאַרמישפּטע — | 352 | 4.547 | 4.899 | 7.2 | 7.2 | 8.4 | 86 | 7.0 | 8.6 | 81 |
| פריער שוין 2 אָדער מער מאָל פאַרמישפּטע — | 197 | 4.540 | 4.737 | 4.2 | 4.0 | 8.4 | 48 | 3.9 | 8.6 | 45 |
| צוזאַמען — | 549 | 9.087 | 9.636 | 5.7 | 11.2 | 16.8 | 67 | 10.9 | 17.2 | 63 |

*) אין עלטער פון 17 יאָר און מער.

יידן, ס״י ביי מאנסלייט ס״י ביי פרויען. אין 1937 איז דער פראָצענט רעצידיוויסטן צווישן די יידישע פארמשפטע, אי ביי מאנסלייט אי ביי פרויען, געווען בלויז צוויי דריטל (66—67 פראָצענט) פונעם פראָצענט ביי ניט־יידישע פארמשפטע.

3) נאָך זעלטענער איז צווישן די יידישע פארמשפטע לגבי די ניט־יידישע — דער מער־מאָליקער רעצידיוויזם. דער פראָצענט רעצידיוויסטן וואָס זיינען שוין פריער צוויי אָדער מער מאָל פארמשפט געוואָרן איז געווען צווישן די יידישע פארמשפטע אביסל מער ווי א העלפט פון דעם, וואָס מען האָט געפונען ביי ניט־יידן. מען האָט, הייסט עס, געקענט פעסטשטעלן, אז באטרעפנדיק 9,8 פראָצענט צווישן דער באפעלקערונג, האָט ער ביי יידן אין 1937, באטראָפן צווישן די פארמשפטע 6,5, צווישן די איינמאָליקע רעצידיוויסטן 5,0 און צווישן די מערמאָליקע רעצידיוויסטן בלויז 3,8 פראָצענט.

4) היות ווי די יידישע קרימינאליטעט (די צאָל פארמשפטע אויף 100.000 איינוווינער) איז אליין אויך היפש קלענער ווי די ניט־יידישע, און אזוי ווי צווישן די פארמשפטע גופא זיינען ביי יידן די רעצידיוויסטן אויך זעלטענער ווי ביי ניט־יידן, קומט שוין ממילא אויס, אז אין הילכות רעצידיוויזם איז דער אונטערשייד צווישן דער יידישער און ניט־יידישער באפעלקערונג נאָך גרעסער ווי צווישן די יידישע און ניט־יידישע פארמשפטע; דער רעצידיוויזם פון דער באפעלקערונג (רעצידיוויסטן אויף 10.000 דערוואקסענע איינוווינער) איז אין לעצטן יאָר ביי יידן געווען בלויז 48 פראָצענט פון דעם, וואָס מען האָט קאָנסטאטירט ביי ניט־יידן; דער יידישער מערמאָליקער רעצידיוויזם פון דער באפעלקערונג איז געווען בלויז 42 פראָצענט פונעם ניט־יידישן.

אויך אין פרט פון רעצידיוויזם קענען מיר בכן פעסטשטעלן, אז די יידישע פארברעכערישקייט אין פוילן האָט זיך ארויסגעוויזן ניט בלויז קלענער אין כמות, נאָר אויך גרינגער אין איכות.

**
*

די אָפיציעלע פוילישע קרימינאל־סטאטיסטיק, וואָס איז פארעפנט־לעכט געוואָרן סאמע ערב דער מלחמה, ביי פארערגערטע לעבנס־באדינגונ־גען פון די יידישע מאסן און ביי א געביטענעם פארנעם פון די אין באַ־טראכט גענומענע חטאים, באשטעטיקט אויף אזא אופן און דערגאנצט אין

געוויסע פּרטים די וויכטיקערע אויספירן, די צו וועלכע מיר זיינען געקומען אויפן סמך פון די סטאַטיסטישע ידיעות וועגן די פריערדיקע יאָרן. די פיל קלענערע און גרינגערע פאַרברעכערישקייט לגבי דער אַרומיקער באַפעלקערונג בלייבט בכן אַן ע נ ד ג י ל ט י ק פּ ע ס ט ג ע ש ט ע ל ט ע ר כ אַ ר אַ ק ט ע ר־ש ט ר י ך פון דער יידישער באַפעלקערונג אין אומאָפּהענגיקן פּוילן.

„ייוואָ־בלעטער" באַנד XX ז"ז 198—181 (נאָוועמבער־דעצעמבער 1942).

# בײלאגעם

# אונדזער וועג אין דער נייער תקופה

**(טעזן צו דער בונדישער וועלט־קאָנפערענץ אין בריסל, מערץ 1947)**

די היטלער־קאַטאַסטראָפע האָט געשאַפן פאַר אונדזער באַוועגונג אַזאַ געפערלעכע לאַגע, אַז כדי צו אָנמערקן אונדזער ווייטערדיקן וועג מיט ערנסטע שאַנסן פון דערפאָלג, מוזן מיר אָן שוואַרצע און אָן ראָזיקע ברילן קוקן דער ווירקלעכקייט דירעקט אין פנים אַריין. — קודם־כל מוזן מיר זיך קלאָר מאַכן דריי זאַכן:

1. ווי האַלט עס בכלל מיטן קיום פון יידישן פאָלק נאָך די היטלעריִשע מאַסן־אויסראָטונגען?

2. וואָס זיינען נאָך דעם גרויסן חורבן די אָביעקטיווע מעגלעכקייטן פאַר אַ יידישער אַרבעטער־באַוועגונג?

3. וואָס קענען מיר אַנטקעגנשטעלן, פון איין זייט, דער מאַסן־מיסטיק וועלכע באַזירט זיך אויף דעם פאַקט „מאָסקווע", און פון דער אַנדערער, יענער מיסטיק, וואָס באַזירט זיך אויף דעם פאַקט פונעם אויסגעוואַקסענעם ישוב אין פאַלעסטינע?

**ע ר ש ט ע ר   ט י י ל :**

## די יידישע נאָך־מלחמהדיקע ווירקלעכקייט און אונדזערע נאָך־מלחמהדיקע מעגלעכקייטן

### א. — ווי האַלט עס מיטן קיום פון יידישן פאָלק?

**פאָזיטיווע מאָמענטן:**

1. — דאָס, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט אין משך פון טויזנטער יאָרן געקאָנט אויפהאַלטן זיין נאַציאָנאַלן קיום, בעת אָן ערך גרעסערע און מעכטיקערע פעלקער זיינען אונטער דער צייט אינגאַנצן אונטערגע־

גאנגען, דערקלערט זיך בעיקר מיט צוויי אָביעקטיווע פאקטן, מיט צוויי „קאָנסטאנטן" פון דער יידישער געשיכטע פאר די לעצטע דריטהאלבן טויזנט יאָר: דאָס איז, פון איין זייט, די צעשפּרייטקייט זיינע איבער פאר־שידענע לענדער און, פון דער אנדער זייט, זיין קאָנצענטרירטקייט אין קאָמפּאקטע מאסן אין יעדן לאַנד באזונדער. די צעשפּרייטקייט האָט געהאַט דעם פּועל־יוצא, אַז אפילו די גרעסטע קאטאסטראָפעס, וואָס האָבן גע־טראָפן די וויכטיקסטע יידישע צענטרען, זיינען נישט געווען קיין טויט־קלאָפּ דעם גאנצן יידישן פאָלק, וואָס האָט ווייטער געצויגן זיין געשיכטע אין אנדערע לענדער. די קאָנצענטרירטקייט אין קאָמפּאקטע מאסן האָט דער־מעגלעכט דער יידישער באפעלקערונג אויפצוהאלטן אן אייגן נאַציאָנאַל־קולטורעלן לעבן נישט געקוקט אויף דעם, וואָס זי איז געווען א מינדערהייט אין יעדער מדינה. אַט אזוי האָט די צעשפּרייטקייט איבער פארשידענע לענדער געראטעוועט דאָס יידישע פאָלק פון פיזישער אויסראָטונג, און זיין קאָנצענטרירטקייט אין יעדן לאנד האָט עס אָפּגעהיט פון גייסטיקער אסימילאציע דורך דער ארומיקער באפעלקערונג. און ביידע צוזאמען פלעגן ברענגען צו דעם, אז נאָך דעם אונטערגאנג אפילו פון א פירנדיקן יידישן צענטער פלעגט אויפקומען א נייע תקופה אין דער יידישער געשיכטע. — דער אזוי־גערופענער גלות, אַנשטאָט צו זיין א יידישער נאַציאָנאַלער אומ־גליק, האָט ביי דער קאָנצענטרירטקייט פון די יידישע פאָלקס־מאסן, פאר־קערט, געראטעוועט דעם קיום פון יידישן פאָלק אין משך פון טויזנטער יאָרן.

2. — די היטלער־קאטאסטראָפע, וואָס האָט חרוב געמאכט דעם גרויסן יידישן קיבוץ פון מזרח־ און מיטל־אייראָפּע, ווו מיט צוויי־דריי דורות צוריק איז געווען קאָנצענטרירט אומגעפער א פינפטל פון גאנצן יידישן פאָלק, און וואָס לויט די אבסאָלוטע צאָל קרבנות האָט זי ווייט אריבער־געשטיגן די ערגסטע קאטאסטראָפעס פון דער יידישער געשיכטע, האָט פונדעסטוועגן אויך נישט געבראכט צו יענער אויסראָטונג פון דער „יידישער ראסע", וועגן וועלכער עס האָט געחלומט היטלער מיט זיינע מערדער־באנדעס, טאקע א דאנק דעם וואָס אין משך פון די לעצטע צוויי־דריי דורות האָבן א סך מיליאָנען יידן שוין געהאַט אויסגעוואנדערט עבר־לים און גע־שאַפן דאָרטן א גאנצע רייע נייע יידישע קיבוצים: דעם מעכטיקן, פיל־מיליאָניקן יידישן קיבוץ אין צפון־אמעריקע, דעם דינאמישן יידישן ישוב אין פאלעסטינע, די באדייטנדיקע ישובים אין דרום־ און צענטראַל־אמערי־קע, דרום־אפריקע און אנדערע לענדער. אויך דאָסמאָל האָט די צעשפּרייט־קייט געראטעוועט דאָס יידישע פאָלק פון א זיכערן אונטערגאנג. און די

קאָנצענטרירטקייט פון די אויסגעוואַנדערטע יידישע מאַסן אין די נייע ישובים האָט דערמעגלעכט די שאַפונג פון קלענערע און גרעסערע און אפילו גאָר גרויסע צענטערן פון יידישן נאַציאָנאַלן לעבן אין א רייע נייע מדינות, צענטערן וואָס העלפן אויך אין א גאַנץ ברייטער מאָס מאַטעריעל און גייסטיק צוריק אויפצובויען א יידיש לעבן אין דער פאַר אונדז חרוב געוואָרענער אייראָפּע און צו אנטוויקלען דעם יידישן ישוב אין פּאַלעסטינע.

3. — נאָך קיינמאָל פריער, ביז די לעצטע צוויי דורות, און שוין אוודאי און אוודאי ניט נאָך א גרויסער נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפע, איז דאָס יידישע פאָלק ניט געווען אזוי גרויס אין צאָל, ווי ס'איז געבליבן, א דאַנק דעם פריערדיקן פאַרשפּרייטן זיך עבר־לים, נאָך דער שרעקלעכער היטלער־קאַטאַסטראָפע.

4. — דער חורבן פון יידישן קיבוץ אין מזרח־ און מיטל־אייראָפּע איז ניט געווען א רעזולטאַט פון דעם, וואָס עס זאָלן אים האָבן געהאַט פאַרפעלט אינערלעכע כוחות צום לעבן, נאָר בלויז פון אן אויסערלעכן ברו־טאַלן איבערפאַל פון א באַנדע ווילדע גזלנים. פאַרקערט, אין אייראָפּע און עבר־לים האָבן די מזרח־אייראָפּעאישע יידישע באַפעלקערונג־מאַסן נאָך קיינמאָל ניט געהאַט אַרויסגעוויזן אזויפיל שעפערישע נאַציאָנאַלע און סאָ־ציאַלע, אינטעלעקטועלע און מאָראַלישע כוחות ווי גראָד אין די לעצטע צוויי דורות.

5. — ניט געקוקט אויף געוויסע אויסנאַמען און אויף געוויסע ניט־געוואונטשטע פאָרמען, וואָס די דערשיינונג האָט אָפטמאָל אָנגענומען, האָט די היטלער־קאַטאַסטראָפע בדרך־כלל ביי דער יידישער באַפעלקערונג, ווי ביי דער שארית־הפליטה אין אייראָפּע אזוי אויך עבר־לים, פאַרשטאַרקט דאָס נאַציאָנאַלע געפיל, דעם ווילן צו בלייבן א יידיש פאָלק און דעם באַ־וואוסטזיין פון דער נויטיקייט צו קעמפן פאַרן נאַציאָנאַלן קיום.

6. — די וועלט גייט מיט גיגאַנטישע טריט צום סאָציאַליזם, און אין דער סאָציאַליסטישער אָרדענונג פאַרשווינדן די הויפּט־סיבות פון דעם שאָ־וויניזם און אַנטיסעמיטיזם וואָס האָט פאַרגיפטיקט די גאַנצע געזעלשאַפט־לעכע אַטמאָספער אין דער דעקאַדענץ־עפּאָכע פונעם קאַפּיטאַליזם, און עס ווערן געשאַפן די באַדינגונגען פון אמתן דעמאָקראַטיזם, ביי וועלכע יעדעם פאָלק קאָן פריי אנטוויקלען זיינע שעפערישע כוחות און זיך פריי אויס־לעבן אין זיין באַפרייטער נאַציאָנאַלער קולטור.

פון דעם אלעם איז געדרונגען, אז ווי ברייט און טיף עס זאָל ניט זיין אונדזער חורבן אין אייראָפּע, ווי ראַדיקאַל עס זאָל ניט האָבן געווען

די אויסראָטונג פון דער יידישער באפעלקערונג אין פוילן, ליטע, אוקראינע, דייטשלאנד, עסטרייך און אנדערע מדינות, דארפן מיר פונדעסטוועגן נית ארײנפאלן אין יאוש און דעפעטיזם נית בנוגע די מעגלעכקייטן פון ווייטערדיקן קיום פון אונדזער פאָלק און נית בנוגע די שעפערישע און רעטונג־מעגלעכקייטן פון אזוי־גערופענעם גלות.

## ג ע פ א ר ן .

נאָר אויב דער מצב פון אונדזער פאָלק איז ווייט נית אזעלכער, אז דער קאמף פאר זיין ווייטערדיקן קיום זאָל אין דער קלענסטער מאָס זיין אויסזיכטלאָז, איז ער אָבער בשום אופן נית געבליבן אויף אזויפיל געזי־כערט, אז עס זאָל נית נויטווענדיק זיין א כסדרדיקער, הארטער קאמף פאר דעם קיום זיינעם. מען מוז אָן אויפהער אין זינען האָבן די גרויסע געפארן, וואָס לויערן אויף אים אין פארשידענע לענדער:

1. — די אויסראָטונגען האָבן געטראָפן בעיקר דאָס מזרח־אייראָפע־אישע יידנטום, ד. ה. דעם נאציאָנאל, סאָציאל און דעמאָגראפיש געזונטסטן טייל פון אונדזער פאָלק, יענעם טייל וואָס האָט געשאפן אונדזער מאָ־דערנעם רענעסאנס אויף אלע געביטן פון נאציאָנאלן לעבן, וואָס איז באַ־שטאנען אין אזא גרויסער מאָס פון ארבעטנדיקע שיכטן און געהאט אויס־געבויט אזעלכע הערלעכע ארבעטער־אָרגאניזאציעס, און וואָס דורך זיין גענוגנדיקער געבורטיקייט איז ער ביז נית לאנג צוריק געווען כמעט דער איינציקער קוואל פונעם ביאָלאָגישן קיום פון אונדזער פאָלק.

2. — דערביי זיינען אין א רייע לענדער, און דערונטער אויך אין פוילן, צוליב דער גלייכגילטיקער אָדער אָפן־פיינטלעכער האלטונג פון דער אָרטיקער באפעלקערונג לגבי די יידן, באזונדער שטארק אומגעקומען גראד די קינדער, ד. ה. די צוקונפט פון אונדזער פאָלק. דאָרטן ווידער, ווו די אָרטיקע באפעלקערונג האָט געהאָלפן ראטעווען יידישע קינדער באהאלטנ־דיק זיי ביי זיך, איז א גרויסע צאָל פון זיי אויפגעהאָדעוועט געוואָרן און אויסגעוואקסן אין א נית־יידישער סביבה און זיך סיסטעמאטיש דערוויי־טערט פון אלץ, וואָס האָט געקענט וועקן א חשד וועגן זייער יידישן אָפּ־שטאם, אזוי אז בלויז א טייל פון זיי וועט שפעטער נאָך בלייבן ביים יידישן פאָלק. אונדזער פאָלק וועט בכן מאָרגן באשטיין אפילו נית פון אלע קליינצאָליקע קינדער, וואָס מיר האָבן היינט.

3. — שוין היינט באטרעפן די יידן אין אלע אָן אויסנאם אייראָפּע־אישע לענדער א נישטיקן פראָצענט פון דער אָרטיקער באפעלקערונג, אזוי

אז לויט זייער צאָל קענען זיי דאָרטן אין ערגעץ מער קיין וויכטיקע פּאָלי־טישע ראָלע ניט שפּילן.

4. — אין פּוילן, אין דעם וויכטיקסטן צענטער פון אונדזער נאַציאָנאַלן לעבן פאַר דער קאַטאַסטראָפע, איז העכער ניין־צענטל פון דער ייִדישער באַפעלקערונג פּשוט אויסגעראָטן געוואָרן. דאָס קליינע רעשטל און די אַנגעלאָפענע אַהין פון ראַטן־פאַרבאַנד האַלטן אויך אין איין צעלויפן זיך צוליב דער אַטמאָספער פון בירגער־קריג, וואָס הערשט אין דער מדינה, און דעם שרעקלעכסטן אַנטיסעמיטיזם, וואָס האָט פאַרכאַפּט די ברייטסטע שיכטן פון דער ניט־ייִדישער באַפעלקערונג אַ דאַנק דער לאַנגער היטלע־רישער ממשלה און דער זעלביקער אַטמאָספער פון בירגער־קריג. מען קען זיך דאָ קיין אילוזיעס ניט מאַכן: אונדזער חורבן אין פּוילן איז אַ פול־שטענדיקער.

5. — די לאַגע אין ראַטן־פאַרבאַנד איז איינגעהילט אין אַ דיקן נעפּל. מיר האָבן אפילו ניט קיין בערכדיקן באַגריף ניט וועגן דער צאָל ייִדן, וואָס זיינען דאָרטן געבליבן, ניט וועגן זייער פאַרטיילונג איבער דעם ברייטן שטח פון דער קאָלאָסאַלער מלוכה און ניט וועגן זייער ייִדישקייט. נאָר אַט דער נעפּל גופא איז שרעקלעך באַאומרועדיק. וואָלטן דאָרטן געבליבן מיליאָנען ייִדן, וואָלט דאָרטן געשפּרודלט אַ נאַציאָנאַל־ייִדיש לעבן, וואָלט זיך דאָס געלאָזט הערן און פילן. און דאָס לויפן פון ראַטן־פאַרבאַנד, דער מאַטעריעלער צושטאַנד פון די אַנטלאָפענע און זייער שטימונג זיינען גאָרניט קיין פריילעכע סימנים פון די באַדינגונגען פון דאָרטיקן ייִדישן לעבן. זייער אַ גרויסער טייל, אויב ניט דער ווייט גרעסטער טייל, פון די ייִדישע קיבוצים אין אוקראַינע, וויס־רוסלאַנד און די באַלטישע לענדער איז אָן שום ספק אויסגעראָטן געוואָרן; און די צעזייטע און צעשפּרייטע איבערגעבליבענע, ביי דער אַנטשיידן־פיינטלעכער איינשטעלונג צום אַנטי־סעמיטיזם מצד די דעצידירנדיקע מלוכה־פאַקטאָרן, האַלטן אין ראשן אַסי־מילירן זיך און וועלן בלי־ספק זיך ווייטער אַסימילירן אַזוי לאַנג, ווי עס וועט אָנהאַלטן דער דיקטאַטאָרישער רעזשים, וואָס פאַנטעט יעדע פרייע איניציאַטיוו אויפן געביט פון ליטעראַטור, קונסט, וויסנשאַפט א. א. וו., און וואָס גיט דורכדעם ממילא ניט די מעגלעכקייט פון פרייער נאַציאָנאַלער שאַפונג.

6. — אין רומעניע און אונגאַרן, וווּ עס געפינען זיך איצט די באַ־דייטנדיקסטע ייִדישע קיבוצים אין אייראָפּע, זיינען די באַדינגונגען און די געפאַרן, אַ געמיש פון דעם, וואָס מיר זעען אין פּוילן פון איין זייט און אין ראַטן־פאַרבאַנד פון דער אַנדערער, אָבער מיט דעם וויכטיקן אונטער־

שייך, וואָס די אַרטיקע יידישע באַפעלקערונג האָט ניט די גרויסע נאַציאָ־נאַל־ און סאָציאַל־שעפערישע טראַדיציעס פון די יידישע קיבוצים אין ליי־טע, פוילן און רוסלאַנד.

7. — עס זיינען צוריק אויפגעשטאַנען און עס פאַרפעסטיקן זיך די יידישע קיבוצים אין מערב־אייראָפּע און בעיקר אין פראַנקרייך. אָבער אפי־לו בנוגע פראַנקרייך מוז מען נעמען אין אַכט, פון איין זייט, דעם פאַקט, וואָס די אַרטיקע, נאַציאָנאַל־איינהייטלעכע באַפעלקערונג, און דערונטער אויך דער סאָציאַליסטישער טייל אירער, איז פיינטלעך געשטימט צו יעדן פּרווו צו שאַפן א „נאַציאָנאַלע מינדערהייט" אויף דער פראַנצויזישער ערד, און באַציט זיך דעריבער מיט אומצוטרוי אויך צו דער אנטוויקלונג אין פראַנקרייך פון א ספּעציעל־יידישער נאַציאָנאַלער קולטור; פון דער אנדע־רער זייט ווידער, האָט די גרויסאַרטיקע פראַנצויזישע קולטור פאַר אַלע איינוווינער פון לאַנד — און דערונטער אויך אויף דעם יונגן דור פון די איינגעוואַנדערטע יידן — אזא שטאַרקע צוציאונגס־קראַפט, אז זיי ווערן ראַש אסימילירט.

8. — דער פיל־מיליאָניקער יידישער קיבוץ אין צפון־אמעריקע קען בלי־ספק ווערן דער וויכטיקסטער שטיצפּונקט פון אונדזער צוקונפט אין משך פון די נאָענטסטע דורות סיי לויט זיין צאָל, סיי לויט זיין קאָנצענ־טרירטקייט, סיי לויט זיינע עקאָנאָמישע קרעפטן, סיי לויט זיין פּאָליטישן געוויכט אין לאַנד, סיי לויט זיין סאָציאַלן בוי, ווו עס דאָמינירן ארבעטנ־דיקע עלעמענטן, אין א שטאַרקער מאָס פאַראייניקטע אין מעכטיקע פּראָ־פעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס. — אויב א דאַנק דעם שיינט דער אנטיסעמי־טיזם אין אמעריקע צו זיין פאַר אונדז א קנאַפּע רעאַלע געפאַר, קען מען אָבער אין אמעריקע אויך זיך ניט פאַרלאָזן אויף דעם כלומרשט „נאַטיר־לעכן גאַנג פון דער אנטוויקלונג" און לאָזן גיין ווי עס גייט, מחמת דאָס אינטענסיוו אמעריקאַניש לעבן איז געוויס אן אומגעהויערער פאַקטאָר פון אסימילאַציע און יידישער דענאַציאָנאַליזאַציע.

9. — די קלענערע יידישע קיבוצים אין דרום־ און צענטראַל־אמעריקע און אין דרום־אפריקע זיינען דורך דער ארומיקער ניט־יידישער סביבה ווייי־ניקער אויסגעשטעלט אויף אסימילאַציע און ווייזן אויך פאַקטיש ארויס א פאַרהעלטנישמעסיק גרויסן נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין, איניציאַטיוו, ענערגיע און שעפערישקייט. אָבער צוליב דער קליינער אבסאָלוטער צאָל יידן, וואָס יעדער פון זיי קאָנצענטרירט אין זיך, איז זייער דויערנדיקער קיום ווייט ניט געזיכערט, אויב זיי זאָלן בלייבן אָנגעוויזן נאָר אויף זייערע אייגענע כוחות.

10. — דער ישוב אין פּאַלעסטינע, א דאנק דער באַדייטנדיקער אַבסאָלוטער צאָל יידן, וואָס ער קאָנצענטרירט אין זיך; א דאנק דעם הויכן פּראָצענט, וואָס די יידן באַטרעפן צווישן דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג פון דער מדינה; א דאנק זייער הויכער קולטורעלער מדרגה אין פאַרגלייך מיט דער אָרטיקער ניט־יידישער באַפעלקערונג; א דאנק זייער שטאַרקן נאַציאָנאַלן באַוווּסטזיין, זייערע וויכטיקע עקאָנאָמישע רעאַליזירונגען, זייערע מוסטערהאַפטע סאָציאַלע איינריכטונגען און זייערע נאַציאָנאַל־קולטורעלע דערגרייכונגען, וואָלט קענען שפּילן א זייער וויכטיקע ראָלע אין קאַמף פאַר אונדזער נאַציאָנאַלן קיום. אָבער דער פּאַלעסטינער ישוב, אפילו נאָך זיין ראשן וווּקס אין די היטלער־יאָרן, און אַלע אויסראָטונגען אין אייראָפּע, נעמט ארום נאָר א גאָר קליינעם פּראָצענט פון יידישן פאָלק (ווייניקער פון 6 פּראָצענט ביז היינט־צו־טאָג). אחוץ דעם, ווערט זיין ווירקונג אויף דעם נאַציאָנאַלן יידישן קיום אויסער פּאַלעסטינע אָפּגעשוואַכט דורך דער העברעאישער מחיצה, וואָס מ'האָט איינגעשטעלט צווישן אים און די ברייטע פאָלקס־מאַסן אין אַזוי־גערופענעם גלות. נאָר בעיקר דער פאַקט, וואָס דער גאַנצער ישוב ווערט געבויט אונטער דער פאָן פון שאַפן א יידישע מלוכה, האָט אויסגעגראָבן א תהום צווישן דער יידישער און דער אַראַבישער באַפעלקערונג אין פּאַלעסטינע גופא און אין די אַרומיקע לענדער, האָט פאַרסמט מיט שאָוויניזם, מיט ביטול צום קיום פון יידישן פאָלק אין אַזוי־גערופענעם גלות און מיט פּאָליטישן אַוואַנטוריזם די הערצער און מוחות פונעם יונגן דור, שטעלט אין א שרעקלעכע געפאַר די פּשוטע פיזישע עקזיסטענץ פונעם יידישן ישוב. האָמעוועט זיין נאַטירלעכע אַנטוויקלונג, וואָס אָן דער יידישער מלוכה־פאָן וואָלט פאַר דעם אַראַבישן פאָלק געווען דורכאויס נוצלעך, קען ביי די אָנגעשטרענגטע אינטערנאַציאָנאַלע באַדינגונגען שטערן דעם וועלט־שלום אין דעם נעוראַלגישן פּונקט פון נאָענטן מזרח, בעת א נייע וועלט־מלחמה וואָלט באַטייט די ערגסטע קאַטאַסטראָפע פאַרן יידישן פאָלק.

## דער אויספיר:

1. — נאָך אַלע אויסראָטונגען פון דער יידישער באַפעלקערונג אין אייראָפּע איז אונדזער נאַציאָנאַלער קיום בשום אופן ניט פאַרמשפּט דורך דער געשיכטע, און דאָס קודם־כל א דאנק די נייע קאָנצענטרירטע יידישע ישובים עבר־לים, צו וועלכע עס גייט איצט איבער די פירנדיקע ראָלע אין יידישן לעבן און די עיקרדיקע אחריות פאַרן ווייטערדיקן קיום פון יידישן פאָלק.

2. — דער קיום פון יידישן פאָלק איז אָבער אין ערגעץ ניט אויף אזויפיל געזיכערט, אז מיר זאָלן מעגן וועגן אים זיך ניט זאָרגן. פאַרקערט, צוליב די פאַרשידנאַרטיקע געפאַרן וואָס לויערן אויף אים מוז זיין קיום אומעטום, דורך טאָג־טעגלעכער קאָנסטרוקטיווער אַרבעט כסדר אויסגע־קעמפט ווערן.

3. — פון בעיקר אַן איירָאָפּעאישן פאָלק זיינען די יידן געוואָרן בעיקר אַן אמעריקאַניש פאָלק. איירָאָפּע האָט דורך די מאַסן־אויסראָטונגען פאַרלוירן די פירערשאַפט פון יידנטום, וואָס האָט איר געהערט אין משך פון א יאָר־טויזנט; ספּעציעל אין איירָאָפּע וועלן מיר מוזן פירן א שווערן טאָג־טעגלעכן קאַמף, ניט צעברעקלענדיק אָן אבסאָלוטער נויטווענ־דיקייט אונדזערע שרעקלעך אָפּגעשוואַכטע כוחות, כדי אויפצוהאַלטן אונ־דזער נאַציאָנאַלן קיום.

געוויס, פאַר אונדז מזרח־איירָאָפּעאישע יידן איז א גרויסע טראַגעדיע, וואָס דער גייסטיקער ליכט־טורעם, וועלכער האָט דאָרטן געלויכטן פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק אין משך פון די לעצטע יאָרהונדערטער, וועט שוין לכל הדעות מער אָט די באַדייטונג אין יידישן לעבן ניט האָבן. אָבער דער נר־תמיד פון אונדזער פאָלק ווערט דורכדעם ניט אויסגעלאָשן: ווי דאָס האָט שוין ניט איינמאָל פּאַסירט אין אונדזער טויזנט־יאָריקער געשיכטע, ווערט ער בלויז אריבערגעטראָגן אין אַנדערע מקומות. און אז ער זאָל ניט אויסגעלאָשן ווערן, איז דאָך דאָס וויכטיקסטע, דער עיקר כל העיקרים.

## ב. — די היסטאָרישע באַרעכטיקונג, מעגלעכקייטן און כאַראַקטער פון „בונד" אין דער נייער תקופה

א. — דער פאַקט, וואָס נאָך אַלע אויסראָטונגען בלייבט די ווייט־גרעסטע מערהייט פון יידישן פאָלק, און מוז יעדנפאַלס אין משך פון לאַנ־גע דורות בלייבן, אין דעם אַזוי־גערופענעם גלות, וואָס עס קומט אויס דאָרטן צו פירן א האַרטנעקיקן קאַמף פאַר די אינדיווידועלע רעכט פון דער יידישער באַפעלקערונג און פאַר זייער נאַציאָנאַלן קיום, און וואָס דער דאָזיקער קאַמף קען מיט דערפאָלג געפירט ווערן בלויז אין פאַרבינדונג מיטן אַלגעמיינעם קאַמף פון דער אונטערדריקטער מענטשהייט פאַר א דעמאָקראַטיש־סאָציאַליסטישער אָרדענונג, באַרעכטיקט די ווייטערדיקע עקזיסטענץ פון דער בונדישער באַוועגונג און מאַכט פון איר א היסטאָרישע נויטווענדיקייט פאַר די אַרבעטנדיקע יידישע פאָלקס־מאַסן.

ב. — עס איז אָבער קלאָר, אז דער „בונד", אַזוי ווי ער האָט עקזיס־

טירט פאר דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז איצט שוין א היסטאָרישע אוממעגלעבקייט, און דאָס ניט נאָר דערפאַר ווייל ביי א רעזשים פון דיק־טאַטור, ווי דאָס איז דער פאַל אין פוילן און אין די ארומיקע לענדער, קען א זעלבסטשטענדיקער „בונד", אפילו א קאָמבונד, זיין בלויז א צייט־ווייליקע דערשיינונג, נאָר אויך צוליב אנדערע אויסערסט־וויכטיקע אלגע־מיינע סיבות:

1. — אומעטום אין דער וועלט, אחוץ די מזרח־שטאַטן פון צפון־אמע־ריקע און פאַלעסטינע, זיינען די יידן בכלל דאָך א נישטיקער פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג פון דער מדינה, אזוי אז זיי קענען אין ערגעץ מער ניט זיין א פיל־ווייניק וויכטיקער פּאָליטישער פאַקטאָר; א זעלבסטשטענדי־קע פּארטיי פונעם בונדיסטיש־געשטימטן טייל פון די ארבעטנדיקע עלע־מענטן ביי יידן קען שוין ממילא זיין בלויז א פּאָליטיש מפיל־קינד. אויף דעם אלגעמיין־פּאָליטישן געביט אין לענדער מיט א קאָנצענטרירטער יידי־שער באַפעלקערונג קענען די בונדישע עלעמענטן בילדן בלויז אַן אויטאָנאָ־מע סעקציע פון דער סאָציאַליסטישער לאַנד־פּארטיי.

2. — דער סאָציאַלער יסוד פון „בונד" איז ביז דער מלחמה געווען דער קלאַס פון לוין־ארבעטער, וואָס האָט דורך זיין אָרגאַניזירטקייט און קעמפערישן דינאַמיזם קאָנצענטרירט ארום זיך אויך אנדערע האָרעפּאַשנע עלעמענטן. אָבער די מאַסן־אויסראָטונגען און דער עקאָנאָמישער חורבן, וואָס דער היטלעריזם און די מלחמה האָבן געבראַכט מיט זיך, האָבן צע־שטערט אָט דעם סאָציאַלן יסוד פון „בונד" אין אייראָפּע: דער אַן אָן ערך גרעסטער טייל פון די יידישע לוין־ארבעטער איז אומגעקומען אין דער אַלגעמיינער קאַטאַסטראָפע; פון דער שארית־הפּליטה איז א טייל געוואָרן זעלבסטשטענדיקע אָדער האַלב־זעלבסטשטענדיקע בעלי־מלאכות; א טייל איז אריינגעצויגן געוואָרן אין גרעסערע מלוכה־אונטערנעמונגען, ווו זיי ווערן בטל בשישים צווישן די ניט־יידישע ארבעטער, און א טייל זיינען געוואָרן סתם לופט־מענטשן. בלויז אויף לוין־ארבעטער קען דער „בונד" זיך מער ניט באַזירן. ער מוז זיך שטיצן אויף אַלע יידישע פיזיש און גייסטיק ארבעטנדיקע עלעמענטן.

3. ביי די שרעקלעך אָפּגעשוואַכטע כוחות פון די יידישע פאָלקס־מאַסן אין אייראָפּע איז בכלל דער לעבנס־געבאָט פון אונדזער צייט אויף אַלע געביטן פון אונדזער טעטיקייט די מעגלעכסט־גרעסטע קאָנצענטראַציע פון די כוחות. אין איינצל־גענומען אין אידעאָלאָגישער הינזיכט דאַרפן אונדזערע אָרגאַניזאַציעס לייגן דעם טראָפּ ניט אויף דעם, וואָס צעטיילט די יידישע ארבעט־מענטשן, נאָר וואָס פאַראייניקט זיי, און אריינגעמען

אין זיך אַלע סאָציאַלע עלעמענטן, וואָס שטייען פאַר סאָציאַליזם, דעמאָקראַטיע און נאַציאָנאַלן קיום פון יידישן פאָלק.

4. — א סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע פון אַלע יידישע האַרעפּאַשניקעס איז מעגלעך דערפאַר, ווייל די אַלגעמיינע היסטאָרישע אַנטוויקלונג פון די לעצטע צוויי דורות און באַזונדערס דער 50-יאָריקער קאַמף פון „בונד" אויף אַלע געביטן פון יידישן לעבן האָט ביי די ברייטסטע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג אויסגעפורעמט אַזא סאָציאַלע געזינונג און קאָלעקטיווע טראַדיציעס און דורכגעדרונגען זיי מיט אַזא דעמאָקראַטישן, סאָציאַליסטישן און נאַציאָנאַלן גייסט, וואָס לעבט אַפילו נאָך דער קאַטאַסטראָפע אין די הערצער און מוחות פון די יידישע פאָלקס-מענטשן אויף ביידע זייטן אַטלאַנטישן אָקעאַן און שטעלט מיט זיך פאָר א סאָציאַל-פּראָגרעסיוון און נאַציאָנאַל-שעפערישן כוח.

5. — מיט דעם וואָס איז פעסטגעשטעלט אין פונקט 2 איז אויך געזאָגט, אַז די מעטאָדן פון פּראָפּאַגאַנדע און די אָרגאַניזאַציע-פאָרמען פון „בונד" מוזן אויך געענדערט ווערן: אויב פאַר דער מלחמה האָט דער „בונד" זיך געשטיצט בעיקר אויף די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען פון די לוין-אַרבעטער און אויף זייער טאָג-טעגלעכן עקאָנאָמישן קאַמף און איז געווען געבויט לויט די פאַכן, מוז איצט די אָרגאַניזאַציע און פּראָפּאַגאַנדע צוגעפּאַסט ווערן צום קאַמף פון די ברייטערע יידישע פאָלקס-מאַסן פאַר זייערע עקאָנאָמישע אינטערעסן און פאַר זייער נאַציאָנאַלן קיום.

6. — שוין פאַר דער מלחמה, אין זעלבסטשטענדיקן פוילן, האָט די קולטורעלע אַרבעט פאַרנומען א וויכטיקן פּלאַץ אין דער טעטיקייט פון „בונד"; סאָציאַלע הילף און עקאָנאָמישער אויפבוי האָט אינטערעסירט פּריוואַט געוויסע חברים און ניט די פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציע. מחמת דעם אָבער וואָס דורך דעם גרויסן חורבן איז דער קאַמף פאַר אונדזער נאַציאָנאַלן קיום פאַר אונדז געוואָרן א דירעקטע לעבנס-נויטווענדיקייט, מוז איצט די קולטורעלע אַרבעט ווי אויך די עקאָנאָמישע און רעכטלעכע הילף פאַר פּליטים און זייער גלייכן, די שטרעבונגען צו עקאָנאָמישער רעקאָנסטרוקציע און עקאָנאָמישער סאַנירונג פון דער יידישער באַפעלקערונג פאַרנעמען דעם אויבן-אָן אין אונדזער טעטיקייט.

7. — אינעם קאַמף פאַר סאָציאַליזם, דעמאָקראַטיע און אונדזער נאַציאָנאַלן קיום מוזן די יידישע פאָלקס-מאַסן גרייט זיין אויף פאַרשידענע אינדיווידועלע קרבנות. אונדזער פּראָפּאַגאַנדע דאַרף דעריבער אַפּעלירן ניט בלויז צו די רעכטן און אוממיטלבאַרע אינטערעסן פון די מאַסן, נאָר

מער ווי פריער אויך צו זייערע פליכטן און אידעאלן; זי מוז זיין ניט בלויז מאטעריאליסטיש, נאר אויך אידעאליסטיש (זי איז עס אייגנטלעך אלעמאל געווען, נאר אזוי צו זאגן שעמעוודיקערהייט; איצט דארף זי עס זאגן מיט קלארע ווערטער).

## ג. — וואס קענען מיר אנטקעגנשטעלן דער מיסטיק פון „מאסקווע" און דער מיסטיק פון „ציון"?

1. — זאל מען ניט מיינען, אז א סאציאלער מיסטיק קען מען פשוט אנטקעגנשטעלן ראציאנאליזם און סאציאלן רעאליזם; אין איינצל גענומען, אז דער קאמוניסטישער אדער דער ציוניסטישער מיסטיק קענען מיר אנט־קעגנשטעלן דאס, וואס מיר זיינען כלומרשט מיושבדיקע, „פראקטישע" מענטשן, רעאליסטן. מיסטיק באציט זיך אויף דעם ווערט, וואס מען לייגט **אויף דעם ענד־ציל; רעאליזם איז נוגע די וועגן**, מיט וועלכע מען קען גיין צו אים. מען קען זיין באהערשט דורך דער מיסטיק פון מאסקווע אדער פון ציון, און זיין דערביי א ניכטערער רעאליסטישער פאליטיקער ביים אויסוואל פון די מיטלען צו פארווירקלעכן דעם געשטעלטן ציל. די מאסן ווערן באגייסטערט דורך דעם ענד־ציל; די קאנקרעטע טאג־טעגלעכע אר־בעט הענגט אפ פון די רעאלע פאליטישע באדינגונגען. אויך מיר זיינען ניט, און קענען ניט זיין, קיין הוילע רעאל־פאליטיקער, וואס זוכן די מאסן מיט קיין מיסטיק ניט צו באגייסטערן.

2. — אין וואס באשטייט אונדזער פאטאס? וואס באגייסטערט אונדז צום הארטנעקיקן, שווערן קאמף, דערהויפט איצט נאך דעם גרויסן חורבן? וואס קענען מיר אנטקעגנשטעלן די אנדערע פאליטישע שטרעמונגען ביי יידן? דאס איז ניט סתם דער סאציאליזם. **דער סאציאליזם אונדזערער** טיילט אונדז אפ בלויז פון די בירגערלעכע ריכטונגען; אבער סאציאליזם שטייט אויך אויף די פאנען פון די קאמוניסטן און די פארשידענע ציוניס־טיש־סאציאליסטישע ריכטונגען. דאס איז אויך ניט אונדזער א הומא־ניסטישער אדער א רעוואלוציאנערער סאציאליזם: אין פרט רעוואלוציא־נערישקייט קענען אונדז די סטאליניסטישע אדער טראצקיסטישע קאמו־ניסטן מסתמא אריבערליציטירן, און אין „בונד" איז געווען און איז פאראן א פלאץ ווי פאר הומאניטארע, אזוי אויך פאר אנדערע מינים סאציאליסטן. אויך דאס קענען מיר ניט אנטקעגנשטעלן אנדערע יידישע ריכטונגען, וואס מיר זאלן אונדזער סאציאליזם פארבינדן דווקא מיט פוילן; דאס איז בא־זונדערס ניט ריכטיק איצט, נאכן יידישן חורבן אין פוילן: מיר זיינען ניט

קיין ציוניסטן פון ארץ־ישראל, און אוודאי און אוודאי קענען מיר איצט ניט זיין קיין ציוניסטן פון פוילן.

3. — בכלל ניט דאָס לאַנד איז ביי אונדז דער עיקר, נאָר דאָס פאָלק. **אונדזער פּאַטאָס איז דאָס לעבעדיקע יידישע פאָלק, זיין קיום און אַנטוויק־לונג.** מיר גייען אַרויס פון דעם אומבאַשטרייטבאַרן פאַקט, אַז די ווייט־גרעסטע מערהייט פון יידישן פאָלק געפינט זיך און וועט יעדנפאַלס אין משך פון לאַנגע דורות בלייבן אין אַזוי־גערופענעם גלות. און אַז דער קאַמף פאַר זיין נאַציאָנאַלן קיום און אַנטוויקלונג מוז דעריבער געפירט ווערן בעיקר אין די לענדער פון אַזוי־גערופענעם גלות און קען מיט דער־פאָלג אויסגעקעמפט ווערן נאָר אין פאַרבינדונג מיט דעם אַלגעמיינעם קאַמף פאַרן סאָציאַליזם אין די זעלביקע לענדער. אונדזער נאַציאָנאַלער קאַמף איז אויף אַזאַ אופן גלייכצייטיק אַ קאַמף פאַרן סאָציאַליזם און אונדזער נאַציאָנאַליזם איז גלייכצייטיק נאַציאָנאַל און אינטערנאַציאָנאַל — דאָס איז דער עיקר פון בונדיזם; אַלע אַנדערעס זיינען בלויז טפל־זאַכן, וואָס הענגען אָפּ פון די היסטאָרישע באַדינגונגען אין דעם אָדער יענעם לאַנד און פון דער אינדיווידועלער פּסיכאָלאָגישער און אינטעלעקטועלער איינשטעלונג פון דעם אָדער יענעם חבר.

צ ווי י ט ע ר ט י י ל :

## אונדזערע פּראַקטישע אויפגאַבן

### א. — אויפן פּאָליטישן געביט:

1. — אַלע אונדזערע חברים דאַרפן אומעטום זיך אַקטיוו באַטייליקן אין דער אַלגעמיינער סאָציאַליסטישער באַוועגונג פונעם לאַנד.

2. — כדי אַמבעסטן צו געווינען די יידישע פאָלקס־מאַסן פאַר דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, און כדי ווירקזאַמער צו פאַרטיידיקן זייערע ספּעציפישע אינטערעסן (צ. ב. בנוגע רעפּאַטריאַציע, איין־ און אויסוואַנ־דערונג, נאַטוראַליזאַציע, קריגס־אַנטשעדיקונג, שול־וועזן, קאַמף קעגן אַנ־טיסעמיטיזם א. ד. גל.) דורך דער סאָציאַליסטישער לאַנד־פּאַרטיי, דאַרפן אונדזערע חברים אין יעדן ראַיאָן אַריינגיין אין די סאָציאַליסטישע ראַיאָן־אָרגאַניזאַציעס ווי אַן אָרגאַניזירטע בונדישע פראַקציע (סעקציע) און אַלע בונדישע סעקציעס דאַרפן אַריינגיין אין די לאַנד־פּאַרטיי ווי אַן אָר־גאַניזאַציע, וואָס איז אויטאָנאָם אין פראַגן פון יידישן געזעלשאַפטלעכן **לעבן.**

3. — דער אלגעמיין־פּאָליטישער פּראָגראַם פון דער סאָציאַליסטישער לאַנד־פּאַרטיי איז אויך מחייב די בונדישע סעקציעס פון דער פּאַרטיי.

4. — אין די ראַמען פון די אַלגעמיינע דעמאָקראַטישע פרייהייטן נעמען אונדזערע סעקציעס אויף זיך די איניציאַטיוו פון גרינדן יידישע נאַציאָנאַלע קהילות; זיי נעמען אין זיי אַן אַקטיוון אָנטייל דאָרטן, וווּ אַזעלכע קהילות וועלן שוין עקזיסטירן, און שאַפן דערנאָך אין יעדן לאַנד אַ פאַרבאַנד פון די יידישע נאַציאָנאַלע קהילות.

די קהילות דאַרפן זיך פאַרנעמען מיט די ספּעציפישע באַדערפענישן פון דער יידישער באַפעלקערונג אויפן געביט פון קולטור און דערציאונג, פון סאָציאַלער הילף, פון עקאָנאָמישער און דעמאָגראַפישער רעקאָנסטרוקציע א. ד. גל.

5. — דאָרטן, וווּ די צאָל פון דער יידישער באַפעלקערונג און דער בוי פון דער מלוכה מאַכט עס מעגלעך, דאַרף דער פאַרבאַנד פון די נאַציאָנאַלע קהילות אָנערקענט ווערן פון דער מלוכה פאַר דעם פאָרשטייער פון די יידישע נאַציאָנאַלע אינטערעסן אין געגעבענעם לאַנד, וואָס איז אויטאָנאָם אין זיין טעטיקייט־קרייז.

## ב. — אויפן עקאָנאָמישן געביט:

1. — אַלע אונדזערע חברים לוין־אַרבעטער דאַרפן זיך אַקטיוו באַטייליקן אין דער סינדיקאַלער באַוועגונג פונעם לאַנד.

2. — מיר דאַרפן וועקן און אַנטוויקלען ביי די יידישע פאָלקס־מאַסן פאַרשטענדעניש פאַר קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג. מיר דאַרפן זיי אַריינציען אין דער אַלגעמיינער קאָנסום־קאָאָפּעראַציע; מיר דאַרפן נעמען די איניציאַטיוו פון גרינדן יידישע קאָאָפּעראַטיוו־פאַראיינען אויפן געביט פון פּראָדוקציע (פּראָדוציר־פאַראיינען), פון קרעדיט (פאָלקס־בענק, ליי־ און שפּאָר־קאַסעס) און פון סחורות־אויסטויש (בשותפותדיקער איינקויף פון געצייג און רוי־מאַטעריאַלן; בשותפותדיקער פאַרקויף פון די אויסגעאַרבעטע פּראָדוקטן און אַנדערע סחורות א. ד. גל.), אַקטיוו זיך באַטייליקן אין אַזעלכע פאַראיינען און אַנטוויקלען אין זיי אַן אַלגעמיין־סאָציאַליסטישע און ספּעציפיש־בונדישע אידעאָלאָגיע. — להיפך צו די פאַרשפּרייטע פאָראורטיילן, זיינען פאַר דעם יידישן אַרבעטסמאַן, וואָס איז באַשעפטיקט בעיקר אין קליין־אינדוסטריע, די פאַרשידענע מינים קאָאָפּעראַטיוון באַזונדערס וויכטיק. פאַר אונדזער באַוועגונג אין דער נייער תקופה קענען

זיי האָבן א באַדייטונג ביז א געוויסן גראַד און ענלעכע צו דער, וואָס עס האָבן אַמאָל געהאַט די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען.

3. — מיר דאַרפן זיך בכלל אַקטיוו באַטייליקן אין דער אַרבעט פון עקאָנאָמישער רעקאָנסטרוקציע צווישן די יידישע פאָלקס־מאַסן, שטרעבנ־דיק דערביי צו דערווייטערן זיי פון לופט־פּרנסות און צוצוציען צו קוואַליפיצירטער אַרבעט, אָבער ניט שטופּנדיק זיי אויף א קינסטלעכן אופן דווקא אין גרוים־אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען.

## ג. — אויפן געביט פון סאָציאַלער הילף:

1. — אין דער צייט פון דער מלחמה און אין איצטיקן נאָך־מלחמה־פּעריאָד איז די סאָציאַלע הילף געוואָרן א וויכטיקער צווייג פון אונדזער אַרבעט. די דאָזיקע אַרבעט מוז ווייטער פאַרגעזעצט ווערן דורך אונדזערע אָרגאַניזאַציעס, אָדער אין ראַמען פון די נאַציאָנאַלע קהילות, ווען זיי וועלן שוין עקזיסטירן.

2. — א באַזונדער אויפמערקזאַמקייט מוז געלייגט ווערן אויף דער רעטונג פון אונדזערע קינדער: דאָס ביסל קינדער, וואָס זיינען אונדז גע־בליבן, זיינען אונדזער צוקונפט. פון זיי הענגט דירעקט אָפּ אונדזער נאַ־ציאָנאַלער קיום. און זיי מוזן אָפּגעהיט ווערן פון פיזישן, גייסטיקן, סאָ־ציאַלן און נאַציאָנאַלן אונטערגאַנג, און טאָרן בשום אופן ניט פאַרוואַנדלט ווערן אין אן אָביעקט פון ריזיקאַלישע פּאָליטישע ספּעקולאַציעס.

## ד. — אויפן קולטורעלן געביט:

1. — די אַלגעמיין־מענטשלעכע, סאָציאַליסטישע און יידיש־נאַציאָ־נאַלע דערציאונג פון אונדזערע קינדער מוז איצט פאַרנעמען איינעם פון די ערשטע פּלעצער אין אונדזער טעטיקייט אין די קהילות און אויסער זיי. א באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט מוז דערביי געלייגט ווערן אויף די קינ־דער, וואָס האָבן אין דער קאַטאַסטראָפע פאַרלאָרן זייערע עלטערן: זיי מוזן געראַטעוועט ווערן ניט בלויז פיזיש, נאָר אויך פאַר אונדזער פאָלק און פאַרן סאָציאַליזם; מען טאָר זיי ניט איבערלאָזן אויפן בוראַט פון ניט־יידישע אָדער אַסימילירטע מענטשן־פריינט אָדער פון יידישע רעאַקציאָ־נערע פאָלק־פאַרזאָרגערס.

2. — די יידישע גייסטיקע קולטור (ליטעראַטור, קונסט, וויסנשאַפט, פאָלקלאָר א. א. וו.) דאַרף דורך אונדז ענערגיש געשטיצט ווערן.

3. — צו אַט דיביידע צוועקן (דערציאונג און קולטור) דאַרף גע־גרינדעט ווערן און אויסגעברייטערט ווערן ווו נאָר מעגלעך א נעץ פון אַלגעמיינע, פון דער מלוכה־אַנערקענטע יידישע שולן, אָדער לפּחות יידי־שע צוגאָב־שולן, פון פאַרשידענע מדרגות, ווי אויך ביבליאָטעקן, אַרכיוון, מוזעען, קולטור־געזעלשאַפטן, פאַרלאַגן א. ד. גל. אונדזערע שולן דאַרפן זיין, לויט דעם גרויסאַרטיקן מוסטער פון די ציש״אָ־שולן אין פּוילן, פּע־דאַגאָגיש־פּראָגרעסיווע, וועלטלעכע און דורכגעדרונגען מיטן גייסט פון סאָציאַלן יושר, פעלקער־פאַרברידערונג, ליבשאַפט צו אונדזער פאָלק און אַנטשלאָסענעם ווילן ווייטער אויפצוהאַלטן און אַנטוויקלען זיינע שעפערי־שע כוחות. די אונטעררריכט־שפראַך אין אונדזערע שולן דאַרף נאַטירלעך זיין יידיש.

4. — כדי אויפצוהאַלטן אַן אינערלעכן, אָרגאַנישן צוזאַמענבונד מיט די גרויסע קולטור־ווערטן, וואָס אונדזער פאָלק האָט געשאַפן אין משך פון זיין טויזנטער־יאָריקער פאַרגאַנגענהייט, און וואָס בלייבן א נויטווענ־דיקער און רייכער גייסטיקער קוואַל ניט אויסצושעפּן פאַר זיין ווייטערדיקן נאַציאָנאַלן לעבן און שאַפן; כדי צו פאַרטיפן די קענטעניש פון יידיש גופא און די פאַרשטענדעניש פון דער קולטור און ליטעראַטור אין יידיש, און אויך כדי עס זאָל ניט איבערגעריסן ווערן דער לעבעדיקער קאָנטאַקט מיט דעם יידישן ישוב אין פּאַלעסטינע, דאַרף ווו מעגלעך אין אונדזערע שולן געלערנט ווערן העברעאיש. דער לימוד פון העברעאיש דאַרף אָבער בשום אופן ניט פאַרקומען אויפן חשבון פון יידיש און דאַרף זיך אָנהויבן ערשט אין די העכערע קלאַסן פון אונדזערע פאָלק־שולן.

5. — מיר דאַרפן רעדן, לייענען און שרייבן יידיש סיי אין געזעל־שאַפטלעכן סיי אין פּריוואַטן לעבן. ספּעציעל דייטש, וואָס האָט ביז איצט געהערשט אויף כל המינים יידישע (ניט־בונדישע) אינטערנאַציאָנאַלע און ניט אינטערנאַציאָנאַלע צוזאַמענפאָרן, קאָנפערענצן, פאַרזאַמלונגען א. ד. גל., מוז פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן פאַרטריבן ווערן און ווו נאָר מעגלעך פאַרביטן ווערן דורך יידיש. מיר באַנוצן זיך אָבער אין אונדזער טעטיקייט מיט דער לאַנד־שפּראַך דאָרטן, ווו יידיש קען ניט ווערן גע־ברויכט.

6. — רעליגיע איז בכלל א פּריוואַט־זאַך. באַקעמפנדיק כל המינים מיסברויכן מיט רעליגיע מצד דעם קלער און הערשנדיקע קלאַסן, און ניט אַנערקענעדיק דעם מאָנאָפּאָל פון קלער די רעליגיע אויסצוטייטשן, באַקעמפן מיר אָבער ניט די רעליגיע אלס אַזעלכע. — מיר באַקעמפן בפרט ניט די יידישע רעליגיע, וואָס איז דורכגעדרונגען מיט אונדזערע

גרעסטע קולטורעלע אוצרות פון ערשט־קלאַסיקער וועלט־היסטאָרישער באַ־
דייטונג אין דער פאַרגאַנגענהייט. וואָס איז אומצערייסבאַר דורכגעפלאָכטן
מיט אונדזער געשיכטע און פאָלקלאָר און וואָס אונדזער געשיכטע און
פאָלקלאָר זיינען דורכגעפלאָכטן מיט איר, וואָס איז אין משך פון טויזנטער
יאָרן געווען דער שוץ־מויער פון אונדזער נאַציאָנאַלן קיום, און וואָס שפּילט
נאָך איצטער די זעלביקע ראָלע ביי ברייטע שיכטן פון לעבן־געבליבענעם
יידישן פאָלק.

## ה. — אויפן דעמאָגראַפישן געביט:

1. — נאָך דער פיזישער מאַסן־אויסראָטונג פון דעם אייראָפּעאישן
יידנטום איז אָבער די פראַגע פון אונדזער נאַציאָנאַלן קיום קודם־כל א
באַפעלקערונג־פראַגע. מיר דאַרפן דעריבער סטימולירן די וויסנשאַפטלעכע
אויספאָרשונג פון אונדזער דעמאָגראַפיע און ברייט אויפקלערן די מאַסן,
ווי מיר האַלטן אין דער הינזיכט, און וואָס דאַרף אויף דעם געביט געטאָן
ווערן. עס מוז געהויבן ווערן ביי יידן די געבורטיקייט, מחמת אָן דעם
שטייען מיר פאַר א פיזישן פולשטענדיקן אונטערגאַנג. כדי אויפצוהויבן
די געבורטיקייט, פאָדערן זיך פאַרשידענע אינדיווידועלע קרבנות און גרוי־
סע קאָלעקטיווע מאַטעריעלע אָנשטרענגונגען מצד די יידישע אָרגאַניזירטע
געזעלשאַפטלעכע כוחות, ספּעציעל מצד די קהילות. גלייכצייטיק דאַרף אין
דער פולער מאָס אויסגענוצט ווערן די אַלגעמיינע הילף פון דער מלוכה אין
יענע לענדער, ווו די מלוכה פירט א פּאָליטיק פון דעמאָגראַפישער רעקאָנ־
סטרוקציע.

2. — ביי די פאַרשידענע פּלענער פון עקאָנאָמישן ווידעראויפבוי דאַרף
מען בשום אופן ניט באַגינסטיקן די צעשפּליטערונג פון די רעשטן יידי־
שער באַפעלקערונג. נאָר מען דאַרף פאַרקערט אין יעדן לאַנד שטרעבן זי
צו קאָנצענטרירן אין קאָמפּאַקטע מאַסן. דערביי איז וויכטיק ניט בלויז די
טעריטאָריעלע קאָנצענטראַציע (אין געוויסע שטעט, ראַיאָנען א. ד. גל.),
נאָר — להיפוך צו דער פאַרשפּרייטער פאַרקערטער מיינונג — אויך די
עקאָנאָמישע קאָנצענטראַציע (אין געוויסע פאַכן, בראַנזשן, פאַבריקן א. א.
וו.). — ווי מיר האָבן עס שוין אויבן באַמערקט, איז ביי דער צעשפּרייט־
קייט פון דער יידישער באַפעלקערונג איבער פאַרשידענע לענדער, די קאָנ־
צענטראַציע אירע אין יעדן לאַנד אין משך פון לאַנגע יאָרהונדערטער גע־
ווען איינס פון די ווירקזאַמסטע אינסטינקטיווע מיטלען אין קאַמף פון
אונדזער פאָלק פאַר זיין נאַציאָנאַלן קיום.

3. — אונדזערע סעקציעס דארפן אומעטום פירן א סיסטעמאטישע קאמפאניע פאר דער איינוואנדערונג־פרייהייט, ספעציעל קעגן אפענע אדער פארמאסקירטע דיסקרימינאציעס אויפן געביט פון איינוואנדערונג לויט דער נאציאנאליטעט, ראסע, רעליגיע אדער מלוכה־אנגעהעריקייט. עס דארף באזונדערס געפאדערט ווערן דאס רעכט אויף פרייע איינוואנדערונג און אויף ארבעט פאר אלע דירעקטע און אומדירעקטע קרבנות פון היט־לעריזם און פאשיזם.

## ו. — בנוגע פאלעסטינע:

נעמענדיק אין באטראכט, אז דער ספעציעלער פלאץ פון פאלעסטינע אין דער יידן־פראגע און די האלטונג פונעם יידישן ישוב אין פאלעסטינע ווירקן ניט בלויז אויפן גורל פון דעם פאלעסטינער ישוב אליין, נאר אויך אויפן לעבן און קאמף פון דער יידישער באפעלקערונג אין אנדערע לענ־דער און אויף אינטערנאציאנאלע פרווון צו לייזן די יידן־פראגע, מוזן די ארגאניזירטע יידישע פאלקס־מאסן אויך אויסער פאלעסטינע געניי פאר־מולירן זייער באציאונג צו די וויכטיקסטע פראגן, וואס רופט ארויס דער קעגנווארטיקער פאלעסטינער ישוב. אזא פארמולירונג וועט אויך מיט־העלפן אונדזערע חברים, וואס דאס לעבן האט זיי געבראכט אין פאלעס־טינע, אויסצוארבעטן זייערע ריכט־ליניעס אין די פארשידענע קאנקרעטע פראגן פון פאליטישן און געזעלשאפטלעכן לעבן פון זייער נייער היים.

1. — אין הסכם מיט דעם, וואס איז אויבן געזאגט געווארן וועגן פאלעסטינער ישוב (ערשטער טייל, ב, 10), מוזן מיר אנערקענען און אויפקלערן די געזעלשאפטלעכע מיינונג, אז:

א) א יידישע מלוכה אין פאלעסטינע איז בשום אופן ניט קיין לייי־זונג פון דער יידן־פראגע, מחמת די ווייט־גרעסטע מערהייט פון יידישן פאלק בלייבט און מוז בלייבן אויסער פאלעסטינע.

ב) אזא מלוכה וואלט נאך שטארק פארפלאנטערט די דאזיקע פראגע, און מסתמא נאך פארערגערט די אינדיווידועלע און נאציאנאלע לאגע פון די יידן אין אנדערע לענדער, פארוואנדלענדיק זיי אין אויסלענדישע בירגער אדער אין א נאציאנאלער מינדערהייט, וואס איז פארבונדן מיט א פרעמדער מלוכה;

ג) א יידישע מלוכה אין פאלעסטינע, און באזונדערס נאך אין א חלק פון פאלעסטינע, וואס קען נאטירלעך ניט צופרידנשטעלן ניט די יידן און ניט די אראבער, וואלט געווארן א נעסט פון אינטערנאציאנאלע

אינטריגעס, פון מיליטערישע צוגרייטונגען און אין גאָר ניט קיין ווייטער צוקונפט מסתמא אויך פון מלחמה.

2. — פאר פאַלעסטינע דארפן מיר פאָדערן:

א) פּאָליטישע זעלבסטשטענדיקייט פון דער מדינה, געבויט אויף אַן אינערלעכער דעמאָקראטישער אָרדענונג, וואָס זאָל זיין אָריענטירט אויפן סאָציאַליזם, ביי א קאָנסטיטוציאָנעל־אָנערקענטער און אינטערנאַציאָנאַל־גאראנטירטער קולטורעלער אויטאָנאָמיע פון דער יידישער און אראבישער באפעלקערונג.

ב) פרייע איינוואנדערונג, אָן נאציאָנאלע אָדער רעליגיעזע דיסקרי־מינאציעס, וואָס דארף רעגולירט ווערן בלויז לויט די עקאָנאָמישע אויפ־נאם־מעגלעכקייטן און די סאָציאלע באדינגונגען פון דער מדינה.

ג) גלייכע רעכט און גלייכע פליכטן לגבי דער ארבעטער־באוועגונג פאר אלע ארבעטס־מענטשן אָן שום נאציאָנאלע אָדער רעליגיעזע דיסקרי־מינאציעס.

ד) צוזאמענארבעט מיט די אראבער אויפן יסוד פון די אָנגעמערקטע דריי פונקטן.

ה) פולע רעכט פאר יידיש, צוגלייך מיט העברעאיש, אין פּאָליטישן, סאָציאלן און קולטורעלן לעבן פון יידישן ישוב.

3. — ווען פאלעסטינע זאָל טאקע צעטיילט ווערן און עס זאָל גע־שאפן ווערן א יידישע מלוכהלע אין א חלק פון פאלעסטינע, וועלן אונדזע־רע חברים דארפן אויסער דעם קעמפן אין דער יידישער פאלעסטינע, אז זי זאָל ניט ווערן קיין נעפּאר פארן אינטערנאציאָנאלן פרידן, און אין אנ־דערע לענדער פאר די בירגערלעכע און נאציאָנאלע רעכט פון דער אָרטיקער יידישער באפעלקערונג, ווי שווער אזא קאמף זאָל ניט זיין.

## ז. — אויפן געביט פון אָרגאניזאציע:

1. — ביי דער שרעקלעכער אַפּגעשוואכטקייט פון די יידישע כוחות אין יעדן לאנד באזונדער איז דער דרינגענדיקער געבאָט פון היינטיקער צייט, אז די יידישע ארבעטנדיקע מאסן פון פארשידענע לענדער זאָלן אין יידישע אָנגעלעגנהייטן קאָאָרדינירן זייער טעטיקייט.

2. — אַט די אינטערעטאטיסטישע קאָאָרדינאציע דארף זיך באציען:

א) אויפן געביט פון קולטור: ארבעטער־פּרעסע, ליטעראטור, שול־

וועזן, פאָלקס־קונסט, געשיכטע, וויסנשאפטלעכער פאָרשונג און פּאָפּולאַ־ריזאציע א. ד. גל.

ב) אויפן געביט פון עקאָנאָמישער רעקאָנסטרוקציע פון דעם חרוב געוואָרענעם יידישן לעבן.

ג) אויפן געביט פון עמיגראציע און אימיגראציע, וואָס זיינען לויט זייער נאטור גופא אינטערעטאטיסטישע דערשיינונגען.

ד) אויפן געביט פון קאמף קעגן פארשידענע רעאַקציאָנערע און אַר־טאָפיסטישע שטרעמונגען אין יידנטום גופא.

ה) אויפן געביט פון סאָציאַליסטישן אינטערנאציאָנאַל, כדי דאָרטן צו פארטרעטן די ספּעציפישע אינטערעסן פון יידישן ארבעטער־קלאס און פון צעשפּרייטן יידישן פאָלק.

ו) אויפן אינטערנאציאָנאלן פאָרום בכלל אין צוזאמענהאנג מיט דער יידן־פראגע, און ספּעציעל אויפן געביט פון קאמף קעגן אנטיסעמיטיזם, וואָס איז אין אונדזער תקופה געוואָרן אן אינטערנאציאָנאַל־אָרגאניזירטע באוועגונג און דארף אינטערעטאטיסטיש באקעמפט ווערן.

ז) אויף אנדערע מעגלעכע יידיש־נאציאָנאלע געביטן.

3. — מיט דעם צוועק דארפן אונדזערע לאנד־אָרגאניזאציעס זיך פאר־אייניקן אין אן אינטערעטאטיסטישער אלגעמיינער פעדעראציע פון די בונ־דישע לאנד־אָרגאניזאציעס, וואָס אירע אָרגאנען דארפן זיין:

א) פּעריאָדישע און ניט־פּעריאָדישע קאָנפערענצן,

ב) א שטענדיקער סעקרעטאריאט,

ג) טעכנישע אויספיר־אָרגאנען ביים צענטראלן סעקרעטאריאט, ווי למשל א פארלאג, א פרעסע־ביוראָ, א טעלעגראף־אגענץ וכדומה.

4. — אחוץ דער אלגעמיינער פעדעראציע קען אויך נוצלעך זיין צו גרינדן רעגיאָנעלע פאראייניקונגען פון בונדישע לאנד־אָרגאניזאציעס (למשל פון מיטל־אייראָפּע, פון מערב־אייראָפּע, פון דרום־אמעריקע א. ד. גל.).

5. — פון דעם וואָס איז פריער געזאָגט געוואָרן איז קלאָר, אז די קאָמפּעטענץ פון דער אלגעמיינער ווי פון די רעגיאָנעלע פעדעראציעס באַ־ציט זיך נאָר אויף יידישע אָנגעלעגנהייטן, און אז זיי מישן זיך ניט אין די פּאָליטישע אלגעמיינע ענינים פון די איינצלנע לענדער.

# דער ישוב און די תפוצות

## הישוב והגולה

(א רעדע געהאַלטן אין ירושלימער ראַדיאָ, דעם 19טן יולי 1947).

קודם־כל וויל איך אויסדריקן מיין גרויסע פרייד דעם ישוב, וואָס איך האָב זוכה געווען, כאָטש אויף דער עלטער, צו קומען אהער. נאָך גרעסער איז מיין שמחה דערמיט וואָס עס איז מיר געגעבן געוואָרן די מעגלעכקייט צו זאָגן מיין גרוס פאַרן ישוב דורכן ראַדיאָ.

ברידער מיינע, איר איינגעזעסענע אין לאַנד, וועלכע האָבן געבויט דאָס נייע ארץ־ישראל. איך האָב ניט קיין ווערטער ארויסצוברענגען דעם יראת־הכבוד, וואָס איך פיל פאַר אייך, פאַר דעם אַלעמען וואָס איר האָט באַוויזן דאָ אויפצוטאָן. נאָר 2 טעג בין איך געווען אין עמק און האָב דאָרטן געפונען ברויט און פרוכט צום עסן, וואסער און מילך צום טרינקען און אויך א שאָטן אָפּצורוען זיך פון די גרויסע היצן. אין הארצן האָב איך מיר געטראַכט: בין איך דען ראוי צו קומען און הנאה האָבן פון דער מי און האָרעוואַניע פון די חלוצים און ארבעטער, פון די יעניקע, וועלכע האָבן מיט זייער שווייס פאַרוואַנדלט א וויסטעניש אין אזעלכע אָנגענעמע פּרעכטיקע ישובים?

אָבער די ארבעטער און די חלוצים, וועלכע גיבן אָפּ אלע זייערע גייסטיקע און פיזישע כוחות פון אונדזער פאָלק

בראשית דברי אחפץ להביע לישוב את שמחתי הגדולה שבימי זקוני זכיתי לבוא הנה. והשמחה הזאת עודנה גדולה ביותר ע"י הדבר שיכלת נתנה לי להביע ברכת שלום לישוב על פי הרדיו.

אחי היושבים בארץ, שבנו את א"י החדשה, אין לי מלים להביע את יראת הכבוד שאני מרגיש על כל אשר הגדלתם לעשות פה. רק ימים שנים הייתי בעמק, מצאתי שם גם לחם ופרות לאכל, גם מים וחלב לשתות, גם צל להנפש מהחום הגדול. ובלבי אמרתי: הראוי אני לבוא ולהתענג בפרי העבודה של החלוצים והפועלים, אשר בזעת אפם הפכו ארץ שממה לישובים נחמדים כאלה?

אולם הפועלים והחלוצים, העובדים בידיהם ובמוחם על השדה החמרי והרוחני של עמנו בארץ הזאת, קבלוני לא רק בסבר פנים יפות, כי אם באהבה נאמנה. ופעמים רבות אמרתי לי: במה זכיתי לזאת?

ועם כל זה לא אכחד מכם, אחי

דאָ אין לאנד, האָבן מיך אויפגענומען ניט נאָר גאסטפריינטלעך, נאָר מיט א באזונדערער איבערגעגעבענער ליבשאפט. אָפטמאָל האָב איך מיר געטראכט: מיט וואָס האָב איך דאָס פארדינט?

איך וויל אויך ניט לייקענען, מיינע ישראלדיקע ברידער, אז אין אייער באציאונג פול מיט ליבשאפט צו מיר האָב איך אויך ארויסגעפילט א געדאנק, וואָס איז מיר שווער אויפצונעמען; א מחשבה, וואָס נאָר איינמאָל האָב איך עס געהערט אויסגעדריקט אין ווערטער. א יונגע פרוי, וועלכע האָט געהערט מיין ארויסטריט אין העברעאישן אוניווערסיטעט האָט צו מיר געזאָגט: „אזעלכע מענטשן ווי דו זיינען נויטיק דאָ, ביי אונדז אין לאנד". געמיינט האָט זי, אז איך וואָלט געקענט זיין א נוציקער מענטש פאר מיין פאָלק, און זי האָט באדויערט, וואָס איך געפין זיך ניט דאָ, צווישן די נוצלעכע בויער.

איך האָב איר געענטפערט מיט א שאלה: צי זיינען דען ניט נויטיק אין גלות אזעלכע מענטשן ווי איך?

אָט דער דאָזיקער קורצער שמועס האָט מיך באוויגן צו ווענדן זיך צו אייך מיט אייניקע ווערטער וועגן דעם ישוב אין ישראל און אין די תפוצות און וועגן זייערע קעגנזייטיקע באציאונגען.

דער ישוב און די תפוצות—לעבן, ארבעטן און קעמפן פאר זייער אייגענעם קיום און פארן קיום פון אונדזער פאָלק אין גאנץ פארשידנארטיקע באדינגונגען. דעריבער איז אויך זייער פסיכאָלאָגיע אן אנדערע און אין דעם שטעקט טאקע די גרויסע סכנה פאר דער עקזיסטענץ פון אונדזער פאָלק און זיין צוקונפט, סיי אין ישראל סיי אין די תפוצות, א סכנה וואָס באשטייט אין דעם ניט קענען און ניט פארשטיין איינער דעם צווייטן; א סכנה, אז דער ישוב זאָל

שבא"י, שביחסכם המלא חבה לי הרגשתי גם כן מחשבה שלא יכלתי לקבל אותה, מחשבה שרק פעם אחת שמעתיה באמר ובדברים. אשה צעירה, ששמעה אותי באוניברסיטה העברית, אמרה לי: אנשים כמוך נחוצים לנו פה, בארץ; סבורה היתה שיכלתי להיות איש מועיל לעמי, והצטערה שאינני פה עם הבונים. עניתי לה: וכי בגולה אנשים כמוני אינם נחוצים?

והשיחה הקצרה הזאת עוררה אותי לפנות אליכם בדברים אחדים על אודות הישוב והגולה והיחס בין שניהם.

הישוב והגולה חיים, עובדים ולוחמים על קיומם, על קיום אומתנו, בתנאים שונים מאד. ומפני זה הפסיכולוגיה שלהם גם כן שונה היא. בזה צפונה סכנה גדולה לקיום עמנו ולעתידו גם בארץ גם בגולה, סכנה שלא נדע ולא נבין איש את רעהו, שהישוב לא ידע ולא יבין את הגולה והגולה לא תדע ולא תבין את הישוב, שהקרע ביניהם ילך ויתרחב ברוב הימים. לפי דעתי, אחרי הקטסטרופה הנוראה שבאה עלינו ע"י היטלר, אין לנו סכנה גדולה לקיום עמנו מזרות הרוח המאימת עלינו. ועובדה היא גם כן, אם נאבה ואם נמאן, ששתי שפות לאומיות לנו, האחת המדברת בארץ והשנית בגולה, ועובדה זו עשויה רק להגביר אותה סכנה.

אמנם התנועה הציונית עושה הרבה לפרסום מעשי הישוב ושאיפותיו בגולה. אבל מי יתאמץ להביא לדעת הישוב וללבו את אשר חושבים ועושים בני עמנו בגולה, את אשר בראו ובוראים

ניט באגרייפן און ניט פארשטיין די תפוצות און די תפוצות זאָלן ניט באַגרייפן און פארשטיין דעם ישוב. דער ריס צווישן זיי קאָן ווערן אלץ גרעסער.

איך מיין, אז נאָך דער שרעקלעכער קאַטאַסטראָפע, וואָס עס איז געקומען צו אונדז דורך היטלערן איז די גרעסטע סכנה, וועלכע לויערט אויפן קיום פון אונדזער פאָלק — די גייסטיקע אָפּפרעמדונג, וועלכע באדראָט אונדז. צי מיר ווילן יאָ, אָדער מיר ווילן ניט, בלייבט דאָך א פאקט אז מיר האָבן, אז מיר פארמאָגן צוויי נאציאָנאַלע שפּראַכן, איינע וועלכע ווערט גערעדט דאָ אין לאנד און די צווייטע אין די תפוצות. דער דאָזיקער פאקט איז מסוגל די דאָזיקע סכנה נאָכמער צו פארשטארקן.

אמת איז, אז די ציוניסטישע באוועגונג טוט זייער א סך, כדי צו פאָפּולאריזירן אין די תפוצות די דערגרייכונגען פון ישוב און זיינע שטרעבונגען. אָבער ווער וועט עס ברענגען צום באוווסטזיין פון ישראלדיקן ישוב דאָס, וואָס עס טוען און טראכטן די קינדער פון אונדזער פאָלק אין די תפוצות? וועגן דעם וואָס זיי האָבן געשאפן און שאפן ווייטער אויף דעם מאטעריעלן און גייסטיקן געביט? וועגן זייער לעבן און שטרעבן? מען איז דאָ מפרסם און מען טרייבט איבער אלע גלות־פּעלערן און די סכנות, וועלכע עקזיסטירן טעאָרעטיש און וועלכע זיינען פּראָדוקטן פון דער פאנטאזיע. אזוי ווי אנדערע טוען עס לגבי דעם ישוב פארשפּרייטנדיק און מגזמדיק זיין זיינע פעלערן און די סכנות, וועלכע לויערן אויף אים. אזוי ארום בארעדן זיי איינע די אנדערע און זיינען גורם צו דער אָפּפרעמדונג פון ביידע טיילן פון אונדזער פאָלק. יעדער טייל שטעלט זיך פאָר אז ע ר און נ אָ ר ע ר, איז דאָס אמתע יידישע פאָלק; איינער מיט זיין כמות און דער צווייטער מיט זיין איכות. פונקט ווי

בחמר וברוח, את חייהם ואת שאיפותיהם? מפרסמים ומגזימים את כל מומי הגולה וסכנותיה, שיש להם אחיזה במציאות ושאינם רק יצירי הדמיון, כמו שאחרים מפרסמים ומגזימים את מומי הישוב וסכנותיו, ובאופן כזה אלה ואלה יוציאו את דבת עמנו רעה ומרחיקים את שני חלקי עמנו זה מזה. וכל אחד משני החלקים מדמה בנפשו שהוא, ורק הוא, הנו העם היהודי האמתי, האחד בכמותו והשני באיכותו, — כאלו האיכות לבדה או הכמות לבדה עשויות להביא לעמנו עתיד קים ובטוח.

שומעים אנחנו, ביחוד מעת אשר הקטסטרופה ההיטלרית השמידה את רוב מנין ורוב בנין עמנו באירופה, שכל אשר בגולה נדון הוא להשמדה או להתבוללות, ושאין ישועה לישראל רק לשוב לארץ אבותיו, — כאילו לא עברו עלינו קטסטרופות נוראות גם בשבתנו בארצנו, האחת ע"י מלכות בבל והשנית מידי רומא. באמת הדבר כן הוא: לא היינו מעולם, ואולי גם לא חפצנו להיות, מאדירי העולם הזה. מוקפים היינו תמיד עמים עצומים וחזקים ממנו. ובעולם שכח החמר והתחרות כלכלית מושלים בו, אין לנו שום ערובה שלא נפל קרבנות לקטסטרופות, אם בארצנו נשב ואם בחוץ לארץ. ועם כל זה באיזה אופן קרה הדבר שחיים אנחנו זה אלפים שנים, בעת אשר כמה וכמה עמים גדולים וממלכות עצומות עברו וחלפו מן העולם? לפי דעתי, שני דברים היי לנו לעזרה: ראשית, ה ת פ ו צ ה של עמנו, והשנית חייו בכל ארץ וארץ

דער איכות אליין, אָדער דער כמות אליין, וואָלטן מסוגל געווען צו ברענגען א זיכערע און דויערהאפטע צוקונפט פאַר אונדזער פאָלק.

מיר הערן כסדר, דער עיקר נאָך דער היטלערישער קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט פאַרטיליקט דעם רוב מנין ובנין פון אונדזער פאָלק אין אייראָפע, אַז אַלץ וואָס מיר פאַרמאָגן אין די תפוצות איז פאַרמשפט צום אונטערגאנג אָדער אסימילאציע; אַז די איינציקע רפואה דערצו איז זיך אומקערן אין לאַנד פון די אָבות. די דאָזיקע מאַכן זיך פאַרגעסן, אַז אויך דאַן ווען מיר זיינען געזעסן אין אונדזער לאַנד זיינען מיר דורכגעגאַנגען מוראדיקע קאַטאַסטראָפעס — איינע דורך דער מלכות בבל און די צווייטע דורך די רוימער. דער אמת איז דאָך דער, אַז מיר זיינען קיינמאָל ניט געווען און אפשר אויך ניט געוואָלט זיין א וועלט־מאַכט. מיר זיינען שטענדיק געווען ארומגערינגלט מיט פעלקער צאָלרייכערע און שטאַרקערע פון אונדז. און אין א וועלט ווו עס הערשט דער מאַטעריעלער כוח און די עקאָנאָמישע קאָנקורענץ האָבן מיר ניט קיין שום גאַראַנטיע, אַז מיר זאָלן ווידעראַמאָל ניט ווערן קרבנות פון א קאַטאַסטראָפע, אומאָפּהענגיק דערפון, צי מיר געפינען זיך אין אונדזער לאַנד, אָדער אין חוץ לארץ.

עס שטעלט זיך דאָך די פראַגע: ווי אַזוי איז דאָס געשען וואָס מיר לעבן שוין טויזנטער יאָרן, אין דער צייט ווען פעלקער שטאַרקערע פון אונדז און רעגירונגען פעסטערע ווי מיר זיינען פאַרשוווּנדן פון דער וועלט?

איך בין ביי דער מיינונג, אַז צוויי פאַקטן האָבן אונדז ארויסגעהאָלפן: ראשית די צ ע ש פ ר ײ ט ק ײ ט פון אונדזער פאָלק, און צווייטנס דאָס וואָס זיין לעבן אין די פאַרשידענע תפוצות איז געווען אין קאָמפּאַקטע מאַסן. די צעשפּרייטקייט האָט אונדז אָפּגע־

ב ק ב ו צ י ם . תפוצתו הצילה אותו מהשמדה פיסית, מפני אשר בעת השמד בארץ אחת או בארצות אחדות נשארו תמיד חלקים אחרים מעמנו לפלטה בארצות אחרות, והמשיכו את קיומו. והחיים בכל או"צ וארץ בקבוצים נתנו לנו את היכלת לשמר ולפתח את מסורת אבותינו ולחיות על פי רוחנו, ברוח או בצמצום לפי תנאי הזמן, ובזה האופן הגנו עלינו שלא נתבולל בין העמים שבתוכם ישבנו. הפזור הקבוצי היה היה הדרך שבנטיה אינסטינקטיבית בחר בו עמנו להצלת קיומו. וזה הוא גם כן מה שאמרו חכמינו: „צדקה עשה הקב"ה עם ישראל שפזרם בין האומות". ואם לא אבד ישראל גם בחורבנות של ארץ ישראל בימי טיטוס והדרינוס, הסבה הראשית של ישועתנו היתה שכבר בימים ההם נתפזר עמנו בין אומות שונות.

תקותנו תאמצנו שממשלת הרשע תמהר ותעבר מן העולם, ובפרט שקטסטרופות ממין זאת שעברה עלינו בשנים האחרונות לא תשובנה לעולם עוד, שהיטלר חדש לא יעמד עלינו לכלותנו ורומל חדש לא יקרב לעולם לגבול א"י. אבל בהתחרות הנוכחית בין הממלכות היותר גדולות שהיו מעולם, מי יוכל באמת להבטיחנו שאין קטסטרופה אורבת לנו?

לא, אחי, תפוצות ישראל נחוצות הן, לא רק בבחינת מלאי אנשים וכסף בעד א"י, נ ח ו צ ו ת ה נ ה ג ם ל ע צ מ ן ו ל ק י ו ם ע מ נ ו ב כ ל ל .

היטן פון פיזישער פאַרניכטונג, ווייל דאַן ווען מען האָט אונדז געפּרוווט פאַר־טיליקן אין איין אָדער אין עטלעכע לענ־דער זיינען טיילן פון פאָלק געווען אין אַנדערע ערטער און דאָרטן אויסגעמיטן די קאַטאַסטראָפע און האָבן נאָכדעם ממשיך געווען זייער עקזיסטענץ.

דאָס וואָס מיר האָבן אין די באַזונ־דערע לענדער געלעבט אין קאָמפּאַקטע מאַסן האָט אונדז דערמעגלעכט אָפּצו־היטן און אַנטוויקלען אונדזער אייגנ־אַרט, די טראַדיציעס פון אונדזערע על־טערן און זיך אויסלעבן אין אונדזער גייסט אויף אַ ברייטן אָדער באַשרענק־טן אופן, אָפּהענגיק פון די צייט־באַדינ־גונגען. אַזוי אַרום זיינען מיר באַשיצט געוואָרן זיך ניט אויסצומישן מיט די פעלקער, צווישן וועלכע מיר האָבן גע־לעבט. די צעשפּרייטע קאָמפּאַקטקייט איז געווען דער וועג, וואָס אונדזער פאָלק האָט אינסטינקטיוו אויסגעקליבן כּדי אָפּצוראַטעווען זיין עקזיסטענץ. און דאָס איז עס טאַקע, וואָס אונדזערע חכמי־התלמוד האָבן געזאָגט: „צדקה גדולה עשה הקדוש ברוך הוא לישראל שפזרן בין האומות" (אַ גרויס לייטזעלי־קייט האָט גאָט געטאָן מיט די יידן, צעשפּרייטנדיק זיי צווישן די פעלקער). און אויב אונדזער פאָלק איז ניט פאַר־לענדט געוואָרן ביי די חורבנות אין ארץ ישראל אין די צייטן פון טיטוס און אַד־ריאַנוס האָבן מיר עס טאַקע צו פאַר־דאַנקען, וואָס דאַן זיינען מיר שוין גע־ווען צעזייט צווישן פאַרשידענע פעל־קער.

עס שטאַרקט אונדז די האָפענונג, אַז די ממשלה פון רשעות וועט פאַר־שווינדן פון דער וועלט, בפרט אַזעלכע קאַטאַסטראָפעס ווי די יעניקע, וועלכע מיר האָבן דורכגעמאַכט אין די לעצטע יאָרן; אַז זיי וועלן שוין מער זיך ניט איבערחזרן; אַז אַ נייער היטלער וועט

אבל הישוב והגולה יוכלו למלא את שליחותם ההיסטורית לקיום עמנו ולהתפתחותו, אם באמת יבינו איש את נפש רעהו ולא יהיו נפרדים וזרים זה לזה, אם לא יתנשא האחד על השני, אם לא יחשוב את עצמו שהוא הנו עיקר ישראל והאחר הננו אך טפול לו, ואם שפת האחד לא תהא זרה לשני. המלחמה בין השפה העב־רית והשפה היידית חיבת לחדל אחרי כל אשר עבר עלינו. בגולה חיבים ללמד עברית ובא"י אינכם רשאים לשכח את לשון — אמכם היידית. הביאו הנה כל אשר יוצר ברוח יהודי בגולה, וביחוד את הספרים, את העתונים, וגם את הסופרים הכותבים יידית והעסקנים בצרכי צבור בגולה, והקשר בין שניהם לא ינתק.

כמדומה לי, זאת היתה בעצם כונת האוניברסיטה הירושלמית בשלחה לי את הזמנתה לכינוס המדעי העברי, ובהרשאתה שנתנה לי להרצות ביידית. אם אינני טועה, הרי זו הפעם הראשונה שהרצאה ביידית מצאה מקומה באוני־ברסיטה בירושלים. אני רואה בכך אחד מאותות הזמן, חפץ להתקרב לאנשי הגולה וחפץ לקרב את אנשי הגולה לחיי הישוב ולעבודתיו.

ואם כן הוא, אם זכיתי להיות אחד האמצעים להתקרבות הזאת, אזי כפל כפלים תהיה שמחתי על בואי הנה. ומעמקי לבבי אודה לאוניברסיטה שהביאה אותי לארץ ישראל, וברכתי לה ולכלכם השומעים אותי ברגע הזה שתעלו ותצליחו בדרך הזה לחזק ולאמץ את הקשר הרוחני בין הישוב והגולה.

שוין מער ניט אויפקומען און א נייער ראַמעל וועט זיך שוין מער ניט דערנעענטערן צו די גרענעצן פון ארץ ישראל. אָבער ביי דעם איצטיקן פארמעסט פון די גרויסמאכטן אין דער וועלט, קאָן דען ווער אונדז גאראנטירן, אז עס לויערן ניט אויף אונדז נייע קאטאסטראָפעס?

ניין, ברידער מיינע, די תפוצות ישראל זיינען נויטיק ניט נאָר ווי א מענטשן־רעזערוואר און געלט־געבער פאר ארץ־ישראל **זיי זיינען נויטיק אויך פאר זיך גופא און פארן קיום פון אונדזער גאנצן פאָלק בכלל!**

אָבער סיי דער ישוב און סיי די תפוצות וועלן קענען דערפילן זייער היסטאָרישע מיסיע פארן קיום פון אונדזער פאָלק און זיין אנטוויקלונג נאָר דאַן ווען זיי וועלן באמת פארשטיין איינער דעם צווייטן און זיי וועלן ניט זיין אָפּגעטיילט און אָפּגעפרעמדט צווישן זיך. איינער זאָל זיך ניט אריבערהויבן איבערן צווייטן און זיך גרויסהאלטן, אז ער איז דער עיקר און דער צווייטער איז דער טפל און אז די שפּראַך פון איין טייל זאָל ניט זיין פרעמד פארן צווייטן. **די מלחמה צווישן העברעאיש און יידיש מוז אויפהערן**, נאָך דעם אלעמען וואָס מיר האָבן דורכגעמאכט.

אין גלות מוז מען לערנען העברעאיש און אין ארץ־ישראל האָט איר ניט קיין רעכט צו פארגעסן אייער מוטער־שפּראַך יידיש. ברענגט אהער אלץ וואָס עס ווערט געשאפן מיט יידישן גייסט אין די תפוצות, אין דער ערשטער שורה די ביכער, די צייטונגען און אויך די שרייבער, וועלכע שרייבן אין יידיש און די יידישע געזעלשאפטלעכע טוער פון די תפוצות און דער פארבאנד צווישן די ביידע טיילן וועט קיינמאָל ניט איבערגעריסן ווערן.

מיר דוכט זיך, אז דאָס איז דאָך איינגטלעך געוועזן די כוונה פון ירושלימער אוניווערסיטעט בשעת ער האָט מיר געשיקט די איינלאדונג צום יידישן וויסנשאפטלעכן צוזאמענטרעף און אין דער דערלויבעניש וואָס איז מיר געגעבן געוואָרן צו רעפערירן אין יידיש. אויב איך בין זיך ניט טועה איז דאָס דער ערשטער פאל ווען א יידישער רעפעראט איז צושטאנד געקומען אין ירושלימער אוניווערסיטעט. איך זע אין דעם איינעם פון די צייט־סימנים, דער פארלאנג זיך דערנעענטערן צו די מענטשן פון גלות און דער ווילן צו דערנעענטערן די לעצטע צום לעבן פון ישוב און זיינע טעטיקייטן.

און אויב דאָס איז אזוי, אויב איך בין זוכה געוועזן צו זיין איינער פון די מיטלען פון דער דאָזיקער דערנעענטערונג איז פילפאַך מיין פרייד צוליב מיין קומען צו אייך.

פון די טיפענישן פון מיין הארצן דאנק איך דעם אוניווערסיטעט, וואָס האָט מיך אראָפּגעבראכט אין ארץ־ישראל און מיין ווונטש צו אים און צו אייך אלעמען, וועלכע הערן מיך אין דאָזיקן מאָמענט, אז איר זאָלט ווייטער מצליח זיין אויפן דאָזיקן וועג, כדי צו פארשטארקן און פארפעסטיקן דעם גייסטיקן בונד צווישן דעם ישוב און די תפוצות.

# וועגן י. י. טרונקס „בעלעמער חכמים"

●

ד"ר א. מוקדוני אין ניו-יאָרקער „מאָרגן-זשורנאַל" פון 20-טן יאַנואַר 1952

...י. י. טרונק איז אַן ערנסטערער הומאָריסט און ער האָט זיך פאַרמאָסטן צו מאַכן בעלם די שטאָט פון לויטער גראָטעסקע נאַראָנים, פאַר א סימבאָל פון דער גאַנצער וועלט אונדזערער און איר פּירעכץ...

...י. י. טרונק האָט בלויז סטיליזירט דעם פאָלקס-זשאַרגאָן און האָט אים פאַר'מוסר'השכלט, און פאַר'משל'ט און פאַר'נמשל'ט...

...ער האָט געלאָזן דעם פאָלק דערציילן די מעשהלעך, ער האָט בלויז דער בעל־פּה מעשהלע געגעבן א פעסטן ליטעראַרישן סטיל און א פיינע ליטעראַרישע פאָרם. דער סטיל איז יידיש, מחיהדיק יידיש. א וועלט מיט אויסדרוקן, טיפּיש-פאָלקסטימלעכע.

דער גוטער, פרומער געמיש פון העברעאיש און יידיש האָט דאָ זיבן טעמים.

י. שלאָס האָט געגעבן סילועטן-צייכענונגען צו טרונקס בוך, ער איז אריינגעפאַלן אין תוך און אין סטיל פון די מעשהלעך.

ער איז א גוטער ארויסהעלפער י. י. טרונקס.

דאָס בוך איז שיין ארויסגעגעבן"...

●

מלך ראַוויטש (קענעדער אדלער פון 22/1/52) מאַנטרעאַל

...ווען איך בין א נערוון-דאָקטאָר וואָלט איך די פּאַציענטן פאַרשריבן דאָס דאָזיקע בוך אויף זייערע נערוון. און אַזוי ווי איך האַלט, אז מען טאָר נישט פאַרדיקן וואָסער, ווען מען טרינקט אַליין ווין — האָב איך מיר לעצטנס אַליין פאַרשריבן דאָס דאָזיקע בוך און עס האָט אויסגעצייכנט געווירקט אויף מיינע אייגענע נערוון...

...דאָס בוך איז מוסטערהאַפט און מייסטערהאַפט געשריבן, ממש קלאַסיש.

...די ביכער פון י. י. טרונק זיינען לרוב צונויפגעשטעלט אין קליינע קאַפּיטלעך און זיינען געדרוקט מיט א סך פרישער פאַפּירענער לופט צווישן איין קאַפּיטל און צווייטן און דאָס מאַכט דאָס לעזן זייער לייכט און אַנגענעם...

...נישט נאָר איז בעלם א באַרוואַ-

קונג פון די נערוון פון דעם לייענער. און פון רעצענזענט — נאָר אויך פון מחבר. און ווייל ער האָט זיי געשריבן מיט א פול און סענטימענטאל הארץ און מיט א מידן קאָפּ, זיינען זיי ארויס־געקומען אזוי באהארצט און באחנט״...

---

## וועגן דר. שלמה סיימאנס בוך: „אמאָליקע יידן״

●

פּ. לערנער („די נייע צייט״, ב. איירעס דעם 17־טן אפּריל 1952)

דער פארלאג „יידבוך״, וועלכער האָט שוין ארויסגעגעבן א רייע ווערטפולע ביכער האָט לעצטנס ארויסגעגעבן א זייער מערקווירדיק בוך „אמאָליקע יידן״ פון שלמה סיימאן.

דער ציל פון פארלאג איז שיינט מיר: פאראייביקן געוויסע אספעקטן פונעם געוועזענעם יידישן לעבן, וואָס איז פארניכטעט געוואָרן.

...וואָס שייך אָט דעם דערהויבענעם ציל פון פאראייביקן די שיינקייט פון דעם געוועזענעם יידישן לעבן, איז „אמאָליקע יידן״ פון שלמה סיימאן א מוסטער־בוך. עס איז א קאָמפּילאציע פון פאָלקסטימלעכע מעשיות, באארבעט ליטעראריש פונעם מחבר, אין וועלכע עס ווערן ארויסגעבראכט א גאנצע גאַלעריע טיפּן, וואָס זיינען כאראקטעריסטיש פאר דעם געוועזענעם יידישן לעבן פון דרום־מזרח אייראָפּע.

...די „אמאָליקע יידן״ זיינען די ווירדיקע רעפּרעזענטאנטן פון א גאנצער יידישער ציוויליזאציע, פון עטישע און מאָראלישע ווערטן, וועלכע איז פארניכטעט געוואָרן דורך בארבאריי מיט א מאסקע פון קולטור און ציוויליזאציע...

...מיטן ארויסגעבן די „אמאָליקע יידן״ האָט זיך דער פארלאג „יידבוך״ פארצייכנט א פיינעם אויפטו.

●

## אין פארלאג „יידבוך” ביז איצט דערשינען:

**י. ל. פּרץ: — „דריי חסידישע דערציילונגען”.**

אלבום־פֿאָרמאַט, געבתיבהט פון קינסטלער משה פייגענ־בלום. א צירונג אין יעדער יידישער ביבליאָטעק.

**ת. ש. קאזדאן: — „מעטאָדיק פון יידישער שפּראַך און ליטעראַטור”** (אויספאַרקויפט).

**י. י. טרונק: — כעלעמער חכמים.**

פֿראַכט־אויסגאַבע. 300 זייטן. קאַריקאַטורן.

געצייכנט פון י. שלאָס — נ. יאָרק.

**טיפן לויט טרונקס — כעלעמער חכמים:**

אלבום מיט קאַריקאַטורן.

די באַזונדערע צייכנונגען אַרויסצונעמען און איינראַמען — באַצירן די ווענט און יידישע היימען. — מאַלער יצחק שלאָס.

**דר. שלמה סיימאָן: — „אַמאָליקע יידן”.**

דערציילונגען פון שיינעם אַמאָל. — 190 זייטן.

**פּראָפ. ליבמאן הערש: — „אויף דער גרענעץ פון צייטן”.** — געקליבענע אַרטיקלען. א בוך פון דאָקומענטאַלן ווערט. — 304 זייטן.

---

## אריין אין דרוק:

**י. פּערלאָוו (ישראל): — אין אייגענעם לאַנד.**

קינסטלערישע דערציילונגען פון לעבן פון די נייע עולים אין ישראל.

●

ווענדן אלע ענינים פון פאַרלאַג זיך ווענדן:


**EDITORIAL "IDBUJ"**

**BOULOGNE SUR MER 671/75 — T. E. 62-9566**

*Buenos Aires - República Argentina*

Este libro se terminó de imprimir el día 10 de junio de 1952 en los Tall. Gráf. CULTURA, Sarmiento 2157, Buenos Aires